STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10851

ALMANAKH FUN DER POYLISHER LITERATUR

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלמאַנאַך

פון דער

פּוילישער ליטעראַטור

וועגן דער טראַגעדיע פון די ייִדן

בעת דער היטלער־אָקופּאַציע

פאַרלאַג „יידיש־בוך"

וואַרשע — 1950

הילע פּראיעקטירט דורך ק. גלעב

ALMANACH LITERATURY POLSKIEJ
O TRAGEDII ŻYDOWSKIEJ
PODCZAS OKUPACJI HITLEROWSKIEJ
W JĘZYKU ŻYDOWSKIM

W A R S Z A W A 1 9 5 0

Zam. 483. Druk. „Nowe Życie" W-wa, Al. K. Świerczewskiego 79 B-1-120497

א ר יי נ פ י ר - וו א ר ט

מיר גיבן איבער דעם יידישן לייענער א זאמלונג פון פראָזע־ווערק און פראגמענטן פון פוילישע שרייבער אויף דער טעמע פון יידישעליידן און יידישער גבורה בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאציע אין פוילן. דאָס, וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין דער דאָזיקער זאַמלונג, איז נאָר אַ קליינער טייל פון דעם, וואָס איז דורך פוילישע פּראָזאיקער, דיכטער, דראַמאטורגן און עסייאיסטן אָנגעשריבן געוואָרן אויף אָט דער טעמע. בלויז די צאָל פּראָזע־ווערק פון דער יידישער פּראָבלעמאַטיק פאַר דער אָקופּאציע־צייט דערגרייכט אין דער פוילישער ליטעראַטור קרוב פערציק פּאָזיציעס. צוזאמען מיט פּאָעמעס, לידער, דראמעס, עסייען איז די צאָל מער ווי א טאָפּלטע 1). א ריי שרייבער, וועלכע האָבן די טעמע נישט דורכגעאַרבעט בעלעטריסטיש, האָבן געבראַכט זייער באַציונג צום אויסדרוק דורך פּובליציסטישע ארטיקלען. בלויז א קליינע צאָל פוילישע שרייבער האָט נישט גענומען קיין וואָרט אין אָנגעזיכט פון דער טראַגעדיע. די ריזיקסטע מערהייט האָט אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן — אין פולע ווערק, אָדער פראגמענטאריש — געבראַכט צום אויסדרוק די ברויזדיקע געפילן פון מיטלייד און פּראָטעסט. די גרויסע צאָל ווערק, וואָס באַהאַנדלען יידישע מאָטיוון פון דער אָקופּאציע־צייט, דערווייזט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א גאַנצער דערשיינונג אין דער היינטצייטיקער פוילישער ליטעראַטור, א דערשיינונג, וועלכע דער ליטעראַטור־היסטאָריקער וועט בשום אופן נישט קאָנען פאַרבייגיין.

1) געניוער זע — ב. מארק „די יידישע טראַגעדיע אין דער פוילישער ליטעראַטור". פארלאַג „יידיש-בוך", ווארשע 1950.

אָבער נישט בלויז אין דער גרויסער צאָל האַנדלט זיך דאָ. עס גייט אין דעם אופן, אין דער גרויסער געפילן־אָנגעלאָדנקייט, אין דער טיפער הומאַניסטישער באַציונג, וועלכע דרינגען אַדורך די האַזיקע ווערק. די פּוילישע שרייבער, אין זייער רוב, באַגנוגענען זיך נישט מיט סתם שילדערן דעם גרויל און די אומגעוויינלעכע העראָיק. זיי גייט נישט בלויז אין פאַרפיקסירן קינסטלעריש אַ געוואַלטיקע טראַגעדיע פון אַ פאָלק.

די יידישע מאָטיוון ווערן דורך דער מערהייט פּוילישע שרייבער דערהויבן צו פּראָבלעמען פון אַ בריטערן פאַרנעם — צום פּראָבלעם פון די געזעלשאַפטלעכע, היסטאָרישע סיבות פון דער קאַטאַסטראָפע; צום פּראָבלעם פון די פּויליש־יידישע צווישנבאַציונגען אין דער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם אין בפרט פון פאַשיזם; צום פּראָבלעם, ווי אַזוי עס האָבן רעאַגירט אויף דער שוואַרצער פּערספּעקטיוו פון אומקום פאַרשידענע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג; צום פּראָבלעם פון דעם טיפערן זין פונעם יידישן אויפשטאַנד; צום פּראָבלעם פון דער שליחות פון קונסט אין אָנבליק פון די טראַגישע געשעענישן.

צום באַוווּסטסטן זיינען צו אָט די פּראָבלעמען צוגעגאַנגען די יענע פּוילישע שרייבער, וועלכע האָבן זיך בכלל געשטעלט מיטן פּנים צו דער נייער ווירקלעכקייט פון פאָלקס־דעמאָקראַטישן לאַנד. צו דער קאַטעגאָריע שרייבער דאַרף מען קודם־כל פאַררעכענען: וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקין, וועלכער זעט אינעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד אַ העכערן זין, אַן עטאַפּ אין דעם קאַמף פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט פאַר באַפרייונג; יעזשי אַנדזשעיעווסקין און סטעפאַן זשאָווינאָווסקין, וועלכע דעקן אויף אומבאַרחמנותדיק, ווי עכטע קריטישע רעאַליסטן, די אייטערדיקע ווונדן פון זייער אייגענער געזעלשאַפט און דעמאַסקירן די רעאַקציאָנערע אַנטיסעמיטישע עלעמענטן, באַלייכטנדיק אינטויטיוו די קעמפערישע און באַרבערעכערישע עלעמענטן ביי פּאָליאַקן און יידן; קאַזשימיעזש בראַנדיסן, דעם באַזינגער פון יידישער העלדישקייט, פון בשותּפותדיקן קאַמף פון די גאָלדס און פאַנקראַטס פאַר אַ פרייען פּוילן און פאַר אַ נייער אָרדענונג; יוזעף בראָשקעוויטשן און אַרטור זאַנדאַוערן, וועלכע גיבן ערלעכע בילדער פון די אינעווייניקסטע באַציונגען אין געטאָ; סטאַניסלאַוו ווייגאָדזקין, דעם באַשרייבער פון דער קאַמפּס־באַוועגונג אין אויבערשלעזיע, שילדערער פון אַ ריי טיפּישע געשטאַלטן פון יידישע געטאָ־קעמפער און דעמאַסקירער פון די מערינס און פון דער אויסלענדישער יידישער פּלוטאָקראַטיע, וועלכע האָט דעם קלאַסן־אינטערעס געשטעלט העכער פון דעם נאַציאָנאַלן; און — אַדאָלף רודניצקין, וועלכער האָט, ווי זעלטן ווער,

אַרויסגעבראַכט די שטימונג פון די טויט־פאַרמשפטע אין די געטאָס און זייער גאַרונג צו דער פרייער וועלט, און האָט אויסגעזונגען א הימן פאַר דער יידישער אַרבעטער־יוגנט, וואָס איז אַרויס אין אומגלייכן, טראַגיש־העראָישן פאַרמעסט קעגן די חיילות פון די היטלעריסטישע באַרבאַרן.

דער מאָטיוו פון יידישן ווידערשטאַנד, בפרט פון פּאַרטיזאַנישן קאַמף, קומט צום אויסדרוק אויך ביי די שרייבער פון דאָרף, ווי למשל, ביי יוזעף מאָרטאָן.

צו די יידישע מאָטיוון פון דער אָקופּאַציע־טעמאַטיק זיינען מיט געפילן פון יראת־הכבוד צוגעגאַנגען די יעניקע פּוילישע שרייבער, וועלכע מאַכן איצט אדורך א טיפע אינערלעכע עוואָלוציע — פון נאַטוראַליזם צו רעאַליזם, פון קאַלטער אָבסערוואַטאָרישקייט צו הומאַניזם, פון עסטעטיזם צום אידייען־אָנגעלאָדענעם שאַפן, וואָס דאַרף מיטהעלפן ביים איבערבייען דעם מענטש. די יידישע טעמע איז ביי א סך פון אָט די שרייבער געווען איינער פון די סטימולן צום נייעם גאַנג. צווישן אָט די שרייבער טיילט זיך אויס זאָפיא נאַלקאָווסקאַ, וועלכע האָט געגעבן עפּישע, ריינדיקע און דערהויבענע בילדער פון יידישער מאַרטירעריי.

די באַשרייבערין פון אָשוויענטשימער און בירקענויער גיהנום סעווערינאַ שמאַגלעווסקאַ האָט אַרויסגעבראַכט אומפאַרגעסלעכע שילדערונגען פון מענטשלעכער דערהויבונג אין אָט די באַדינגונגען פון מאַסן־גסיסה. אין אירע שילדערונגען, ווי די שילדערונגען פון אַנדערע לאַגער־שרייבערינס, טויכט אויף דאָס העראָישע געשטאַלט פון דעם מיידל מאַלאַ ציימעטבוים, וועלכע האָט אויפגערודערט און סטימולירט צו בונט די יידישע און נישט־יידישע אסורים אין אָשוויענטשים. אויך די צווישן די קאַטוילישע שרייבער ,וועלכע וואַקלען זיך אין זייער ביז־איצטיקן וועלט־באַנעם אונטערן דרוק פון דער סאָציאַליזם־בויערישער קעגנוואַרט, ווי וואָיטשעך זשוקראָווסקי, באָהדאַן אָסטראָמענצקי א. א., האָבן געשאַפן שיינע, מענטשלעכע, ריינדיקע נאָוועלן וועגן די יסורים און שטאַרקייט פון די יידן אין דער שטאָק־פינצטערער היטלעריסטישער נאַכט, און אַרויסגערוקט די אידייע פון פעלקער־פריינטשאַפט, פון אַקטיווער הילף פאַר די געפּלאָגטע קרבנות פון פאַשיסטישן טעראָר.

די אַלע ווערק צוזאַמען שאַפן איינעם פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דער פוילישער ליטעראַטור. דער פּעדאַגאָגישער ווערט פון די דאָזיקע ווערק איז אין לשער, בפרט, אז זיי פאַלן זיך צונויף האַרמאָניש מיט דעם נייעם גייסט, וועלכן עס שאַפן די בויער פון דער נייער אָרדענונג אין לאַנד. א פעלקער־פריינטשאַפט־וועקנדיקע און מענטש־אי־

בערבויערישע און ממילא א יידן־פרייַנטלעכע ליטעראטור איז אין איצטיקן פוילן נישט קיין אויסנאם־דערשיינונג, ווי דאָס איז געווען צוליב צענזורעלע טעמים אַמאָליקע צייטן. היינט דריקט אויס די פוילישע ליטעראַטור, די מיינונגען, געפילן און ווונטשן פון די בויער פון דער נייער געזעלשאפט בראש מיט דער פוילישער פארייניקטער ארבעטער־פארטיי.

די גרונט־אידייע פון די ווערק, וואָס עטלעכע מוסטערן און פראַגמענטן זייערע ווערן פארעפנטלעכט אין אָט דער פאַרגעלייגטער זאמלונג, באשטייט קודם־כל אין דער גרויסער ליבע צום מענטש, אלציינס ווי ער איז דער קאָליר פון זיינע האָר אָדער די שפּראַך, אין וועלכער ער איז דערצויגן. פון די ווערק וועגן דער יידישער טראגעדיע בעת דער דייטש־פאשיסטישער אָקופּאציע פליסט ארויס קאָנסעקווענט און קלאָר די שטאַדקע שטרעבונג צו שלום און די דעצידירטע שנאה צו אימפּעריאליסטישע מלחמות, וועלכע רופן ארויס מאטעריעלן און מאָראלישן חורבן. פון די הערצער פון די שרייבער רייסט זיך אַרויס דאָס געשריי: קיינמאָל מער געטאָ! קיינמאָל מער אָשוויענטשים! קיינמאָל מער זיבלאָזע פעלקער־שחיטות! דער אויספיר פון אָט דער ליטעראטור איז א פּשוטער און בולטער: מיט אלע כוחות קעמפן, אז דער גרויל און די שאנד זאָל זיך נישט איבערחזרן, מיט אַלע כוחות קעמפן קעגן די, וואָס רופן אַרויס נייע מלחמה־שרפות.

ב. מארק

יעזשי אַנדזשעיעווסקי

די גרויסע וואָך

פ ר אַ ג מ ע נ ט

I

מאַלעצקי האָט שוין לאַנג נישט געזען אירענע ליליען. אום זומער פונעם איין און פערציקסטן יאָר האָבן זיי זיך נאָך באַגעגנט געגנוג אָפט. אמת, די ליליענס האָט מען שוין דעמלט געהאַט אַרויסגעשיקט פון סמוג, אָבער פאַר דער דאָזיקער אָקופּאַציע־תקופה האָט נאָך די דייטשע מאַכט נישט אָנגעווענדט קיין שטרענגע רעפּרעסיעס קעגן די יידן, און די ליליענס, זיך אויסקויפנדיק דאָרט ווו מע האָט באַדאַרפט, האָבן אויס־געמיטן פאַרשפאַרט צו ווערן איבעם וואַרשעווער געטאָ. עס האָט זיך זיי אפי־לו איינגעגעבן צו ראַטעווען אַ ביסל זאַכן און מיט דעם דאָזיקן רעשט פון זייער פאַרמעגן, אַגב נאָך אַ היפּשס און אָנזעעוודיקס, האָט זיך די גאַנ־צע פאַמיליע איבערגעטראָגן נעענטער צו וואַרשע.

די ליליענס, פאַר דער מלחמה זייער פאַרמעגלעכע מענטשן, און דערצו שוין פון עטלעכע דורות, האָבן פאַרמאָגט אַזאַ אַנטוויקלט געפיל פון זיכערקייט, אַז אין דער קריטישער און פאַר זיי נייער סיטואַציע, איז זיי אויפן זינען נישט געקומען זיך איבערצוטראָגן אין אַ צווייטער היג־טערשטאָטישער געגנט. זאַלעסינעק, ווו זיי האָבן געדונגען די וווינונג, האָט זיך געפונען אַ פערטל שעה וועג פאַר סמוג און אויף דער דאָזיקער צופאַר־ליניע פון דער עלעקטרישער קליין־באַן האָבן אַ סך מענטשן פערזענלעך און פון זעען אויסגעצייכנט געקאָנט די ליליענס. זיי אַליין זיי־

גען אזוי פעסט אריינגעוואקסן אין דער פוילישער קולטור און מנהגים, אז זיי האָבן זיך לגמרי נישט אָריענטירט, אז זיי קאָנען מיט זייער אויסזען וועקן א חשד.

די אלטע ליליענס זיינען צום גליק קיין ווארשע אינגאנצן נישט געפאָרן, זי, א היפשע, דיקע יידענע, שוין עטלעכע יאָר פאראליזירט, האָט נישט פארלאָזן איר וועגעלע. דער אלטער ליליען, וועלכער האָט זיך שוין לאנג ארויסגעצויגן פון די באנק־געשעפטן, האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיטן אויסווארעמען זיך אויף דער זון, און אין טריבע אָדער קאלטע טעג, איז אים גענוג געווען דאָס צוקוקן זיך צו די ברידזש־פארווייליונגען. דער פראָפעסאָר ליליען אָבער מיט דער פרוי און אירענען זיינען געפאָרן קיין ווארשע אזוי אָפט ווי פריער. די מאדאם ליליען האָט ריזיקירט פארהעלטניסמעסיק אמוויניקסטן. א קליינע, מאָגערע און שטילע, האָט זי מיט אירע אומרעגולערע, אָבער ווייכע געזיכט־שטריכן געקאָנט אָנגיין פאר אן אריערין. מיטן פראָפעסאָר און אירענען איז געווען פיל ערגער.

אירענע איז צומוויניקסטן צוויי מאָל אין וואָך געווען אין ווארשע. זי האָט באזוכט פריינט און באקאנטע און צוליבן חשק זיך צו זען מיט מאלעצקין איז אויסגעקומען א סך מאָל ארויסצופאָרן אויך אויסערן פראָגראַם. ומחמת זי האָט ליב געהאט דאָס געזעלשאפטלעכע לעבן און די פארווייליונגס־אטמאָספער, האָט זי זיך גערן אָפגעשמועסט צו טרעפן אין קאפעען און בארן, וואָס זיינען אריין אין דער מאָדע מלחמה ־ צייט. אירענע ליליען איז געווען זייער א שיינע: א הויכע, טונקעלע און שטאלטנע. אָבער אירע הארבע, הארטע האָר און די מזרח־אויגן זיינען געווען אויסערגעוויינלעך סעמיטישע. ווען מאלעצקי האָט איר דערקלערט, אז זי דארף זיין פאָרזיכטיקער, האָט אירענע געלאכט און געזאָגט, אז די דייטשן קאָבען זיך נישט אויף די האָזיקע זאכן, אמת, אז אין דער דאָזיקער צייט האָבן זיך שוין געטראָפן שאנטאזשן מצד פאָליאקן, אָבער בנוגע זיך און אירע סאמע נאָענטסטע האָט אירענע נישט גענומען ערנסט אזא מעגלעכקייט. די שיינקייט און די סאָציאלע פאָזיציע, אין וועלכער זי איז דערצויגן געוואָרן און צו וועלכער זי איז געוווינט געווען, האָבן זי פארזיכערט לויט איר עמפינדונג אנטקעגן אלערליי געפארן.

אויך דער פראָפעסאָר ליליען, האָט נישט, צוליב אנדערע טעמים, גענומען ערנסט אין באטראכט, עס זאָל אים עפעס קאָנען געשען. זייער וויטיקלעך האָט ער איבערגעלעבט די מלחמה. די טריאומפן פון דער

בעסטיאַליטעט און מענטשן־פאַראַכטונג האָבן געשטעלט פֿאַר שווערע נסיונות זיין אידעלן הומאַניזם און ליבעראַליזם. ער איז אַרויס פֿון זיי אַן אומגעוואַקלטער אין זיין גלויבן אין דעם פּראָגרעס פֿון דעם מענטשן און דעם לעבן, אָבער דאָס פּאַרטיידיקן די דאָזיקע באַדראָטע פּאָזיציעס האָט אים געקאָסט זייער אַ סך. חוץ דעם, האָט יוליוש ליליען, אַ באַשאַנקענער מיט אַן אויסגעצייכנטער געשיכטלעכער אינטויציע און פֿאַנטאַזיע, נישט פֿאַרמאָגט קיין פֿאַנטאַזיע בנוגע זיין אייגענעם גורל און דעם גורל פֿון זיינע נאָענטסטע. עס זיינען פֿאַראַן מענטשן, וואָס דערגרייכנדיק אַ הויכע פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפֿט, שטעלן זיי זיך נישט פֿאָר, אַז ס׳קאָן עקזיסטירן אַזאַ קראַפֿט, וועלכע זאָל זיי אַראָפּשטויסן אין דער ביידער און צונעמען ביי זיי דאָס, וואָס זיי האָבן זיך איינמאָל דערוואָרבן. צו אַזעלכע מענטשן האָט אָנגעהערט ליליען. אַפֿילו נאָכן אַרויסגעשיקט ווערן פֿון סמוג, אויסטוישנדיק זיין רחבותדיקע לוקסוס־ווילע אויף דריי געדונגענע צימערלעך, באַרויבט פֿון זיין ביבליאָטעק, דינערשאַפֿט און באַקוועמלעכקייטן, איז ער אין זיין עמפּינדונג פֿאַרבליבן דער זעלבער מענטש, וואָס פֿאַר דער מלחמה: אַן אָפּשטאַמלינג פֿון אַן אַלטער רייכער משפּחה, אַ באַרימטער היסטאָריקער, אַ פֿילמאַליקער רעקטאָר און דעקאַן, אַ מיטגליד פֿון אַ סך וויסנשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿטן אין פּוילן און אין אויסלאַנד. אין דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג איז ליליען אָנגעגאַנגען אַלס אַ באַרימטער מאַסאָן. צי איז ער עס ווירקלעך געווען, און אויב יאָ, איז וואָס פֿאַר אַ ראָל האָט ער געשפּילט אין דער מאַסאָנעריע — איז שווער צו זאָגן. ער האָט געהאַט איינפֿלוסרייכע קרובים אין אַלע מערב־לענדער און אַמעריקע, פּריוואַט סיי אין די וויסנשאַפֿטלעכע ספֿערן, סיי צווישן דער אינטערנאַציאָנאַלער פֿינאַנסעריע און אין דער פּאָליטישער וועלט. אויב ער האָט נישט פֿאַרלאָזט פּוילן נאָך דער סעפּטעמבער־מפּלה און שפּעטער נישט אויסגענוצט בשעתו די מעגלעכקייט אַרויסצופֿאָרן קיין איטאַליע, איז עס מסתּם קודם־כּל, ווייל אין אים האָט געוואָרצלט די זיכערקייט, אַז אין אַלע לעבנס־באַדינגונגען וועט ער פֿאַרבלייבן פּראָפֿעסאָר ליליען. פֿאַרשטייט זיך, אַז שוין די ערשטע מלחמה־יאָרן האָבן פֿאַרשמעלערט דעם קרייז פֿון זיין טעטיקייט און באַדייטונג. דאָס האָט אָבער אויף זיין איינשטעלונג נישט געהאַט קיין גרויסע ווירקונג. ער האָט געאַרבעט אָן איבעררייס, אַ סך געשריבן און געלייענט, באַזוכט די קאָלעגן, וואָס זיינען פֿאַרבליבן אין וואַרשע. מיט זיין גאַנצן לעבנסשטייגער, דענקען און איבערלעבן האָט ער באַשטעטיקט דעם זייער אָפּטן און פֿאַרעטערישן אמת, אַז דאָס אָביעקטיווע געשטאַלט פֿון דער וועלט און געשעע־

נישן ווערט פארווישט און גייט אוועק אין שאָטן פאר דעם אויסדרוק און זין, וואָס מיר גופא געבן דעם לעבן.

אין זאַלעסינעק האָבן די ליליענס אָפגעוויינט דעם גאַנצן זומער. מאַלעצקי איז אַהין געפאָרן איינציקע מאָל. די געגנט איז געווען א טיפּיש הינטער־וואַרשעווער, אָן אומפּרוכטבאַרע און זאַמדיקע, אָנגעשטאָפּט מיט העסלעכע ווילעס צווישן קאַרליקעוואַטע סאָסנעס. אין פאַרגלייך מיטן פּרעכטיקן סמוג, מיט זיין אַלטן פּאַרק און דעם סטאַוו צווישן דער געדיכטעניש פון צעוואַקסענע אָלכעס, דערנער־קוסטעס און טשערעמכע־ביימלעך, וועלכער האָט אַנטציקט מיט זיין הערלעכקייט — איז דאָ געווען אָרעמלעך און אומעטיק. דאָס באַנאַלקייט פון דער געדונגענער וווינונג האָבן די ליליענס געראַטעוועט א ביסל מיט די זאַכן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעפירט פון סמוג. אין פּראָפעסאָרס צימער איז נאָך געווען א שפּאָר ביסל ביכער.

דאָס לעצטע מאָל איז מאַלעצקי געקומען צו פאָרן קיין זאַלעסינעק אין איינע פון די אויגוסט־וואָכן. חוץ אים איז נאָך געווען א יונגע מאָלערין, פּעליע פּטאַשיצקע, וועלכע מ׳האָט להכעיס איר ריזיקן וווקס פּאָפּולער גערופן „פּטאַשעק"*), אירענעס א פריינדין און א פאַרערערין פון דעם פּראָפעסאָרס אינטעלעקטועלע טוגנטן. די איבעריקע אָנגעמאָלדענע געסט האָבן פאַרפירט. דאָס איז געווען א חידוש, ווייל אויף די שבתים און זונטיקס פלעגן זיך צו די ליליענס שטענדיק צוזאַמענפאָרן א סך געסט. דאָס רחבותדיקע צווישטאָקיקע הויז אין סמוג פלעגט דעמלט פולשטענדיק אָנגעפילט ווערן, ווי א פּענסיאָנאַט, אָדער א האָטעל. די ליליענס פלעגן זיך נישט איינמאָל קלאָגן אויף דער שפע פון געסט, זיי האָבן זיך אָבער צו זיי אַזוי צוגעוווינט, אַז זיי זיינען איצט געווען אומאָנגענעם פאַרחידושט אויף דער יום־טובדיקער ליידיקייט. זיי האָבן געגעבן אַן אויסגעצייכנטן מיטאָג פון יונגע האָנטשיקעס און מיט א זייער צוגעקליבענעם דעסערט. אָבער אפילו דער פראַנצויזישער, ביי דייטשע זעלנער געקויפטער קאָניאַק, וואָס אירענע האָט אַרויסגענומען צו דער שוואַרצער קאַווע, געשיקט פון טערקיי, האָט נישט פאַרבעסערט די אומקלאָרע אַטמאָספער. הגם דער פּראָפעסאָר איז געווען באַרעדעוודיק, האָט זיך דאָך געשפּירט, אַז זיין ערודיציע און די בליציקע גלייכווערטלעך דאַרפן האָבן א גרעסערע צאָל צוהערער. דערפאַר איז אירענע געווען א ביסל צו פיל טומלדיק, האָט געלאַכט צו פיל און צו הויך. פּטאַשיצקע האָט פאַרמאָגט אין איר מאַסיוון קערפּער א זייער פילבאַר און

*) פּטאַשעק — א פייגעלע. ווערטשפּיל פון פּטאַשיצקע

עמפּינדלעך האַרץ, און דערפאַר, וועלנדיק עס זאָל בעמען הערשן א גוטע שטימונג, איז זי אלע וויַיל באַגאַנגען פאַטאַלע פעלערן. זי האָט זיי געמאַכט אַזוי אָפּנהאַרציק און מיט אַזאַ אָננעוודיקן גוטן ווילן, אַז זי האָט בלויז פאַרערגערט די סיטואַציע.

נאָכן מיטאָג וועלנדיק אומבאַדינגט בליַיבן אַליין מיט מאַלעצקין, האָט אירענע פאַרגעליַיגט א שפּאַציר אין דער ריכטונג פון די סטאַראָ־וויַיסקער וועלדער. אָבער קודם האָט דער פּראָפעסאָר פונאַנדערגעוויקלט פאַר מאַלעצקין די פּאָליטישע סיטואַציע פון דער מיליטערישער וועלט, דערנאָך ווידער האָט פּטאַשיצקע געשטערט, און ווען זי האָט זיך נאָך א לאַנגער צייט ענדלעך אָריענטירט, האָט זי שוין נישט געקאָנט פון דער אומדאַנקבאַרער לאַגע זיך אַרויספּלאָנטערן. לסוף האָט זיך מאַלעצקי מיט א פריערדיקער קליַינבאַן, ווי שטענדיק, אומגעקערט קיין וואַרשע. אירענע האָט אָנגעמאָלדן איר קומען צו פאָרן אויפן נאָענטסטן מיטוואָך. אָבער נישט אין דעם מיטוואָך, און נישט אין קיין איינעם פון די קומענדיקע טעג, האָט זי נישט געגעבן וועגן זיך קיין סימן פון לעבן. מאַלעצקי איז אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַרבעטן, וואָס מ׳האָט אים אָנפאַרטרויט ביים אויפפרישן א קלויסטער, אַרויסגעפאָרן אין אן אָפּגעלייגטער פּראָווינץ און האָט זיך געזען מיט אירענען ערשט נאָכן צוריקקומען, צום סוף קומענדיקער וואָך.

אין דער דאָזיקער צייט האָבן די ליליענס געהאַט א סך אומאָנגענעמלעכקייטן. וואַרשיַינלעך, האָט עמעצער געמוזט אָנגעבן אויף זיי א מסירה, וויַיל אַקוראַט מיטוואָך נאָך יענעם זונטיק, האָט זיך מיט זיי פאַראינטערעסירט די געשטאַפּאָ. דער ענין איז איצטיקס מאָל געווען פיל ערנסטער, ווי דאָס פריערדיקע מאָל. צום ערשטנס האָט מען פאַרנומען דעם פּראָפעסאָר אַליין. מע האָט אים פאַרהאַלטן אין דעם קריַיז־שטעטל א טאָג מיט א נאַכט, אָבער שוין אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי זיַינען געקומען די זעלבע אַגענטן און האָבן איבערגעפירט די מאַדאַם ליליען מיט אירענען אין דעם וואַרשעווער געטאָ. אמת, זיי זיַינען דאָרט געווען קוים עטלעכע שעה, אויך דעם פּראָפעסאָר האָט מען פריי געלאָזט, אָבער פון דעם וואָס אירענע האָט דערציילט, האָט געדרונגען, אַז די פריַיז, פאַר וועלכער מ׳האָט אויסגעקויפט די פריַיהייט, איז דאָס מאָל געווען זייער א הויכע. קלאָר, אַז וועגן פאַרבליַיבן אין זאַלעסניק האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. מ׳האָט געמוזט זיך אָפּטראָגן תיכף־ומיד און מיטנעמען די אַמנייטיקסטע זאַכן.

די גרעסטע קאַפּדרייעניש זיינען געווען מיט די אַלטע ליליענס. ענדלעך, נאָך לאַנגע באַראַטונגען און בייקומענדיק אַ סך מניעות, האָט מען ביידע איינגעאָרדנט אין איינער פון די קליניקעס אין וואַרשע. דער פּראָפעסאָר איז געפאָרן קיין קראָקע צו אָריענטירן זיך אין די אָרטיקע באַדינגונגען, און די מאַדאַם ליליען האָט געוווינט ביי איר אַ ווייטער משפּחה, וועלכע איז ווי ביז היינט געווען גוט באַזאָרגט. אירענען האָט גענומען צו זיך פּטאַשיצקע. נאָכדעם זיינען אינגיכן געשטאָרבן איינער נאָכן אַנדערן, אין אַ גאָר קורצער צווישנצייט, די אַלטע ליליענס.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אומגעקערט פון קראָקע ווייניקער אויפגעלעבט ווי געוויינלעך, — פון זיינע פּלענער איז, ווייזט אויס, גאָרנישט אַרויסגעקומען. סיי ווי האָבן די ליליענס ערשט איצט זיך דעצידירט אויסצואַרבעטן פאַר זיך אַרישע פּאַפּירן, און אונטער דעם פאַמיליען־נאָמען גראַבאָווסקי, האָבן זיי זיך ווידער באַזעצט הינטער וואַרשע, נאָר דאָס מאָל אויף דעם רעכטן ברעג פון ווייסל, אויף דער אָטוואָצקער ליניע. נאָך אַ פּאָר וואָכן, זיי האָבן קוים באַוויזן זיך איינצוהיימישן, האָבן זיי געמוזט פון דאָרט בחיפּזון, שיעור נישט אין משך פון שעהן, אַנטלויפן. דאָס לעצטע מאָל האָט מאַלעצקי באַגעגנט די ליליענס ביי פּעליע פּטאַשיצקע. די גרעסטע ענדערונג האָט ער איינגעפונען אין דעם פּראָפעסאָר. ער איז געווען אויסגעלאָשן, געעלטערט, נישט געראַזירט און נאַכלאַזיק געקליידט. די דאָזיקע נאַכלאָזיקייט האָט נאָך שטאַרקער אונטערגעשטראָכן זיין סעמיטישן אויסזען. ער איז איצט זייער ענלעך געווען צו זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער, וועלכער האָט אויף דער עלטער אויסגעזען אַ הונדערט־פּראָצענטיקער ייד. די מאַדאַם ליליען האָט אויך אויסגעזען שלעכט, זי איז געווען נאָך שטילער און שוואַכער ווי געוויינלעך. אײַן אירענע האָט זיך געהאַלטן גוט און זיך באַמיט צו פאַרוואַנדלען דעם גאַנצן מצב אין אַ שפּאַס און אין אַ פאַריבערגייענדיקער פּאַסירונג, וועלכע וועט זיך זיכער אינגיכן ענדיקן און בשלום. אָבער איר נערוועזע, אומרואיקע פריילעכקייט איז געווען נאָך אומאָנגענעמער פון דער דערשלאָגנקייט פון די עלטערן. זיי האָבן אַלע צוזאַמען נישט געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טאָן. פּטאַשיצקע האָט געוווינט אויף סאַסקאַ־קעמפּא אין איר מוטערס ווילע, און ביי איר בעסטן ווילן האָט זי אירענען לענגער פון אַ וואָך־צוויי נישט געקאָנט האַלטן ביי זיך. די משפּחה פון דער מאַדאַם ליליען איז גראָד אַריינגעפאַלן אין אומפאָרויסגעזעענע קאָפּ־פאַרדרייעניש. דער פּראָפעסאָר האָט דערווייל געוווינט ביי איינעם פון זיינע שילער, אָבער אויך דאָס איז נישט געווען עפּעס וואָס באַשטענדיקס. פון דעם פּראָפע־

סאָרט רייד האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז ס'האָבן אים אָנטוישט א סך מענטשן, וואָס אויף זייער הילף האָט ער געהאַט אויסגעשטעלט. דאַכט זיך, אַז דאָס האַזיקע איז געווען פאַר ליליענען דאָס אַמיינסטן ווייטיקלעכע. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט צעוואַקלט און מאַכטלאָז. און אַלע דריי, ווען זיי זייִנען אין א ווגיקן האַרבסטיקן נאָכמיטאָג געזיצן אין פּטאָשיצקעס אַרבעט־צימער ביי א גלעזל טיי, דערלאַנגט אין שיי־נע ענגלישע פּאַיאַנסן, האָבן געמאַכט דעם האָפענונגסלאָז־אומעטיקן און רחמנותדיקן איינדרוק פון שיפּבראָך־געליטענע, וואָס האָבן נישט קיין שום־אָרט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מאַלעצקי באַקומען פון אירענען א בריוו. זי האָט געשריבן פון קראָקע. יאָן האָט אין דער האָזיקער צייט אָנ־געהויבן איבערלעבן ווייטיקע פּערזענלעכע ענינים, חוץ דעם איז אים באַלאַמאָל אויסגעקומען אַרויסצופאָרן צום קלויסטער און, נישט געבנדיק קיין תשובה תיכף, האָט ער שוין בכלל נישט געענטפערט. נאָכהער איז אָנגעקומען א צווייטער בריוו פון אירענען, א קורצער, זייער אַן אומע־טיקער און אין אַלגעמיין אַזעלכער, וואָס האָט איר מיט זיין גאַנצער שטי־מונג לגמרי נישט געקליידט. דאָס מאָל האָט ער געוואָלט איר ענטפערן, אָבער יענע נייע איבערלעבונגען האָבן אים אַזוי דערוויטערט פון איי־רענען, אַז ער האָט נישט געוווסט וואָס איר צו שרייבן. ער האָט געפילט, אַז אירענע איז אומגליקלעך, איינזאַם, אַז עס לעבט זיך איר שלעכט, ער אָבער איז געווען גליקלעך, ער האָט ווי אָנגעהויבן, נישט געקוקט אויף אַלע מלחמה־מפּלות, א נייַ לעבן, און ס'איז נישט פאַראַן צווישן מענטשן קיין גרעסערער און ריקזיכטלאָזער צווישנשייד, ווי צווישן דעם גליק פון איינע און די ליידן פון די אַנדערע. א סך גרויסע און קליינע ענינים שיידן פאַנאַנדער די מענטשן, אָבער קיינע נישט אַזוי פילבאַר ווי דאָס אומגלייכקייט פונעם גורל.

אַזוי אַרום האָט זיך אין מאַלעצקיס עמפינדן, ווען ס'איז שוין באַ־שטימט געוואָרן זיין חתונה מיט אַנען, אירענעס געשטאַלט אָוועקגערוקט אין טיפן שאָטן, און נישט מיטן מיטגעפיל, נישט מיט די שיריים פון אַמאָליקער פריינטשאַפט און סענטימענט האָט ער נישט געקאָנט צו איר דערלאַנגען. איבעריקנס, אירענע האָט שוין מער נישט געשריבן. א געוויס שטיקל צייט האָט נאָך פון איר געהאַט ידיעות פעליע פּטאָשיצקי, דער־נאָך האָבן אויך זיי זיך איבערגעריסן. מאַלעצקי האָט נאָך עטלעכע מאָל באַזוכט זיין קלויסטער. יעדעס מאָל האָט ער פאַרבייפאָרנדיק זיך פאַר־האַלטן אין קראָקע, אָבער זיינע כוונות אויסצוזוכן אירענען האָבן זיך

אויסגעלאָזט בלויז מיט גוטע פאַרלאַנגען, אין זומער פונעם צווייטן און פערציקסטן יאָר, ווען די דייטשן האָבן, ליקווידירנדיק די געטאָס, אָר־גאַניזירט אויפן שטח פונעם גאַנצן לאַנד, ידישע מאַסן־שחיטות, זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען קלאַנגען וועגן דעם טויט פון דעם אלטן ליליען. אָבער די ווערסיעס וועגן דעם זיינען געווען זייער פאַרשידענע, און ס׳איז שווער געווען פעסטצושטעלן וויפל ס׳איז פאַראַן אין זיי אמת.

ערשט אין פרילינג פון קומענדיקן יאָר האָט מאַלעצקי פולשטענדיק אומדערוואַרט, און ביי באַזונדערע אומשטענדן, באַגעגנט אירענען, דאָס איז געווען אין מיטוואָך פאַר פסח.

II

די גרויסע זאַך איז געווען אַ מרה־שחורהדיקע פאַר וואַרשע. פונקט אַ טאָג פריער, אײדער מאַלעצקי האָט זיך באַגעגנט מיט פריילין ליליען, אום מאָנטיק דעם 19־טן אַפּריל, האָט אַ טייל פון די יידן, וואָס זיינען איבערגעבליבן אין געטאָ, אָנגעהויבן זיך פאַרטיידיקן קעגן די נייע רעפּרעסיעס. באַגינען, ווען עס־עס־אָפּטיילן זיינען אריין אין די געטאָ־ווענט, זיינען אויף סטאַווקע און לעשנאָ געפאַלן די ערשטע שאָסן. די דייטשן, וועלכע האָבן נישט דערוואַרט קיין ווידערשטאַנד, האָבן זיך צוריקגעצויגן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף.

די ידיעה וועגן דעם ערשטן נאָך יאָרהונדערטער קאָלעקטיוון ווי־דערשטאַנד פון די יידן האָט זיך נישט תיכף פונאַנדערגעטראָגן איבער דער שטאָט. פאַרשידענע ווערסיעס זיינען אַרומגעגאַנגען אין וואַרשע. אין משך פון די ערשטע שעהען האָט מען געוווסט בלויז, אַז די דייטשן האָבן איצטיקס מאָל בדעה פולשטענדיק צו ליקווידירן דעם געטאָ און אויס־צומאָרדן די אַלע יידן, וואָס זיינען לעבנגעבליבן נאָך די פּאַראַיאָריקע חריבות.

די קוואַרטאַלן, וואָס זיינען געווען אין שכנות מיט די געטאָ־ווענט, האָבן אָנגעהויבן צו שווימלען מיט מענטשן. דאָרט האָט מען זיך אַמ־שנעלסטן אָריענטירט אין די געשעענישן. פון די פענצטער פון די מויערן, וואָס זיינען געשטאַנען פאַזע די געטאָ־ווענט, זיינען פון מאָל צו מאָל געפאַלן שאָסן. די דייטשן האָבן צוגעפירט צום געטאָ זשאַנדאַר־מעריע. פון שעה אויף שעה איז געוואַקסן די אינטענסיוויטעט פון דער קאַנאָנאַדע. די פאַרטיידיקונג, לכתחילה אַ כאַאָטישע און צופעליקע, האָט

זיך שנעל אָנגעהויבן איבערצוגעשטאַלטיקן אין א רעגולערן און פּלאַנ־מעסיקן קאַמף. אין פיל ערטער האָבן זיך אָפּגערופן קוילנוואַרפער. עס זיינען געוואָרפן געוואָרן גראַנאַטן. די גאַסן־באַוועגונג איז נאָך געגאַנ־גען נאָרמאַל, און אין פיל ערטער איז דער קאַמף פאָרגעקומען אינמיטן דעם המון צוקוקער און דעם רויש פון די פאַרבייפאָרנדיקע טראַמווייען. אינצווישן האָט מען פון די קוואַראַטלען, ווו קיין ווידערשטאַנד איז נישט געשטעלט געוואָרן, אַרויסגעפירט די איבערגעבליבענע יידן. נאָר אפילו דעמלט האָט נאָך ווייניק־וועך דערלאָזט דעם געדאַנק אין יענעם ערשטן טאָג, אַז דאָס צעשטערן דעם געטאָ וועט זיך פאַרציען אויף אַזוי פיל לאַנגע וואָכן. און פונדעסטוועגן איז די יידן פאַרגעשטאַנען צו פאַרטיי־דיקן זיך א סך מער, און א משך פון נאָך מער טעג איז פאַרגעשטאַנען דעם געטאָ צו פלאַקערן. אָט אַזוי האָט זיך אינמיטן דער פרילינגדיקער צייט און די שטימונגען פון דער גרויסער וואָך אָנגעהויבן אין האַרץ פון וואַרשע, וואָס דער פּיריאַריקער טעראָר האָט נישט באַוויזן זי צו באַ־זיגן, דער קאַמף פון די יידישע אויפשטענדלער, דער איינזאַמסטער און ווייטיקלעכסטער פון אַלע קאַמפן, וואָס זיינען פאַר יענע צייטן אויפ־גענומען געוואָרן אין שוץ פון לעבן און פריקהייט.

מאַלעצקי האָט געוווינט אויפן ראַנד פון ביעלאַן, אַן אָפּגעלייגטער ראַיאָן אין דעם צפונדיקן שטאָט־טייל. מאָנטיק אין אָוונט, גייענדיק פון דער אַרבעט אַהיים, האָט ער זיך צום ערשטן מאָל אָנגעטראָפן אויפן קאַמף. גלייך נאָכן קראַשינסקי־פּלאַץ האָט אויפן טראַמוויי, וואָס פאָרט פאַרביי ילענגאַויס די געטאָ־ווענט, אָנגעהויבן הערשן א שטימונג פון אויפרעגונג. מענטשן האָבן אָנגעהויבן שטופּן זיך צו די פענצטער, מע האָט אָבער גאָרנישט געזען. הינטער די געטאָ־ווענט האָבן זיך געצויגן די שפּיציקע, זייער הויכע און גרויע ווענט פון די מויערן, ווו־נישט־ווו דורכגעשניטענע מיט שמאָלע פענצטערלעך, ווי שיס־שפּאַלטן. אויף די באַניפראַטן, קעגנאיבער דעם שפּיטאָל פון דעם געטלעכן יאַן, איז דער טראַמוויי ראַשיק שטייענגעבליבן. גלייכצייטיק, האָבן זיך פון דער הויך א שאָט געטאָן קורצע און פלאַכע ביקסן־שאָסן. פון גאַס האָט אָפּגעענטפערט א קוילן־וואַרפער.

אין טראַמוויי האָט זיך אָנגעהויבן א בהלה. מענטשן האָבן זיך איי־ליק צוריקגעוואָרפן פון די פענצטער, אייניקע האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, אַנדערע האָבן זיך געשטופּט צום אַרויסגאַנג. אינ־צווישן זיינען פון די שמאָלע שפּאַלטן־פענצטערלעך פון די יידישע מויערן געפאַלן שאָסן כסדר געדיכטער. א קוילנוואַרפער, אַוועקגעשטעלט

אינמיטן ברוק ביים צונויפקום פון די באַניפראַטן מיט דער קאַנוויקטאַרסקע, האָט געענטפערט מיט א פארביסענעם בריאזגן. דורכן שמאָלן שטיקל ברוק, צווישן דער טראמוויי־ליניע און די גאַס־וועגט, איז מיט פענד פארבייגעפאָרן א סאניטארער וואָגן.

אויף מאָרגן זיינען די טראַמווייען, וואָס גייען קיין זשאָליבאָזש, דערפאָרן בלויז צום קראשינסקי־פלאַץ. מאלעצקי, וועלכער האָט זיך פריער ווי געוויינלעך אָפגעפארטיקט מיט די ענינים פון דער פירמע, ווו ער איז געווען באַשעפטיקט, האָט זיך אומגעקערט אהיים פרי נאָכמיטאָג. נישט לאַנג פריער איז פונקט פארהאלטן געוואָרן די טראַמווייען־באַוועגונג, און די מעד־גאַס איז פארשטאָפט געווען מיט די אויסגעליידיקטע וואַגאָנען. דער עולם האָט זיך געצויגן מיט די טראָטואַרן.

נאָך א גאנצער נאכט שיסעריי איז באַגינען אנטשטאנען א קורצע הפסקה אין די קאַמפן. איצט האָט זיך די קאַנאָנאַדע אויפסניי אָנגעהויבן, א פארביטערטערע נאָך ווי נעכטן; אויפן קראשינסקי־פלאַץ האָט מען שוין קיין שום וואָגן נישט דורכגעלאָזן. דערפאַר האָט אן אומרואיקער, ליארמענדיקער און אויפגערעגטער עולם אָנגעפילט די גאַסן־עקן פון לאַנגע־גאַס און נאַוויניארסקע. ווי אַלע גרויסע געשעענישן אין ווארשע, האָט אויך דאָס דאָזיקע, פונדרויסן באַטראַכט, געהאַט אין זיך עפּעס פון א ספעקטאַקל. די ווארשעווער קעמפן גערן און פונקט אזוי גערן קוקן זיי זיך צו צו די קאַמפן.

מחנות יונגע בחורים און אַנדולירטע, שטאַלטנע מיידלעך זיינען זיך צונויפגעלאָפן פון די שכנותדיקע גאַסן פון דער אַלט־שטאָט. די מערבייגעריקע האָבן זיך געשטופט אין דער טיף פון דער נאַוויניארסקע, ווו עס האָט זיך געעפנט דער ברייטסטער אויסקוק אויף די גאַס־וועגט. בכלל האָט וויניק־וועך באַדויערט די יידן. דעם עולם האָט הנאה געטאָן וואָס די פארהאַסטע דייטשן האָבן א ניי קאָפּפארדרייעניש. אין דער עמפינדונג פון דעם דורכשניטס־מענטש פון גאַס האָט דער פאַקט גופא פון קעמפן מיט א הייפל איינזאַמע יידן לעכערלעך געמאַכט די זיגערישע אָקופאַנטן.

דער קאַמף איז וואָס וויטער געוואָרן אַלץ פארביסענער. אינמיטן דעם קראשינסקי־פלאַץ, פאַר דער געבייַדע פונם געריכט, האָבן זיך ארומגעדרייט א סך זשאַנדאַרמען און עס־עס־מענער. אויף די באַניפראַטן האָט מען קיינעם נישט ארויפגעלאָזן.

ווען מאלעצקי האָט זיך געפונען ביים עק מעד־גאַס, האָט אים אויסגעמיטן א לאַסט־אויטאָ אָנגעלאָדן מיט זעלנער אין פולער קאַמפ־

אויסשטאטונג. פון צווישן דעם עולם האָבן זיך געהערט געלעכטערן. די ביקסן־שאָסן האָבן נישט אויפגעהערט. דאָס האָבן געשאָסן די יידן. די דייטשן האָבן געענטפערט מיט לאַנגע סעריעס פון ציקאַעמען און אווטאָמאַטן.

מאַלעצקי האָט געהאַט צו דערליידיקן אַן ענין פון דער פירמע אין אַ קוואַרטאַל, וואָס איז געווען אין שכנות מיטן קאַמף־שטח. ער איז דע־רום מיטגעגאַנגען מיטן עולם, וואָס האָט געצויגן מיט דער נאָוויניאַר־סקע. דעם אָנהויב פון דער דאָזיקער שמאָלער, און בעת דער מלחמה זייער צעשטערטער גאַס, האָבן אָפּגעטיילט פון די געטאָ־ווענט מויערן־בלאָקן, אויפגעבויטע צווישן די פּאַראַלעלע גאַסן באָניפראַטן און נאָוויניאַרסקע. נישט ווייט נאָך דער ערשטער קווער־גאַס, וואָס דאָס איז געווען די שוויענ־טעיערסקע, האָבן זיך די הייזער פאַרענדיקט, און ס'האָט זיך אויפגעע־פנט אַ לערער, ברייטער און געלעכערטער פּלאַץ, וועלכער איז אַנטשטאַ־נען נאָכן אַפּרוימען די גרוזן פון די באָמבאַרדירטע, בעת דער באַלאַגע־רונג פון וואַרשע, אָפּגעברענטע הייזער.

ביים עק נאָוויניאַרסקע איז אויפן דאָזיקן פּלאַץ דער עולם געדיכ־טער געוואָרן. די טראָטואַרן און דער ברוק זיינען פאַרשטאָפּט געווען מיט מענטשן. ווייטער זיינען געגאַנגען שוין בלויז ווייניקע. פון דער זייט פון די יידישע הייזער זיינען כסדר געפאַלן שאָסן. בעת די הפסקות, ווען דאָס שיסעריי איז שטילער געוואָרן, האָבן זיך יעדעס מאָל אַרויסגעריסן צו עטלעכע מענטשן פון דעם עולם און אייליק פאַרשוווּנדן הינטער די ווענט פון די מויערן.

ווען מאַלעצקי איז צוגעקומען צום אָרט, וואָס איז שוין באַדראָט פון אַ באַשיסונג מצד די אויפשטענדלער, האָט די שיסעריי גראָד אויפגע־הערט, און מענטשן, טייל איילנדיקע צו זיך אַהיים אָדער צו זייערע געשעפטן, אַנדערע געטריבן פון נייגער, האָבן אין אַ געדיכטער כוואַליע אַ שטורס געטאָן פאָרויס. דער אָפּגעליידיקטער פּלאַץ האָט ערשט אויסגעזען רחבות־דיקער ווי געווייגלעך. אין זייך סאמע מיט זיינען געשטאַנען צוויי קאַרו־זעלעס, נאָך נישט פולשטענדיק מאָנטירטע, מע האָט זיי קענטיק צוגע־גרייט אויף די אָנקומענדיקע ימים־טובים. הינטער אַ שטיק פון אויסטער־לישע, קאָלירקע דעקאָראַציעס זיינען געשטאַנען זעלנער אין קאַסקעס, אייניקע מיט ביקסן אָנגעצילטע אין דער ריכטונג צום געטאָ, האָבן גע־קניט אויף דער עסטראַדע. הינטער די געטאָ־ווענט איז געווען פוסט. און איבער זיי, שווייגנדיקע און שווערע, האָבן זיך אויפגעהויבן יענע הויכע ווענט פון די מויערן, מיט די שמאָלע פענצטערלעך און דער געבראָכע־

נער ליניע פון דעכער, וועלכע האָט זיך איינגעשניטן אין דעם פאַרוואָלקנטן הימל, האָבן זיי דערמאָנט אַ ריזיקע פעסטונג.

מענטשן דרייסט געוואָרענע צוליב דער רואיקייט, האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּצושטעלן און זיך צוקוקן צו די איינזאַמע ווענט. מיטאַמאָל האָבן זיך פון דאָרט א שאָט געטאָן שאָסן. אין דעם וויטערדיקן טייל פון די באַניפּראַטן, זיכער לעם דעם שפּיטאָל פונעם געטלעכן יאַן, האָט זיך צעקאָלערט א טויבע דעטאָנאַציע, און גלייך נאָך איר א צווייטע און דריטע. די יידן האָבן געמוזט וואַרפן גראַנאַטן.

די מענטשן האָבן אָנגעהויבן שנעל זיך צעלויפן איבער די נאָענטסטע מויערן. די קוילן האָבן זיך צעפייפט אין דער לופט. איינער פון די לויפנדיקע מאַנצביל, א פעסט מענטשל אין א שטריקענעם קאַפּעליוש, האָט א געשריי געטאָן און געפאַלן אויפן טראָטואַר, אין דער טיף פון דעם פלאַץ האָט א שטעפּ געטאָן א קוילנוואַרפער. ס'האָבן אויך געשאָסן די זעלנער פון אונטער דער קאַרוזעלע. גלייכצייטיק האָבן שאַרפע, זייער שטאַרקע שאָסן אויפגעטרייסלט דעם פלאַץ. א שנירל זילבערדיקע סניאַראַדן האָט געזעצט אין איינעם פון די העכסטע פענצטערלעך פון די הייזער, וואָס פאַרטיידיקן זיך. דאָ האָט זיך אָפּגערופן א קעגנפאַנצער־האַרמאַט.

בעת ס'איז געוואָרן די דאָזיקע גאַנצע בהלה, האָט זיך מאַלעצקי געפונען ווייט פון דעם סאַמע נאָענטסטן טויער, און ער האָט זיך אינסטינקטיוו צוריקגעצויגן אין דער נישע פון דער ערשטער קראָם דערלעבן. זי איז געווען פאַרשלאָגן מיט ברעטער, פונדעסטוועגן האָט איר נישע, א גענוג היפשע, געבילדעט א געוויסע שוץ.

די גאַס איז לער געוואָרן. צוויי ברייטפּלייציקע ארבעטער האָבן אויפגעהויבן דעם מאַנצביל, וואָס איז געלעגן אויפן טראָטואַר. איינער פון זיי, א יונגער בחור, האָט אויך אויפגעהויבן דעם שטריקענעם קאַפּעליוש. דער זעלנער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט, האָט זיי אונטערגעטריבן זיך צוצואיילן. נאָכהער האָט ער, ראַשיק זשעסטיקולירנדיק, הויך א געשריי געטאָן אין דער ריכטונג צו א פרוי, וועלכע איז איינע אליין פון צווישן די פאַרביגייער געבליבן אויף דער גאַס. זי איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך אויפן ראַנד פונעם טראָטואַר און, ווי זיך נישט אָריענטירנדיק אין דער געפאַר, אויף וועלכער זי שטעלט זיך ארויס, זיך איינגעקוקט אין די פינצטערע ווענט קעגנאיבער.

— וואָס שטייט איר דאָרט פרייליין?— האָט מאַלעצקי אַ געשריי געטאָן.

זי האָט זיך אפילו נישט אומגעדרייט. ערשט ווען דער זעלנער איז צו איר צוגעשפּרונגען און שרייענדיק, זי א ריס געטאָן, האָט זי זיך צוריקגעצויגן און איינגעטוליעט דעם קאָפּ מיט אַן אומזיכערער באווע־גונג פון איבעראַשונג און שרעק. יענער האָט זי, אַ דענערווירטער און צערייצטער, א שטויס געטאָן מיט דער קאָלבע פון דער ביקס אין דער ריכטונג פונעם טויער. גלייכצייטיק האָט ער דערזען מאַלעצקין פאַר־שטעקט אין דער נישע פון דער קראָם.

— וועג! וועג! — האָט ער א ריטשע געטאָן אויף אים.

מאַלעצקי איז ארויסגעשפּרונגען און שנעל געגאַנגען נאָך דער כרוי, וואָס איז געלאָפן פאר אים. די שאָסן זיינען איצט געפאלן פון אלע זייטן. דאָס קעגנפאנצער־הארמאטל, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן פּלאַץ, האָט געזעצט מיט סעריעס סגיאַראַדן, גלאָז איז מיט שיטעור־דיקן קלימפּער געפלויגן אויפן טראָטואַר. עס האָבן זיך ווידער צעקאָלערט די טויבע דעטאָנאַציעס פון גראַנאַטן.

יענע פרוי און מאלעצקי זיינען כמעט גלייכצייטיק צוגעלאָפן צום טויער. ער איז געווען געשלאָסן. איידער מ׳האָט אים געעפנט, האָט מאַ־לעצקי באוויזן זיך איינצוקוקן אין זיין מיטגייערין, וועלכע איז אַלץ נאָך אַן איינגעבויגענע און איבערגעשראָקענע, געווען געווענדט צון אים מיטן פּראָפיל. אין דער ערשטער רגע האָט ער זיך אזש פארכלינעט פון איבעראשונג:

— אירענע!

זי האָט אויף אים א קוק געטאָן מיט טונקעלע נישט־דערקענענדיקע אויגן.

— אירענע! — האָט ער איבערגעחזרט.

פונקט אין דער רגע האָט די יונגע, איבערגעשראָקענע הויז־וועכ־טערין אויפגעעפנט דעם טויער.

— שנעלער, שנעלער! — האָט זי צוגעאיילט.

מאלעצקי האָט אָנגעכאפּט אירענען פאר דער האנט און זי אריינגע־צויגן אינעווייניק. אינעם טויער איז געווען פול מיט מענטשן, האָט ער זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם אויפן הויף ארויס. אירענע האָט זיך פאַל־געוודיק געלאָזט פירן, פולשטענדיק ווילנלאָז. ער האָט זי מיטגעצויגן אין דער טיף פונעם הויף, ווו ס׳איז געווען לײדיק.

דאָס איז געווען אַן אלטער הויף, א שמוציקער און זייער אָפּגעדרא־פּעטער. אויפן פלאַץ פון איינער פון די קוואַר־אָפּיצינעס איז געשטא־נען א פוסטע, געשטופּלטע וואַנט — א שפור פון די מלחמה־צעשטע־

רונגען. אינמיטן האָבן זיך געטורעמט הויך צונויפגעלייגטע ציגל, לעבן זיי האָט זיך געגרויט אַ שטיקל קלאָגעדיקער פּרוכטלאָזער באָדן, וואָס איז, ווייזט אויס, צוגעגרייט געוואָרן צו פאַרזייען גרינוואַרג.

ווען זיי זיינען שטיינגעבליבן ביי די שטיילע שטיגעלעך, וואָס פירן אין אַ סוטערינע, האָט מאַלעצקי אַרויסגעלאָזט פון זיין האַנט אירענעס דלאָניע און זיך אויפמערקזאַם איינגעקוקט אין דער פריילין ליליען.

זי איז נאָך אַלץ שיין געווען, אָבער אויך זייער געענדערט. זי איז מאָגער געוואָרן, אירע געזיכט־שטריכן האָבן זיך פאַרשאַרפט און אויסגעע־איידלט, די לענגלעכע אויגן ווי זיך פאַרגרעסערט, נאָר זייער אויסדרוק האָט פונדעסטוועגן אָנגעוווירן דעם וואַרעמקייט, פאַר אירענען אַזוי כאַראַק־טעריסטישן קלאָרקייט, איז געווען איצט אַ פרעמדער, כמעט אַ בייזער. געקליידט איז אירענע געווען זייער גוט.

זי האָט געטראָגן דעם העל־בלויען וואָלענעם קאָסטיום, וואָס איז גע־בראַכט געוואָרן פון ענגלאַנד, און אַ פיינעם הוט, וועלכן מאַלעצקי האָט נישט געקענט. צי די סיבה איז געווען דאָס לאַנגע נישט זעען זיך, צי דאָס זיינען טאַקע געווען ווירקלעכע ענדערונגען — נאָר אויפן ערשטן קוק האָט זי מאַלעצקין אויסגעזען נאָך מער סעמיטיש ווי אַמאָל.

— דאָס ביסטו? — האָט זי אַ זאָג געטאָן קורץ און אָן חידוש.

זי האָט זיך אין אים איינגעקוקט, נאָר נישט אויפמערקזאַם. זי האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק, ווי זי האָרכט זיך נאָך אַלץ צו צו דער קאַנאָנאַדע, וואָס דערגרייכט אַהער פון גאַס.

מאַלעצקי האָט זיך אָפּגעקילט פון דעם ערשטן איינדרוק.

— פונוואַנען האָסטו זיך אַהער גענומען? וואָס טוסטו דאָ? דו ביסט אין וואַרשע?

— יאָ, האָט זי געענטפערט פשוט, ווי זיי וואָלטן זיך גאָר נישט לאַנג צעשיידט.

די שטים האָט זי געהאַט די זעלבע וואָס פריער, אַ נידעריקע און קלינגעוודיקע, אפשר בלויז אַביסל וויניקער וויברירנדיקע, אַביסל מאַ־טעווער געוואָרענע.

— שוין פון לאַנג?

אירענע האָט געקנייטשט מיט די פּלייצעס.

— איך ווייס? איך געדענק שוין אפילו נישט גענוי. מיר דאַכט זיך, אַז שוין פון גאַנץ לאַנג.

—און דו האָסט נישט געגעבן וועגן זיך צו וויסן?

זי האָט אים אויפמערקזאַמער באַטראַכט, אַביסל שפּאָטיש.

— צו וואָס?

מאַלעצקי איז צעטומלט געוואָרן. די דאָזיקע פּשוטע פֿראַגע איז געווען פֿאַר אים פֿולשטענדיק אומדערוואַרט, נישט פּאַסיק פֿאַר דער אירענען, וועלכע ער האָט געקאָנט ביז היינט. נישט וויסנדיק וואָס צו ענטפֿערן, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. אירענע ווידער האָט זיך ווייטער איינגעהאָרכט אין די אָפּהילכן פֿון דער גאַס, און אין דעם דאָזיקן אָנגעשטרענגטן, א ביסל אומרואיקן און א ביסל איבערגעשראָקענעם איינהאָרכן זיך, האָט זיך געדאַכט, געדענקט זי גאָרנישט וועגן איר חבר. דאָס שוויַיגן האָט זיך פֿאַרצויגן, וואָס ווייטער אַלץ אומאָנגענעמער פֿאַר מאַלעצקין. ער האָט בפֿירוש אָפּגעפֿילט די אָפּגעפֿרעמדקייט, וואָס קומט אויף צווישן אים און אירענען. צוליב דער לאַגע, אין וועלכער אירענע האָט זיך געמוזט געפֿינען, האָט זיך אים זייער געוואָלט די דאָזיקע אָפּגעפֿרעמדטקייט פֿאַרווישן, ער האָט אָבער נישט געוווּסט ווי אַזוי.

אינצווישן האָט זיך אינמיטן טויער אָנגעהויבן מיטאַמאָל א טומל. א טייל עולם האָט זיך אָנגעהויבן איילנדיק אַרויסציִען אויפֿן הויף. א קליין יינגל אין צעריסענע הייזלעך און אין א צעפֿליקט העמד איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון טויער און, פֿאַרטשעפּענדיק אין איילעניש מאַלעצקין, א געשריי געטאָן אין דער סוטערינע אַריין:

— מאַמע, אין אונדזער טויער האָט מען אַבידערגעשטעלט א האַרמאַט! מע וועט שיסן פֿון אונדזער טויער!

און אוועקמאַכנדיק אין א זייט דעם פֿלאַקסענעם לאָק, וואָס איז אים געפֿאַלן אויפֿן שטערן, איז ער צוריקגעלאָפֿן אין טויער.

פֿון דער סוטערינע האָט זיך אַרויסגעבויגן אַן אויסגעדייוערטע, בלאַסע פֿרוי.

— ריסיעק! ריסעק! — האָט זי נאָכגעשריגן דעם יאַט.

יענער איז שוין נישט געווען. די פֿרוי האָט זיך, שווער קרעכצנדיק, אַרויפֿגעדראַפּעט איבער די אומבאַקוועמע שטיגלעך אין דער הייך. פּלוצעם האָט דאָס קעגנפֿאַנצער־האַרמאַטל אָנגעהויבן זעצן. א פֿאַרטויבנדיקע סעריע הילכן האָט אויפֿגעטרייסלט די מויערן. ערגעץ פֿון א העכערן שטאָק האָט זיך אַראָפּגעשאָטן דער טינק.

— אָ, יעזוס! — האָט זיך די פֿרוי געכאַפּט פֿאַרן האַרצן.

דאָס האַרמאַטל האָט געקנאַקט אָן איבערייס. אַלץ אַרום האָט זיך געטרייסלט און געציטערט. עס האָבן זיך שוין אַפֿילו נישט געהערט די יידישע שאָסן. דערפֿאַר אָבער האָט זיך אין דער דאָזיקער פֿאַרטויבנדיקער סומאַטאָכע אַריינגעפּלאָנטערט א הייזעריקער קלאַנג פֿון א גראַמאָפֿאָן אויף

א צווייטן הויף. ס'האָט געשפּילט עפּעס א פאַרמלחמהדיקער סענטימענטאַלער טאַנגאָ. אַלץ מער מענטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן פונעם טויער.

— אַ, יעזוס! — האָט שווער איבערגעחזרט די פרוי פון דער סוטערינע — פאַר וועלכע זינד מוז דער מענטש אַזוי לײַדן?

אירענע, וועלכע איז זייער בלאַס געוואָרן און געציטערט בעת דער פאַרשטאַרקטער אינטענסיווקייט פון די שאָסן, האָט זיך א ריס אָפּ געטאָן קעגן דער דאָזיקער טענה.

— יענע לײַדן מערער! — האָט זי פּיִנטלעך א זאָג געטאָן.

אירע אויגן האָבן געבלישטשעט, די ליפּן האָט זי פאַרביסן. מאַלעצקי האָט קיינמאָל נישט געזען בײַ איר אַזאַ שלעכטע און ביטערע גערעסיווקייט.

די פרוי האָט אויפגעהויבן אויף דער פרײַלין ליליען אויסגעמאַטערטע, אָפּגעבליאַקעוועטע אויגן.

— מערער? און פונוואַנען ווייסט די פרײַלין וויפל איך האָב איבערגעליטן?

— דאָרט קומען מענטשן אום — האָט איר אירענע איבערגעריסן מיטן זעלבן פּיִנטלעכן טאָן.

— לאָז צו רו... — האָט מאַלעצקי א מורמל געטאָן.

אָבער אירענע האָט זיך, אַ באַשײַמפּערלעך נישט באַהערשטע, צו אים האַסטיק א קער געטאָן.

— פאַרוואָס דאַרף איך לאָזן צו רו? דאָרט קומען אום מענטשן, הונדערטער מענטשן, און דאָ לאָזט מען זיי אומקומען ווי הינט... ערגער ווי הינט...

זי האָט אויפגעהויבן דאָס קול, וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער זיך אויפגערעגט. מאַלעצקי האָט זי א כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט און אַוועקגעצויגן אין אַ זײַט צו אַן אײַנגאַנג אויף איינעם פון די שטיגן.

— באַהערש זיך! עס פעלט דיר אַן אומגליק? באַדענק זיך, מענטשן קוקן שוין אויף אונדז.

ווירקלעך, עטלעכע פאַרשוין, וועלכע האָבן זיך געהאַט אַרויסגערוקט פון טויער, האָבן מיט נײַגער געקוקט אין זייער זײַט. אירענע האָט זיך אַרומגעקוקט. אויפכאַפּנדיק די דאָזיקע בליקן, האָט זי זיך גלײַך באַרואיקט און שטיל געוואָרן.

— מײַנע פּאַפּירן זײַנען אין אָרדנונג — האָט זי א מורמל געטאָן שרעקעוודיק.

און זי האָט אומרואיק אַריינגעקוקט מאַלעצקין אין די אויגן. עס איז אים געוואָרן פּריקרע, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין משך פון דער גאַנצער צייט פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט אירענען. ער האָט זיך דערפילט שרעקלעך פאַרשעמט און דערנידעריקט צוליב איר גורל, ווי אויך צוליב זיין אומבאַהאָלפנקייט און זיין פּריווילעגירטקייט.

— וואָס רעדסטו? — האָט ער אַביסל קינסטלעך זיך אַ באַוועג געטאָן — קיינער וועט איצט נישט גיין אַריינקוקן אין דיינע פּאַפּירן. דאָס ערגסטע איז, וואָס מע קאָן נישט וויסן, ווען מיר וועלן קאָנען פון דאַנען זיך אַרויסקריגן. וווּ וווינסטו?

— אין ערגעץ נישט.

מאַלעצקי האָט אַ שוידער געטאָן.

— וואָס הייסט אין ערגעץ נישט?

— פּראָסט־פּשוט.

— האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו ביסט שוין לאַנג אין וואַרשע?

— שוין לאַנג, אָבער וואָס קומט דערפון אַרויס. אַהין, וווּ איך האָב געוווינט, קאָן איך זיך נישט אומקערן. איבעריקנס, געווען וועגן דעם — האָט זי זיך מיט פאַראַכטונג פאַרקרימט — דאָס איז נישט וויכטיק.

— וואָס הייסט נישט וויכטיק? הער, און דיין פאָטער?

זי האָט אויף אים קורץ אַ בליק געטאָן.

— לעבט נישט.

— איז עס אמת, הייסט עס? — האָט ער אַ מורמל געטאָן — עס זיינען דאָ אַרומגעגאַנגען אַזעלכע קלאַנגען.

— אמת.

ער האָט אַ ווייל געשוויגן. דערנאָך האָט ער, אויפצווינגענדיק זיך, אַ פרעג געטאָן:

— און די מוטער?

— לעבט אויך נישט.

ער האָט דערוואַרט אַזאַ מין ענטפער, נאָר איצט, ווען ער האָט אים דערהערט, האָט ער דערפילט זיין גאַנצע משא.

— דאָס איז שרעקלעך! — בלויז אַזויפיל איז ער בכוח געווען צו זאָגן.

און גלייך האָט ער אָפּגעפילט, ווי ווייניק דאָס איז. אָבער אירענע, שטייענדיק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און צייכענענדיק מיטן שפּיץ פון אַ ברוין פאַראַסאָלעכל אומגעוויזענע ליניעס אויפן צעבראָקלטן אַספאַלט, האָט נישט געמאַכט דעם איינדרוק, זי זאָל דערוואַרטן פון יאַנען עפּעס

מער. די לײדן האָבן געמוזט אַרײַנדרינגען אין איר אַזױ טיף, ניִשט צו פֿאַרלאַנגען שױן קײן מיטגעפֿיל און האַרציקײט.

מאַלעצקי האָט זיך אָן זין צוגעקוקט צו די באַװעגונגען פֿון אירע־בעס פֿאַראַסאָלעכל. װײטיקלעכער װי געװײנלעך האָט ער איבערגעלעבט דעם זעלבן געװעב פֿון געפֿילן, װאָס איז אָן דער באַטײליקונג פֿון זײַן װילן, אױטאָמאַטיש און צודרינגלעך אױפֿגעגאַנגען אין אים תּמיד, װען ער האָט זיך אָנגעטראָפֿן מיט די פּאָר די לעצטע צײַטן אַזױ אָפֿטע ײדישע טראַגעדיעס. דאָס זײַנען געװען געפֿילן אַנדערע פֿון די, װאָס זײַנען אָנגעװאַקסן אין אים אונטערן אײַנפֿלוס פֿון די לײדן פֿון זײַנע אײגענע לאַנדס־לײט, װי אױך פֿון מענטשן פֿון פֿרעמדע פֿעלקער. זײ זײַנען געװען מרה־שחורהדיקע, מער קאָמפּליצירט און פּײַניקנדיקע. אין מאָמענטן פֿון זײער שטאַרקסטער אינטענסיװקײט האָט זיך אין זײ אַרײַנגעפֿלאָנטערט דער באַזונדערס װײטיקלעכער און דערנידערנדיקער באַװוּסטזײַן פֿון אַ נעפּל־האַפֿטער און אומבאַשטימטער מיטפֿאַראַנטװאָרטלעכקײט פֿאַר די אָן אַ שיעור אַכזריותן און פֿאַרברעכנס, װאָס מע האָט, בײַ דער שװײַגנדיקער צושטימונג פֿון דער גאַנצער װעלט, פֿאַרשאַפֿט זיבן עטלעכע יאָר דעם ײ־דישן פֿאָלק. דער דאָזיקער באַװוּסטזײַן, שטאַרקער פֿון אַלערלײ לאָגישע באַװײַזן, איז געװען אפֿשר זײַן ביטערסטע איבערלעבעניש, װאָס ס׳האָבן אים גורם געװען די מלחמה־דערפֿאַרונגען. עס זײַנען געװען צײַטן, װי צום סוף פֿאַרגאַנגענעם יאָר, בעת די דײַטשן האָבן אָנגעהױבן די ערשטע מאַסן־שחיטות אױף די ײדן, און דאָס װאַרשעװער געטאָ האָט אין פֿאַר־לױף פֿון אַ סך טעג און נעכט געהילכט מיט די עכאָס פֿון שיסערײַען, װען דאָס געפֿיל פֿון מיטשולדיקײט האָט זיך אין אים צעברענט באַזונדערס שטאַרק. ער האָט עס דעמלט געטראָגן אין זיך װי אַ װוּנד, אין װעלכער עס אײטערט, דאַכט זיך, דאָס גאַנצע בײז פֿון דער װעלט. ער האָט זיך פֿונדעסטװעגן אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז ס׳איז געװען אין אים דעמלט מער אומרו און שרעק, אײדער אמתע ליבע צו די דאָזיקע שוצלאָזע מענ־טשן, באַלאַגערטע פֿון אַלע זײַטן, בײַ װעלכע דער גורל האָט אָװעקגע־רױבט די, װאָס אָן אמת דערנידעריקנדיקע, אָבער דאָך עקזיסטירנדיקע ברײדערלעכקײט.

אַצינד האָט די באַגעגעניש מיט אירענען פֿאַרשאַרפֿט אין מאַלעצקין די צערודערונג, װאָס איז אין אים פֿון נעכטן בײַנאַכט אָן אָנגעװאַקסן. ער האָט זיך געפֿילט זײער דערדריקט, װײַל װי אַ טיפּישער אינטעליגענט האָט ער געהערט צו דעם מין מענטשן, װאָס אָן גרױסע שװעריקײטן

שטעלן זיי אנטקעגן די מענטשלעכע ליידן און קריוודעס זייערע אייגענע געוויסן־קאנפליקטן.

אינצווישן איז דאָס קעגנפאַנצער־האַרמאַטל אַנטשוויגן געוואָרן. פון דעם גראַמאָפאָן אין שכנותדיקן הויף האָט זיך איצט געטראָגן א הויכער מענלעכער טענאָר. קיילעכיקע און קלינגעוודיקע איטאַליענישע ווערטער האָבן אָפּגעהילכט צווישן די מויערן הויף, דייטלעך. אינמיטן פלאַץ האָבן עקשנותדיק געשטעפּט די קוילנוואַרפער. די מענטשן, וואָס האָבן זיך געהאַט צוריקגעצויגן אויפן הויף, האָבן זיך ווידער אומגעקערט אין טויער אַריין. יענע קליין ייִנגל, וואָס די מאַמע האָט אים גערופן ריסיעק, איז אַרויס פון דאָרטן און צוגעלאָפן צו דער פרוי, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביי די ווטיגלעך פון דער סוטערינע.

— מאַמע! די דייטשן מאַכן חרוב די יידישע הייזער! אָ, אַזעלכע ריזיקע לעכער — האָט ער באַוויזן מיט די הענט — האָבן זיי שוין געמאַכט!

— גיי אין שטוב אַריין, ריסיעק! — האָט א מורמל געטאָן די פרוי.

ער האָט א טרייסל געטאָן מיט דער איינגעשפּאַרטער פלאַקסענער טשופּרינע.

— כ'על באַלד קומען!

און, זיך א דריי געטאָן אויפן קנאַפּל, איז ער געלאָפן צוריק.

— אפשר וועט מען שוין קאָנען אַרויסגיין אויף דער גאַס? — האָט א זאָג געטאָן מאַלעצקי און איז אָפּגעגאַנגען פון אירענען א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין טויער.

ער האָט דערזען דאָס האַרמאַטל, וואָס איז געשטאַנען פאַרן הויז, און לעבן דעם עטלעכע דייטשע זעלנער. אין דער טיף פון פלאַץ האָט אַלץ געשטעפּט דער קוילנוואַרפער. דער טויער איז געווען האַלב אָפן, און א רעדל מענטשן האָט אונטערגעהאַנדלט מיט א הויכן, ברייטפּלייציקן זעלנער, ער זאָל זיי דערלויבן אַרויסגיין. יענער האָט לכתחילה נישט מסכים געווען. לסוף האָט ער זיך אָפּגערוקט אין א זייט און א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. א צוואַנציק מענטשן האָבן זיך גלייך א לאָז געטאָן אים אַרויסגאַנג.

מאַלעצקי האָט זיך שנעל אומגעקערט צו אירענען.

— הער, מיר קאָנען אַרויסגיין, אָבער שנעל, וואָרן זיכער וועט באַלד...

ער האָט איבערגעריסן, א קוק טוענדיק אויף אירענען. זי איז געווען בלייך, געענדערט אויפן פּנים. מיט איין האַנט האָט זי זיך אָנגעלענט אויף דער וואַנט פונעם הויז.

— וואָס איז דיר? — האָט ער זיך איבערגעשראָקן — פילסט זיך נישט גוט?

— ניין, האָט זי דערווידערט.

זי איז פונדעסטוועגן אַלץ בלאַסער געוואָרן. מאַלעצקי האָט זיך אַרומגעקוקט און שנעל צוגעגאַנגען צו דער פרוי פון דער סוטערינע.

— צי קאָן מען ביי אייך בעטן א ביסל וואַסער? דער דאָזיקער פרייַלין איז נישט גוט געוואָרן.

די פרוי האָט א קוק געטאָן אויף אירענען. א רגע האָט זי געשוואַנקלט. לסוף א מאַך געטאָן מיטן קאָפּ:

— קומט.

מאַלעצקי איז אַראָפּגעגאַנגען נאָך איר און שטיינגעבליבן אין דער טיר. עס האָט אים מיטאַמאָל א זעץ געטאָן דער אוויר פון אָרעמקייט. אין דער סוטערינע איז געווען א קיך־צימער: א נידריקס, פאַרשוואַרצטס און אָנגעשטאָפּטס מיט פייכקייט. קיין מעבל איז כמעט אינגאַנצן נישט געווען. אויף א הילצערן בעט לעם דער וואַנט איז געלעגן, צוגעדעקט מיט לאַכעס פון אן אמאָליקער רויטער קאָלדרע, אן אַלטער, אויסגעמאַגערטער מאַנסביל. עגנטער צום אַריינגאַנג איז אויף א טישל געזעסן א יונגער, טונקעלער בחור און געשיילט קאַרטאָפּליעס. די דאָזיקע אַרבעט איז ביי אים געגאַנגען אויסערגעוויינלעך געשיקט. מיט דער שנעלקייט פון אן אווטאָמאַט האָט ער געבליצט מיט א קורץ מעסערל, וואַרפנדיק מיט געמאָסטענע באַוועגונגען די אָפּגעשיילטע קאַרטאָפּליעס אין דער שיסל וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער פּאָדלאָגע. דעם בחורס פּנים האָט זיך נישט געזען, ס'איז געווען נידעריק אַראָפּגעבויגן און אין שאָטן.

אָנשעפּנדיק פונעם עמער א טעפּעלע וואַסער, האָט עס די פרוי דערלאַנגט מאַלעצקין. ער האָט באַדאַנקט און שנעל זיך אומגעקערט אַרויף, צו אירענען.

— גיב א טרונק אביסל — האָט ער דערלאַנגט דאָס וואַסער.

לכתחילה האָט זי נישט געוואָלט, לסוף האָט זי זיך געלאָזט איינריידן. אָבער נאָך א פּאָר שלונגען האָט זי אָפּגעשטופּט דאָס טעפּעלע.

— איך קאָן נישט. — האָט זי געמורמלט מיט עקל.

איבעריקנס איז זי שוין ביסלעכוויז געקומען צו זיך. זי האָט נאָך בלויז לייכט געציטערט און אַלץ זיך נאָך אָנגעלענט אויף דער וואַנט.

— ווי פילסטו זיך?

זי האָט א מאַך געטאָן מיטן קאָפּ, אַז בעסער. אין דעם מאָמענט האָט זיך די פרוי אַרויסגעבויגן פון דער סוטערינע.

— אפשר ווײַל די פרײַלין זיך אנידערזעצן? — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

— איז ביטע, מען קאָן דאָ.

ער האָט פרעגנדיק אַ קוק געטאָן אויף אירענען. זי האָט אומדערוואַרט מסכּים געווען. האָט ער זי אַראָפּגעפירט אונטן. די פרוי האָט אָפּגעווישט מיט אַ שמאַטע אַ הילצערנעם טאַבורעט.

— זעצט זיך — האָט זי צוגערוקט אירענען דאָס טישל נענטער צו דער טיר.

מאַלעצקי איז שטיינגעבליבן בײַ דער זײַט. דאָס קעגנפאַנצער־האַר־מאַטל האָט ווידער אָנגעהויבן שיסן. דער מאַנסביל, וואָס איז געלעגן בײַ דער וואַנט האָט אַ קרעכץ געטאָן. אָבער די פרוי האָט זיך איף אים נישט אומגעקוקט. זי איז געשטאַנען בײַ דער קיך מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, אַ דאַרע און קלײנע, קענטיק פאַרמאַטערט איבער אירע כּוחות. הגם אין אַן אָרעם, אָפּגעטראָגן קליידעלע, האָט זי אויסגעזען זויבער. די האָר זײַנען איר געווען גלײַך פאַרקעמט, די הויט אויף די שלייפן פאַרגעלבט, כּמעט ווי דורכזעעוודיקער פאַרמעט. זי האָט געמוזט אַלט זײַן נישט מער פון פערציק יאָר, הגם זי האָט אויסגעזען אַ סך עלטער.

מאַלעצקי האָט אַ קוק געטאָן אין דער זײַט פון בעט.

— דאָס איז אײַער מאַן? אַ קראַנקער?

— אַ קראַנקער — האָט זי געענטפערט. — אָבער ס׳איז נישט דער מאַן, ס׳איז דעם מאַנס טאַטע.

— און דער מאַן?

— ער איז נאָך אין סעפטעמבער אומגעקומען.

אירענע האָט זיך ערשט איצט אַרומגעקוקט איבערן צימער. די פרוי האָט גלײַך אויפגעכאַפּט דעם דאָזיקן בליק.

— די דײַטשן האָבן אונדז אַרויסגעוואָרפן פון פויזנער קאַנט — האָט זי דערקלערט — אין מאָהילניע האָבן מיר געהאַט אַ הײַזל, מײַן מאַן איז דאָרט געווען אַ גערטנער...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך אַליין אַרומגעקוקט איבער דער סוטערינע.

— און אַצינדער אָט, גײט שוין אַזוי אַלץ!

מאַלעצקי, וועלכער האָט שוין עטלעכע ווײַל זיך צוגעקוקט צום בחור, וואָס שיילט קאַרטאָפל, האָט ענדלעך נישט אויסגעהאַלטן און זיך אָפּגערופן:

— אָבער ווי שנעל איר שיילט!

דער בחור האָט אויפגעציטערט, איבערגעריסן די אַרבעט און אויפ־געהויבן דעם קאָפּ.

דאָס פּנים, וואָס האָט אַמאָל געמוזט זיין נישט מיאוס און מילד, האָט איצט צוליב דער אויפגעשוואָלנקייט און די בלוי־ציגלפאַרביקע פלעקן אויף די באַקן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מאַסקע. דער בחור איז גע־ווען אָפּגעשוירן ביז דער סאַמע הויט, די ברעמען זיינען אים געווען שטאַרק פאַרוויטלט, און די אויגן — טויטע, אומבאַוועגלעכע און אָן גלאַנץ. דער דאָזיקער גלעזערנער בליק, נישט ענלעך צו קיין מענטש־לעכן, האָט געמאַכט אויף מאַלעצקין אַ דערדריקנדיקן איינדרוק. ער האָט אויך דערפילט אַ דערלייכטערונג, ווען דער בחור האָט זיך ווידער, נישט אָפּרופנדיק מיט קיין וואָרט, איינגעבויגן און, אַרויסנעמענדיק פון קאַשיק אַ קאַרטאָפליע, זי אָנגעהויבן געשיקט אָפּצושיילן מיט די רויטע הענט, וועלכע זיינען אויך געווען לייכט אויפגעשוואָלן.

אין צימער איז שטיל געוואָרן. דער מאַנצביל ביי דער וואַנט האָט אומטערקרעכצנדיק זיך געמאַטערט אַרויסצובאַקומען די דלאָניעס פון אונטער די שמאַטעס פון דער קאָלדרע. דער טענאָר אויפן הויף האָט אויפגעהערט אַ נייע אַריע. אין דער ווייט האָבן אויפגעריסן איינצלנע, קורצע שאָסן.

מיטאַמאָל האָט זיך די פרוי אָפּגערופן:

— דאָס איז מיין עלטסטער זון, ער איז צוריקגעקומען פון אָשוויענ־טשים.

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. די פרוי האָט געקוקט מיט אַ פאַר־מאַטערטן בליק אויפן בחור, וועלכער האָט זיך פאַרהאַלטן גלייכגילטיק ווי נישט וועגן אים וואָלט געגאַנגען אַ רייד.

— צוויי יאָר איז ער געזעסן. זיי האָבן אים געכאַפּט אין גאַס.

זי האָט זיך באַלד אָנגעהויבן פאָרען אַרום דער קיך און גענומען אי־בערשטעלן די אָנגעשלאָגענע טעפּ און פענדלעך. אין פּליטע האָט איבערייקנס נישט געברענט. אין סוטערינע האָט געהערשט אַן אַדורכנעמענדיקער קעלט ווי אויפן הויף. די זון האָט זיכער אַהער קיינמאָל נישט דערגרייכט.

מאַלעצקי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף אירענען. זי איז שוין פול־שטענדיק געקומען צו זיך, בלויז אַ ביסל בלייכער געוואָרן ווי געוויינ־לעך. זי איז געזעסן אַ ביסל שטייפע, אומנאַטירלעך אויסגעגלייכט, און האָט מיט אירע טונקעלע אויגן אויפמערקזאַם, אָבער נישט גינציק, זיך איינ־

געקוקט אין דער פרוי. יענע האָט ענדלעך אויפגעהערט זיך צו פּאָרען, זיך אויסגעדרייט און צוגעגאַנגען צום זון.

— ס'עט שוין גענוג זיין, קאָושוניו, דאָס דאָזיקע שפּילן — האָט זי ווייך געזאָגט — אויף היינט וועט קלעקן.

דאָ איז פון פאַרן טויער אָנגעלאָפן א שאַרפער, כריפּענדיקער געשריי פון עמעצן פון די זעלנער. דער בחור האָט אויפגעציטערט, זיך אָפּגערוקט פון פענצטער און זיך אינסטינקטיוו איינגעקאָרטשעט אין זיך אַריין. אַן אויגנבליק זיינען זיינע פאַרויטלטע אויגן פאַרבייגעלאָפן מיט א שרעקעוודיקן שיקל איבער מאַלעצקין און אירענען. ערשט דערזעענדיק די מאַמע, האָט ער זיך אביסל באַרואיקט, ער איז פונדעסטוועגן ווייטער געשטאַנען פאַרטייעט אין ווינקל, אומזיכער וואַרפנדיק בליקן אויף די פרעמדע מענטשן.

— לאָמיר גיין! — האָט זיך מאַלעצקי צוגעבויגן צו אירענען.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און גלייכגילטיק, אביסל מיט א טאָן פון פאַראַכטונג, באַדאַנקט פאַר דער גאַסטפריינטשאַפט.

דאָס האָט מאַלעצקין פאַרדראָסן.

— אירענע! — האָט ער א זאָג געטאָן שוין אויפן הויף מיט פיר־האַלט — ווי האָסטו געקאָנט מיט אַזאַ טאָן געזעגענען די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן?

זי האָט אויף אים א בליק געטאָן מיט דער זעלביקער שפּאָטישער קעלט, וואָס אין אָנהייב פון דער באַגעגעניש.

— ס'איז דיר נישט געפעלן מיין טאָן?

— ניין.

אָבער דער האַרבער טאָן פון זיין שטים האָט איר לגמרי נישט צע־טומלט.

— פאַרפאַלן, אַזעלכן, הפּנים, האָב איך שוין.

— אָבער, אירענע!

— וואָס וווּנדערסטו זיך? — האָט זי אים איבערגעריסן שוין מיט אַן אויפגערעגטער שטים. — די דאָזיקע פרוי איז נאָכנישט די אומגליק־לעכסטע. זי מוז נישט שטאַרבן פאַר שרעק, אַז יעדע ווייל קאָן מען דער־שיסן אירע קינדער בלויז דערפאַר, וואָס זיי זיינען אַזעלכע, נישט אַנדער־רע. זי האָט זיי, פאַרשטייסט? זי מעג לעבן. און מיר?

— מיר? — האָט ער אין דער ערשטער רגע נישט פאַרשטאַנען.

— מיר, יידן — האָט זי געענטפערט.

זייער נאָענט האָט זיך דאָס מאָל אָפּגערופן דער קוילנוואַרפער. דאָס האַרמאַטל דערפאַר האָט געקנאַקט פון א ווייטערן טויער.

— אמאָל האָסטו נישט געזאָגט: מיר! — האָט זיך מאַלעצקי שטיל אָפּגערופן.

— איך האָב נישט געזאָגט. אָבער מע האָט מיך אויסגעלערנט. איר האָט מיך אויסגעלערנט.

— מיר?

— איר, די פּאָליאַקן, די דייטשן...

— דו פאַרגלייכסט אונדז?

— איר זענט דאָך אלע אריער!

— אירענע!

— איר האָט עס מיך אויסגעלערנט. ערשט נישט פון לאַנג צוריק האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אלע מענטשן אויף דער וועלט האָבן אונדז תמיד געהאַסט און האַסן אונדז.

— א גוזמא! — האָט ער א ברום געטאָן.

— לגמרי נישט! און אויב אפילו מע האַסט אונדז נישט, איז אין בעסטן פאַל טאָלערירט מען אונדז קוים. זאָג מיר נישט, אַז מיר האָבן פריינט, דאָס דאַכט זיך אַזוי בלויז, אין דער אמתן אָבער האָט אונדז קיינער נישט ליב. אפילו ווען איר העלפט אונדז, איז אויף אן אנדער אופן ווי אנדערע מענטשן...

— אויף אן אנדער אופן?

— בנוגע אונדז מוזט איר זיך אויפצווינגען קרבנווילִיקייט און מיטגעפיל, אלץ, וואָס איז מענטשלעך, גוט, גערעכטיק. אָ, איך פאַרזיכער דיר, אַז ווען איך זאָל קאָנען אַזוי נישט ליב האָבן די יידן, ווי איר האָט זיי נישט ליב, דעמלט וואָלט איך נישט געזאָגט: מיר און איר. אָבער איך קאָן אַזוי נישט פילן און, כ'מוז קיין איינע פון זיי, א יידישקע, וואָרעם וואָס זאָל איך זיין, זאָג!

— דו אליין. — האָט ער דערווידערט, אָבער אָן גרעסערער איבערצייגונג.

זי האָט אים אויפן אָרט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אַזוי געשטאַנען א לענגערע צייט, ווידער שטרייכנדיק איבער דער ערד אומגעזעענע צייכנס. ווי מיטאַמאָל האָט זי אויפגעהויבן צו מאַלעצקין אירע מזרחדיקע, שיינע אויגן און געזאָגט מיט דעם וויכן אקצענט, וואָס פלעגט אנומלט אָפּט אויפקלינגען אין איר שטים:

— כ'בין איך אליין. אָבער די פריילין ליליען פון סמוג עקזיסטירט שוין נישט. מע. האָט מיך באפוילן אין איר צו פארגעסן. האָב איך פאר־געסן.

אין טויער האָט זיך אָנגעהויבן א באוועגונג. אויסנוצנדיק די נייע הפסקה אין דער שיסעריי, האָבן זיך מענטשן ארויסגעכאפּט אויף דער גאַס.

— לאָמיר גיין! — האָט געזאָגט מאלעצקי.

דער דייטשער זעלנער, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואכט אין טויער האָט אונטערגעטריבן די ארויסגייענדיקע זיך צוצואיילן. אין א מינוט ארום האָבן זיך מאלעצקי און אירענע געפונען אויף דער גאַס.

אירענע האָט נישט געקאָנט די געגענטן, איז זי געבליבן שטיין דעז־אָריענטירט. מאלעצקי האָט זי א ציי געטאָן נאָך זיך אין דער ריכטונג פון דער פראנציסקאנער. געציילטע פארבייגייער האָבן זיך דורכגעכאפּט דאָ ארום לענגאויס די מויערן. שאָסן זיינען איצט געפאַלן אייגצלנע און ווייטער. אינמיטן ברוק האָט זיך לאנגזאם באוועגט א מיליטערישער, אָפּע־נער אויטאָ. פון זיינע שטיגלעך האָט א יונגער אָפיציר ארויסגעגעבן אויף א הויך קול באפעלן די זעלנער, וועלכע האָבן זיך גרופּירט ארום דער קארוזעלע.

מאלעצקי און אירענע האָבן נישט באוויזן צוצוגיין צו דער פראנ־ציסקאנער, ווי פון די הייזער פון געטאָ האָבן ווידער אָנגעהויבן פאַלן שאָסן. עס האָט זיי תיכף אָפּגעענטפערט דאָס קעגנפאנצער־האַרמאַטל. א שטרייף פון לייכטנדיקע סניאַראַדן האָט געזעצט אין איינעם פון די נידע־ריקע פענצטערלעך.

מאלעצקי האָט געמאכט שנעלערע טריט.

— שנעלער! שנעלער! — האָט ער צוגעאיילט אירענען.

ווען זיי זיינען צוגעלאָפן צו דער פראנציסקאנער, האָט א געדיכטער ציגלאָפּרביקער וואָלקן פארשטעלט דאָס באָמבארדירטע פענצטער. עס האָבן פון דאָרט ארויסגעזעצט קנוילן רויך. אין דער ערשטער רגע האָט עס געמאכט דעם איינדרוק פון א שרפה. אינצווישן זיינען שוין פון אנ־דערע פענצטערלעך געפאַלן שאָסן. פון עק פראנציסקאנער האָט אין זייער ריכטונג געשיקט א סעריע סניאַראַדן א קוילנוואַרפער.

אויף דער פראנציסקאנער, בלויז אביסל ווייטער, איז געשטאַנען א געזעמל מענטשן, וואָס האָט זיך רואיק צוגעקוקט צום קאַמף. א יאָ־דערדיקער בחור אין א קאָמבינעזאָן, איינגעריכט אין וואפנע, האָט א טאָרקע געטאָן זיין קאָלעגע:

— קוק נאָר, העניעק! דו זעסט דעם דערהרגעטן יידן?

— לאָמיר גיין — האָט א מורמל געטאָן מאַלעצקי.

אירענע איז שטיינגעבליבן און האָט זיך איינגעקוקט אין דער ריכ־טונג, וואָס יענער האָט אָנגעוויזן. ווירקלעך, אין איינעם פון די פענצ־טערלעך, וואָס איז שוין געווען שטארק צעניזוקט פון סנאַריאַדן, האָט זיך געזען א בר־מינן, אריבערגעהאָנגען איבער דער נישע. דער געהרגעטער מענטש איז געהאָנגען פונעם פענצטער ארויס מיטן קאָפּ און מיטן אקסל. פון דער דאָזיקער דיסטאַנץ האָט ער אויסגעזען זייער קליין, כמעט נישט ענלעך אויף קיין מענטשן.

— דו זעסט? — האָט דער בחור אויסגעפרעגט דעם קאָלעגע.

— אהא — האָט יענער אָפּגעענטפערט. — ער הענגט פיין, נייך?

אויף דער ידיעה, אז מע זעט א דערהרגעטן יידן, האָבן מענטשן אָנ־געהויבן זיך זאַמלען און זיך צוקוקן.

אין א געוויסן מאָמענט האָט זיך דורכן עולם דורכגעשטופּט א שוואַך ווייבעלע מיט א גרויסער טאָרבע, אָנגעלאָדן מיט שפּינאַק און רעטעכ־לעך.

— ווו, ווו? האָט זי אָנגעהויבן אויספרעגן, מרושעדיק מיט די אויגן. — איך זע נישט גאָרנישט.

— דאָרט, קעגנאיבער! — האָט דעם ווייבל אינפאָרמירט אן אל־טער אָפּגעריסענער פּאַפּיראָסן־פאַרקויפער. — אָ, אָט אזוי ווי מיין פינגער.

הינטערן עולם, אביסל מן־הצד, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף דער וואַנט פון א רואינירטן מויער א יינגל פון א יאָר זעכצן, א שוואַר־צער, א דאַרער, אין א ספּאָרט־וויאַטרוווקע. מאַלעצקי האָט גוט געקענט דאָס יינגל פון זעען. דאָס איז געווען זיינען א נאָענטער שכן פון ביעלאַן, וולאָדעק קאַרסקי, וועלכער האָט מיט זיין מוטער און א קליינער שוועס־טער געוווינט אין דעם זעלבן הויז, וואָס די מאַלעצקיס. וולאָדעקס פאָ־טער,א מאַיאָר, איז געווען אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. צוליב דער שכנותשאַפט — די קאַרסקיס האָבן געוווינט אַ שטאָק העכער — האָט מאַ־לעצקי דערקענט דעם קליינעם קאַרסקי אלס א בחורל אביסל אן עק־שנותדיקן געניגט צו שטותערייען, וועלכער האָט צוגעצויגן צו זיך א סך קאָלעגן און מיט די אונטערגעקאָוועטע שיך געמאַכט א סך טומל אויף די שטיגן און אין דער וווינונג. ערשט, ווי ער איז דאָ געשטאַנען א בלאַסער, מיט צאָרנדיק צונויפגעצויגענע ברעמען, האָט ער פלוצעם אויסגעזען ווי א דערוואַקסענער. בלויז אין די ליפּן־ווינקלען איז אים

פארבליבן א נאָך קינדערישע גרימאַסע פון פאַרביטערונג. דערווייל האָבן זיך די פאַרזאַמלטע מענטשן געקאָנט צו זעט אָנקוקן דעם בר־מינן, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פונעם פענצטער. בלויז די פרוי מיטן שפּינאַק און די רעטעכלעך האָט גאָרנישט געקאָנט דערזעען.

— ווו, ווו? — האָט זי אומרואיק זיך אויסגעפרעגט, זשמורענדיק מיט די קורצזיכטיקע אויגן.

עמעץ האָט זיך לסוף אויפגערעגט.

— נעם זיך אַרויס אַן אויג, וועסטו אפשר דערזעען — האָט ער געזאָגט.

צווישן דעם עולם האָבן זיך דערהערט געלעכטערלעך. מאַלעצקי האָט זיך צוגערוקט צו אירענען און זי גענומען אונטערן אָרעם.

— קום, אירענע!

אין דער זעלבער מינוט האָט דער עולם, אויפן אָפּהילך פון נעבנטערע שאָסן, גענומען זיך פונאַנדערשיטן. אירענע האָט זיך ענדלעך געלאָזן מיטציען פון מאַלעצקין אין דער טיף פון דער פראַנציסקאַנער. זי האָט זיך אָבער כסדר אומגעקוקט אויף צוריק.

— הער שוין אויף קוקן אַהין! — האָט ער אומגעדולדיק א ברום געטאָן. — צו וואָס?

זיי זיינען שווייגנדיק געגאַנגען מיט א שמאָלן טראָטואַר. אַרום איז געווען א שטופעניש און א רעש. פון דער זייט פון אַלטשטאָט זיינען וואָס ווייטער אָנגעקומען אַלץ פרישע מענטשן, וואָס זיינען טשעקאַווע צו זעען פון דער נאָענט דעם קאַמפּס־פּלאַץ. די קאַנאָנאַדע הינטער די מויערן האָט זיך ערשט צעלאָזט מיטן גאַנצן קנאַק. די עכאָס פון די שאָסן האָבן זיך הויך געשטויסן צווישן די ענג־צוזאַמענגעפּרעסטע הייזער. פון דעכער, פון באַלקאָנען און נישעס האָבן זיך אויפגעריסן טויבן און געשוועבט איבער דער גאַס. צוויי יאַטן האָבן זיך געיאָגט איבערן טראָטואַר אויף רעשיקע הולייפּיס. דער הימל איז געווען כמאַריק. ס'איז געווען א ווינט און א קעלט, און פונדעסטוועגן האָט געשמעקט מיט פרילינג.

ביים סוף פראַנציסקאַנער, נישט דערגייענדיק צום פראַנציסקאַנער קלויסטער ביי דער פרעטע־גאַס, האָט זיך אירענע פאַרהאַלטן.

— ווו זיינען מיר? צוליב וואָס אייגנטלעך גיי איך דאָ?

— וואָס הייסט צוליב וואָס? — האָט זיך מאַלעצקי פאַרחידושט — וועסט פאָרן צו אונדז.

און גלייך האָט ער געפרעגט:

— דו ווייסט אוודאי נישט, אז איך האָב חתונה געהאַט?

— איך ווייס — האָט זי קורץ געענטפערט.

— פון פעליע פּטאַשיצקען?

— יאָ.

זי זיינען געשטאַנען ביים צונויפקום פון פראַנציִשקאַנער מיט דער פּרעטע, פּאַזע א סטראַגאַן מיט פּוטערבלומען און בינטלעך ערשטלינג־בלימלעך. מיט די ביידע גאַסן זיינען געגאַנגען א סך מענטשן. דער רעש און דאָס שטופּעניש האָבן פולשטענדיק געענדערט דאָס אויסזען פון דעם געמיטלעכן און רואיקן אַלטן קוואַרטאַל.

מאַלעצקי האָט זיך צוריקגעצויגן פונעם ראַנד טראָטואַר.

— נו, וואָס?

לויטן אויסדרוק פון אירענעס פּנים איז געווען צו זען, אַז די פּריי־לין ליליען קווענקלט זיך און ווייס נישט, וואָס צו טאָן.

— דו האָסט וועלן צו גיין? — האָט ער געפרעגט.

— דערווייל נישט.

— איז וואָס זשע טראַכסטו? דאָס איז דאָך אַזוי פּשוט.

זי האָט זיך פונדעסטוועגן נישט גערירט פון אָרט.

— באַדענקסט זיך?

מאַלעצקי האָט געפילט, אַז ער מוז איר אויף א וועלכן ס'איז אופן פאַרלייכטערן דעם באַשלוס. נאָר ווייל יעדער גוטער טאַט, וואָס דרינגט אַרויס גיכער פון דעם פליכט־געפיל אײדער פון אמת'ער מענטשלעכער באַדערפעניש, פאָדערט צוואַנג און אָנשטרענג, האָט מאַלעצקי געמוזט זיך אָנטאָן מי, כדי גובר צו זיין דעם עגאָאיסטישן ווידערשטאַנד. און ער האָט, ווי עס געשעעט תמיד מיט מענטשן אין אַזעלכע פאַלן, מיט גוזמא־דיקער האַרציקייט פאַרדעקט דעם אינערלעכן קאָנפליקט. ער האָט גע־דענקט, וואָס אירענע האָט נישט לאַנג פריער געזאָגט, און ס'איז אים שטאַרק געלעגן דערין, אַז זי זאָל נישט אַרויספילן אין זיין פאַרבעטן קיין טאָן פון צוואַנג. אָבער וואָס האַרציקער ער האָט איינגעטעגבהט, אַז זי איז מחויב מסכים צו זיין, אַלץ שטאַרקער האָט ער אָפּגעפילט די אומגליקלעכ־קייט פון זייער קעגנזייטיקן גורל. ער האָט זיך אָפּגעגעבן א חשבון, אַז נאָר דערמלט טוט א מענטש באמת גוטס דעם צווייטן, ווען טוענדיק עס — פילט ער, אַז ער טוט זיך אַליין אויך גוטס.

אירענע האָט צעשטרייט געהערט מאַלעצקיס רייד, דערפאַר אָבער פּלייסיק און אויפמערקזאַם זיך צוגעקוקט צום אויסדרוק פון זיין פּנים. לסוף איז ער אַנטשוויגן געוואָרן א צעמישטער, און אויך אַביסל אויפגע־רעגט מחמת איר פאַרשונדיקן בליק. עס האָט אים א צופּ געטאָן אַן אומגע־

דולדיקייט און געפיל פון ווידערשטאנד. ער איז אנטשוויגן געוואָרן אינ־מיטן זאַץ.

אירענע האָט אומגעריכט אָפּגעווענדט די אויגן.

— גוט, איך וועל פאָרן! — האָט זי א זאָג געטאָן פאר זיך. — ס'איז ווייט?

ער האָט זיך תיכף בארואיקט.

— ווייט! — האָט ער געענטפערט כמעט פריילעך.

ווי נאָר ער האָט דערהערט דעם פרייען טאָן פון זיין שטים, האָט ער דערשפירט אן אומאָנגענעמלעכקייט, ווי ער וואָלט באגאנגען אן אומדע־ליקאטקייט. אירענעס ליידן זיינען געווען נישט זיינע אייגענע, און ער האָט געפילט, אז ער מוז כסדר אכטונג געבן אויף זיך, כסדר קאָנטראָלירן זיינע באוועגונגען און ווערטער, כדי אומבאוווסטזיניק נישט אונטערצו־שטרייכן דעם אונטערשייד צווישן זייערע גודלות.

זיי זיינען ווידער אנטשוויגן געוואָרן. מאַלעצקי האָט אלעמאָל גע־שטעלט שנעלערע טריט, ער האָט אָבער באלד אָנגעהויבן גיין פאמעלע־כער, זעענדיק, אז אירענע איז פארמאטערט, און ס'איז איר שווער אים נאָכ־צוגיין. מיטאמאָל איז אים געקומען אויפן זינען, אז מיט זיין שווייגן קאָן ער אונטערדריקן אירענען דעם צווייפל, צי באדויערט ער שוין נישט צומאָל זיין באשלוס. אין א רגע ארום איז ער נישט געווען זיכער, ווי עס איז אין דער אמתן. אפשר האָט ער זיך ווירקלעך צוגעאיילט? צי האָט ער דאָס רעכט געהאט אויסצושטעלן אנען אויף אזא געפאר? ער האָט שנעל אָפּ־געשטויסן פון זיך דעם דאָזיקן צווייפל, און דערפאר האָט זיך אין אים פארטיפט די אומזיכערקייט.

מיט דער פרעטע־גאַס און ווייטער מיט דער זאקראָטשימסקער האָבן זיך געצויגן אויף די טראָטוארן און אויפן ברוק אַלץ מער מענטשן, וואָס האָבן געאיילט צו די טראַמווייען. די טראַמווייען זיינען מחמת דעם איבע־רייס אין דער קאָמוניקאציע אָפּגעשניטן געוואָרן אין דעם צפונדיקן טייל פון שטאָט און האָבן דאָרט קורסירט אהין און צוריק, ווי אן אומרו פון א זייגער. דער וועג האָט געפירט דורך א קווארטאל, וואָס איז געווען אין שכנות מיטן געטאָ. די אָפּהילכן פון דער שיסעריי האָבן זיך געהערט אָן אויפהער.

ביים פארק, וואָס איז געמאכט געוואָרן אויף די פלעצער פון די אמאָ־ליקע ציטאדעל־פאָרטן האָט זיך אירענע אָפּגערופן די ערשטע:

— ס'איז גוט, וואָס דו האָסט חתונה געהאַט. איך האָב זיך אַמאָל אַביסל געליבט אין דיר, אָבער ס'איז גוט, וואָס דו האָסט נישט געוואָלט מיט מיר חתונה האָבן.

מאַלעצקי האָט געשוויגן. אירענע האָט אויף אים אַ בליק געטאָן מיט אַ לייכטן שמייכל.

מיר ברענגען נישט קיין גליק. סיידן דעמלט ווען מיר האָבן געלט. ער איז געבליבן שטיין אויטאָמאַטיש.

זייער ביטערניש ס'איז דאָ אין דיר, אירענע!

— ביטערניש? — האָט זי זיך פאַרחידושט: פאַרוואָס? דאָס איז דאָך אמת!

—זייער אַ ביטערער.

— בלויז פאַר אונדז. פאַרוואָס זאָל ער פאַר דיר זיין ביטער?

אָבער דאָס מאָל האָט זי קענטיק געוואָלט פאַרווישן דעם אומאָנגענעמען איינדרוק פון אירע ווערטער, וואָרן באַלד האָט זי גענומען אויספרעגן יאַנען וועגן זיין איצטיקער באַשעפטיקונג און בכלל, ווי ער לעבט און גיט זיך אַן עצה. מאַלעצקי האָט בקיצור געענטפערט. זינט אַ יאָר האָט ער געאַרבעט אין אַ געוויסער פירמע, וואָס פאַרמיטלט אין פאַרקויף און איינקויף פון אַלערליי אומבאַוועגלעכע גיטער און פלעצער. אַרבעט, וואָס איז געווען לויז געבונדן מיט זיין פאַך אַלס אַרכיטעקטאָר, האָט ער געהאַט אַ סך, דערפאַר אַ פענסיע נישט צום ערגסטן, וואָס צוזאַמען מיט די פּראָוויזיעס האָט זי אים געקלעקט אויף פרנסה.

— דיין ווייב אַרבעט נישט? — האָט זי אים געפרעגט.

— ניין.

ער האָט אויפן רט געוואָלט אויפקלערן, אַז נישט לאַנג צוריק האָט זי געאַרבעט אין דער זעלבער פירמע, וואָס ער, נאָר איצט, ווייל זי דערוואַרט איינגיכן אַ קינד, האָט זי די אַרבעט געוואָרפן. אָבער אין לעצטן אויגנבליק האָט ער באַשלאָסן נישט צו דערמאָנען וועגן דעם. און ווידער האָט ער פריקרע אָפּגעפילט זיין נישט אויפריכטיקייט לגבי אירענען — און דיין קלויסטער? — האָט פריילין ליליען געפרעגט.

ס'האָט אים הנאה געטאָן, וואָס זי האָט געדענקט וועגן זיין דאָזיקער אַרבעט. צום באַדויערן איז ער שוין פון פאַראַיאָרן זומער אָן נישט געפאָרן קיין גראָטביצע, ווייל צוליבן פעלן פון אַנטשפּרעכנדיקע פאָנדן האָבן די ווייטערע רעסטאַווריר־ און קאָנסערוויר־אַרבעטן געמוזט אָפּגעלייגט ווערן אויף בעסערע צייטן. ער איז פונדעסטוועגן לעבעדיקער

געוואָרן און מיט איבערגענומענקייט געגומען דערציילן, וואָס ער האָט ביז יענער צייט אויפגעטאָן אין דעם אלטן קלויסטער.

— דו ביסט פאַרבייגעפאָרן דורך קראָקע? — האָט אירענע פלוצעם א פרעג געטאָן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרלייקענען. און דער שמועס, וואָס איז שוין גוט געגאַנגען, איז זיך עפעס פונאַנדערגעפאַלן.

מחמת זיי האָבן זיך, גייענדיק צו די טראַמווייען, דערנענטערט צום מוראַנאָווער געטאָ־טייל, האָבן די אָפּהילכן פון שאָסן און דער קנאַל פון קוילנוואַרפערס דערגרייכט אַלץ העכערער. קענטיק, אַז אויך אין דעם געטאָ־טייל זיינען פאָרגעקומען פאַרביסענע אויפשטאַנד־קאַמפן.

זיי זיינען איצט געגאַנגען שווייגנדיק דורך א פרייען שטח צווישן א לייכט גריבעוודיקן פאַרק און די ציגלענע פּאַרטן פון דעם אלטן ציטאַדעל. פונווייטן האָבן זיך שוין געזען די מויערן פונעם געטאָ, פון היגטן, פון דער זייט פון דער ווייסל, האָט געבלאָזן א שאַרפער קאַלטער ווינט.

— ווי הייסט דיין פרוי? — האָט אירענע געפרעגט.

ער האָט א ציטער געטאָן, לייכט צעטומלט.

— אַנע.

— א שיינער נאָמען.

און אין א מינוט ארום, ווי זי וואָלט וועלן רעדן בלויז, כדי נישט צו הערן די קאַנאָנאַדע, וואָס דערנענטערט זיך, האָט זי ווידער געפרעגט:

— דיין פרוי וועט זיך זיכער פאַרוואונדערן, ווען זי וועט מיך דערזען?

— ווייס איך! — האָט ער תיכף דערווידערט מיט א ביסל איבער־געכאַפּטער זיכערקייט.

— איך האָב אנען א סך דערציילט וועגן דיר.

— זי וועט זיך זיכער נישט וווּנדערן — האָט ער אין א ווייל ארום איבערגעחזרט.

ער האָט, פאַרשטייט זיך, א טעות געהאַט, וועגן וועלכן ער האָט אגב געוווּסט. דאָס לעצטע, וואָס די פרוי מאַלעצקי האָט היינטיקן טאָג געקאָנט דערוואַרטן, איז געווען דאָס באַקענען די פרייליין ליליען.

ווייסנדיק, אַז מאַלעצקי דאַרף פריער אהיימקומען, איז זי געווען אומ־רואיק צוליב זיין אָפּוועזנהייט, וואָס פאַרציט זיך. און אַז וולאָדעק קאַר־סקי איז צוריקגעקומען און האָט מיט איבערגענומענקייט, מיט א ביסל גוזמא אפילו דערציילט, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט, האָט זי נישט גע־קאָנט איינזיצן אין שטוב און איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דעם עקסטן אָפּשטעל־פונקט פון די טראַמווייען.

זי איז אהין צוגעקומען פונקט, ווען מאַלעצקי מיט אירענען זייַנען אויסגעשטיגן פון אַן איבערגעפולטן וואַגאָן. זי האָט זיי דערזען פון דער ווייטן. זי האָט תיכף אַ טראַכט געטאָן, אַז די הויכע שיינע פרוי אין באַגלייטונג פון דעם מאַן מוז זיין אַ צופעליק באַגעגנטע אין טראַמווײַ. זי איז זיכער געווען, אַז יאָ, דערזעענדיק זי אַן אָפּוואַרטנדיקע ביים ראַנד פון שאָסיי, וועט זיך גלייך מיט יענער געזעגענען און צוקומען אַליין. נאָר ווייל זי האָט איבערגעלעבט לאַנגע שעהן פון אומרואיקייט און אַבדערש זיך פאַרגעשטעלט די באַגערטע מינוט פון באַגעגעניש, האָט דער אומגעריכטער פּרט צעשטערט אין איר די גאַנצע פרייד. אַלע איבערטראַכטעניש און וועגן יאַנען האָבן זיך איר אויסגעוויזן לעכערלעך און איבעריק.

אינצווישן האָבן די מענטשן מאַסנווייז און אייליק פאַרלאָזט דעם טראַמווײַ. צווישן דעם עולם, וואָס האָט פּלוצעם אַ שוויבל געטאָן אַרום דעם אָפּשטעל־פּונקט פון טראַמווײַ, האָט די פרוי מאַלעצקי פאַרלוירן יאַנען פון די אויגן. אויפן שאָסיי זיינען גראַד פאַרבייגעפאָרן מיט ברעזענט געדעקטע מיליטערישע משא־אויטאָס. טומאַנען ווייסער שטויב האָבן זיך אויפגעהויבן איבערן וועג.

די אויטאָ־ריי איז געווען אַ לאַנגע. די פּלאַטפאָרמעס האָבן שווער הילכנדיק זיך אַריבערגעוואַלגערט איינע נאָך דער אַנדערער, און עס זייַנען אַריבער גוטע עטלעכע מינוט איידער דער עולם, וואָס האָט געוואַרט ביים אָפּשטעל־פּונקט, האָט געקאָנט זיך אַריבערבאַקומען איבערן וועג.

מאַלעצקי האָט נישט דערוואַרט, אַז אַנע זאָל אַרויסגיין אים באַגעגענען. ער איז געגאַנגען פאַרטאָן אין געשפּרעך מיט אירענען, נישט אַרומקוקנדיק זיך, און ער וואָלט אַמזיכערסטן געווען אויסגעמיטן די פרוי, נישט באַמערקנדיק זי, ווען זי וואָלט נישט, גובר זייענדיק אין זיך דעם יודערשטאַנד, אַ מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט. ער האָט זיך גלייך פאַרהאַלטן.

— אָ, אָט איז אַנע! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו אירענען.

אָבער די פרייד האָט זיך אין אים גלייך אויסגעלאָשן, ווען ער האָט באַמערקט, אַז אַנע טראָגט דאָס אַלטע, פיל מאָל איבערגעמאַכטע קלייד אין אַרבעסלעך, וואָס ער האָט נישט ליב געהאַט. אין פאַרגלייך מיט דער שטאַלטנער אירענען האָט זי אים אויסגעזען אָרעם און אָפּגעלאָזן. ער האָט געוווסט, אַז די פּריילן ליליען גיט צו אַ גרויסע באַדייטונג דעם אויסערלעכן אויסזען פון פרויען. געהערנדיק צו די מאַנצלייט, וואָס אַ

באשטעטיקונג פאר זייערע געפילן זוכן זיי גערן ביי זייטיקע מענטשן, האָט ער געגאַרט, אַז אַנע זאָל מאַכן אויף אירענען דעם אַמבעסטן איינדרוק. דערפאַר האָט ער די שולד פאַר זיין מעגלעכער אַנטוישונג תיכף אַרויפגעלייגט אויף אַנען. ער האָט ליידער נישט געקאָנט אַרויסקריגן פון זיך קיין וואַרעמקייט, ווען זיין אַמביציע איז געווען אָנגערירט.

דערווייל זיינען זיי צוגעגאַנגען צו דער פרוי מאַלעצקי. זי איז געווען בפירוש צעטומלט.

— דו וואַרטסט שוין לאַנג? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

מאַלעצקי האָט ווי תמיד אין שווערע סיטואַציעס זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן זיין אומצופרידנקייט דורך פרייער האַלטונג.

— איך האָב דיר געבראַכט אַ גאַסט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ קינצלעך האַרציקן טאָן — דאָס איז אירענע לילען...

סטעפאן אַטורינאַוזסקי

אין א פּסח-נאַכט

צווייטער אקט

אַ זייטיק געסל פאַרן קאַשטשאַל. די פיגור פון הייליקן יוזעף. אין פּערספּעקטיוו — דער קאַשטשאַל-מויער. אַוונט. עס קומען אַרויס סטאַניסלאַוו און טוואַרדאָווסקי

סטאַניסלאַוו:
אפשר וואָלטן מיר זיך צוגעזעצט. דאָ איז רואיק. אָט שטייט עפּעס אַ בענקל. אַ וואַרעמער אַוונט.

טוואַרדאָווסקי:
אַ באַנק? יאָ, די באַנק פון הינטער דעם קאַשטשאַל-מויער. אַ וואַרעמער אָוונט... איר האָט ליב אַזאַ שטימונג. לאָמיר זיך צוזעצן. איך וועל אייך באַלד מער איבערגעבן! (מיט אַ שטילער שטים) אַלץ איז אויף אַ גוטן וועג. אַלץ איז גרייט. און אפשר פון דעם... יאָ, עס הייבן אָן צו פּאַסירן זאַכן (האָרכט זיך איין) זיי זיינען שוין דאָ, יאָ, זיי זיינען שוין דאָ.

(פון ערגעץ ווייט הערט זיך ווי אַ וואָרטשען פון אַן עראָפּלאַן).

סטאַניסלאַוו:
אפשר וואַרט איר דאָ אויף עמעצן. וועל איך... (שטייט אויף פון דער באַנק).

טוואַרדאָווסקי:
באַלד, באַלד, נאָך אַ רגע שטילקייט.

סטאַניסלאַוו: (אין אַ רגע אַרום):
אפשר וועל איך אייך שטערן, איר, דאַכט זיך, וואַרט אויף עמעצן.

טוואַרדאָווסקי: (ווי צו זיך):
צי איך וואַרט אויף עמעצן? גיכער וואַרט איך אויף עפּעס. און איר וואַרט אויך. און מיר אַלע וואַרטן.

סטאַניסלאַוו:
אַנטשולדיקט. איך ווייס נישט גענוי.

טוואַרדאָווסקי:
גענוי? ניין, מיין הער. קיינער ווייסט נישט גענוי. באַלד, באַלד. (ער האָרכט זיך ווידער איין). יעדער געדאַנק האָט נישט־פּאָרויס־געזעענע פֿאָלגן. פֿון קלענסטן טאַט קאָן געבוירן ווערן די פּאָרזע־צונג... יעדער פֿון אונדז טראָגט אין דער נשמה דעם שפּראָץ פֿון די קומענדיקע גרענעצן. אויב איר ווילט פּאַרבעסערן... באַלד, באַלד (האָרכט זיך איין). איר קאָנט דאָס?

סטאַניסלאַוו:
איך קאָן דאָס.

טוואַרדאָווסקי:
יאָ, איך ווייס צו וועמען איר רעדט. איר פֿילט אַפּ די זאַכן, וואָס קאָנען זיין. אמת? איר פֿאַרשטייט מיך. זאַכן וואָס קאָנען זיין. איך גלייב אין זיי אַזוי ווייט, אַז איך זאָג אָט וואָס: זאַכן, וועלכע... און אויב דאָס אַלץ איז אַפּילו אומזיסט — צי האָבן זיי אַן אַנדער'ן אויסוועג? די סקעפּטיקער וועלן זיי ראָמן עפּעס בעסערס? צי ווייסן רואיקע און נאַרישע מענטשן, וואָס עס איז אַזוינס פּאַר־צווייפֿלונג און וואָס עס איז האָפֿענונג? און מיר, וואָס זאָלן מיר טאָן? וואָס, צומאַכן די אויגן און אויערן? נישט הערן, נישט זען — צי קאָן מען נישט זען די פֿאַרצווייפֿלונג? און וואָס, אפשר טראַכט איר אויך אַזוי, אַז פֿאַרצווייפֿלונג האָט קיין שום באַדיי־טונג נישט, אַז פֿאַרצווייפֿלונג וועט גאָרנישט איבערלאָזן נאָך זיך... ניין, מיין הער, מע טאָר נישט אומקומען אָן קיין געשריי, מע טאָר נישט אומקומען אָן האָפֿנונג, אָן אַ צוואה... דאָ, מיין הער, וועט זיין אַ קליינע שלאַכט, אָבער דאָ וועט נישט זיין שטיל. דאָ וועט נישט זיין קיין שחיטה. אַ שחיטה איז פֿאַר בהמות. ווייטיק, פֿאַר־צווייפֿלונג, האָפֿנונג זיינען מענטשלעך. דאָס געשריי וועט גיין דורך דורות. באַלד, באַלד... אַ רגע. איר האָט געזען אויפֿן מאַרק קאָש־ציושקאָס דענקמאָל? דאָס איז מיין איניציאַטיוו אין דעם שטעטל.

סטאַניסלאַוו:

קאָסציושקאָ?

טוואַרדאָווסקי:

דעמלט איז אויפֿגעשטאַנען אַן אַנדער פֿאָלק, נאָר אויב אויך דאָס פֿאָלק וועט אויפֿשטיין, וועט עס זיין אַ פֿאָלק פֿון דער זעלבער קולטור, פֿון דער זעלבער געשיכטע. (דאָס וואָרטשען פֿון אַוראָ־פֿלאַן דערנענטערט זיך) באַלד... באַלד.. וואַרט דאָ צו אויף מיר... איר קאָנט נויטיק זיין. אָדער ניין, באַהאַלט זיך... אָבער וואַרט דו צו אויף מיר, איך וועל זיך נאָך אַהער אומקערן... (גייט אַוועק).

סטאַניסלאַוו איז אַ מאָמענט אַליין. פֿון יענער זייט, ווו טוואַרדאָווסקי איז פֿאַרשוווּנדן, באַווייזט זיך שיצינסקי.

סטאַניסלאַוו:

דאָ בין איך, דאָ, מיין הער.

שיצינסקי:

ווער איז דאָס? אַך, דאָס זייט איר?

סטאַניסלאַוו:

דאָס בין איך, לאַסקי. איך וואַרט אויף טוואַרדאָווסקין. עס האָט זיך מיר טאַקע געדאַכט, אַז דאָס איז ער.

שיצינסקי:

אַ טונקעלער אָוונט.

סטאַניסלאַוו:

אַ טונקעלער אָוונט, ער זאָגט אַ סך אָן.

שיצינסקי:

זאָגט אָן? איר זענט געוויס זייער עמפּינדלעך.

סטאַניסלאַוו:

טוואַרדאָווסקי זעט עפּעס פֿאַר. עס דאַרף עפּעס געשען. איך האָב אים געטראָפֿן. ער איז געווען אין שטאַרקער שפּאַנונג. יאָ, קאָן זיין אין אַן אָנשטענדיקער שפּאַנונג. אפֿשר וועט אויף אַן אמת עפּעס געשען.

שיצינסקי:

אין זיין קאָפּ געשעט שטענדיק עפּעס. ער אימאַגינירט. אַ מעכטי־קער אָנשטענדיקער אימאַגינאַטאָר.

סטאַניסלאַוו:

נו, מיינט איר, אַז דאָס איז בלויז אין זיין קאָפּ? אַז דאָס איז גאָרנישט? אַז מע דאַרף זיך איבערהויפּט אויף גאָרנישט ריכטן?

שיצינסקי:

דערווייל...

סטאַניסלאַוו:

דערווייל דאַרף מען בלייבן ביי דאָס זייניקע, ביי די אַלע קאַש־מאַרן, פאַר וועלכע עס איז נישט פאַראַן קיין שום לייטערונג. איך האָב טאַקע געוואָלט מיט אייך רעדן. איך האָב זיך נעכטן און היינט שטאַרק געמאַטערט. אין אָוונט זיינען עפּעס געווען בעסערע מי־נוטן. איך האָב זיך אין דער היים נישט געקענט קיין אָרט געפי־נען. נו, איר מיינט, אַז טוואַרדאָווסקי איז אַ פאַנטאַזיאַר?... בלויז אין די אייגענע ליידן.

שיצינסקי:

וואָס וואָלט געדאַרפט געשען? און אַז אפילו יאָ דאַרט עפּעס? וואָס גייט דאָס אונז אָן?

סטאַניסלאַוו:

— אַז עס הייבט אָן עפּעס צו געשען אין אַלגעמיין. טוואַרדאָווסקי איז אַן אימאַגינאַטאָר, ער איז געגאַנגען עפּעס אנטקעגן, האָט גע־דאַרפט צוריקקומען און קומט נישט.

שיצינסקי:

וואַרט צו, איך גיי צום דאָקטאָר.

סטאַניסלאַוו:

לויט ווי מע האָט זיך נעכטן אָפּגערעדט.

שיצינסקי:

אַזוי־פיל קאָן איך טאָן. אַליין זיך צו באַרואיקן. אַ גוטע נאַכט.

סטאַניסלאַוו:

אַ גוטע נאַכט!

שיצינסקי:

יאָ, דער צווייטער טאָג פּסח. וואַרט צו אויף טוואַרדאָווסקין. (גייט אַרויס).

(גייענדיק פאַרזיכטיק באַווייזט זיך אין געסל עווא.)

סטאַניסלאַוו: (שעפּטשענדיק):

זייט אַזוי גוט, איך בעט אייך, עווא!

עווא:

ווער? ווער רופט דאָס?

סטאַניסלאַוו:

דאָס בין איך, האָט נישט קיין מורא, דאָס בין איך דאָך סטאַניס־לאַוו לאַסקי...

עווא:

ניין, ניין... איך קען אייך נישט.

סטאניסלאוו:

וואס הייסט, איר געדענקט נישט... מיר זיינען דאך דעמלט דא געווען. דא, עווא.

עווא:

וואס ווילט איר פון מיר?

סטאניסלאוו:

איך בין דר. פּושיפּקאָווסקיס שוועסטערן־זון. איר ציטערט... איך האב אייך איבערגעשראָקן...

עווא:

דער דאָקטאָר איז אין דער היים?

סטאניסלאוו:

יאָ, זיי וואַרטן דאָרט אויף אייך. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז איר וועט נישט קאָנען קומען. איך בין ספּעציעל אַרויסגעגאַנגען נאָך אייך.

עווא: (אין אַ מאָמענט אַרום):

יאָ, דאָס זענט איר... איך דערמאָן זיך... איך ווייס נישט וואָס צו טאָן... ווידער שרעקלעכע זאַכן.

סטאניסלאוו:

נייע זאַכן.

עווא:

מיין ברודער שמואל...

סטאניסלאוו:

וואָס איז געשען

עווא:

פון נעכטן אָן — אין אַ שרעקלעכער אויפגערייצטקייט. פון נעכטן אָן — ווי אין היץ. דאָס איז געווים היץ און נערוועזקייט. איר ווייסט נישט, וואָס דאָרט הויבט זיך אָן צו טאָן?

סטאניסלאוו:

מען דאַרף אים ראַטעווען.

עווא:

ער וויל זיך נישט ראַטעווען.

סטאניסלאוו:

איר האָט דאָך נעכטן... איך קאָן דעם גאַנצן פּלאַן.

עוואַ:

דאָס איז בלויז געווען מיין פּלאַן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געוואָלט ראַטעווען.

סטאַניסלאַוו:

איך האָב אין וואַרשע אַ וווינונג. איך בין ספּעציעל נאָך אים אַרויסגעקומען. איך האָב דאָס אייך געוואָלט זאָגן.

עוואַ:

ער וויל נישט קיין שום הילף. ער זאָגט, אַז ער קאָן דאָ אומקומען צוזאַמען מיט אַלעמען. ער איז פאַרמישט אין עפּעס אַ פאַרשווערונג... זיי ווילן, אַז דאָ זאָל זיין אַ געשריי. קיינער האָט נישט קיין רעכט אומצוקומען אין דער שטיל און נישט צו אַנטלויפן! אין געהיים. עס דאַרף זיין אַ גרויסע ליטערונג פון בשותפותדיקן בלוט אין אַ גרויס קאָלעקטיוו געשריי. זיי גייען צו הילף וואַרשע. עס דאַרף זיין אַ געשריי, אַ גרויס געשריי (פונדערווייטנס ענלעך צו אַ געשריי. ווערט העכער, וואַקסט אויפן גרונט־מאָטיוו פון „וואַרשאַוויאַנקע").

עוואַ:

איר הערט, איר הערט?

סטאַניסלאַוו:

מוזיק, געזאַנג, געזאַנג — נישט בלויז אַ געשריי

עוואַ:

וואָס וועט דאָ זיין?

סטאַניסלאַוו:

עפּעס וואָלט געקאָנט זיין, וואָס איז שוין.

עוואַ:

עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

סטאַניסלאַוו:

עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

עוואַ:

שמואל... שמואל... דאָס איז שוין זיין סוף. שמואל...

לויפט אין דער זייט פון די געשריין, וועלכע גייען איבער אין אָפּקלאַנגען פון קאַמף. סטאַניסלאַוו לויפט נאָך עווען. די סצענע איז נאָך סטאַניסלאַווס אַרויסגיין אַ מאָמענט ליידיק. נאָך די אָפּקלאַנגען, אַ לענגערע שטילקייט. בעת דער שטילקייט פלאַקערט אויף פונדערווייטנס אַ שריפה, ווי אַ פאָן צו דער פיגור פון הייליקן יוזעף. עס קומט אַרויס אַ כאָר פון נזירות.

ערשטע נזירה: (קניט פאַר דער פיגור פון הייליקן יוזעף):

הייליקער יוזעף!

(ווידער שטיל)

צווייטע נזירה: (קניט לעבן דער ערשטער):

הייליקער...

(אַנדערע נזירות אויך אַזוי. עס קומט אויף אַ תפילה.)

כאָר פון נזירות:

גליקלעך איז, וועד ס'האָט יוזעף דעם פּאַטראָן אויסגעווילט פאַר זיין באַשיצער. זאָל ער פאַר גאָרנישט קיין מורא האָבן, ווען דער הייליקער יוזעף שטייט ביי אים — ער וועט נישט אומקומען.

אין דעם מאָמענט דערגרעכטערט זיך אַ גייע סעריע שאָסן. די תפילה ווערט שטילער. ווידער שטיל אין דערוואַרטונג.

ערשטע נזירה:

איר האָט געהערט?

צווייטע נזירה:

אפשר איז דאָס בלויז צו די יידן? הייליקער יוזעף...

ערשטע נזירה:

דער הייליקער יוזעף איז אויך געווען אַ ייד, פאַני. אַזוי קאָן מען נישט, מע טאָר נישט, מע האָרף תפילה טאָן פאַר אַלעמען.

כאָר פון נזירות:

אין דיין שוץ גיבן מיר זיך איבער...

פאַרבייגייער:

אַנטלויפט, אַנטלויפט, זיי זיינען שוין אויפן מאַרק.

צווייטער פאַרבייגייער:

ווייבער, שטייט נישט דאָ!

ערשטע נזירה:

פאַניע, וואָס איז דאָ? וואָס טוט זיך דאָ אייגנטלעך?

דריטער פאַרבייגייער:

קאָסציושקאָ, קאָסציושקאָ... יאָ, ווי אין קאָסציושקאָ־יאָר. אַ גרויסער טאָג! אַ גרויסע נאַכט!

צווייטע נזירה:

ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון דענקמאָל.

דריטער פאַרבייגייער:

זיי גייען... זיי גייען... אויף וואַרשע גייען זיי. עס הייבט זיך אָן. עס הייבט זיך אָן. די יידן פירן.

פירטער פאַרבייגייער:

אַלע מענער צו דער גרינער גאַס! גאָך מיר!

(די מענער לויפן אַרויס)

ערשטע נזירה:

אונזער זאך איז תפילה צו טאָן.

צווייטע נזירה:

לאָמיר תפילה טאָן...

כאָר פון נזירות:

לאָמיר תפילה טאָן.

א שעפּטשען פון א תפילה און א שטילקייט. אין א מאָמענט
אַרום קומט ארויס א בירגער

בירגער:

נו, דאָ איז ווי עס איז רואיקער.

צווייטער בירגער:

וואָס טוט זיך דאָ אייגנטלעך?

(עס קומען זיך צוזאַמען אַ גרופּע בירגער.)

זאַכלעכער בירגער:

נאַטירלעך, מע דאַרף זיך עס אויפקלערן, באַהערשן. עס איז געשען.

ערשטער בירגער:

וואָס איז דאָ אייגנטלעך געשען?

פּאַטעטישער בירגער: (לויפט אַריין):

בירגער! איר האָט געזען, איר האָט געהערט?!

כאָר פון בירגער:

מיר האָבן געהערט, מיר האָבן געהערט!

זאַכלעכער בירגער:

מע דאַרף אויפקלערן.

פּאַטעטישער בירגער:

טייערע בירגער, עס איז געווען אזוי.

זאַכלעכער בירגער:

איר האָט געזען?

פּאַטעטישער בירגער:

איך האָב אַלץ געזען, פון אָנפאַנג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער קרוטקע־גאַס. דורך דער קרוטקע האָבן זיי זיך געדאַרפט דורכשלאָגן אויפן וואַרשעווער טראַקט.

כאָר פון בירגער און נזירות:

יידן?... יידן?...

פּאַטעטישער בירגער:

יידן. פרויד האָט מיט זיי אָנגעפירט.

זאַכלעכער בירגער:

וועלכער פּרויד?

אַ שטים פון די מאַסן:

וואָס הייסט, פאַניע, איר זענט נישט קיין היגער?

זאַכלעכער בירגער:

ווי אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן?

פּאַטעטישער בירגער:

דער אָנהויב איז געווען אין אַפּאָקאַליפּס. איר דאַרפט לייענען די שריפטן.

אַ שטים פון די מאַסע:

זאָגט, וואָס איז געווען אין הער שטאָט.

פּאַטעטישער בירגער:

עס זיינען אָנגעקומען די שאַוליסטן אונטער דער אָנפירונג פון די דייטשן, האָבן גענומען אַרומרינגלען... זיי האָבן געוואָלט אַרומרינגלען, אויסקוילען אַלע יידן.

אַ שטים פון די מאַסע:

ווער זיינען דאָס די שאַוליסטן?

פּאַטעטישער בירגער:

מענטשן אָן אַ שום נאַציאָנאַליטעט, פאַרטעטער פון די פאַרבינדעטע פעלקער, נישט באַוווסטזיניקע, ווילדע, מיט די דייטשן פאַרברודערט.

עס לויפט אריין א נייער פארביגייער.

פאַרבייגייער:

מענער, נישט שטיין דאָ. ווער עס וויל העלפן — אויף דער גרינער גאַס!

פרויען:

און ווו קעמפן זיי נאָך?

פאַרבייגייער:

אויף דער גרינער גאַס און אויפן מאַרק.

שטימען:

צו דער גרינער! צו דער גרינער!

(די מענער לויפן אַרויס. אין אַ מאָמענט אַרום קומט אַהיין אויף דער סצענע סטאַניסלאַוו.

סטאַניסלאַוו:

און דאָ וועט זי דאָך אויך נישט זיין.

צוויי פארבייגייער פארלויפן אים דעם וועג.

ערשטער פארבייגייער:

גייט נישט אין דער זייט פון מארק. איר וועט נישט ווייט דערגיין, דער מארק איז ארומגערינגלט.

סטאניסלאוו:

וואס טוט זיך אויפן מארק?

צווייטער פארבייגייער:

איצט שוין נישט קיין סך, עס איז שוין אלץ געשען.

סטאניסלאוו:

אויפן מארק? איר האט דארט געזען?...

ביידע פארבייגייער:

מיר האבן אלץ געזען.

ערשטער פארבייגייער:

עס איז געווען אזוי, עס האט זיך אנגעהויבן פון דער קרוטקע־גאס. די שאוליסטן זיינען געקומען צו פארן איבערגענומען די וואך ביי אונזערע פאליציאנטן.

צווייטער פארבייגייער:

מארגן האבן זיי געדארפט אויסענדיקן דאס גאנצע געטא. זיי האבן נאר געווארט אויפן ווייטערדיקן טראנספארט. אבער אינעווייניק האט זיך באלד אויפגעהויבן א גערודער. איידער וואס — און א מייל פארמירטע לויפט שוין באזעצן דעם ארויסגאנג הינטער דער קרוטקע־גאס. די ערשטע זיינען באלד אוועק אויפן טראקט.

סטאניסלאוו:

וואהין?

ערשטער:

אויפן ראדזימינער טראקט, צום וואלד.

צווייטער:

דער אלארם איז געווען א סך שפעטער. שפעטער האט זיך אנגעהויבן די שיסעריי. ווען מע האט פארשטעלט די קרוטקע־גאס, האבן זיי געפרואווט זיך עפענען א וועג דורכן מארק. שמואל פרויד האט אנגעפירט. איר האט געדארפט זען, ווי ער האט זיך געדרייט, געבויגן. אויף אונדזערע אויגן האט ער אוועקגעלייגט פיר דייטשן.

ערשטער:

פינף.

צווייטער:

זיי האבן אים ארומגערינגלט ערשט ביים ברונעם. נאך ביי דעם ברונעם איז געווען א קאמף.

ערשטער:

צווישן דעם ברונעם און דעם דענקמאָל. צום סוף איז נישט געווען קיין אַנדערער אויסוועג... ער איז אַריינגעשפּרונגען אינעם ברונעם.

סטאַניסלאַוו:

ער איז דערטרונקען געוואָרן?

צווייטער:

ער איז אַריינגעשפּרונגען אינעם ברונעם. דאַכט זיך, אַז ער האָט נאָך פון דאָרט געשאָסן. דאָרט איז נישט פאַראַן קיין סך וואַסער, אָבער ער איז אַוודאי דערטרונקען געוואָרן. זיי וועלן דערהרגענען. אויפן מאַרק איז נישטאָ וואָס צו גיין.

די פאַרביי‏גייער גייען אַרויס. עס קומט אַריין שיצינסקי:

שיצינסקי:

ווער איז דאָס? ווער איז דאָס? (מיט אַ געענדערטער שטים) וואָס ווילט איר פון מיר, איך האָב דאָך גאָרנישט, איך האָב דאָך גאָר־נישט...

סטאַניסלאַוו:

פּראָפעסאָר, וואָס איז, איר דערקענט מיך נישט?

שיצינסקי:

אַ־אַ! דאָס זענט איר... לאָמיר אַנטלויפן... לאָמיר אַנטלויפן! שרעקלעכע זאַכן האָבן זיי אָנגעמאַכט, די פאַרשאָלטענע יידן. דאָ וועט זיין אַ שחיטה.

דאָ וועט זיין אַ שרעקלעכע שחיטה.

סטאַניסלאַוו:

וווהין לויפט איר?

שיצינסקי:

וואָס ווייטער פון דעם אַלעמען.

סטאַניסלאַוו:

איך וועל דאָ בלייבן.

שיצינסקי:

יאָ, איר וואַרט אויף דעם משוגענעם. טוואַרדאָווסקי, טוואַרדאָווסקי איז אין דעם אַלעם שולדיק. דאָס איז זיין אויפטו.

סטאַניסלאַוו:

ניין, איך וואַרט דאָ אויף עמעצן אַנדערש. מיר האָבן געזאָלט העלפן...

שיצינסקי:

וואָס? — דער יידישקע? ניין, איך בין נישטאָ! (אַנטלויפט)

אויף דער סצענע סטאַניסלאַוו אַליין. מאַכט עטלעכע טריט אין דער ריכטונג פון פאַרשווונדענעם שיצינסקי, דערנאָך קערט ער זיך אום, גייט אין דער קעגנדיקער ריכטונג. אין דעם מאָמענט שאָסן אין דער נאָענט. עס לויפט אַריין עווא אַ סאַפּנדיקע, דערקענט סטאַניסלאַוון. סטאַניסלאַוו און עווע גייען אַראָפּ פון דער סצענע. דער שריפה-אָפּשיין אונטערן דענקמאָל פון הייליקן יוזעף פאַרגרעסערט זיך. אויף דער סצענע לויפן אַריין דייטשן.

פ אָ ר ה אַ נ ג.

(פראַגמענטן פון דריטן אקט

אין סטאַניסלאַווס צימער אין וואַרשע.

מוואַרדאָווסקי: (לייענט שטיל).

פסח, יאַר 1943. די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנטיילנעמער האָבן זיך געשטעלט פאָלגנדיקע ציילן: דער ערשטער: די פאַרטיידיקונג פון דער פּערזענלעכער און נאַציאָנאַלער ווירדע, אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דער גאַנצער וועלט. די פוילישע יידן זיינען נישט געגאַנגען צו דער שחיטה, ווי אַ סטאַדע שאָף; דער צווייטער: די פוילישע יידן האָבן דעמאָנסטרירט די איינקייט פון זייערע ציילן און פון זייער גורל מיטן פוילישן פאָלק און מיט דער פוילישער ערד. און צום סוף אַ רעאַלער ציל: אַדורכרייסן דעם קאָרדאָן און אַרויס־קריגן זיך אויף דער וועלט. די פרייהייט האָבן געוואונען מער־ווייניקער פינף טויזנט מאַן בלויז אין וואַרשע. אַנדערע קלענערע אַקציעס אויף דער פּראָווינץ פון דער הויפטשטאָט פאַרגרעסערן די ציפער מיט נאָך טויזנט. פון אונדזער שטעטל האָבן זיך דערשלאָגן צום וואַלד העכער הונדערט צוואַנציק מאַן. איך בין מיט זיי אין שטענדיקער פאַרבינדונג. יאָ, דאָס זיינען די ציפערן און די פאַקטן, פון וועלכע מע וועט קענען מאַכן אַן אויספיר, ווי אַן אָנשפּאַר פאַר די, וואָס קעמפן און פאַר דער געשיכטע.

עווא:

הונדערט צוואַנציק מאַן פון אונדזער שטעטל...

מוואַרדאָווסקי: (באַהאַלט דאָס נאָטיץ־ביכל אין דער קעשענע):

אַן ענטפער די סקעפּטיקער.

סטאַניסלאַוו:

און וואָס איז מיט שיצינסקין?

טוואַרדאָווסקי:

אויף איין מאָמענט איז ער באַהערשט געוואָרן פון פחדנות. ער איז אַנטלאָפן פון שטעטל און זיך אַ סך טעג אויסבאַהאַלטן נישט ווייסנדיק פאַר וואָס. אָבער איצט האָט ער זיך שוין אומגעקערט. אומגעקערט זיך צו זיך, צו זיין אומגלויבן. נאָר מיט מיר וויל ער זיך נישט טרעפן. וואַרשיינלעך צוליב פחדנות, צוליב אַן אַנדערער מין פחדנות.

עווא:

ער וווינט אין שטעטל?

טוואַרדאָווסקי:

יאָ. ער איז בכלל אומזיסט פון דאָרט אַוועק. בלויז איך קאָן אַהין נישט צוריקקומען. אָבער איך וועל זיך נאָך אַהין אומקערן.

קלייבט זיך אַוועקצוגיין.

סטאַניסלאַוו:

אין פאַל פון עפּעס, וווּ איך זוכן?

טוואַרדאָווסקי:

דערווייל וווין איך אין מיענדזילעשיע.

עווא:

דאָס איז ערגעץ אויף דער אַטוואַצקער ליניע?

טוואַרדאָווסקי:

ניין, אויף דער באַוועגלעכער ליניע, צווישן איין וואַלד און צווייטן וואַלד. מיילמאָל צווישן וואַלד און וואַרשע. זייט געזונט און רואיק. איך וועל זיך אַליין ווייזן.

גייט אַרויס, אָבער קערט זיך אום פון דער שוועל.

טוואַרדאָווסקי:

אַ־אַ, אמת, איך האָב פאַרגעסן וועגן וויכטיקסטן. די צוויי פּעקלעך זיינען פאַר אייך און דעם האָקמעדם באַלעבאָסטע. דאָ איז עפּעס, פּוטער, אַ פלעצל. (ווענדט זיך צו עווען) דאָס אַלץ איז פאַר דיר, קינד.

סטאַניסלאַוו:

זעסט, זי האָט געדענקט אין דיר, נישט געקוקט דערויף, וואָס נישט אַלע גלחים הייסן געדענקען אין די ייִדן.

טוואַרדאָווסקי:

זייט געזונט קינדער, איך גיי אַוועק.

סטאַניסלאַוו באַגלייט טוואַרדאָווסקין צום פאָדערצימער. אין דער צייט גייט עווע צו צו שמואלס מאַנוסקריפּטן. סטאַניסלאַוו קומט צוריק, לייגט זיך אויפן טאַפּטשאַן.

עווא: (לאנגזאם)

אט דאס איינגאנצן פארבליבן פון שמואלן.

סטאניסלאוו:

דאס... און נאך עפעס מער.

עווא:

וואס?

סטאניסלאוו:

א לעגענדע.

עווא:

א לעגענדע?

סטאניסלאוו:

אן אמתע. זי וועט בלייבן א לעגענדע... זייער א נייטיקע אונדז און אייך. ניין — אונדז. (ווי בלויז צו זיך אליין) דער ברונעם וועט האבן זיין לעגענדע. אן אנדערע לעגענדע.

עווא:

דער ברונעם?

סטאניסלאוו:

די לעגענדע פונעם ברונעם. איך קאן זי דערציילן. ווער ווייסט, צי אויך אין אנדערע שטעטלעך וועט מען נישט דערציילן אזעלכע לעגענדעס.

עווא:

איך הער.

סטאניסלאוו:

איינמאל איז אין א שטעטל געווען פסח. ניין, דאס איז נישט געווען אמאל. דאס איז געווען אין יאר 1943...

קאַזשימיעזש בראַנדיס

שמשון

פראַגמענטן

אין יענעם טאָג, מיטאָג־צייט, האָבן אַ סך פאַרבייגייער אין די יערו־זאַלימער אַלייען אָנגעוויזן מיטן בליק און מיט די פינגער אויף אַ מענטשן, וואָס האָט געוועקט אין גאַס די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אומזיכער זיך געשלייכט לענגאויס די ווענט און ווי אַ פאַר־בלענדטער פון דער זון, אַרויפגעצויגן מיט דער לינקער האַנט איבער די אויגן דעם קאָלנער פון דער מאַרינאַרקע, זוכנדיק מיט דער רעכטער אַן אָנשפּאַר. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן טראָטואַר און אים נאָכגעקוקט מיט שטוינונג: טייל פון זיי זענענדיק זיינע מאָדנע באַוועגונגען, האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ בלינדער, אָדער אַ משוגענער, וואָס אַ סך אַזעלכע האָבן דעמלט אַזוי אָפט געבלאָנדזשעט איבער די גאַסן. אין אַ געוויסן מאָמענט, איז אים ניִשט ווייט פון עק בראַצקע, פאַרלאָפן דעם וועג אַ בחורל, וואָס האָט פאַנאַנדערגעטראָגן צייטונגען; ער האָט אים דערלאַנגט מיט אַ צייטונג־פלאַכטע איבערן קאָפּ, שרייענדיק: קוקט נאָר אָן, מענטשן, דעם „פרייער" — דער באַפאַלענער מענטש האָט דעמלט אויסגע־צויגן די הענט פאַר זיך, ווי זיך צו באַשיצן און זיך צוגעטוליעט מיט דער זייט צו דער וואַנט, אָפּדעקנדיק דאָס פּנים. דערזעענדיק עס, האָט דער צייטונג־פאַרשפּרייטער אַ מבולבלער אַ ווייל זיך אַ קווענקל געטאָן, דער־נאָך האָט ער אויסגעשפּיגן און פייפנדיק דורך די ציין, אַוועק אין דער ריכ־טונג פון מאַרשאַלקאָווסקע, אויסשרייענדיק אויפן קול(?) די לעצטע ידיעות פון די פראָנטן. ביי דער געלעגנהייט האָבן עטלעכע פון פאַרבייגייער דערזען דאָס פּנים פונעם אומגליקלעכן: עס האָט געהאַט אַ קאָליר פון פאַרגעלטע מענטשלעכע ביינער: טונקעלע, אָנגעדראָלענע ליפּן, טיף איינגעפאַלענע אויגן און אַ שוואַרצע, פון לאַנג, ווייזט אויס ניִשט געגאָלטע

באָרד, האָבן בלויז אונטערגעשטראָכן זיין אַנבלוטיקע בלייכקייט. און על־טערע פרוי, וואָס האָט געטראָגן א גרויס פעקל, האָט זיך פאַרהאַלטן נאָענט פון אים, פונקט ווי זי וואָלט מיטאמאָל דערפילט א מידקייט. פון דער אנט־קעגנאיבערדיקער זייט איז גראָד אָנגעקומען א בריווטרעגער מיט א טאָרבע אויפן בויך. ער האָט אויך זיך פאַרהאַלטן. — צי קאָן מען אים נישט העל־פן? — האָט די פרוי זיך געפרעגט. דער בריווטרעגער האָט א בורטשע געטאָן שאָקלענדיק מיטן קאָפּ: גאָט אליין האָט נישט געהאָלפן. וועלט איר העלפן? — און איז אוועקגעגאַנגען. די פרוי איז געשטאַנען אַביסל און נאָכגעקוקט דעם שלעפּער. לסוף האָט זי אָפּגעזיפצט און אויך אוועק פאָרויס.

פאַרבייגייענדיק ראָג בראַצקע איז יאַקוב געווען ווייטער אין דער ריכטונג פון נייע וועלט. זינט זיין באַגעגעניש מיטן צייטונג־פאַרקויפער האָט ער שוין מער נישט פאַרשטעלט דאָס פנים. ער האָט ווייטער זיך גע־האַלטן נאָענט צו די ווענט און געפינטלט מיט די אויגן צוליבן ליכט; יעדער פאַרבייגייער האָט באַגעגנט זיין בליק, אין וועלכן עס איז געווען שרעק און אויסגעשעפּטקייט; מענטשן, וואָס האָבן א ידיעה אין יאגד וואָלטן דאָס געקאָנט פאַרשטיין: פונקט אזא בליק האָבן די חיות אין „קע־סל", דעמלט, ווען זיי זיינען שוין נישט פעיק זיך צו פאַרטיידיקן און גיי־ען ארויס פון די קוסטעס גלייך אונטערן געווער. יאַקוב, אָן אָפּגעשוואַכ־טער פון דער זון, א פאַרשמאַכטער פון גערויש און פון שטח, אין וועל־כע ער האָט זיך פלוצלונג געפונען, האָט וואָס אמאָל אַלס שווערער געאָ־טעמט און קוים זיך באַוועגט; א געזאַלצענער שווייס איז אים אראָפּגערונען אויף די ווייעס, אויפן מויל. פון די מענטשלעכע פנימער, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען איז פאַרשוווּנדן דער שמייכל. טייל האָבן אָפּגעווענדט די אויגן, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז זיי זעען אים נישט; אַנדערע, פאַרקערט, זיי האָבן זיך אויסגעדרייט אויפן אָרט און געגאַנגען נאָך אים, וואַרטנדיק וואָס עס וועט געשען. בעת ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן ראָג נייע וועלט, כדי זיך אָנצונעמען מיט כוחות, האָבן אים שוין ארומ־גערינגלט א היפּשע גרופּע צוקוקערס. על־פּי־נס איז דאָ ארום נישט גע־ווען קיין דייטש — בלויז צוויי אייזנבאַנער האָבן פאַרבייגייענדיק, א קוק געגעבן אויף אים; איינער פון זיי האָט א מאך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

— א משוגענער ייד — און דער צווייטער האָט זיך פאַנאַנדערגע־לאַכט. אָבער ער האָט דאָס נישט געזען. ער איז געגאַנגען כמעט ווי אין דער

פינצטער, אין זיין קאָפּ האָט די באַוועגונג און דער טומל כסדר געשטיקט דעם לעצטן אָפּגעראַטעוועטן געדאַנק; דערפאַר האָט ער זיך איינגעחזרט איף יעדן טראָט, דעם נומער פונעם הויז, וואָס ער האָט זיך פאַרגע־דענקט פונעם טעלעפאָן־בוך, באַוועגנדיק שטיל מיט די פאַרטרוקנטע ליי־פּן. איף ביי־וועלט איז דער קליינער עולם, וואָס האָט אים באַגלייט אַ ביסל קלענער געוואָרן; ווייזט אויס, אַז די פריערדיקע צוקוקערס איז דערעסן געוואָרן דאָס קוקן, און פרישע זיינען צוגעקומען ווייניקער. עטלעכע פאַרבייגייער האָבן זיך פונדעסטוועגן אָפּגעשטעלט, באַגלייטנדיק אים מיטן בליק. איינער פון זיי, אַ נישט אַנזעעוודיקער מענטש, אין די מיטעלע יאָרן איז צוגעגאַנגען נעענטער און געפרעגט מיט אַ שטילער שטים: — אַנטשולדיקט, וווהין גייט איר? איר דאַרפט נישט קיין מורא האָבן... — יאַקוב האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט און, ווי נישט הע־רנדיק, האָט ער ווייטער זיך געשלעפּט לעבן דער וואַנט אין דער ריכטונג פון קראָקעווער פאָרשטאָט.

זומער פון יאָר 1943 איז וואַרשע געווען אָפּגערייניקט פון יידן. מען האָט שוין צענומען די מויערן. אין די הייזער פונעם אַמאָליקן געטאָ האָ־בן די נייע איינוווינער געפונען, ווי מען האָט געשמועסט, פאַרלאָזענע אוצרות. די יידישע באַפעלקערונג איז געוואָרן פאַרניכטעט אין די אַזוי גערופענע „טויט־לאַגערן“: נאָכן פאַרשטיקן מיט גאַז אין די קאַמערן, האָט מען די גופים געברענט אויף אַש, און דאָס פעטס, וואָס איז פון זיי אַרויסגעפלאָסן, האָט געדינט. ווי באַוווסט, צו דער פּראָדוקציע פון דייַ־טשישן זייף.אין אַזעלכע באַדינגונגען, ווער עס האָט זיך געוואָלט ראַטעווען, האָט געזוכט אַ באַהעלטעניש אין די וועלדער, אָדער זיך פאַרלאָזט אויף חסד פון די, וואָס האָבן אים געוואָלט נעמען צו זיך. אָט די האָבן זיך געטיילט אויף נישט פאַראינטערעסירטע, וועלכע האָבן גענומען צו זיך אומזיסט, און אַנדערע, וועלכע האָבן געפאָדערט געלט. בלויז די וועלדער אָן אונטערשייד, האָבן יעדן געגעבן אומזיסטיקע שוץ. אין יענע צייטן איז אויף די וואַרשעווער גאַסן שווער געווען צו טרעפן אַ מענטש מיט אַ יידיש פּנים. אויב ער האָט זיך געוויזן, איז ער קיין סך טריט נישט אָפּגעגאַנ־גען: אין די לעצטע מלחמה־יאָרן האָבן געוויסע מענטשן זיך באַשעפטיקט מיט אַרויסגעבן יידן די דייטשן צוליב פאַרדינסט. צוליב די דאָזיקע טע־מים האָט מען דעם גורל פון יאַקובן, זינט ער האָט פאַרלאָזן דעם קעלער אויף קרוטשע, געקאָנט האַלטן פאַר אַ פאָרויסבאַשטימטן, נישט געחתמע־טן אים לטובה. יעדער מענטש, וואָס איז ביי די געדאַנקען, וואָלט אין אַזאַ שווערער לאַגע געווען אָפּגעוואַרט אין אַזעלכן עס איז באַהעלטעניש ביז ס'וואָלט געוואָרן פינצטער און ערשט דעמלט וואָלט ער אַוועק אין ווייטערדיקן

וועג. און אויב ער וואָלט נישט געהאַט קיין חשק — מחמת דעם, וואָס אין זומער פֿון דעם יאָר איז די פּאָליציי־שעה צוגעפֿאַלן בייטאָג נאָך, ביין אַזייגער, ווי די דושנע דעמערונג, אַ פּאַטרוליעטע אין די טויערן, וואָלט אָפּגעשלעפּט מיטן אַרויסגיין אין גאַס ביז דעם מאָמענט ווען זי וועט איינגאַנצן ליידיק ווערן — דאַן וואָלט דער מענטש מיטן אויסזען פֿון אַ ייד געדאַרפֿט אַליין זיך אָפּגעבן אין די הענט פֿון ערשטן דורכגייער און בעטן ביי אים דעם טויט; אויב ווידער יענער וואָלט אָפּגעזאָגט — מיט די אייגענע כוחות אוועקטראָגן דעם גוף די דייטשן — זיי האָבן קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט.

ביי יאַקובן אָבער האָט מען זיך נישט געדאַרפֿט ריכטן אויף אַזעלכע אויסגערעכנטע שריט. זיין געדאַנק איז מסתמא געווען אַביסל פֿאַרטונקלט דער הימל אַ צעגליטער פֿון היץ, דאָס ליכט, וואָס האָט פֿאַרגאָסן די אויגן די לופֿט אָן אָנגעזאַפּטע מיט שטויב, זון און טומל — האָבן אין עטלעכע מינוט פֿאַרענדיקט אין אים ביזן סוף דאָס פֿאַרניכטנדיקע ווערק פֿון פֿיב־צטערניש און פֿאַרגליווערטקייט. עס איז דעריבער בעסער אינגאַנצן נישט אַריינדרינגען אין יאַקובס געדאַנק. געוויסע סיטואַציעס מאַכן דעם מענטשן זייער פּשוט: פֿון די אַלע זאַכן, פֿון וועלכע ער באַשטייט, בלייבט אין אים בלויז איינע. דאָס איז זיין לעצטער באַגער, וואָס איז ענלעך צו אַ ביצול־געוואָרענעם זעגל אויף אַ צעשמעטערטער שיף בעת אַ שטורעם... אויב, באַטירלעך, מען קאָן פֿאַרגלייכן אַ מענטש אין אַ געפֿאַר מיט אַ שיף אויף אַ צעשטורעמטן ים.

נאָך דעם ראָג אָרדינאַצקע האָט זיך צו יאַקובן דערנענטערט אַ פּאַטרול פֿון פֿעלד־זשאַנדאַרמעריע, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון פֿינף מענער אין העלמען, טיף־אַראָפּגערוקט איבער די אויגן, אין גרין־גרויע מונדירן מיט ברוינע קראַגנס; צוויי פֿון זיי האָבן געטראָגן אויטאָמאַטישע פּיסטאָלעטן אַריבערגעהאַנגען איבער די אַקסלען, דריי ביקסן, וואָס האָבן מיט די לויפֿעס אַרויסגעשטאַרצט פֿון הינטער די פּלייצעס. אין דעם מאָמענט, ווען יאַקוב איז געווען ווייט פֿון זיי אויף אַ פּאָר צענדליק שריט, איז פֿון דער שוויענטאָקזשיסקע אַרויסגעפֿאָרן אַן אויטאָ מיט אַן אויפֿשריפֿט „פּאַסצאַרגלאָב" און זיך צונויפֿגעשטויסן מיט אַ דראָזשקע; איר דיישל האָט דורכגעהאַקט די זייטיקע שייב פֿון דער קאַבינע. דעמלט איז דער פּאַטרול, קלינגענדיק מיט די שטיוול, אַראָפּ פֿונעם טראָטואַר אויפֿן ברוק און אַרומגערינגלט דעם אויטאָ מיט ווילדע דייטשישע געשרייען. דער דראָזשקאַזש, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון די קאָזלעס, איז איצט געקראָכן אויפֿן טראָטואַר און געזוכט זיין בייטש, און מענטשן, וועלכע זיי־

נען שטענדיק להוט נאך נייע געשעענישן זיינען שוין געשטאנען ארום, געקוקט און קאמענטירט דעם פארפאל נישט לטובת דעם שאפער און דער טעכנישער ציוויליזאציע. קיינער האט דעריבער נישט באמערקט, ווי יאקוב איז פאמעלעך פארביי דעם קאפערניק־דענקמאל און ארויף אויף קראקעווער פארשטאט.

אין פינף מינוט ארום האט דער דינער פון קסאווערי שארלע, קוויעטשען, דערהערט א קלינג ביי דער טיר. נישט איילנדיק זיך, האט ער זי פארזיכטיק געעפנט און געפרעגט ווער עס איז דארטן. דאס, וואס ער האט דערזען, האט גורם געווען, אז ער האט זיך א וואקל־געטאן. נאר שפעטער א ביסל האט ער אפגערוקט די קייט, עפענענדיק די טיר ברייטער:

— צו וועמען? — האט ער געבורטשעט, קוקנדיק פארשנדיק מיט די וואסערדיקע אויגן אויף דעם געקומענעם. — צום הער טאלא שארלע — האט יאקוב געענטפערט. נאך יעדןווארט האט ער מיט מי פאנאנדערגעקלעפט די פארבאקענע ליפן און איינגעזויגן זיין בליק אין זיין איי־ארטיקן קאפ, מיט דער ראזער, פארריסענער נאז; דער מענטש, וואס איז געשטאנען פאר אים אין א פארפלעקטער קורטקע מיט אפגעבליאקעוועטע ליאמעווקעס, האט זיך יאקובן, אויף א מאמענט אויסגעוויזן באקאנט — ווי אן אלטער חלום וואלט נאך יארן אים ווידער אנטקעגנגעקומען.

דער הער טאלא וווינט נישט דא — האט דער דינער געענטפערט מיט אנגעצויגנקייט — (?) מיר זיינען, אויב מען קאן זיך אזוי אויסדרוקן — מאראליש קינדערלאז. נישטא דא, וואס צו זוכן — האט ער אפגעזיפצט, באהויכנדיק יאקובן מיט אן אלקאהאל־אטעם. — צי קומט ער אהער איינגאנצן נישט? — האט יאקוב געשעפטשעט. — זעלטן — האט דער דינער אויפגעקלערט — דאס לעצטע מאל איז ער דא געווען מיט דריי יאר צוריק. אפשר האט איר אים לעצטנס געטראפן? — האט ער זיך געפרעגט שטילער, צורוקנדיק די נאז צו יאקובס פנים. — ניין — האט יאקוב געענטפערט — איך בין זיין שול-חבר, דאס לעצטע מאל האב איך אים געזען פאר דער מלחמה. . . — רואיקע צייטן געווען — האט דער דינער פעסטגעשטעלט און זיך אומגעקוקט הינטער זיך. -- מיין הער רופט מיך שוין.

און ווירקלעך, פון די צימערן האט זיך דערטראגן א ביסל א געבראכן און גלייכצייטיק א צוגעשטיקט קול, וואס האט גערופן צוויי מאל קוויעטשען! — און דערנאך זיך פאנאנדערגעגאנגען אין א הוסט. — א נערוועז לעבן — האט דער דינער פארענדיקט און ארויסגעבויגן די נאז דורך דער האלב־צוגעמאכטער טיר — גיט אכטונג, מיין זעגאן דרייט זיך דא הינטן פון דער פריי אן. איך אליין טרעט אים אפ דעם וועג. ווער

שמועסט נאָך איר. אז ער האָט נישט קיין געלט, וועט ער דעם אייגענעם טאַטן באַראַבעווען. ס'איז בעסער גלייך פון דאַנען גיין ערגעץ אַנדערש. — קוויטשען! — האָט צום דריטן מאָל א געשריי געטאָן די הייזעריקע שטים פון צימער. — ציט אָפּ כל-זמן ס'איז ציקט — האָט דער דינער געשעפּטשעט און פאַרקלאַפּט די טיר.

יאַקוב האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן. אָבער ער האָט שוין נישט באַוויזן. ער האָט בלויז איבערגעלייענט די אותיות אויפן גאָלדענעם בלעטל, וואָס איז געווען צוגעשלאָגן צו דער טיר און דערנאָך האָט ער ארויסגעפּליסטערט: אויף ווידערזען... — און פאַמעלעך זיך ארויסגעדרייט צו די שטיגן. ערשט דעמלט האָט ער באַמערקט, אַז מיט א האַלבן שטאָק ניידעריקער שטייט א יונגער מענטש אין א שטרויענעם קאַפּעליוש, פון אונטער וועלכן עס איז ארויסגעפאַלן אויפן שטערן אן אָנדולירטער לאָק. ער האָט געקוקט אויף יאַקובן מיט א קאַלטן, פרייליכן בליק און מיט דער רעכטער האַנט זיך אָנגעלענט אויפן אָנשפּאַר. אין א פּאָר סעקונדעס ארום האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם פוס אויף אַ טרעפּל און אָפּדעקנדיק איך שמייכל די קליינע, ווייסע ציין, האָט ער געזאָגט: — קום אַהער.

דער דוחק אין ברען־מאַטעריאַל און די דיקטשע פאַראָרדענונגען וועגן רעקווירירן די אויטאָס אויף מלחמה־באַדערפענישן, האָבן מיטגעווירקט, אז דער אויטאָ, ווי א מיטל פון פריוואַטן טראַנספּאָרט איז אין די שטעט, וואָס זיינען אָקופּירט געווען דורך די דייטשן, געווען א גענוג זעלטענע דערשיינונג. אין יענער צייט האָט מען אויף די פּאַריזער בולוואַרן אָפט געזען — ווי דאָס האָבן באַשטעטיקט די בילדער אין די אילוסטרירטע צייטשריפטן — פּאַרצייטישע בריטשקעס, קאַרעטעס און קאָטשן, מיט וועלכע די פּראַקטישע פראַנצויזן האָבן פאַרטריבן די פאַרבליבענע אויטאָס אין די פוסטע גאַראַזשן. נאָך צענדליקער יאָרן האָט אויפן ברוק פון די אייראָפּעישע הויפּט־שטעט זיך ווידער צעקלינגען דאָס פויקעריי פון די פערדישע טלאָען.

צוליב די זעלבע סיבות האָט זיך אין וואַרשע, לעבן די דראָזשקעס, וואָס האָבן נאָכן מלחמה־אויסברוך זיך פּילפּאַך פאַרגרעסערט אין צאָל, ארויסגערוקט דער וועליסאָפּעד בראש פון די לאָקאָמאָציע־מיטלען, און ווייל ער איז געווען פלינקער און ביליקער ווי א דראָזשקע, האָט ער אין צווייטן אָקופּאַציע־יאָר אָנגעהויבן פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער שוין נישט עקזיסטירנדיקער טאַקסי. דער נייער מאָדעל פון ראָווער איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: דאָס הינטערשטע ראָד, די פּעדאַלן און דער זאָטל זיינען געבליבן נישט געענדערט, דערפאַר האָט זיך פון פאָרנט באַוויזן א

מאָדערנער צווײ־פּערזאָניקער פּאָטעל אויף רעדלעך, אַ לײכטער באַווענ־לעכער און בויגזאַמער; אויף זײַן אָנשפּאַר האָט דער אָנטרײַבער געהאַלטן די הענט און מיט די פּיס געבראַכט אין באַוועגונג דעם גאַנצן וואָגן, וואָס מען האָט נישט פּינקטלעך אָנגערופן „ריקשע". וואָרן דער כינעזישער האַלב־נאַקעטער קולי שלעפּט זײַן רעדעלע אײַנגעשפּאַנט דערין ווי אַ פערד, אָבער זײַן וואַרשעווער חבר איז געזעסן אין זאָטל און געשטופּט דעם פּאַ־סאַזשיר פאַר זיך. אַזוי ווי אָבער אין בײדע פאַלן איז דאָס איבערפירן פאָרגעקומען פאַרן פּרײַז פון אָנשטרענגען די מענטשלעכע מוסקולן און לונגען, האָט דער נאָמען, וואָס ווײַזט אָן דעם באַשותּפותדיקן קוואַל פון דער ענערגיע, גענוג טרעפלעך באַצײכנט די דערשײַנונג. דאָס האָט מען געקאָנט באַשטעטיקן ביז נישט לאַנג: די וואַרשעווער ריקשע האָט איבער־געלעבט די מלחמה אויף עטלעכע יאָר, די לעצטע איז פאַרשוווּנדן אין יאָר 1947; אויף די גאַסן וואָס פירן באַרג־אַרויף האָט דער פּאַסאַזשיר געשפּירט הינטער די פּלײצעס דעם שווערן, אויסגעשעפּטן אָטעם פון דעם אָנטרײַ־בער, וואָס איז אײַנגעבויגן איבער זײַן קאַרק.

אין די אָקופּאַציע־יאָרן האָבן זיך די ריקשע־פירער רעקרוטירט מערסטנטײל פון יונגעלײַט פון פאַרשידענער אָפּשטאַמונג. דאָס זײַנען גע־ווען אַרבעטער, שילער אָדער סטודענטן, וואָס די מלחמה האָט זײ אַרויס־געוואָרפן אויפן ברוק, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, כאָטש נישט אַזוי גרויזאַם, ווי דאָס וואָלט אַרויסגעדרינגען פון דער אַלגעמײַן אָנגענומע־נער אָנווענדונג פון דעם אויסדרוק. ווײַל אַ טײל פון זײ, וואָס האָט אויף אַזאַ אופן פאַרדינט אויפן לעבן, האָט גלײַכצײַטיק אומאײַגננוציק געהאָלפן דער געזעלשאַפט: די ריקשע־פירער האָבן אָפט איבערגעפירט אומלעגאַלע פּרעסע און געווער, און אַ סך פון זײ זײַנען געווען מיטגלידער פון די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער פרײַהײט פון דעם פאָלק. וואַרשײַנלעך איז אין דעם טאָג פון אַטענטאַט אויף אַ דײַטשישער הויכגעשטעלטער פּערזאָן אין וואַרשע, פאַר אײנעם פון די הײַזער, נישט ווײַט פון ראָג כמיעלנע און מאַרשאַלקאָווסקע, פאַרפאָרן אַ ריקשע; פון איר איז אויסגעשטיגן אַ יונגער, באַשײדן־געקלײדעטער מענטש מיט אַ פּעקל אין האַנט, אַ צווײט פּעקל האָט נאָך אים נאָכגעטראָגן אין טויער אַרײַן דער ריקשע־פירער גופא. אין אַ שעה אַרום איז אויסגעפירט געוואָרן דער אַטענטאַט. אין יאָרן אַרום האָט אַן אָנטײלנעמער דערצײלט, אַז דער פּאַסאַזשיר מיטן פּעקל איז הײַנט אַ דעפּוטאַט אין סײם און דער ריקשע־פירער — אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּאָלק.

אין דער אײגענער שעה, ווען דער בחור אין שטרויענעם קאַפּע־

ליוש האָט פאַרטשעפּעט יאַקובן אויף די שטיגן האָבן פינף פרייע ריקשעס און צוויי דאָראָזשקעס געוואַרט אויפן שטיי־פונקט פאַרן הויז, אין וועלכן ס׳האָט געוווינט קסאַווערי שאַרלע. דער נאָכמיטאָג איז געווען א הייסער, די באַוועגונג אין גאַס האָט אין דער צייט שוין אָנגעהויבן שוואַכער ווערן. אין איינער פון די ריקשעס האָבן פיר אָנטרייבער געשפּילט אין קאָרטן, דער פינפטער, אין א גרין היטעלע, אַן אַראָפּגערוקטס אויפן הינטערשטן טייל קאָפּ, איז געשלאָפן מיט פאַרוואָרפענע פיס אויפן זיץ־אָנלען, אונטערשפּאַרנדיק די באַק מיט זיין רויטער, גראָבער פויסט. אין א געוויסן מאָמענט האָבן די ריקשע־פירערס איבערגעריסן און אַלע פיר האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, קוקנדיק אין דער ריכטונג פונם נאָענטן טויער.

— וואָס וויל ער פון דעם עלעגאַנט — האָט איינער אַרויסגעברומט נאָך א ווייל אָבסערווירן. דער צווייטער, מיט א ספּינקע אין די האָר, האָט אויפגעקלערט: — ער האָט געכאַפּט א ייד, ציט ער פון אים אַראָפּ דעם פראַק. — דער דריטער האָט פעסטגעשטעלט, אַז ווייל די אַרבעט גייט האַרט צו א לייכטע, איז נישטאָ אויף וואָס צו קוקן. — גיב קאָרטן — האָט ער געזאָגט דעם פערטן, וואָס האָט געקנאַקט באַניקערן און אויסגעשפּיגן די שאָלעכץ אויפן ברוק. די קאָרטן זיינען געוואָרן פאַנאַנדערגעטיילט, די שפּיל האָט זיך אָבער נישט אָנגעהויבן, ווייל די סצענע האָט זיך איבערגעטראָגן פון טויער אויפן גאַס. דער באַפאַלענער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט אַנטלויפן אין דער ריכטונג פון ניי־וועלט, אָבער ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אויף דער שוועל פון טויער און אומגעפאַלן. ווי ער האָט נאָר באַוויזן אויפצושטיין, האָט אים שוין דער יונגערמאַן אין שטרויענעם קאַפּעליוש געהאַט אין די הענט. די ריקשע־פירער האָבן דערזען זיינע פינגער איינגעקלאַמערט אין דעם שוואַרצן צעקודלטן קאָפּ פונעם קרבן און דערהערט ווי ער האָט געדישעט דורך די ציין: — גיב געלט, איך רעד צו דיר, פאַרך. א דריטן מאָל וועסטו זיך שוין נישט אויסדרייען, דו קענסט נישט זעגעקן קוויטשען. — צו דער פאַרוווּנדערונג פון די ריקשע־פירער האָט דער באַפאַלענער זיך שוואַך פאַרטיידיקט; באַמיענדיק זיך צו פאַרשטעלן דאָס פנים פאַר די קלעפּ, האָט ער זיך געלאָזן, כמעט אָן ווידערשטאַנד, צוריק אַריינשטופּן אין טויער. — ער איז צעבלוטיקט...

— האָט געבורטשעט דער ריקשע־פירער מיט דער ספּינקע אין די האָר. דעמלט האָט זיין קאָלעגע אין דעם גרינעם היטעלע, וועלכער איז ביז איצט געשלאָפן אין דער ריקשע, זיך אויפגעוועקט, געגענעצט און געטוישט דאָס אָרט. אָבער אַנשטאָט ווידער איינצושלאָפן, האָט ער זיך פלוצעם אויפגעריסן און אַוועקגעזעצט, אַרויסרוקנדיק אויפמערקזאַם די נאָז

אין הער זייט פונם טויער. — א לייכט שטיקל ארבעט — האָט איבערגע־
חזרט דער דריטער ריקשע־פירער — דער פארשוין וועט אפילו נישט קיין
פיפס טאָן... — שפּילסט מיט? — האָט ער א וויז געטאָן אויף די קאָרטן
מיט די אויגן. דער ריקשע־פירער אין דעם גרינעם היטעלע האָט, נישט
אָפּרייסנדיק דעם בליק פון טויער, געמאַכט מיט דער האנט א באַוועגונג,
ווי איינער זאָגט: לאָז צורו — דערנאָך האָט ער פאַרזיכטיק זיך אומגע־
קוקט הינטער זיך, אויף דער געביידע פון דער פאָליציי־קאָמאַנדע און
שנעל אראָפּגעשפּרונגען אויפן טראָטואר.

יאקוב איז שוין געווען שטארק אויסגעשעפּט. מיט די לעצטע כוחות
האָט ער געוואָלט אָפּרייסן זענאָנס האנט, וואָס איז געווען איינגעקוועטשט
אין זיין האלדז. ער האָט זיך נישט געקענט ווי געהעריק פאַרטיידיקן,
ווייל זינט דער דינער האָט אים פארקלאפּט די טיר, האָט ער אלץ, וואָס
איז שפּעטער געשען אויפגענומען אָן פּראָטעסט, ווי א פּראָצעדור פון איי־
גענעם טויט. זענאָנס פּנים מיטן העלן לאָק אויפן שטערן, זיין קאַלטער
בלויער בליק, מיט וועלכן ער האָט אים באגעגנט אויף די שטיגן, האָט
זיך יאקובן אויסגעוויזן נאטירלעך; ער האָט פאַרשטאַנען, אז דער שמייכ־
לענדיקער מענטש, וואָס שטייט מיט עטלעכע שטיגן נידעריקער איז א
פונקציאָנאר פון די אומגעזעענע כוחות, וועמען זיין גורל איז געווען אונ־
טערגעוואָרפן פון אָנהייב־אָן. א ווייל האָט יאקוב אויף אים געקוקט א מי־
דער, און דערנאָך, ווען ער האָט דערהערט זענאָנס שטים, איז ער גע־
האָרכזאם אראָפּגעגאנגען, טרעפּל נאָך טרעפּל, און זיך פאַרהאלטן פאר
אים. זענאָן האָט אויסגעשטרעקט די האנט מיטן לאנגן שארפן נאָגל ביים
קליינעם פינגער און פריילעך געזאָגט: פינף שטיקלעך, מת. — יאקוב
האָט געקוקט אויף אים, הרייענדיק פאמעלעך מיטן קאָפּ; ער האָט געשעפּ־
טשעט, אז ער האָט נישט גאָרנישט. דעמלט האָט ער געקריגן דעם
ערשטן קלאַפּ אין באק. ער האָט זיך דאַן פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטן
אקסל, צושפּארנדיק זיך צום אָנלען, אָבער תיכף האָט ער דערפילט דעם
צווייטן קלאַפּ אין די שלייפן; ער איז נישט געווען קיין זייער וויטיקלע־
כער. יאקוב האָט זיך בלויז א וואקל געטאָן, דורכן קאָפּ איז אים דורך א
נישט־קלאָרער געדאנק, אזוי שטארבט מען מסתמא. פּלוצעם האָט ער
אויסגעשריגן פון ווייטיק: א שטויס הינטערן בויך האָט אים צונויפגע־
קורטשעט אין דרייען. ווי פון ווייטן האָט ער איצט געהערט זענאָנס ווער־
טער: גיב וואָס דו האָסט, ווייל איך וועל דערהרגענען. — און ווייל ער האָט
געשוויגן האָט א ווייטערדיקער קלאַפּ אים צעבלוטיקט די ליפּ. דעמלט
האָט יאקוב אין דער לעצטער פאַרצווייפלונג אָפּגעשטופּט זיינע הענט און

אָנגעהויבן צו אנטלויפֿן. אָבער זענאָן האָט אים דעריאָגט אין טויער. זיין לאָק האָט זיך צעשויבערט און אראָפּגעפֿאַלן פֿון שטערן, צודעקנדיק א ברעם.

ווי באוווסט, האָט יאקוב זיך באמיט צו אנטלויפֿן א צווייט מאָל — און אויך דאָס מאָל אומזיסט. ווען זענאָן האָט אים ארייגעשטיפּט פֿון טראָטואר אין טויער, איז ער אינגאנצן אָפּגעשוואכט געוואָרן — דער שפּיציקער נאָגל האָט אים פֿארוווּנדעט דעם האלדז. שפּעטער האָט זענאָן פֿונדעסטוועגן אים אויפֿגעהערט צו שלאָגן. ער האָט אָפּגעלאָזן יאקובס האלדז און פֿארייכערט א פּאפּיראָס. — אויב דו האָסט נישט קיין געלט — איז אלץ אין אָרדענונג. דו קענסט נישט זענאָן קוויעטשען. מיר וועלן צו־זאמען גיין אין דער קאָמענדאנטור. — גוט — האָט יאקוב געשעפּטשעט דערפֿילנדיק א פֿארלייכטערונג ביי דעם געדאנק, אז קיינער וועט שוין ביי אים פֿארן טויט נישט פֿארלאנגען קיין אוממעגלעכע זאכן. ער האָט געבעטן זענאָן, אז ער זאָל אים אהינפֿירן וואָס שנעלער. זענאָן האָט מסכים געווען און געזאָגט, אז זיי וועלן צוווארטן ביז ער וועט אויסריי־כערן. ער איז אויך זיכער געווען פֿארמאטערט. ער איז געשטאנען מיט די פּלייצעס צום טויער און ארויסלאָזנדיק דעם רויך אין פֿיינעקע רעדע־לעך, האָט ער געקוקט אויף יאקובן מיט זיין בלויען בליק פֿון אונטער די דינע ברעמען־בויגנס. יאקוב האָט א טראכט געטאָן, אז כאָטש זענאָן האָט אים צעבלוטיקט דאָס פּנים, וועט אים לייכטער זיין צו גיין אין דער פּאָ־ליציי מיט אים צוזאמען, איידער אליין. דאָס איז געווען אָן אויסטערלי־שער געדאנק: די מענטשן, וואָס מען האָט געפּייניקט אויף אלעיע שוכא, האָבן שפּעטער דערציילט, אז צווישן דעם פּייניקער און זיין קרבן שאפֿט זיך מיט דער צייט א באזונדערע באָענטקייט — וואָס שייך מיר, וואָלט איך פֿונדעסטוועגן נישט געוואָלט זיך פֿארטיפֿן אין אירע סיבות און אין איר נאטור.

טאקע אין דעם מאָמענט האָט זיך אין טויער דערהערט טריט פֿון דער גאס. זענאָן האָט געוואָרפֿן א בליק הינטער זיך, א שטאָרכע געטאָן יאקובן אין אָרעם און געזאָגט: קום. — אָבער יאקוב האָט זיך נישט גער־דירט; אָנשפּארנדיק זיך פּלוצעם אין דער וואנט און ווי נישט הערנדיק זענאָנס שטים, האָט ער געקוקט מיט גרויס־געוואָרענע אויגן אויף דעם מענטש, וואָס איז אָנגעקומען. — איך זאָג דיר, אז דו זאָלסט גיין — האָט זענאָן געזאָגט און ווידער אויסגעבויגן די האנט. אָבער הינטער זיינע פּלייצעס איז שוין געשטאנען דער ריקשע־פֿירער אינעם גרינעם היטעלע; ווינקענדיק מיט אן אויג צו יאקובן האָט ער פֿרייגטלעך געזאָגט: אָן הענט

פאַניע כראַביע — אַנטפּלעקנדיק דערביי דאָס פעלן פון צווי פאָדערשטע ציין, וואָס דער עפעקט דערפון האָט זיך געלאָזט גלייך פילן, ווען ער האָט צוגעגעבן: נאָר רואיק...

דעמלט האָט זעגאַן אַראָפּגעלאָזן די האַנט און זיך אויסגעדרייט צו אים. — וואָס ווילסטו? — האָט ער געוואָרטשעט, אַראָפּרוקנדיק נאָך מער דעם קאַפּעליוש פון שטערן. דער ריקשע־פירער האָט זיך פאַריכט דאָס היטעלע און אָפּגעענטפערט, אַז ער וויל זיך אדורכשמועסן. — אין דרייען — האָט ער אויפגעקלערט, אָנווייזנדיק מיטן בליק אויף יאַקובן — דאָס איז מיין קאָלעגע. — דאָרטן — האָט ער אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פונעם טראָטואַר — זיינען אויך קאָלעגן. אַלזאָ איך זאָג — האָט ער געלאַסן פאַרענדיקט — בעסער רואיק.

די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויסערגעוויינלעך שנעל. יאַקוב, וואָס איז אין משך פונעם געשפּרעך געשטאַנען דערלעבן ווי פאַרשטיינערט, פאַנאַנדערשפּרייטנדיק הינטער זיך אויף דער וואַנט די פאַרשוויצטע הענט, האָט שפּעטער נישט געקאָנט אויפלעבן אין זכרון דעם סדר פון די פאַקטן. פּשוט: ער האָט פּלוצעם דערהערט אַ טויבן אָפּקלאַנג; אין דער זעלבער רגע האָט ער דערזען לעבן די פיס זעגאַנס צונויפגעקנוילטן גוף און דעם שטרויענעם הוט, וואָס האָט זיך געקייקלט אויף דער ערד; גלייכצייטיק האָט ער דערפילט, אַז עמעצענס האַנט האָט אים אַ שטויס געטאָן פאַרויס אין דער ריכטונג פון דער גאַס. — דאָס היטל! — האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן לעבן אים אין דער אַלגעמיינער בהלה; אויפן קאָפּ איז אים אַרויפגעפאַלן אַ ווייכער שאַרסטקער קעגנשטאַנד — ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף אים אַראָפּרוקן טיפער אויף די אויגן. פון דער לינקער זייט האָט זיך דערנענטערט דאָס קלינגערייַ פון אַ טראַמוויי. —

— שנעלער — האָט צוגעאיילט אַ געדעמפּטע שטים, אַ צווייטע שטים האָט געשריגן פון טויער. יאַקוב איז ווידער געוואָרן אונטערגעשטופּט, ער האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, דאָס היטל האָט זיך אַראָפּגערוקט איבער די ברעמען. אין אַ מינוט אַרום האָט ער דערזען ווי דער גרויער אַספאַלט פאַרשווינדט אונטער זיינע פיס; ענדלעך, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין ברוסט דער שטאַרקער לופט־שטראָם. — האַלט זיך ביים אָנשפּאַר! — האָט ער דערהערט אַ באַפעל פון איבערן קאָפּ, — אָבאָזשנע!

זיי זיינען איצט געפלויגן אַראָפּצו אין דער ריכטונג פון פּאָווישליע.

אין די יאָרן 1939—1945 האָט אין אַלע לענדער, וואָס זיינען אָקופּירט געווען פון די דייטשן, עקזיסטירט אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג. זי איז באַשטאַנען דערין, וואָס די פעלקער, וועלכע האָבן נישט געקאָנט קעמפן מיט די דייטשן אויף די פראָנטן, האָבן זיי געשטעלט אַ ווידערשטאַנד ביי זיך. עס האָבן אין איר אָנטייל גענומען דער עיקר יונגע מענטשן, אַנדערע האָט געשטויסן צום קאַמף דער באַוווסטזיין, אַז נאָר אין אַ פריי לאַנד קאָן מען זיין גליקלעך, אַנדערע האָבן זיך געלאָזט אין איר אַריינציען צוליב געפילס־מאָטיוון, אַנדערע ווידער האָט געפירט דער חשק פון שפּיל און ריזיקע.

אויף אַזאַ אופן האָט אין משך פון פינף יאָר, נישט געקוקט אויף די גלענצנדיקע נצחונות היטלערס, קיין איין פאָלק נישט געלייגט פאַר אים דאָס געווער. די מלחמה איז פאָרגעקומען אויפן ראָג פון יעדער גאַס: ס'איז געגאַנגען אַ רעגן, אין די קאַפע־הייזער זיינען געזעסן מענטשן, די טראַמוויען האָבן רואיק געקלונגען אויף די שינעס, די פאַרביגייער האָבן איינגעקויפט אין די געוועלבער — און פונדעסטוועגן האָט אין שטאָט אָנגעהאַלטן די מלחמה. קלאָר, אַז די שלאַכטן האָבן דאָ געווייִנלעך אַ גענוג קורצן פאַרלויף; איך געדענק אַ געוויסן פּראָסטיקן טאָג, ווען אויפן ראָג פון דער ווילטשע־גאַס און דער מאָקאָטאָווסקער האָט אַ זעכצניעריקער בחור אין אַ ציקליסטן־היטל געגעבן צוויי שאָסן אין דער ריכטונג פון אַ מאַנצפּערשוין אין אַ גרוי־גרינעם מונדיר, ווען ער איז אויסגעשטיגן פון אַן אויטאָ. דער דייטש האָט אַ פאַל געטאָן מיט די הענט. דאָס בחורל איז אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון דער פּיאוס־גאַס — דאָס איז געווען די גאַנצע שלאַכט.

די דייטשע מאַכט האָט זייער שלעכט טראַקטירט דעם מין זעלנער. זיי האָבן יעדע רגע געמוזט דערוואַרטן אַן ערגערן טויט, איידער אויפן פראָנט. מע האָט זיי פאַרשפּאַרט אין תּפיסות, אין לאַגערן, פון וואַנען זיי האָבן זיך שוין קיינמאָל נישט אומגעקערט; אויך זייערע פאַמיליעס האָט געדראָט פאַרפאָלגונגען. דערפון איז בכן צו זען, אַז דער אָנטייל אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט געפאָדערט דרייסטקייט און גרייטקייט צום טויט.

איינער פון די פיל צענטערן פון דער באַוועגונג איז געווען אַ געוויסע וווינונג אויף דער סאַלעץ־גאַס. זי איז געווען גלייכצייטיק אַ שוצפּונקט און אַ קאָמפּאַס־טעסט. דאָס הויז, האָט אויסגעזען גענוג געוויינלעך: אַ גיצלס, אַ הויכס, אַביסל אָרומגעדראַפּעט, זיינע ווענט זיינען געווען פלאַכע, אָן באַלקאָנען און גזימסן. די רעגן־טעצן האָבן עס אַ סך יאָרן מיאוס געמאַכט.

וואס ביי אזא נישטיקן אויסזען האט עס איבריקנס קיין גרויסע באדייטונג נישט געהאט. אינעווייניק האט זיך עס אויסגעצייכנט דערמיט, וואס דורך זיין אפיציינע האט מען זיך געקאנט אריבערבאקומען אין די גערטנער, וואס פארבינדן פאווישליע מיט דעם שטאט־צענטער. אין ווינטיקע טעג זיינען איבער דעם פארבייגעלאפן כמארעס, פארפלאנטערטע און כאאטישע; העמלט איז דאס הויז אויף א רגע געווארן ענלעך צו א שיף, און מע האט זיך געקאנט פארשטעלן, אז סע שווימט איבערן ים. אבער דער אייגנציקער מענטש, וועלכער האט דאס געלעגנהייט פאר אזעלכע פאעטישע איינדרוקן איז געווען דער הויף־וועכטער מיט די רויטע וואנצעס, וועלכער האט טאג־טעגלעך פארקערט דעם פארטריקנטן שמוץ און דעם שטויב פון דעם ברוק פאר דעם טויער; אין רגעס פון לאנגווייל פלעגט ער אויפהייבן דעם קאפ צום הימל און, אנגעשפארט אויפן בעזעם, קוקן אויף די פארביילויפנדיקע כמארעס; עס וואלט אבער געווען אומבארעכנט צו מאכן לויט דעם אויספירן וועגן זיין פאנטאזיע.

די וווינונג אויפן דריטן שטאק, אין וועלכן פיאלקע האט אריינגעפירט יאקובן, האט נישט אויסגעזען געהיימניספול. אין דעם ערשטן צימער איז געשטאנען א קיילעכיקער טיש, געדעקט מיט א סערוועט מיט גרויע בלומען, אויף א גלעזערן שאפקעלע האט געטיקעט א זייגער, ביי דער וואנט איז געשטאנען א קאנאפקע מיט פרעדזלען; איבער איר זיינען געהאנגען צוויי פאטאגראפיעס — פון א מאנצביל און א פרוי אין חתונה־הלבשה. דאס פענצטער איז פארשטעלט געווען מיט א פארהאנגל, פון ווייסן מוסלין; אין יענעם טאג איז עס געווען אפן. דורכן פארהאנגל, באוועגט פונעם ווינט, האט זיך דורכגעזייעט די זון.

— מיר זיינען דא... — האט פיאלקע געזאגט און זיך געזעצט אויף דער קאנאפקע. זיי זיינען ביידע געווען פארסאפעט. יאקוב האט זיך אנגעלענט אויפן קאפל־אויוון, וואס איז געשטאנען אין ווינקל צימער, איבער פיאלקעס פנים, וואס איז רויט געווען פון אנשטרענגונג, זיינען גערונען שטראמעלעך שווייס. אפווישנדיק עס מיט א טיכל, האט ער געווארטשעט צו יאקובן, ער זאל זיך אפרוען; ער האט אים אנגעוויזן אויף א שטול ביים טיש. אבער יאקוב האט עס נישט באמערקט. ער איז געשטאנען מיט דער פרעמדער היטל אין האנט און נישט געוואגט זיך צו זעצן אין א וווינונג, וואס איז אים אזוי ווייניק באקאנט.

דאס הויכע מיידל, וואס האט זיי געעפנט די טיר, האט געטראגן א בלוזקע מיט פאנסענע און בלויע ארבעסלעך. זי האט זיי געבראכט וואסער צו טרינקען; יאקוב האט דערזען אירע הענט; גרויסע, אביסל ביי־

נערדיקע, מיט קורצע נעגל. פיאַלקע האָט געפרעגט דעם מיידל: טאַ־דעאוש? — זי האָט געענטפערט, אַז טאַדעאוש איז נאָכנישט געווען. — דאָס איז אַ קאָלעגע — האָט ער אין אַ רגע אַרום דערקלערט, אַ וווּנק טוענדיק אין דער זייט פון יאַקובן. דאָס מיידל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און געענטפערט: גוט. — נאָכהער איז זי פאַרשוווּנדן אינעם שכנו־דיקן צימער.

זיי זייַנען פאַרבליבן זאַלבעצווייט. זיי האָבן נישט געקוקט איינער אויפן אַנדערן, און באַגעגענענדיק זיך מיט די בליקן, האָבן זיי גלייך אָפּ־געקערט די אויגן, פאַרשעמט אַביסל. דורכן פענצטער איז אַרייַנגעדרונגען די היץ, האָט זיך געלייגט אויף דער פאָדלאָגע, אויפן טיש מיט היפשע, ציטערדיקע פלאַמעס. ענדלעך האָט פיאַלקע געזאָגט, אַז ער האָט דאָרט, אין טויער, תיכף דערקענט יאַקובן; ווי ערשט נעכטן וואָלטן זיי זיך פונ־אַנדערגעגאַנגען אויף דער קאָפּינסקע — און פון יענער צייט זייַנען דאָך שוין אַריבער פיר יאָר.

— דו האָסט שוין אַזאַ פּנים, — האָט ער דערקלערט — אַז ס'איז לייכט דיך צו פאַרגעדענקען. — יאָ, — האָט יאַקוב באַשטעטיקט. זיי זייַנען ווי־דער ביידע אַנטשוויגן געוואָרן, ס'איז געווען דושנע. אין אַ רגע אַרום האָבן זיי אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. — ער וועט באַלד קומען, — האָט פיאַלקע מיטגעטיילט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אויסגעצויגן און געזאָגט, אַז ער וואָלט גערן זיך אויסגעשלאָפן, ווייל ס'איז הייס, נאָר כ'איז נישט צו מאַכן: ער מוז איבערפירן פעקלעך אויף זשאָליבאָזש. זעענדיק יאַקובס אומרואיקן בליק, האָט ער צוגעגעבן: וועסט דאָ זיצן, האָב פאַר גאָרנישט נישט קיין מורא — און האָט איבערגעחזרט: ער דאַרף באַלד אָנקומען. — איך דאַנק דיר, — האָט יאַקוב אַ שעפּטשע געטאָן, ווען פיאַלקע, וואָס איז אויף אַ רגע אַרייַן אין צווייטן צימער, האָט זיך צוריק באַוויזן, שלעפנדיק מיט ביידע הענט צוויי גרויסע פעקלעך, אייַנגעוויקלט אין פּאַפּיר. פיאַלקע האָט זיך פאַרויטלט און געמאַכט מיט די פּלייצעס; נאָכהער האָט ער, אָנטוענדיק אויפן קאָפּ זייַן גרין היטעלע, אַ פרעג געטאָן, צי יאַקוב האָט וווּ צו שלאָפן. — ניין, — האָט יאַקוב שטיל געענטפערט. מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, אַז ער איז זייער פאַרמאַטערט, און ער האָט זיך געזעצט אויף דער שטול. פיאַלקע האָט אויף אים ערנסט אַ קוק געטאָן. — אַז ער וועט קומען, וועט ער שוין עפּעס באַשליסן, — האָט ער אַ מרוקע געטאָן נאָך אַ רגע באַדענקען זיך. ער האָט געזעגנט יאַקובן, פאַרזיכערנדיק אים, אַז זיי וועלן זיך נאָך הייַנט זעען און אַז דאָס מיידל, וועלכע האָט זיי געגעבן טרינקען, וועט אָפּקאָכן אַ זופּ —

אויף דער שוועל האָט ער זיך קווענקלענדיק פאַרהאַלטן. — האָב פאַר גאָרנישט נישט קיין מורא, יאַקוב — האָט ער שטיל איבערגעחזרט — אַצינד וועלן מיר זיך שיצן... אומדערוואַרט האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו יאַקובן, אַנטבלויזנדיק די יאַסלעס און די קאַליע ציין; ער האָט אויך נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן דאָס שעמעוודיקייט פון זיינע געפילן. ער האָט זיך אָנגעברוגזט נאָך די דאָזיקע ווערטער, קענטיק מבולבל, דערנאָך האָט ער זביסל גראָב אַ שטויס געטאָן מיט דער קני די טיר און אַרויסגעטראָגן זיי פעקלעך, וואַרטשענדיק ביז אונטער דער נאָז.

נאָך פיאַלקעס אַרויסגיין, האָט יאַקוב געוואָלט צוזאַמענעמען די געדאַנקען, און ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. אָבער אין קאָפּ האָט ער געהאַט בלויז איבעראַשונג, און דאָס צימער איז געווען אַ געוויינלעכס. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול, צו באַטראַכטן די פאָטאָגראַפיעס, וואָס הענגען איבער דער קאַנאַפע: אַ פרוי אין אַ וועלאָן מיט אַ געוויינלעך אויסזען, אַ מאַנצפאַרשוין אויך דאָס זעלבע — כאָטש עס האָבן אים באַפוצט שוואַרצע פאַרדריקטע וואָנצעס; ביידע האָבן געהאַט אַ גענוג נעמפן און ווייניק אויסדריקלעכן בליק. — טאַדעאוש... — יאַקוב האָט זיך פלוצים פאַרטראַכט, דערמאָנענדיק זיך פיאַלקעס ווערטער. פון דעם, וואָס ער האָט געהערט, האָט אַרויסגעדרונגען, אַז דער מענטש מיט דעם דאָזיקן נאָמען וועט אַנטשיידן וועגן זיין צוקונפט. יאַקובן האָט דורכגענומען אַן אומרואיקייט, און נאָכהער אַ יאוש. — נישט איך קען דאָך אים — האָט ער זיך באַזיניקט — און אויך נישט ער קען מיך. — ער האָט זיך ווידער געזעצט אויף דער שטול און אַראָפגעלאָזט דעם קאָפּ; ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז שוין זינט פיל חדשים גיבן זיך אומבאַקאַנטע מענטשן איבער זיין גורל פון האַנט צו האַנט. דאָס האָט אים שוין זייער פאַרמאַטערט. צי לוינט זיך עס? — האָט ער זיך אומדערוואַרט געוווּנדערט — צי לוינט זיך נאָך עפּעס וואָס צו וועלן, נאָך פאַר עפּעס וואָס זיך צו שרעקן... אַ רגע האָט ער באַדויערט דאָס טרעפן זיך מיט פיאַלקען; עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָנשטאָט מיט אים צו אַנטלויפן, וואָלט ער באַדאַרפט גיין מיט זענאָנען. „ער האָט מיך אויפגעהערט צו שלאָגן”, האָט יאַקוב געטראַכט, „און ער האָט געוואָלט, איך זאָל מיט אים גיין צו דער קאָמענדע; ער האָט געוווּסט, אַז מיט אַזאַ פנים לוינט זיך נישט צו גיין ערגעץ אַנדערש-ווו”.

ער האָט באַרירט מיט דער האַנט די באַקן. וועלכע האָבן נאָך אַלץ געפלאַמט פון זענאָנס קלעפ: עס איז אים איינגעפאַלן, אַז מענטשן האָבן זיך נישט וואָס צו וווּנדערן: עס איז נישט געווען קיין אַנדער עצה מיט

אַזאַ פנים אין אַזעלכע צייטן. ער אַליין האָט זיך עס אויף אַ רגע פאַררעכנט פאַר אַ חטא און, וואַרשיינלעך צוליב פאַרמאַטערטקייט, פלוצים אָנגעהויבן צו צווייפלען, צי האָט ער געהאַט דאָס רעכט זיך קעגנצושטעלן די מענטשן און דעם טויט.

אין צימער איז אַריינגעקומען דאָס מיידל אין דער קאָלירטער בלוזע. זי האָט זיכער געמיינט, אַז ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן אויף דער שטול, ווייל זי האָט אים אַ ריר געטאָן פאַרן אַקסל; זי האָט געזאָגט, ער זאָל זיך אויפהייבן, ווייל די זופ ווערט קאַלט. יאַקוב האָט געדאַנקט; ער האָט דערווידערט, אַז ער איז נישט הונגעריק. — איך וועל שוין מוזן גיין, — האָט ער אַ שעפטשע געטאָן נישט גאָר אויפריכטיק, אין דער האָפענונג, אַז פון איר ענטפער וועט ער זיך דערוויסן עפעס בייעס וועגן זיין לאַגע. דעמלט האָט דאָס מיידל אַ שמייכל געטאָן צו יאַקובן. — עסט אָפ אויף זאַפאַס — האָט זי רואיק דערקלערט — און נאָכהער ביטע זיך צולייגן. — זי האָט אים מיטן בליק אָנגעוויזן אויף דער טיר פונעם דערבייאיקן צימער. פונקט אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ דריימאָליקער קלונג.

דער טעלער מיט דער אָנגעגאָסענער זופ איז געשטאַנען אויף אַ שטול, וואָס איז געווען צוגערוקט צו אַן אייזערן בעטל; אַרום אָבער איז געווען אַן אומאָרדענונג. ווייל דאָס צימער, אין וועלכן יאַקוב האָט זיך געפונען, האָט אויסגעזען אַביסל אַנדערש ווי דאָס שכנותדיקע צימער. חוץ בעטל, די שטולן און אַ שאַפע, איז אין דעם געשטאַנען אינדערמיט אַ לאַנגער טיש. באַדעקט מיט שטויסן בריוו; אַנדערע זיינען געלעגן לעם דער וואַנט, פאַרבונדן אין פעקלעך. איבערן טיש איז בידעריק געהאַנגען אויף אַ לאַנגן שנור אַ לאָמפ מיט אַן אַליומיניענעם אַבאַזשור; דאָ אונטער אים האָט עמעץ אַנידערגעשטעלט אַ שרייבמאַשין, און דאַלעבן האָט זיך געוואַלגערט אַ לעבל ברויט, אַ מעסער און אַ שקאַרמיצל מיט צוקער. אַלץ צוזאַמען האָט געמאַכט אַ נישט גאַסטפריינטלעכן איינדרוק: די פאָדלאָגע און די ווענט — הויל, דער טיש איז מיט גאָרנישט געדעקט, אַנשטאָט אַ פאָרהענגל, האָט פאַפיר פאַרשטעלט פון אויבן דאָס פענצטער.

יאַקוב האָט זיך צוגעזעצט אויפן ברעג פונעם בעט; די לינקע האַנט, פאַרמאַכט אין אַ פויסט, האָט ער געלייגט אויף דער קני, מיט דער רעכטער האָט ער אָנגענומען דעם לעפל, אָפבייגנדיק עטוואָס דעם קליינעם פינגער, אַזוי ווי עס האָט אים געלערנט די מאַמע. נאָר איידער ער האָט באַוויזן זי אויפצוהייבן צום מויל, האָט זיך געעפנט די טיר — ס'איז ווידער אַמאָל אַריינגעקומען דאָס מיידל. זי האָט געזאָגט: אַ גוטן אַפעטיט — און האָט גענומען איינס פון די פעקלעך, וואָס זיינען געלעגן לעם

דער וואַנט. — אַ דאַנק, — האָט יאַקוב אַ שעפּטשע געטאָן; ער האָט זיך פאַררויטלט, נישט אָפּווענדנדיק די אויגן פון טעלער. ארויסגייענדיק האָט זי געלאָזן די טיר אַביסל אָפּגעלענט. יאַקוב האָט אויפגעהערט צו עסן, ווייל דורך דער ברייטער שפּאַרונע האָט ער איצט געזען, וואָס ס'האָט זיך געטאָן אינם צווייטן צימער. אויפן ברעג טיש איז געזעסן אַ יונגער בחור אין אַ צעשפּיליעטער מאַרינאַרקע און אַ שיל'ערישער היטל, וויגנדיק מיט אַ פוס אינדערלופטן. די זון איז אים געפאַלן אויף אַ באַק, אַזוי, אַז מ'האָט געקאָנט דייטלעך זען דעם העלן, גאָלדיקן פוך פון דער נאָכנישט געראַזירטער באָרד. פון אונטערן דאַשעק פון זיין היטל, וואָס איז געווען פאַררוקט אויף אַ זייט, זיינען אַרויסגעקראָכן האָר אין קורצע, צעשויבערטע לעקלעך. יאַקוב האָט אַוועקגעלייגט דעם לעפל און האָט זיך צוגעקוקט צום בחור. אַ רגע האָט אים פאַרשטעלט דאָס מיידל; זי האָט אים אַראָפּגענומען דאָס היטל פון קאָפּ און צוגעגלעט די האָר. דער בחור האָט עפּעס געזאָגט מיט אַ שעפּטש, דערנאָך האָט ער זיך צעלאַכט. און זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט די אַקסלען. — גיב די טעקע, — האָט זי געזאָגט, אויפבינדנדיק דעם שנור, מיט וועלכן דאָס פּעקל איז געווען פאַרבונדן — און פיר זיך אויף אַנשטענדיק. — יאַקוב האָט אויפמערקזאַם געקוקט, ווי דער בחור האָט איר דערלאַנגט די לעדערנע טעקע. פון אונטער דער נישט דערשפּיליעטער בלוזקע אין אַרבעסלעך האָט זיך אַרויסגעבויגן אַ שטיקעלע פון אירע פּלייצעס און אַ טאַשמעלע פון איר סטאַניק. בעת זי האָט אַריינגעלייגט די בריוו אין דער טעקע, האָט דער בחור געגענעצט און אַרומגעדרייט אַרום אַ פינגער איינס פון זיינע לעקלעך, אַלץ וויגנדיק מיטן פוס, זיך לאַנגווײלנדיק. — פאַרטיק? — האָט ער ענדלעך געפרעגט, ווען זי האָט פאַרמאַכט די טעקע. — גיב אַכטונג אין גאַס, — האָט דאָס מיידל געזאָגט. — דער בחור איז אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש און אָנגעטאָן דאָס היטל, און זי ווידער האָט אויפגעהויבן די הענט, צו פאַרריכטן אים די האָר. באַלד זיינען זיי ביידע פאַרשוווּנדן. יאַקוב האָט נאָך געהערט איר שטים, וואָס האָט איבערגעחזרט: גיב אַכטונג — אויף וועלכן דער בחור האָט זיך ווידער צעלאַכט; נאָכהער האָט אַ זעץ געטאָן די טיר, ס'איז געוואָרן שטיל. יאַקובן האָט אַרומגענומען אַ שלעפעריקייט. ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט, האָט ער געדרימלט איינגעבויגן איבערן טעלער. ער האָט געפילט, אַז אירע הענט נעמען אים אַרום און טראָגן לייכט אַוועק אויף אַ געלעגער. ער האָט געוואָלט זאָגן: „אַ דאַנק", אָבער ער האָט בלויז אומדייטלעך אַ מורמל געטאָן און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווי לאַנג ער איז געשלאָפן, האָט ער נישט געוווּסט. פאַר דער דאָזיקער

צייט האָט ער זיך צוויי מאָל אויפגעוועקט: איינמאָל, ווען אין צימער איז שוין טונקל געוואָרן, ער האָט דערזען פאַר זיך אַן אומבאַקאַנטן מאַנספּאַרשוין אין א לייוונטענעם מאַנטל: ער איז געשטאַנען קעגנאיבער יאַקובן, דער קאָפּ געווענדט צו דער אָפענער טיר און דערציילט וועגן פּקלאַדעס, וואָס האָבן צעפּגעבראָכן. — א ריינע אַרבעט, מומינקע, — האָט ער געזאָגט פריילעך, אַרויסנעמענדיק עפּעס פון אונטערן מאַנטל. יאַקובן האָט זיך געדאַכט, אַז דער אומבאַקאַנטער האָט אים צוגעוווּנקען, נאָר איידער ער האָט באַוויזן דאָס געניוי צו באַטראַכטן, איז ער ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן. ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט צום צווייטן מאָל, איז שוין געווען פינצטער. דורך דער אָנגעלעגטער טיר האָט זיך פון שכנותדיקן צימער געהערט פּיאַלקעס קול. עס איז אים לייכט געווען צו דערקענען לויט זיין דיקציע: דער פּאַצעט האָט אפילו נישט קיין קרעכץ געטאָן, און מיר — אין דער ריקשע און אָפּגעצויגן. — יאַקוב האָט געהערט אביסל נישט ביי די געדאַנקען. — פּיאַלקע — האָט ער געמורמלט שוין פון שלאָף.

ענדלעך האָט אים אויפגעוועקט די שיין. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט, מרוזשענדיק מיט די אויגן. — יאַקוב, — האָט זיך אָפּגערופן עמעץ פון הינטערן טיש. אָבער יאַקוב האָט נישט געקאָנט ענטפערן, וואָרן די ליפּן האָבן אויפגעהערט אים צו פאָלגן; ער האָט זיך צעוויינט דאָס ערשטע מאָל נאָך א סך יאָרן. הינטערן טיש איז, אין דער שיין פונעם לאָמפּ, געזעסן וואַציק פּאַנקראַט.

אין משך פון די פינף יאָר מלחמה האָבן זיך מענטשן צוגעוווינט צו נישט געוויינלעכע זאַכן. דאָס לעבן פון דעם מענטשן האָט זיך דעמלט אויפגעוויקלט פון איין צופאַל צום צווייטן. די גאַסן, — האָט עמעץ דאָ נישט לאַנג געזאָגט — זיינען געווען אויסגעברוקירט מיט אומוואַרשיינלעכקייט. איך טראָט האָט געקאָנט ברענגען דעם טויט דער קומענדיקער — תחית-המתים; איבערגייענדיק פון איין טראָטואַר אויפן צווייטן טראָטואַר, האָט מען זיך נישט איינמאָל אויסגעקליבן א לעבנסלענגלעכן גורל.

די מענטשן האָבן עס זייער לייכט אָנערקענט פאַר א נאַטירלעכע זאַך; איינגיכן האָט זיי שוין נישט געוווּנדערט נישט די אומגעוויינלעכקייט פון זייערע טויטן, נישט די נסימדיקייט פון זייער געראַטעוועט ווערן. ווען א מענטש הערט זיך אויף צו וווּנדערן — שאַפט ער אַזוי אַרום א פּלאַץ פאַר נישט מענטשלעכע דערשיינונגען. די דייטשן — מע מוז

דאָס מודה זיין — האָבן די ערשטע אויפגעהערט זיך וואונדערן אויף דעם, וואָס זיי טוען.

פון זינט דעם אַנטלויפן פון דעם קעלער פון די מאַלינס ביזן באַגעגענען זיך מיט פאַנקראַטן, אויף נישט קיין גרויסן שטח און נישט קיין לאַנגער צייט — האָט יאַקובס יעדער טראָט געזאָלט יעדע רגע ענדערן זיין גורל; יעדער דורכגייער האָט געקאָנט א סוף מאַכן צו אים; יאַקובס גורל איז לכתחילה געווען אָפּהענגיק דערפון, וואָס מע האָט די פאַרביי־גייער אין גאס געלערנט וועגן זיין פנים.

אין אזא אויסטערלישער וועלט קאָן אלץ געשען. אן אבסורד, קאָן מען זאָגן, ראטעוועט דאָרט פון אן אבסורד, א צופאל פון א צופאל: פיאלקע האָט געראטעוועט יאקובן פון זעגאָנען, און מע קאָן עס באטראכטן — ווי עמען וויל — אָדער פאר השגחה, אָדער פאר א צופאל. פאנקראט האָט עס פונדעסטוועגן אנדערש דערקלערט: — דיך האָט געראטעוועט — האָט ער געזאָגט — די באריקאַדע אויף קאָפּינסקע. — ער האָט דערביי געלאכט, און וויל יאקוב האָט ברייט צעעפנט די אויגן און נישט פארשטאַנען, האָט פאנקראט דערקלערט, אז ער וועט עס באלד באווייזן. ער האָט אריינגערופן פיאלקען, וועלכער האָט גערעדט אין צווייטן צימער מיטן מיידל. — פיאלקע, — האָט ער פייערלעך געפרעגט, אָנווייזנדיק אויף יאקובן — ווער איז דאָס? —אַן אייגענער פאצעט, — האָט פיאלקע געענטפערט נאָך א רגע טראכטן. — פונוואַנען ווייסטו עס? — איז פאנקראט צוגעשטאַנען. פיאלקע האָט געמאַכט א באַלייִדיקטע מינע און געענטפערט, אז אויף פּאָווישליע האָט נאָך קיינער נישט „אויסגעסטראַיעט קיין משוגענעם” פון אים. — איך קאָן אים פון קאָפּינסקע, — האָט ער א וואָרטשע געטאָן און צוגעגעבן, אז דאָס קלעקט. דעמולט האָט זיך פאנקראט געזעצט מיט צעשפרייטע פיס אויף דער שטול; ער האָט פאַמעלעך געפרעגט, צי פיאלקע וואָלט אהער געבראכט, אויף סאָליעץ, יאקובן, ווען ער וואָלט אים נישט געקענט און נישט געוווסט, ווער ער איז. נאָך דער דאָזיקער פראגע האָט זיך פיאלקע זייער פאר־טראכט און, אויסמיידנדיק יאקובס בליקן, שטיל געענטפערט: ניין. — זיי האָבן א ווייל געשוויגן. יאקוב איז געזעסן אויפן בעט און איבערגעפירט דעם בליק פון פיאלקען אויף פאנקראטן.

— אין א מענטשנס לעבן, — האָט זיך אָנגערופן פאנקראט — האָבן אפילו צופעליקייטן ליב צו האָבן זייערע סיבות. — נאכהער האָט ער געבעטן פיאלקען, ער זאָל זיי לאָזן אליין.

— מיר וועלן געפינען פאר דיר א וווינונג, יאקוב, — האָט ער א שמייכל

כל געטאָן, זיך זעצנדיק אויפן בעט. — דו זעסט שלעכט אויס... מיר וועלן צוואַרטן אויף א רעגנדיקן טאָג, און ווי נאָר דו וועסט קומען צו זיך, וועט דיך פיאַלקע אריבערפירן אין דעם וועגעלע, אונטער א ביידל.

יאַקוב האָט זיך אומרואיק באַוועגט. ער האָט אויסגעהערט, אויפמערקזאַם אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן, און געשוויגן.

— עס וועט דיר דאָרט נישט שלעכט זיין, — האָט פאַנקראַט דערקלערט — העכסטנס לאַנגווייליק. עס וועלן דיך זיכער נעמען די צוויי עקסצענטרישע לערערינס; מיט פערציק יאָר צוריק האָבן זיי געוואָרפן באָמבעס אויף פּאָליצמייסטערס, אויף דער עלטער האָט זיך זיי אביסל איבערגעדרייט אין קאָפּ און פון דעם, וואָס עס קומט פאָר איצט, האָבן זיי פאַרשטאַנען בלויז איינס: מע דאַרף ראַטעווען מענטשן. נו, און זיי טוען דאָס, וואָלט איך זאָגן, זייער קאָנסעקווענט. עס איז נישטאָ די וואַך, מיר זאָלן זיי נישט אונטערוואַרפן א וואַסער „אָפּגעשרפּעטן" דראַנג, טיילמאָל מיט א לאַך אין שטערן. איך מיין, אז ס'וועט דיר נישט גיין שלעכט. ס'איז א רואיק הויז. יאַקוב האָט א נייג געטאָן מיטן קאָפּ. פאַנקראַט האָט ארויסגענומען פון קעשענע צוויי פּאַפּיראָסן: — ווילסט פאַררייכערן? — האָט ער געפרעגט. — דאָס ווירקט גוט. — יאַקוב האָט נישט אָפּגעזאָגט, הגם ער האָט תמיד זעלטן גערייכערט, און אין קעלער האָט ער זיך דערפון אינגאַנצן אָפּגעזאָגט. דערלאַנגענדיק דאָס שוועבעלע, האָט פאַנקראַט אויפמערקזאַם אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. יאַקוב האָט באַגעגנט זיין בליק און, ווי ער וואָלט פון אים געוואָרן דרייסטער, האָט ער פּלוצעם א זאָג געטאָן:

— פאַנקראַט... צי וואָלט איך נישט געקאָנט דאָ פאַרבלייבן?

דאָ? — האָט זיך פאַנקראַט פאַרחידושט — אויף סאָלעק?

— יאָ, האָט יאַקוב באַשטעטיקט.

פאַנקראַט האָט אָנגעהויבן צו לאַכן. — צי ווייסטו, וואָס דאָ וואָלט אָפּגעטאָן, — האָט ער א פרעג געטאָן, זיך אויפהייבנדיק פון בעט. ער איז געגאַנגען איבערן צימער פונעם פענצטער צו דער טיר און צוריק, אָפּוואַרפנדיק מיטן פוס די פּאַפּירלעך, וואָס וואַלגערן זיך אויף דער פּאָדלאָגע. יאַקוב האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים קיין אויג.

— איך ווייס, — האָט ער געענטפערט, ווען פאַנקראַט האָט זיך ווידער פאַרהאַלטן פאַרן בעט.

עס איז אריבער א היפּשע ווײַלע. פונעם דערבייאיקן צימער האָט זיך געהערט ווי עס פּייפט פּיאַלקע, וועלכן ס'איז זיכער געווען לאַנגווייליק. פאַנקראַט האָט געוואָרט אָנגעשפּאַרט אויפן טיש. פאַרשטעלנדיק דעם לאָמפּ מיט די פּלייצעס. יאַקוב האָט איצט נישט געקאָנט זען דעם אויס־

דרוק פון זיין פּנים, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין שאָטן, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז פּאַנקראַט קוקט אויף אים. ער האָט איבערגעחזרט: איך ווייס — און ער האָט זיך פאַרטראַכט, זוכנדיק פּאַסיקע ווערטער. נאָכהער האָט ער אומזיכער צוגעגעבן: איר קעמפט דאָ מיט די דייטשן...

פּאַנקראַט האָט זיך נאָכאַמאָל צעלאַכט. ער האָט צענומען די הענט און געזאָגט, אַז יאָ, מע קען עס אַזוי אָנרופן. — פּיאַלקע — האָט ער אָנגעוויזן אויף דער טיר — רופט עס אַביסל אַנדערש. אָבער סוף־כּל־סוף איז עס אַן אונטערשיד בלויז אין דער טערמינאָלאָגיע. ביסט לאַנג דאָרט געווען? — האָט ער געפרעגט.

— פינף חדשים, — האָט יאַקוב באַרעכנט — פון מערץ ביז יוני, איך בין געזעסן אין אַ קעלער.

איצט איז אים געפאַלן אַ שיין אויפן פּנים, ווייל פּאַנקראַט האָט אָפּגעדעקט דעם לאָמפּ, זיך זעצנדיק ווידער לעבן אים. יאַקוב האָט דערפילט זיין האַנט אויפן קאָפּ: עס האָבן זיך אים דערמאָנט די נעכט אויף קאָפּיסקע און ער האָט אָפּגעזיפצט, אַביסל גערירט.

ביסט אַראָפּ פון פּנים, — האָט פּאַנקראַט איבערגעחזרט. ער האָט געזאָגט, אַז פון יאַקובן איז פאַרבליבן ווייניקער, ווי ווען ער איז אַרויס פון דער צעלע. יאַקוב האָט געעפנט דאָס מויל, דאָס אויפצוקלערן: ער האָט געוואָלט באַמערקן אַז דאָס לעבן אין תּפיסה קאָן מען נישט פאַרגלייכן מיט דעם, ווי ער האָט פאַרבראַכט די פיר יאָר מלחמה — אָבער אין דער לעצטער רגע האָט ער באַשלאָסן צו שווייגן. עס קאָן זיין, אַז פּאַנקראַט וואָלט דאָס געהאַלטן פאַר נישט פיין פון זיין זייט: עס וואָלט נישט געווען מעגלעך צו גרויסן זיך מיטן אייגענעם אומגליק.

— פיר יאָר, — האָט פּאַנקראַט געזאָגט. — דעם 30־טן סעפּטעמבער האָבן מיר זיך געזעגנט אויף אָכאָטע. דו האָסט געוואָלט גיין מיטן שאָסיי קיין פּ.

יאַקוב האָט עס באַשטעטיקט מיט אַ בליק. אויף אַ רגע האָט ער דערזען אַ פּוסטגעוואָרענע באַריקאַדע, אַן איבערגעקערטן טראַמוויי מיט צעבראָכענע שויבן, זעקלעך מיט זאַמד, אַ שטויב, אין וועלכן ס'האָט געשימערט דאָס צעשטויסענע גלאָז — און אַ רויך, וואָס ציט זיך מיט טונקעלע פּאַסן איבער די דעכער. ער האָט געזאָגט, אַז ער געדענקט דעם דאָזיקן טאָג. ער א[illegible] דעמלט געטאַנגען זוכן זיין מאַמען, און ער האָט זי געטראָפן אין פּ., אויף לאַנקאָווע־גאַס, אין אַ וווינונג, וואָס די דייטשן האָבן עס שוין באַראַבעוועט.

— עס איז שווער געווען דיר צו עצהן, דו זאָלסט בלייבן, — האָט פאַנקראַט געזאָגט. ער האָט דערקלערט, אַז לויט זיין מיינונג דאַרף מען אַזעלכע ענינים אַליין אַנטשיידן.

— יאָ, — האָט יאַקוב מסכּים געווען. אויב עס גייט אין יענעם טאָג, האָט ער נישט געהאַט קיין געוויסנפּיין. ער האָט דערציילט פאַנקראַטן, ווי ער האָט פאַר די ערשטע יאָרן אין געטאָ געוווינט זאַלבעצווייט מיט דער מאַמען. — ס'איז נאָכנישט געווען אַזוי שלעכט, — האָט ער באַמערקט — איך האָב נאָך אפילו געקאָנט עפּעס פאַרדינען, מיר האָבן געוווינט ביי גוטווינטשנדיקע מענטשן. דערנאָך זיינען זיי אויסגעשטאָרבן. ער האָט באַמערקט, אַז אין דער מלחמה־צייט זיינען די גוטווינטשנדיקע מענטשן אויסגעשטאָרבן די סאַמע ערשטע. דערנאָך האָט ער אין עטלעכע ווערטער געשילדערט זיין אַנטלויפן מיט געניצע אַפּפּעל און די ווייטערדיקע פאַסירונגען ביזן טויט פון מאַלינען. ער האָט זיך וועגן אים אויסגעדריקט: דאָס איז זייער אַ גוטער און גוטווינטשנדיקער מענטש. ער איז אויך געווען אין תּפיסה — ער האָט געפרעגט פאַנקראַטן, צו מיינט ער נישט, אַז די תּפיסה פאַרבינדט מענטשן צווישן זיך.

— מעגלעך, — האָט זיך פאַנקראַט פאַרטראַכט — אָבער נישט אַלע. די תּפיסה האָט, לויט זיין מיינונג, פאַרבונדן מענטשן ענלעכע צו זיך: צאַרטלעכע מיט אָרנטלעכע, פאַרברעכער מיט פאַרברעכער. יאַקובן האָט דאָס פאַרשאַפט נחת: משמעות, אַז פאַנקראַט, נישט געקוקט אויף זיין פאַרברעכן, האָט נישט געטראַכט וועגן אים ווי וועגן אַ פאַרברעכער, אויב ער האָט זיך געקאָנט באַפריינדן מיט אים אין תּפיסה. שפּעטער אַביסל האָט ער אים מודה געווען, אַז צוויי מענטשן, פון וועלכע ער האָט באַקומען הילף נאָכן אַנטלויפן פון געטאָ — זיינען טאַקע געווען קאָלעגן פון יענע צייטן. ער האָט באַנוצט דאָס וואָרט "קאָלעגן" מיינענדיק, אַז ס'וועט זיין פּאַסיקער צוצוהאָרטן, ביז פאַנקראַט וועט דער ערשטער אָנרופן זייער פאַרבינדונג — פריינטשאַפט. — דעמלט מאַלינאַ, און איצטער דו, — האָט ער געזאָגט — נישט רעכענענדיק, פאַרשטייט זיך, פּיאַלקען.

אויפן קלאַנג פון דעם דאָזיקן פאַמיליע־נאָמען האָט פאַנקראַט אַ שמייכל געטאָן, בפירוש אויפגעהייטערט. — פּיאַלקע, — האָט ער הערקלערט — איז אַ בראַווער בחור. — ער האָט דערציילט יאַקובן, אַז פון סעפּטעמבער אָן אויף קאַפּינסקע האָבן זיי זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן צוזאַמען, און אַז פּיאַלקע האָט אים אָפט דערמאָנט, זאָגנדיק: — דו געהענקסט יאַקובן? ער איז געווען אַ נישקשהדיקער יונג. — באמת? — האָט זיך יאַקוב דערפרייט — איך וואָלט אַזעלכעס נישט חושד געווען. —

ער האָט אַ שעפּטשע געטאָן, אַז ער האָט אויך גלייך ליב באַקומען פּיאַלקען. פּאַנקראַט האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער קאָן אָן קיין שום קווענקלעניש פאַרדעטענען פּיאַלקען פאַר זיינס אַ גוטן פריינט. — אין זיין געהעכעניש, — האָט ער געשמייכלט — איז די פּאַרטיידיקונג פון וואַרשע פאַרבליבן אויף אייביק פאַרבונדן מיט דייך נאָמען. דעמלט איז יאַקוב שטאַרק געריירט געוואָרן, ווייל ער וואָלט קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז אין עמעצנס געדעכעניש וואָלט עפּעס וואָס געקענט זיין פאַרבונדן מיט אים, בפרט נאָך די פּאַרטיידיקונג פון וואַרשע. — דאָס איז אַ גוטער בחור, — האָט פּאַנקראַט איבערגעחזרט. — ער האָט צוגעגעבן, אַז פּיאַלקע האָט מיט אַ וואָך פריער פאַרלוירן אַ דריטן פאָדערשטן צאָן. צום גליק אָן אונטערשטן. ער האָט זיך אים משמעות אויסגעבראָכן בעתן עסן.

זיי האָבן ווידער פאַרייכערט פּאַפּיראָסן, הינטער דער טיר האָט פּיאַלקע אויפגעהערט צו פּייפן, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן, אַז סע גייט דאָ אַ רייד וועגן אים. אין אַ רגע אַרום האָט יאַקוב אַ הוסט געטאָן און אַ פרעג געטאָן נישט דרייסט:

— צי מוז איך אהין פאָרן?

— ניין, — האָט געענטפערט פּאַנקראַט — אָבער עס וואָלט געווען בעסער פאַר דיר. דאָרט וועסטו זיין זיכער.

— איך פאַרשטיי, — האָט יאַקוב אַ וואָרטשע געטאָן. נאָך אַ קורץ שווייגן האָט ער פונדעסטוועגן געמאָלדן, אַז נישט דערין גייט אים: טראַכט נישט, אַז איך בין אַ פּחדן, וואַצעק. פּאַנקראַט האָט געמאַכט מיט די אַקסל. — מע דאַרף נישט זיין קיין פּחדן, בכדי מורא צו האָבן פאַרן טויט! — האָט ער דערווידערט. — ווער פון אונדז וואָלט אַבי געוואָלט שטאַרבן? פרעג פּיאַלקען.

יאַקוב האָט זיך געזעצט אויפן בעט, געבעטן נאָך אַ פּאַפּיראָס, דערנאָך האָט ער געזאָגט דרייענדיק מיטן קאָפּ:

— איך האָב נישט מורא פאַרן טויט. מיר גייט נישט אין דעם. איך וואָלט פונדעסטוועגן נישט געוואָלט שטאַרבן דערפאַר, וואָס איך בין אַ ייד.

פּאַנקראַט האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט פאַרווונדערונג:

— צום טייוול, דו טראַכסט דאָך מסתם נישט, יאַקוב, אַז זיין אַ ייד איז אַ חרפּה.

— איך ווייס. איך האָב זיך מיט דעם קיינמאָל נישט געשעמט. נאָר דאָרט אין קעלער, ווען איך בין געווען פולשטענדיק אַליין, האָב איך געטראַכט וועגן אַ סך זאַכן. פּשוט, איך האָב נישט געהאַט עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן: אָדער טראַכטן, אָדער שרעקן זיך.

— נו, איז צו וואָס זשע האָסטו זיך דערטראַכט?

יאַקוב האָט זיך צו אים צוגערוקט און ווידער אַ הוסט געטאָן.

— איך האָב אפשר זיך נישט צו קיין סך דערטראַכט — אָבער איך האָב געפונען אַ באַשייד, פאַר וואָס איך שרעק זיך. איך שרעק זיך, פאַנ־קראַט, צו שטאַרבן בלויז דערפאַר, וואָס איך בין אַ ייִד, צו פאַרשטייסטו דאָס?

— ניין. נאָר רעד ווייטער.

— איך האָב מורא צו שטאַרבן בלויז דערפאַר, וואָס איך האָב אַזאַ פנים און נישט קיין אַנדערס — האָט ער דערקלערט מיט אָנשטרענגונג — בלויז דערפאַר, וואָס איך הייס יאַקוב גאָלד... מיר דאַכט זיך, אַז אַ מענטש דאַרף נישט אומקומען בלויז דערפאַר, וואָס ער איז... עפּעס אַנ־דערש איז אַ האָז, אָבער אַ מענטש, אין אַזעלכע צייטן ווי היינט, ווען מענטשן קעמפן, דאַרף אומקומען פאַר דעם, וואָס ער טוט. וואָרן אָט גיב אַ קוק אויף מיין פנים. עס זאָגט וועגן גאָרנישט נישט עדות, בלויז אַז ס'איז אַ ייִדישס און אַז אַנדערע פאַראַכטן עס. דאָס איז צו ווייניק, אַז מע זאָל עס פאַרטיידיקן, אַז מע זאָל זיך פאַר דעם שלאָגן; וואָס גייט עס מיך אָן, וואָס פאַר אַ פנים איך האָב, פאַרטיידיקן קאָן מען נאָר דאָס, וואָס מע האָט באמת ליב. אַנדערש האָט דער מענטש קיין כוחות נישט און ער וויל לחלוטין נישט קעמפן. דאָס דאָזיקע פנים — ער האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער — איז אַן אומגליק, אַלע כוחות האָט עס ביי מיר צוגענומען.

— וואָס וואָלסטו אַבי געוואָלט פאַרטיידיקן?

— איך ווייס נישט, — האָט ער זיך פאַרקלערט — איך האָב דעמאָלט וועגן דעם נישט געטראַכט. ווען מיין מאַמע וואָלט געלעבט, וואָלט איך זי פאַרטיידיקט. אָבער זי איז געשטאָרבן פון אַ טיפוס, און איצט וואָלט איך נאָר געוואָלט פאַרבלייבן מיט אייך אויף סאָלעץ.

פאַנקראַט האָט אים נישט איבערגעריסן. ער איז געזעסן שווייגנדיק און געקוקט אויף אים אויפמערקזאַם. יאַקוב איז געווען אויפגערעגט. ער האָט געהאַט פלעקן אויף די באַקן, אָבער ער האָט שוין גערעדט שטילער, עס האָט אים משמעות פאַרמאַטערט דאָס שיינרייזעריי.

— דאָס גאַנצע לעבן פייניקט מיך דאָס דאָזיקע פנים, — האָט ער ענדלעך אָפּגעזיפצט. — איך האָב שוין נישט קיין כוחות, צו גיין מיט דעם ערגעץ־ווו אַנדערש. מענטשן געפינען אין דעם אַלץ, צוליב וועלכן זיי האַסן די ייִדן. איך בין דאָך נישט ערגער פון אַנדערע, און צוליב דעם האָב איך דאָך דערהרגעט אַ מענטשן. מיין לעבן, פאַנקראַט, איז אַ ייִדיש לעבן, און נישט קיין געוויינלעכס, קיין מענטשלעכס. צוליב דעם האָט זיך עס איינגע־

שטעלט אנדערש, ווי איך האָב געוואָלט. צוליב דעם בין איך שוין אפשר עמעץ אנדערש, ווי איך וואָלט געקאָנט ווערן. אָבער איך ווייס, אז איך מוז פונדאנעץ אוועקגיין. מיין פּנים וועט אייך ברענגען אומגליק.

— אויב דו ווילסט זיין מיט אונדז, — האָט ער דערהערט פּאנקראַטס רואיקע שטים — בלייב איבער. דאָ, אין דער דאָזיקער וווינונג, האָט עס שוין לאנג קיין באדייטונג נישט ווער וואָס פאַר א פּנים עס האָט. אין דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן אהער אריינקומען, מוז יעדער, וועמען זיי וועלן נאָר באגעגענען, אומקומען. אויפן אָרט אָדער שפּעטער. אָן אונטערשיד, ווער דו ביסט. אין דער דאָזיקער וווינונג וועלן זיי דיך נישט דערמאָרדן דערפאַר, וואָס דו ביסט א ייד. דער, וואָס איז מסכים צו זיין מיט אונדז, פאַרלירט זיינע ספּעציעלע סימנים און ער ווערט בלויז איינער פון אונדז. צו לאנג ביסטו געווען אליין, דערפאַר קוקסטו אויף די זאכן אנדערש ווי מיר.

— מיין פּנים, — האָט יאַקוב א שעפּטשע געטאָן — דאָס איז א פּעסט. איך טאָר זיך מיט קיינעם נישט באפריינדן. איך ברענג תּמיד אומגליק.

— אונדז איז שווער צו ברענגען אומגליק. מיר זיינען נישט קיין איין מענטש. מיר זיינען א סך.

פּאנקראַט איז אנטשוויגן געוואָרן. און האָט זיך פאַרטראַכט. א רגע איז געווען שטיל. הייסט עס, אז איך מוז נישט אוועקגיין פונדאנעץ ערגעץ אנדערש ווו? — האָט יאַקוב געפרעגט.

פּאנקראַט האָט געמאַכט מיט די אקסל. ער איז צוגעגאנגען צו דער שאפע, האָט זי געעפנט און ארויסגענומען פון איר א קעגנשטאנד, וואָס איז געווען אין איר באהאלטן. דאָס זיינען געווען פינף גראנאטן, צוזאמענגע־בונדן מיט א רימענדל. ער האָט זיי אויפגעהויבן אין דער הויך, זיי האָבן גע־גלאנצט אין דער שיין פון דעם לאָמפּ.

— דו ווייסט, וואָס דאָס באטייט, — האָט ער געזאָגט פּאמעלעך, קוקנ־דיק אויף יאַקובן. — און דאָרט — איז א רואיק הויז... קלייב אויס — האָט ער פאַרענדיקט און האָט א שאָקל געטאָן מיט דער האנט, קלינגענדיק מיט די גראנאטן.

— איך וויל פאַרבלייבן דאָ, — האָט יאַקוב געענטפערט.

ווער עס געדענקט דאָס יאָר 1943, וועט זיך דערמאָנען, אז דער אוי־גוסט פון יענעם יאָר איז געווען א נישט ווייניקער הייסער ווי דער יולי. די פּאָווישליע, נישט געקוקט אויף איר נאָמען, איז נישט קיין לופטיקער קוואַרטאל, די געמויערטע ווענט פון די צינש־מויערן לאָזן נישט דורך די

קילקייט פונעם טייך. דער עיקר אויף סאָלעץ, צווישן דעם בריק און טאמקע האָבן די הייזער געבילדעט אַן ענגען שפּאַלט, אין וועלכן די דערהיצטע, פאַרגליווערטע לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן ריח פון פערדישער השתנה און ביר: דאָס האָט זיך דערקלערט מיט דער דראָשקע־שטעלע און עטלעכע שענק־הייזער.

פון באַטמיטאָג־צייט איז אויפן פאַרהענגל אינעם ערשטן צימער געלעגן די זון. דער ווייסער מוסלין האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי געוועבט פון היץ און שיין. יאַקוב האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף דעם. דאָס פאַרהענגל איז געווען אַ וויכטיקע זאַך אין דער וווינונג אויף סאָלעץ: דער, וועלכן די דייטשן וואָלטן דאָ אַבי געטראָפן, האָט געהאַט די פליכט אַראָפּצורייסן עס פונעם פענצטער און אַזויאַרום וואָרענען די אַנדערע, אַז מע טאָר נישט אַרויפקומען אינדערהויך. דערפאַר איז דאָס פאַרהענגל געהאַנגען ווי־עס־איז, לייכט צוגעטשעפּעט, אויף געציילטע פעדעם; כדי עס אַראָפּצורייסן איז גענוג געווען איין צי.

דאָס מיידל, וועלכע האָט פאַרנומען דאָס ערשטע צימער, האָט געהייסן וואַליע. זי איז געווען אַ וויניק־רייִדנדיקע, אַ ביסל אַ האַרבלעכע. בלויז פון אירע אויגן האָט יאַקוב געקאָנט זיך אָנשטויסן, אַז זי שפּירט נישט צו אים קיין ווידערווילן. אויף סאָלעץ האָט מען וועגן איר געהאַט נישט קיין גוטע מיינונג. — צופיל מענער האָבן באַזוכט איר וווינונג. און כדי אונטערצוהאַלטן איר שלעכטן שם, האָט זי זיך געקליידט שרייעריש און אַרויסרופנדיק. יאַקוב האָט באַמערקט, אַז ביי איר אַרויסגיין פון שטוב האָט זי יעדעס מאָל געפאַרבט די ליפּן און די באַקן מיט קאַרמין־שמינקע, און די ברעמען מיט שוואַרצן טוש. דאָס שאַפן אַזאַ שיינבאַרקייט האָט געהאַט אַ וויכטיקע באַרעכטיקונג: מענטשן ווילן בעסער זיין באַדראָט אין זייער מאָראַלישקייט איידער אין זייער זיכערקייט. אַרויסגייענדיק האָט זי יאַקובן דערמאָנט, ער זאָל קיינעם נישט עפענען די טיר.

— כ'וועל זיך אינגיכן אומקערן, — האָט זי געזאָגט. — גוט, — האָט יאַקוב געענטפערט און קוקנדיק אויף איר האָט ער פעסטגעשטעלט מיט געוויסנפּיין, אַז אירע ליפּן, פאַרצויגענע מיט שמינקע, זיינען רייצנדיקער, ווי געוויינלעך. אין קיך איז אויף צוויי קאַסטנס, איבערגעצויגענע מיט דעקעס, געשטאַנען אַ דרוקעריי, וועלכע איז אויפן ערשטן אויגנבליק ענלעך געווען צו אַן אייזערנעם שליטן. אויב וואַליען האָט מען אין שפּאַס גערופן „מומע", האָבן וועגן דער דרוקעריי אַלע גערעדט ערנסט: „די מאַמעשי", וואָס יאַקובן האָט עס אַביסל גערירט; ער האָט דאָך שוין אַ גאַנץ לאַנגע צייט דאָס דאָזיקע וואָרט נישט אַרויסגערעדט. „די מאַמעשי"

האָט געאַרבעט ביינאַכט. די פענצטער זיינען האַן געווען פעסט פאַרשטעלט און דער מאַנגל אין לופט האָט גורם געווען אַזאַ גרויסע דושנעקייט, אַז די מענער האָבן געאַרבעט אַנטבלויזטע ביז דער העלפט.

אין אַזעלכע טעג פלעגט זיך פאַנקראַט באַוויזן פריער ווי געוויינלעך. גייענדיק איבערן צימער האָט ער דיקטירט וואַליען טעקסטן. יאַקוב האָט ליב געהאַט צו זיצן דעמלט אויפן בעט און הערן. דאָס צימער איז גרוי געווען פון רויך: פאַנקראַט האָט אַ סך גערייכערט און געוואָרפן די שטיקלעך, ווו ס'האָט זיך געמאַכט. דאָס קלאַפן פון דער מאַשין און דער אָפּקלאַנג פון זיינע טריט האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אין אַן אומאויפהערלעכן ריטם. יאַקוב האָט געפירט נאָך אים די אויגן, פאַמעלעך אומווענדנדיק דעם קאָפּ פון פענצטער צו דער טיר. נישט איינמאָל האָט ער אָנגעטראָפן זיין בליק, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז דאָס האָט נישט קיין באַדייטונג: זיך פאַרטראַכטנדיק איבער אַ זאַץ, האָט פאַנקראַט געקוקט אין איין פּונקט — ער האָט געקאָנט זיין יאַקוב, דער אַלומיניענער אַבאַזשור פון דעם לאָמפּ אָדער דער טיש.

אין אָוונט איז געקומען צו פאָרן פּיאַלקע, דאָס גליקל פון זיין ריקשע האָבן זיי שוין געהערט פון דרויסן: ער האָט גערעדט אַ רגע מיטן הויף־וועכטער, וועלכער האָט זיך געווייטלעך אָפּגערוט אין דער צייט אויפן בענקל אין טויער. פּיאַלקע האָט געזאָרגט וועגן גוטע באַציאונגען מיט אים — מיט אַ חודש צוריק האָט ער אָפּגעפירט זיין טאָכטער מיט איר חתן צום קלויסטער אויף דער חתונה — דאָס איז געווען די ערשטע חתונה אין שטאָט, ווען דאָס יונגע פּאָרל איז געקומען צו פאָרן מיט אַ ריקשע — און דערפאַר איז ער געקומען אַהיים ערשט אין אַ פערטל שעה אַרום. דעמלט האָט ער מיט יאַקובן זיך גענומען צו דער אַרבעט. מע האָט באַדאַרפט „איינאָרדענען די מאַמעשי" פאַרן זעצערס קומען, און ווען פאַנקראַט האָט אין צימער פאַרענדיקט צו דיקטירן, האָבן זיי צוגעגרייט פּאַפּיר, שריפט און מכשירים.

אין קיך האָט זיך געלאָזט שפּירן אַ היץ. אַ שאַרפער ריח פון פאַרב האָט געקיצלט אין האַלדז. פּיאַלקע האָט אַלעמאָל אויפגעדרייט דעם וואַסער־קראַן, האָט שטאַרק איינגענעצט די טשופּרינע און געטרונקען כליפּעטשענדיק אויף אַ קול. אין דערוואַרטונג אויפן זעצער, וועלכער איז געווינלעך געקומען האַרט פאַר דער פּאָליציי־שעה, האָבן זיי אָפט גערעדט וועגן זיך און וועגן דער מלחמה. מייסטנטייל האָט יאַקוב געהערט פּיאַלקעס דערציילונגען וועגן זיינע פּאַסירונגען מיט די דייטשן, וועגן פאַנק־

ראַטס דרייסטקייט און זיינע געפּערלעכע אונטערנעמונגען און ענדלעך וועגן דעם אופן ווי מע האָט דערהרגעט די שפּיצלען אין די גאַסן.

איינמאָל האָט פּיאַלקע אַ פרעג געטאָן ביי יאַקובן, וואָס פאַר אַן אָר־גאַניזאַציע־פּסעוודאָנים ער האָט. יאַקוב איז אַביסל מבולבל געוואָרן: ער האָט געענטפערט, אַז נישט תמיד מוז מען דאַך האָבן אַ פּסעוודאָנים.

— וואָס פלאַפּלסטו, — איז פּיאַלקע אויפגעבראַכט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן דערוויזן, אַז יאַקוב איז נישט גערעכט: פּאַנקראַט הייסט איצט טאַדעאוש, צום זעצער דאַרף מען זאָגן „חבר ווילגע”, און ער, פּיאַלקע, האָט דעם פּסעוודאָנים „סטערניק”.

— וואָסער? — איז יאַקוב געוואָרן טשעקאַווע, קוקנדיק אויף אים מיט אכטונג.

— סטערניק, — האָט פּיאַלקע געענטפערט פייערלעך. ער האָט אַ באַוועג געטאָן מיט די הענט, ווי ער וואָלט געקירעוועט מיט זיין ריקשע, און צוגעגעבן: אַ פּסעוודאָנים, גוטער ברודער, אַ! דאָס איז אַ וויכטיקע זאַך.

יאַקוב איז אומעטיק געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. נאָר אין אַ מינוט אַרום האָט אים פּיאַלקע אַ טאָרקע געטאָן אין אַקסל, פרעגנדיק, ווי ער האָט זיך אַן עצה געטאָן אָן אַ פּסעוודאָנים ביז דער צייט, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו ווינען אויף סאָלעץ.

— איך בין געווען אין אַ קעלער, — האָט יאַקוב אַ שעפּטש געטאָן — צו וואָס האָט מיר דאָרט געפעלט אַ פּסעוודאָנים...

— און ווי האָבן דיך די חברים גערופן? — האָט זיך פּיאַלקע גע־וווּנדערט.

אַ רגע האָט זיך יאַקוב פאַרטראַכט, צי זאָל ער נישט זאָגן קיין ליגן, פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט דעם אמת: אַז ביז ער האָט זיך באַגעגנט מיט פּיאַלקען האָט ער קיין חברים נישט געהאַט.

— המם... — האָט פּיאַלקע אַ וואָרטשע געטאָן, אַביסל איבערראַשט — דאָס הייסט, אַז דו ביסט נישט געווען מיט אונדז?

— ניין, — האָט יאַקוב געענטפערט, קוקנדיק אויף דער פּאָדלאָגע.

פּיאַלקע האָט זיך פאַרטראַכט, ווי יאַקובס ענטפער וואָלט אים זייער געקרענקט, דערנאָך האָט ער, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט, אַז יאַקובן איז אוודאי געווען שלעכט איינער אַליין. — מיט מענטשן איז שטענדיק בעסער — האָט ער עס אויסגעלויבט — ווייל איינער העלפט דעם צווייטן.

יאַקוב האָט געענטפערט, אַז דעמלט אין קעלער האָט ער צייטנווייז גע־טראַכט אַנדערש, אָבער איצטער האָט ער אויך די זעלבע מיינונג.

— זעסט שוין, גוטערברודער! — האָט זיך פּיאַלקע געפרייט. ער האָט

געמאָלדן מיט טריאומף, אַז צוליב דעם מוז זיך יאַקוב אויסווילן א פסעוודאָנים, און ער האָט אים אָנגעהויבן צורעדן, ער זאָל אים אויס־טראַכטן תיכף־ומיד, איידער דער זעצער וועט אָנקומען.

אָבער יאַקוב האָט זיך פאַרויטלט און געזאָגט, אַז אָט אזוי, אויפן אָרט, וועט ער ביי זיך אין קאָפּ גאָרנישט אָפּגעפינען.

— עי! — האָט עס פיאַלקע אוועקגעמאַכט — דאָס איז אינגאַנצן נישט שווער — און ער האָט גענומען אויסרעכענען אויף די פינגער:

— פּילאָט, פונק, שטורעם, שטורמער, בלויז אויסוויילן... נו? — האָט ער יאַקובן צוגעגעבן חשק.

אָבער קיין איינער פון די פסעוודאָנימען איז יאַקובן נישט געווען צום האַרצן. ער איז געזעסן אביסל פאַרשעמט און האָט אומדרייסט געכאַפּט א קוק אויף פיאַלקען. דער ענין האָט אים אויסגעזען צו זיין זייער וויכ־טיק, ער האָט געוואָלט אויסוויילן א נאָמען, וואָס זאָל קלינגען איידל, וואָס זיין זין זאָל קלאָר זיין פאַר יעדן און גלייכצייטיק זאָל ער פאַר אים פאַרשטעלן מיט זיך דעם העכסטן ציל, און פאַר אַנדערע דינען ווי א ביישפּיל. ער האָט דאָך געוווסט, אַז א פסעוודאָנים ווילט מען זיך אויס א מאָל אויפן גאַנצן לעבן. דערפאַר האָט פיאַלקע, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעשעפּט אַלע זיינע איינפאַלן און לסוף א מאַך געטאָן מיט די אַקסל, געטראָפן פון יאַקובס שווייגן, אים א פרעג געטאָן, צי קאָן ער נישט אַליין עפּעס צוטראַכטן — יאַקוב האָט זיך נישט גלייך אָפּגערופן. ערשט אין א וויַיל אַרום האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און א מורמל געטאָן:

— איך האָב צוגעטראַכט. איך וואָלט געוואָלט הייסן...

— וויאַזוי? — איז פיאַלקע צוגעשטאַנען.

— שמשון, — האָט יאַקוב געזאָגט און א קוק געטאָן אויף אים אומ־זיכער.

די ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן די דייטשן, הגם זי האָט אַרומגע־כאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין איינער־לעכער איינהייט. ווייל אין דער אונטערערד האָבן געווירקט פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס: אייניקע האָבן געזאַמלט מענטשן, וואָס די ביוראָקראַטיע וועלט האָט זיי אויסגעזען צו זיין גוט, אַנדערע האָבן זיך צונויפגעשטעלט פון אָרעמע מענטשן, אָט די האָבן, קעמפנדיק מיט די דייטשן, עקשנות־דיק געטענהט, אַז נאָך דעם לאַנדס באַפרייט ווערן פונעם שונא דאַרף מען בייטן די וועלט אויף א בעסערער, און דער עיקר, באַפרייען די פאַבריקן און פאַלוואַרקעס פון די אַמאָליקע באַלעבאַטים. מענטשן מיט העכערער בילדונג האָבן זיך אויך געטיילט אויף צוויי גרופּעס: טייל האָבן גע־

שטיצט די אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרטיידיקן די אַלטע אָרדנונג, אַנדערע זיינען געקומען צום אויספיר, אַז די מלחמה און די אומגליקן, וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלן אויף דער מענטשהייט, זיינען געווען אַ פּועל־יוצא פון דער אַמאָליקער שלעכטער אָרדנונג. דאָס האָט זיי באַוויגן זיך צו פאַרבינדן מיט די אַרבעטער, וואָס זייערע פאָדערונגען האָבן זיי געהאַלטן פאַר גערעכטע. פיל פון זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קאַמף אַקסל ביי אַקסל מיט פּראָסטע מענטשן, און נישט איינמאָל מיט אַזעלכע, וואָס קאָנען נישט שרייבן, אָבער זיי האָבן זיך קעגנזייטיק דערגאַנצט זייערע קענטעניש. דעם לעצטן טאָג פון אַפּריל 1943 י. זיינען אויף דער קרייצונג פון די גאַסן ראַקאָוויעצקע און פּולאַווסקע געשטאַנען צוויי יונגע מאַנצבילן; איינער פון זיי האָט מיט קרייד געשריבן אויף אַ מויער: „זאָל לעבן דער ערשטער מאַי", און דער צווייטער מיט אַ האַנט אין קעשענע, האָט שאַרף געקוקט אין דער ריכטונג פון די באַאַנטע אוויאַציע־קאַשאַרן. דער ערשטער איז געווען אַ דאָקטאָר־פילאָזאָפיע, שרייבן איז פאַר אים געווען מאָגטעגלעך ברויט; דער צווייטער — אַ גיסער אין אַ וואַגאָנען־פאַבריק — דער דאָזיקער האָט פאַרקוועטשט די פויסט אויפן הענטל פון אַ מויזער; נאָך דזיך מאַטע האָט געשאָסן אויף זשאַנדאַרמען אין יאָר 1905.

אַזעלכע מענטשן האָבן באַזוכט די וווינונג אויף סאָלעץ. מ׳האָט אָנגעקלונגען דריי מאָל — צוויי מאָל לאַנג, איינמאָל קורץ. לכתחילה האָט יעדער איינער פון זיי אויסגעזען יאַקובן באַקענט, ערשט דערנאָך האָט ער פאַרשטאַנען, צוליב וואָס דאָס איז. אַרויסזאָגנדיק דאָס וואָרט „מענטש" שטייט אונדז געוויינלעך פאַר די אויגן אַ מענטשלעך געשטאַלט, ווי עס האָט זיך געשאַפן לויט אונדזערע דערפאַרונגען און פאַרשטעלונגען. אויך יאַקוב האָט זיך אַזוי פאָרגעשטעלט — דער „מענטש" האָט זיך אין זיינע געדאַנקען נישט געענדערט פון זינט די צייטן פון לאַנקאָרע, נישט געקוקט אויף דעם אַלץ, וואָס ס׳איז שפּעטער פאָרגעקומען. דאָס איז געווען דערזעלבער דורכשניטלעכער מענטש אין אָפּגענוצטער קליידונג מיט אַ געוויינלעך פּנים, פון וועלכן די אויגן האָבן אַרויסגעקוקט גוטווינטשנדיק. און אָט די מענטשן, וואָס זיינען געקומען אויף סאָלעץ, האָבן אויך אַזוי אויסגעזען, הגם צווישן זיך האָבן זיי זיך, פאַרשטייט זיך, אונטערשיידעט לויט דער הייך און לויטן קאָליר פון די האָר.

יאַקוב האָט זיך גערן צוגעהערט צו זייערע שמועסן, און הגם ער האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען, האָט ער געוווּסט, אַז די ענינים, וועגן וועלכע זיי רעדן, האָבן אויך אַ שייכות צו אים אַליין, נישט געקוקט דערויף, וואָס די טעמעס, וועלכע זיי האָבן באַרירט, זיינען לחלוטין נישט געווען גע־

בונדן מיטן פערזענלעכן לעבן פון יאקוב גאָלד. ער האָט זיך געפילט לעבן זיי זיכער און פשוט, אַזוי ווי אַ מענטש דאַרף זיך פילן מיט מענטשן. ווען זיי האָבן געלאַכט, האָט ער אויך געשמייכלט, ווען זיי האָבן געזידלט די שונאים, האָט אויך יאַקוב אין כעס צוזאַמענגעצויגן די ברעמען. אויף זיין פּנים האָט דאָ קיינער נישט געליגט קיין באַזונדער אַכט; מע האָט דאָך געוווּסט, אַז אין דער ווייבונג געפינען זיך גראַנאַטן, „די מאַמעשי" און דער חבר יאַקוב. מע האָט צו אים גערעדט פּשוט: יאַקוב, גיב אַ טרונק — אָדער: יאַקוב, ווען וועט קומען ז׳אַדעאַוש? — אָדער ענדלעך: יאַקוב, אונדזערע האָבן אָפּגענומען סאַרקאַוו! — אָפּט האָבן זיי ליב געהאַט מיט אים צו שפּאַסן, און אַזוי ווי נישט תמיד האָט ער זייערע שפּאַסן פאַרשטאַנען, האָבן זיי אים געקלאַפּט אין פּלייצע, פאַרזיכערנדיק, אַז זיי האָבן קיין שום שלעכטס נישט געהאַט אויפן זינען. אין אַ וואָך אַרום האָט זיי שוין יאַקוב אַלע געקענט אויף די נעמען; ער האָט געוווּסט, ווער עס קומט נאָך בריוו, און ווער נאָך געווער, און דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ סך יאָרן האָט ער גערעדט מיט זיי אַזוי פריי, ווי קיינמאָל נישט מיט די קאָלעגן אין קלאַס. דאָ און דאָרט איז דער גורל געווען אַ בשותּפותדיקער, ער האָט געדריקט אַלע צוזאַמען און יעדן באַזונדער: קיינער האָט דאָך נישט געקאָנט צווייפלען, אין וועלכן עס שטעקט דאָס געפאַר פון אַ באַזוך אויף סאָלעץ — נישט אין יאַקובס פּנים, נאָר אין דעם קאַמף; אַלע צוזאַמען מיט אים האָבן גענומען אין אים אַ גלייכן אָנטייל.

נאָר אויסער סימפּאַטיע האָט זיך יאַקוב אויך דערוואָרבן אַכטונג. פון זינט אָן דער זעצער ווילגע האָט אים אָנגעטרויעט דאָס פּרעסן „די מאַמעשי", איז באַוווּסט געוואָרן, אַז דער זעכציק־קילאָדיקער פּרעס פון קאַוטשוק גייט אין יאַקובס הענט אַזוי לייכט, ווי אַ וואַלגערהאָלץ. פּיאַלקע מיטן זעצער ווילגע האָבן נישט געקאָנט פאַרבאָרגן זייער באַוווּנדערונג, צוקוקנדיק זיין קראַפט; ער האָט געאַרבעט אויסגעטאָן ביז דער העלפט; די אייַנגעבויגענע, אָפּגעברענטע פּלייצעס האָבן אים געגלאַנצט פון שווייס, ווי באַשמירטע מיט אייל: עס איז אויף זיי, אין זייער ריטמישן באַוועגן זיך, אַרויסגעטרעטן אויפגעפּושטע שטיקעלעך מוסקולן: יאַקובס פּנים איז דעמלט געווען פאַרביסן און ווי ווייטיקלעך. די האָר אין שוואַרצע, געדיכטע קרויזן, זיינען אים געפאַלן אויפן שטערן.

ווען ער האָט פאַרענדיקט און, אָפּאָטעמענדיק, שנעל אָנגעשטעלט דעם וואַלעק לעבן דער וואַנט, האָט פּיאַלקע געפייפט מיט רעספּעקט, און דער חבר ווילגע, אַ קליין מענטשל אָן אַ גאָמבע האָט געזאָגט: אַ

מאָדערנע ארבעט. — דעמלט האָט יאַקוב אויסגעדרייט דעם קאָפּ פון אונ־טערן קראַן און האָט פריינדלעך א שמייכל געטאָן צו זיי.

ציטענוויץ פלעגט ער פאַרן איינשלאָפן טראַכטן: איך בין ווידער געוואָרן א מענטש. — ווען ער האָט זיך געהעריק וועגן דעם פאַרטראַכט, ווי מע זאָל דאָס פאַרשטיין, איז ער געקומען צום אויספיר, אז זיין א מענטש הייסט: פאַר קיין זאַך זיך נישט שרעקן און ברענגען נוצן אנ־דערע. דאָס זעט דאָך אויס זייער פשוט, און פונדעסטוועגן איז עס נישט תמיד אזוי. פאַנקראַט האָט איינמאָל געזאָגט, אז די פאַרמלחמהדיקע וועלט האָט געצווונגען די מענטשן צו שרעקן זיך און זיין אומנוצלעך.

— צי וועט זי זיין אן אנדערע נאָך דער מלחמה? — האָט יאַקוב געפרעגט. דעמלט האָט פאַנקראַט דערווידערט מיט א פראַגע: צי יאַקוב פאַרלאַנגט אזעלכעס? — יאָ, — האָט יאַקוב באַשטעטיקט: — איז גוט, — האָט פאַנקראַט געזאָגט — ווייל יעדע וועלט קומט אויף לויטן ווילן פון די מענטשן.

שפּעטער האָט זיך יאַקוב לאַנג געבראָכן דעם קאָפּ איבער דעם ריכ־טיקן זין פון זיינע ווערטער. ער האָט זיי פאַרשטאַנען נישט זייער קלאָר; עס האָט אים געפיניקט די אומזיכערקייט, צי די וועלט, וועלכע ער ווינטשט זיך, וואָלט ענלעך געווען צו יענער, וועגן וועלכער עס טראַכט פאַנקראַט. מיט דער צייט אָבער האָט ער זיך תמיד געטרייסט אויף אזא אופן: עס וועט געבוירן זיך, אויב אין דער וועלט, וואָס וועט אויפקומען נאָך דער מלחמה, וועט ער זיך ווייטער האַלטן מיט פאַנקראַטן. אָננעמענדיק דעם דאָזיקן באַשלוס, האָט ער זיך געפילט פריילעך און זייער רואיק, און ווען נישט דאָס פּראָבלעם פון דעם פסעוודאָנים, וואָלט ער געווען פולשטענ־דיק גליקלעך.

נאָך דעם ערשטן שמועס אויף דער דאָזיקער טעמע, האָט פיאַלקע צוגעזאָגט צו בעטן פאַנקראַטן, ער זאָל אָפּנעמען ביי יאַקובן די שבועה און פאַרמעל באַשטעטיקן זיין בייעם צונאָמען. אמת, ער איז געווען אביסל אנטוישט, ווייל די אנדערע נעמען, וואָס ער האָט אויסגערעכנט, האָבן זיכער געקלונגען א סך שענער, אָבער ער האָט זיך באַמיט אויסצובאַ־האַלטן זיין אנטוישונג, צוליב זיין ליבעראַליזם און איידלקייט.

צום אומגליק איז פאַנקראַט צו יענער צייט געווען פאַרנומען און דער ענין איז אָפּגעלייגט געוואָרן פון טאָג אויף טאָג. פיאַלקע האָט גע־טרייסט יאַקובן, אז „א פסעוודאָנים איז נישט קיין האָז", און ער האָט צוגעזאָגט אויסצונוצן די ערשטע געלעגנהייט, נאָר וואָס קאָן מען טאָן? — אז ער האָט כסדר געמוזט אָפּלייגן. פינף טעג האָט זיך פאַנקראַט בכלל

נישט געוויזן אויף סאַלעץ. — ער איז אַרויסגעפאָרן אין לאַנד, — האָט פיאַלקע אײַנפּאַרמירט. נאָך פינף טעג איז ער ווידער געקומען, אין אָוונט, אָבער אין דער באַגלייטונג פון צוויי אומבאַקאַנטע מענער: זיי האָבן לאַנג געריידט בײַנאַכט זאַלבעדריט אין דעם ערשטן צימער, שורשענדיק מיט פּאַפּירן און הוסטנדיק. אויפן צווייטן טאָג זײַנען זיי אַרויסגעגאַנגען אויפן סאַמע פרימאָרגן, יעדער באַזונדער, אין עטלעכע מינוטיקע הפסקות. ווען פאַנקראַט, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען דער לעצטער, האָט שוין באַדאַרפט פאַרלאָזן דאָס צימער, האָט יאַקוב בעטנדיק, א קוק געטאָן אויף פיאַלקען. פיאַלקע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ; פייערלעך א הוסט טוענדיק, האָט ער זיך אַרויסגערוקט נאָך פאַנקראַטן אין קאָרידאָר אַרײַן. אָבער אין א פּאָר מינוט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט פון דאָרט, בפירוש צעטומלט, און האָט, אויסמײַדנדיק יאַקובס בליק, שעמעוודיק א וואָרטשע געטאָן, אַז ער האָט גאָרנישט געקאָנט זאָגן, ווײַל עס האָט אים נישט געקלעקט קיין דרייסטקייט. יאַקוב האָט אומעטיק אָפּגעזיפצט; ער האָט געוווסט, אַז אין געוויסע טעג איז פאַנקראַט האַרב, זײַנע אויגן האָבן באַפוילן צו שווײַגן, מע איז דעמלט געגאַנגען אויף די פינגער. — עס גרייט זיך עפּעס... — האָט פיאַלקע געזאָגט פאַרטראַכט, א מאַך געטאָן מיט די אַקסל און אַרויסגעגאַנגען. יאַקוב האָט דערהערט, ווי פון קאָרידאָר האָט ער א זאָג געטאָן צו וואַליען, וועלכע האָט זיך געפּאַרעט אין קיך: — איך וועל זײַן אין אָוונט. — עס האָט א זעץ געטאָן די פאַרמאַכטע טיר, און ס'איז שטיל געוואָרן.

דאָס איז געווען דער לעצטער טאָג פון אויגוסט יאָר 1943. א לײַכטער, וואַרעמער ווינט האָט באַוועגט דאָס פאַרהענגל. דער האַרבסט האָט צוגעזאָגט צו זײַן א שיינער, אויף די שוואַרצע דעכער פון דער פּאַוושליע האָט זיך רואיק געלייגט דער הימל, א פרײַער פון וואָלקנס; ווען דורך דער בריק איז פאַרבײַגעלאָפן א צוג, האָט זײַן שאַרפער פייף דורכגעדרינגען די פּאַוושליע אַדורך און אַדורך. יאַקוב האָט א צוויט מאָל אָפּגעזיפצט. ער האָט זיך נישט גוט געפילט אָן א פּסעוודאָנים און אָן דער שבועה, און חוץ דעם האָט ער געהאַט א לײַכטן פאַריבל אויף פאַנקראַטן, וואָס שוין זייט עטלעכע טעג האָט ער מיט אים קיין וואָרט נישט פאַרביטן: וואָס אמת, אויך פיאַלקע און וואַליע האָבן נישט געקאָנט זיך דערמיט באַרימען. משמעות — האָט ער זיך דערקלערט — עס זײַנען דאָ וויכטיקערע ענינים.

ער האָט נאָך געכאַפּט א קוק אין קיך אַרײַן — וואַליע האָט געקאָכט דעם מיטאָג. ער האָט זיך געשטעלט אין דער טיר און א הוסט געטאָן; זי

האָט זיך אויסגעדרייט קוקנדיק אויף אים, זיכער פאַרחידושט, וואָס יאַקוב איז אַהער געקומען. זי האָט אַ זאָג געטאָן אַריבערן אַקסל: איך מוז באַלד אַרויסגיין. דו וועסט אַליין עס אָנוואַרעמען, ווען דו וועסט הונגעריק ווערן. — גוט, — האָט יאַקוב געענטפערט. זיפצנדיק האָט ער זיך אומגעקוקט אין צימער אַריין. „ער האָט צרות — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — אָדער ער האָט מיך אויפגעהערט ליב צו האָבן. אויב ער וועט אין אָוונט קומען אין אַ בעסערער שטימונג, וועל איך אים אַליין בעטן וויזגן דעם". דער דאָזיקער באַשלוס האָט אים אַביסל געשטאַרקט; און ער האָט זיך גענומען צו מאַכן פּעקלעך פון די אָפּגעדרוקטע פלוגבלעטלעך.

נאָך דעם זיינען די געשעענישן אווועק שנעל. דער טאָג, וועלכער איז אויפגעשטאַנען פויל און שלעפעריק, האָט זיך ווי אָנגענומען מיט אימפעט: דאָס איז, קאָן זיין, די אייגנשאַפט פון צו שלעפעריקע און פוילע טעג. ווען פיאַלקע איז אַ פאַרסאָפּעטער אַריינגעפאַלן אין צימער, האָט יאַקוב, שטייענדיק אויף די קני ביי דער וואַנט, צוזוויפגעליגט דאָס דריטע פּעקל. ער האָט נישט געהערט דאָס גלעקל, און האָט זיך דעריבער דערשראָקן, דערזעענדיק אים.

פיאַלקע איז געווען אויפגערעגט. ער האָט דערציילט יאַקובן, אַז ער האָט זיך געמוזט אומקערן, ווייל אויפן ראָג פון דער טאַמקע און סאָלעץ איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שיסעריי. האָט זיך פאַרבאַהאַלטן הינטער דער ריקשע, ווייל קוילעכלעך האָבן געשפּריצט איבערן ברוק; איינס האָט אים איבערגעשניטן די אָפּאַנע, און ער האָט נישט געקאָנט פאָרן ווייטער. דריי דייטשן זיינען געבליבן ליגן אויפן טראָטואַר.

— אויף וועמען האָט מען געשאָסן? — האָט יאַקוב געפרעגט.

— כ'ווייס נישט... — האָט פיאַלקע אַ וואָרטשע געטאָן.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. אין אַ מינוט אַרום האָט פיאַלקע אַוועקגעקערט די אויגן און דערקלערט, אַז צוויי מאַנצביל מיט רעוואָלווערן זיינען אַפּנים אַנטלאָפן אין דער דאָבריע־גאַס. אַזוי האָבן געשמועסט לייט אויף סאָלעץ, אָבער ווי עס איז געווען אין דער אמתן...

—ווען האָט ער זיך גענידאַרפט אומקערן? — האָט יאַקוב איבערגעריסן, זיך אויפהייבנדיק פון די קני.

— ער האָט נישט געזאָגט, — האָט פיאַלקע געענטפערט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. עס האָט אַ זעץ געטאָן די טיר — דאָס איז וואַליע אַרויסגעגאַנגען. זיי האָבן זיך נאָכאַמאָל אַריינגעקוקט אין די אויגן, שווייגנדיק. אויף דער גאַס איז שטיל געווען, פון דעם קעגנאיבערדיקן הייפל האָט אַהער דערגרייכט בלויז דאָס זינגענדיקע רופן פון אַ שלייפער. ווען

אויך דאָס איז אַנטשטילט געוואָרן, האָט יאַקוב זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אויף די קני ביי דער וואַנט און אָנגעהויבן צונויפלייגן אַ פערט פעקל. פיאַלקע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער.

אפילו ער וועט זיך אומקערן אין אַ גוטער שטימונג — האָט יאַקוב באַשלאָסן — וועל איך אים אויך גאָרנישט זאָגן. אפשר וועט ער זיך אַליין דערמאָנען, דאָס איז דאָך נישט דער מאמע וויטאַקסטער ענין. ער האָט געלייגט דאָס פעקל לעבן די דריי גרייטע און האָט זיך דערפילט אַביסל פרייליכער. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף פיאַלקעס פּלייצע, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים פענצטער; ער האָט אים געוואָלט אַ פרעג טאָן, צי ס'איז רואיק אין דרויסן. אָבער פיאַלקע האָט אים, נישט אויס־דרייענדיק דעם קאָפּ, געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, ער זאָל שווייגן.

— אַ פּאַטרול — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן, אָפּרוקנדיק זיך אַביסל פונעם פענצטער. אין דער פולשטענדיקער שטילקייט האָט זיך איצט גע־לאָזט הערן פון די טראָטוארן אַ קלינגענדיק ווידערקול, אַ קלאַפּן פון טריט און אַ ווייטער רויש פון אַן אויטאָ. אין דעם מויער קעגנאיבער האָט אַ גרילץ געטאָן די טיר פונעם באַלקאָן, וואָס האָט זיך שנעל פאַרמאַכט.

— אַ צווייטער... פון דער בריק, — האָט פיאַלקע אינפאָרמירט. אין אַ ווייל אַרום האָט ער נאָך שטילער צוגעגעבן: — מע רעווידירט מאַנצביל.

פון גאַס האָט זיך דערהערט אַ קורצע, בילנדיקע שטימע, וואָס האָט ביין איבערגעחזרט איין דייטשיש וואָרט. נאָכהער ווידער אַ קלינגערייַ און אַ נעענטערער רויש פון אַ מאָטאָר.

פיאַלקע האָט שעפּטשענדיק דערקלערט, אַז אַ דריטער פּאַטרול האָט זיך צעשאָטן לענגויס דער בריק. — קיינער וועט נישט אַדורך, — האָט ער צוגעגעבן — זיי פאַרהאַלטן אַלעמען... און מיטאַמאָל איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. יאַקוב האָט דערזען זיין דיקע פאַרדריקטע פויסט אויפן פּאַראַ־פּעט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו טאָן עפּעס וואָס פולשטענדיק נייס. ער איז צוגעקראָכן צום פענצטער.

— יעזוס מאַריע... — האָט אַרויסגעשעפּטשעט פיאַלקע — יעזוס מאַריע...

אויפן פּלעצל צווישן דער באַן־בריק און דעם עק פון סאָלעץ האָבן זיך באַוויזן צוויי מאַנצביל. זיי זיינען אַרויסגעקומען פון דער דאָברע־גאַס און האָבן שוין נישט געקאָנט פאַרקערן אויף צוריק. אין דעם פּוסט־געוואָ־רענעם, ווי אָפּגעשטאָרבענעם רוים, אויף דעם אַנטשוויגן געוואָרענעם ברוק, צווישן די הויכע, גרויע מויערן האָבן זיי אויסגעזען קליינע און אומבאַ־האָלפענע.

— רבונו־של־עולם... — האָט יאקוב א שעפּטש געטאָן — העלף זיי... — דערזעענדיק דעם אָפּגעשניטענעם צוריקקער, האָבן ביידע מאַנצביל פארלאנגזאמערט אביסל די טריט, און איינער פון זיי, מיט א בלויזן, העלן קאָפּ איז, אונטערהינקענדיק, אויף א ווייל שטיין געבליבן. פאנקראט, וועלטער איז געגאנגען מיט א האלבן טראָט פאר אים, האָט אים איבערן אקסל צוגעוואָרפן א פּאָר ווערטער. — דאָס איז מאַליע שארלע... — האָט זיך יאקוב מיטאמאָל געכאפּט. עס האָט אים ארומגעכאפּט א פארצווייפ־לונג, ער האָט געוואָלט א געשריי טאָן, דערנאָך האָט ער פארמאכט די אויגן, כדי נישט צו זען, וואָס עס וועט געשען, און ווען ער האָט זיי ווידער אויפגעעפנט האָבן יענע צוויי, גייענדיק איצט שוין גלייך איינער לעבן אנדערן, פאמעלעך זיך אריינגעדרייט אויף סאָלעץ. דער פאטרול, וואָס איז צעשטעלט געווען אויפן ברוק, האָט אויף זיי רואיק געוואָרט. אונטער דער בריק האָבן זיך א באוועג געטאָן עטלעכע זשאנדארמען, איינער האָט עפּעס א געשריי געטאָן צו זייגע קאָלעגן אויף סאָלעץ. אין דער רגע האָבן זיך דערהערט שאָסן.

יאקוב האָט אויסגעשטרעקט די הענט, רופנדיק פיאלקען. ער האָט דערזען פאר זיך זיין פּנים, וואָס איז געווען פארביסן און ווי צוזאמענגע־קאָרטשעט. — זיי ווילן זיך דורכשלאָגן דאָ ארום... — האָט ער דערהערט ווי דורך א נעפּל — דורך דער אָפּיצינע, אויף די גערטנער... איך וועל באווייזן זיי צו דעקן... פון דרויסן האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון אוי־טאָמאטן, דאָס שארוועץ פון שטיוול, א קוויטש און א געשריי. — פיאלקע...

— האָט יאקוב א שעפּטשע געטאָן — פיאלקע, זיי וועלן דיך דערהרגענען...

אָבער פיאלקע האָט מיט איין ריס א צעעפן געטאָן די שאפע און אין א מאָמענט ארום איז ער שוין געווען ביי דער טיר אויף די שטיגן מיט א גרויסער שווערד אין דער האנט. ער האָט געפאָכעט מיט איר איבערן קאָפּ, גראַנאַטן... — האָט ער א בליק געטאָן מיט די אויגן — פארטיידיק זיך ווי לאנג דו קאָנסט יאקוב... — און ער איז ארויסגעלאָפן אין פאָדער־הויז.

יאקוב האָט זיך א וואָרף געטאָן צו דער טיר. ער האָט דערהערט פיאלקעס טופען מיט די פיס — דערנאָך זיין געשריי און א סעריע שאָסן אין טויער, פון וועלכע דאָס הויז האָט א שוידער געטאָן. פון דער קורצער שטילקייט, וואָס האָט זיך מיטאמאָל איינגעשטעלט האָט זיך יאקוב אָנגעשטויסן, אז אין דער סעקונדע איז אלץ געשען אזוי, ווי פיאלקע האָט עס געוואָלט. — ער האָט זיי פארהאלטן אין טויער — האָט ער א

טראַכט געטאָן — אָבער אים האָבן זיי דערהרגעט... — ער האָט גיכט אָפּגעלענט די טיר און, צולייגנדיק דאָס אויער צו דער שפּאַרונע, האָט ער דערהערט פון אונטן אַ טומל, דורך וועלכן עטלעכע שטימען האָבן געשריגן אויף דייטש, און אַ צווייטער האָט דערקלערט: „דער, וואָס ליגט, איז דער ריקשע-פירער פון דריטן שטאָק, דעם צווייטן האָב איך נישט געזען". דעמאָלט זיינען די דייטשע שטימען איבערגעגאַנגען אין אַ כאָראַל געוואַלט, עס האָט זיך דערהערט עמעצנס אַ יאָמער און ווידער די זעלבע ווערטער: „דער איז פון דריטן שטאָק און יענעם האָב איך נישט געזען..." אין אַ ווייל אַרום האָט זיך אויף די שטיגן גענומען דערנעענטערן אַ קלאַפּעריי פון שטיוול און קאָלבעס, האָט יאַקוב שטיל צוגעשלאָסן די טיר.

— ערשט איך... האָט ער אַ מורמל געטאָן צו זיך.

ער האָט געטראַכט, אַז אין אַזעלכע מינוטן טאָר מען נישט פאַרלירן די רויִקייט. ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט, איז איבערגעגאַנגען אויף די פינגער דאָס ערשטע צימער און איז אַריין אין צווייטן. דאָס ביטל גראַנאַטן איז געשטאַנען אין שאַפע אויף זיין אָרט. ער האָט עס אויפמערקזאַם באַטראַכט, האָט אַ פיר געטאָן די אויגן איבער די ווענט, דערנאָך האָט ער זיך פונדאַנען אַרויסגעגנבעט אָן אַ שאָרך. בעת די טיר האָט אָנגעהויבן זיך טרייסלען פון קלעפּ, האָט זיך יאַקוב אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, באַהאַלטן שוין אין דעם ערשטן צימער צווישן דעם פענצטער מיטן פאָרהענגל און דעם קאָפּל־אויוון. דעם לינקן פויסט האָט ער אָנגעשפּאַרט צוזאַמענגעדריקט אויף אַ קני, אין דער רעכטער האָט ער געהאַלטן די גראַנאַטן: זיין פּנים אונטער דעם געפּאָלדערוועטן שטערן איז ערשט געווען ביז אָן שטרענג. צווישן דעם אַנוואַקסנדיקן קלאַפּעריי און דעם טראַסקען מיט די קאָלבעס האָט ער געוואַרט רואיק, אומבאַוועגלעך, און זיין קאָפּ איז וואַכזאַם געווען אַרויסגעבויגן פאָרויס — אין הסכם מיט זיינע לעצטע דערפאַרונגען. אָפּוועגנדיק גענוי אין געדאַנק אַלע באַוועגונגען, וואָס ער וועט באַדאַרפן אויספירן אין אַ ווייל אַרום, האָט ער נישט געהאַט קיין סך צייט צו געזעגענען זיך מיטן לעבן. אויף די פּלייצעס, וואָס זיינען געווען געווענדט צום פענצטער, האָט ער געשפּירט אַ וואַרעם ווינטל, עס האָט גלייכצייטיק געגלעט זיינע האָר. ער האָט אויפגעהויבן דעם פויסט מיט די גראַנאַטן הויך איבערן קאָפּ — אין פּאָדערהויז האָט זיך דערהערט אַ הוק, אַ זייל גרויער שטויב האָט זיך אַריינגעריסן אין קאָרידאָר דורך דער אויסגעבראָכענער טיר. פון אַ פּאָר טריט ווייטער האָט ער דערהערט אַן אויפ־

פאַדערונג אויף דייטש, נאָענטע פאַרסאָפּעטע שטימען, א קלאַנג פון ביקסן־שלעסער

...עס איז שוין געווען די צייט. דעמלט האָט יאַקוב מיט א מעכטיקן שווונג פון דער צעוויגטער האַנט — אונטער די פיס פון די דייטשן, אין דעם גורל פון זיין פאַרגאַנגענהייט, אין דעם גאַנצן בייז, פון וועלכן ער איז אַרויסגעוואַקסן — א וואָרף געטאָן פאַר זיך די גראַנאַטן. דאָס געשריי פון די פאַרוווּנדעטע איז פאַרלוירנגעגאַנגען אין דעם אופרייס.

אין צימער האָט זיך נאָך געשאָטן דער טינק, און ס׳האָבן זיך געהערט קרעכצן, ווען יאַקובס שוואַרצער קאָפּ האָט זיך באַוויזן אינדערהויך אין דעם אָפענעם פענצטער. ער איז שוין געשטאַנען אויפן פאַראַפּעט; מיט דער לעצטער באַוועגונג האָט ער אַראָפּגעריסן דאָס מוסליבענע פאַרהענגל — דערנאָך איז ער צוזאַמען מיט דעם, ווי מיט א צעשפּרייטן ווייסן פליגל, אַראָפּגעשפּרונגען אין דער נידער, אויפן ברוק.

אזוי האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע פון יאַקוב גאָלד. ער איז אַראָפּגעפאַלן אויפן ראַנד פונעם טראָטואַר. ער איז געלעגן רואיק, נאַזוב־דיק, די לינקע האַנט אָפּגעוואָרפן אין דער זייט, צום ברוק; אין דער רעכ־טער האָט ער צוזאַמענגעדריקט דאָס פאַרהענגל — זיין ברעג האָט אים פאַרשטעלט דאָס פּנים.

יעזשי בראַשקעוויטש

אויגוסט

קאַפּיטל פון ראָמאַן „דערוואַרטונג"

דער אָנהייב פון אויגוסט איז געווען א שטורעמדיקער — נאָך עט־לעכע טעג היצן זיינען געקומען בליצן און דונערס. געווייגלעך האָט זיך עס אָנגעהויבן אזוי, אז פון איבער דער שטאָט איז אָנגעשוועמען א פינצ־טערניש, וועלכע איז וואָס אמאָל געוואָרן געדיכטער. א ווינט האָט פאַר־האַקט די טויערן און פענצטער און לסוף, מיטן ערשטן דונער, זיינען גראָבע רעגן־טראָפּנס אראָפּגעפאַלן אויפן שטויב, וועלכער האָט גע־טאַנצט איבער די גאַסן. די שטורעמס זיינען געגאַנגען פון מערב אָדער פון דרום — אין איין שיינעם טאָג האָבן זיי מיט א ברייטן קראַנץ ארומ־גערינגלט די גאַנצע שטאָט, און ווען אויף די דעכער פון די הייזער האָט געשיינט די זון, האָט פון אַלע פיר זייטן פון דער וועלט זיך געקוילערט צו דער שטאָט א ווייטער דונער, ווי אַן אָפּהילך פון ווייטע האַרמאַטן. דעם זעלבן טאָג האָט די פרוי קאָן געבראַכט די ידיעה וועגן דעם, אז די ביבערס האָבן נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון די סאָקאָלסקיס. אין דעם טאָג האָט אויך ביי די גריבשפּאַנס אויסגעבראָכן א גרעסערע אוואַנטורע. ווי געווייגלעך — לויטן אלטן שטייגער — האָט דער דאָזיקער אוואַנטורע אסיס־טירט די מיכאַלסקאַ, שטייענדיק אויף דעם גאַנעק פון איר הויז מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט. ווידער, ווי צום ערשטן מאָל, האָט דער פּראָפעסאָר זיך באַוויזן אין פענצטער, דראָענדיק בייז מיט די פויסטן זיין זון, וועלכער האָט זיך דערוויטערט אין דער זייט פון דער שטאָט.

די פרוי קאָן האָט אין אָונט ארומגערעדט די בײדע געשעענישן מיט פארביסנקייט אין בליק: זי האָט אָפּגעחוזקט פון די ביבערס און גריבשפאנס אָן שום טאָלעראנץ, האָט זיך אפילו נישט געוואקלט צום באצייכענען דאָס אלץ ווי שטותים, ווארפנדיק זיך מיט אזעלכע ווערטער שוין אביסל פארשווענדעריש. אָבער די פרוי בערגמאַן האָט געשוויגן. אויך זי איז, ווי צום ערשטן מאָל, געשטאנען בײם פענצטער און זיך צוגעהערט צו דער קריגערײ, וועלכע איז געווען פול מיט לײדנשאפט און געשרײ. ווען דאָס פענצטער האָט זיך אויפגעעפנט מיט א טראסק, איז זי אָפּגעטרעטן אויף צוריק — פון גרינשפאנס זשעסט האָט זיך ארויסגעפילט א שנאה און א קללה, און ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז דאָס איז אויך אן ארויסרוף און ווארעניש פאר איר. ארום דער שטאָט האָבן זיך דורכגעקוילערט שטורעמס ווי שלאכטן, נאָר דאָ אויף דער זשרודלאנער גאס האָט שוין אין א מינוט שפעטער געהערשט רו. די זון האָט געבריט מיט היץ, און מיכאלסקא, באמערקנדיק מיט איר פלינקן בליק די סילועטקע פון דער פרוי בערגמאַן האָט זיך א בויג געטאָן אין איר זייט מיט א ווונק אויף דעם חשבון פון די גריבשפאנס. די פרוי בערגמאַן איז אנטלאָפן פון פענצטער. אין אָונט ווידער האָט זי געשוויגן, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער פרוי קאָן איז דווקא געפעלן געווען צו מיסברויכן מיט ווערטער, אין בעסטן פאל, איבערגעטריבענע. די גרינשפאנס האָבן זיך נישט באוויזן בײ די שכנים, נישט דעם זעלבן טאָג און נישט דעם קומענדיקן. ערשט אויפן דריטן שפעט נאָכמיטאָג האָט דער פראָפעסאָר באזוכט די פרוי בערגמאַן. ער האָט זיך קעגן זײן געוווינהייט לגמרי נישט באמיט צו מאכן א וועלכן ס'איז אָנשטעל, האָט נישט געשמייכלט, נישט איבערפלעכלעך און נישט פילאָזאָפיש, און האָט אויך נישט געפרוווט ארויסווײזן די מעלות פון זײן איראָנישער באציונג צו אלץ, וואָס איז מענטשלעך.

— איר ווייסט, — האָט ער געזאָגט אדורכפירנדיק די הענט איבערן פנים, ווי א מענטש וואָס וועקט זיך איבער פון א קורצן שלאָף — איר ווייסט? איך האָב פארלוירן דעם זון.

זי האָט א קוק געטאָן אויף אים מיט שטומער שרעק, אָבער אים איז איצט גאָרנישט אָנגעגאנגען אויסער זײנע אייגענע דאגות, אָן אײנגעהויקערטער איז ער געזעסן בײם פענצטער און מיט די הענט געריבן דאָס פנים.

— סוף־כל־סוף, — האָט ער געזאָגט, ווי אָנטועענדיק זיך א כוח — איז דאָס מסתמא נישט אזוי שרעקלעך, וואָס זיי מאָרדן אונז אויס. כ'מיין אזוי. אָבער... אָבער... די דאָזיקע מענטשן... טײַערע דאָקטערשע — ער

האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן — דאָס ערנסטע איז דאָס, וואָס מיר פאַרלירן נישט בלויז דאָס לעבן, צי דאָס געזונט...

— איך פאַרשטיי נישט, פּראָפעסאָר, און איך מיין...

— טייערע פרוי, די וועלט וועט זיי ענדלעך צושטעלן א חשבון פאַר דעם אויסמאָרדן טויזנטער, הונדערטער טויזנטער, הלוואי נישט קיין מיליאָנען מענטשן. זועט זיי באשולדיקן פאַר די פאַרשניטענע לעבנס, פאַר די פיזישע אכזריותן — ער האָט א שמייכל געטאָן מיט רעזיגנאַציע.

— איך גלויב אָבער נישט, אַז מע זאָל זיי באשטראָפן ווייל אלץ פאַרפלאָנטערט זיך אין דער אייגענער גוטסקייט און גערעכטיקייט.

די פרוי בערגמאַן האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— איר באַנוצט נאָך אלץ אזעלכע ווערטער?

— וואָס־זשע בלייבט מיר עפּעס אנדערש, אויב נישט דער גלויבן אין זייער געזעצלעכקייט? אָבער צי זועלן זיך געפינען, איך בעט אייך אזעלכע מענטשן, וועלכע וועלן פאַרשטיין דעם זין פון דעם אלץ? איר וועט זיך פאַרוואונדערן, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז איך גלויב נישט אין דעם, און טאקע דערפאַר נעם איך מיר די דרייסטקייט נאָך צו גלויבן אין גוטס און גערעכטיקייט. די, פאַר וועלכע די געשיכטע וועט באשטימען די ראָל פון ריכטער, וועלן זיך אָפּהאלטן אין מיטן וועג. עס וועט זיי פאַרפעלן פאַנטאַזיע. זיי וועלן דערזען די סטאַטיסטיק, די סטאַטיסטיק וועט זיי אָנפילן מיט שרעק און... אויף דעם וועט זיך עס ענדיקן. אָבער... אָבער — און דאָ האָט ער אויסגעצויגן די הענט פאָרויס — זיי וועלן זיך נישט דערוויסן, אַז ס׳איז דערגאַנגען צו אזא מאָמענט, ווען קיין שום זאַך איז שוין נישט געווען וויכטיק, און מע האָט דער שרעק שוין גאָרנישט געקאָנט אנטקעגנשטעלן. קיין שום גאָט, קיין שום פאָטערלאַנד. קיין שום פאָן. אויסער דעם באַנד, פאַר וועלכן מיר זיינען אנטלאָפן. פאַר וועלכן אלע זיינען אנטלאָפן. א זון? כ׳בעט אייך, א זון? איך גלויב נישט, אַז מיר זאָלן קאָנען איינהאלטן אין דער היים אפילו א קאַץ, אפילו א הונט. יהיות וואָלטן אנטלאָפן פאַר אונדז. היות, דאָקטערשע, וואָלטן אָנגעהויבן...

— פּראָפעסאָר! — האָט זי אויסגערופן אויסגלייכנדיק זיך — איך וויל אייך מער נישט הערן. נישט דאָס וויל איך הערן.

ער איז גלייך אנטשוויגן געוואָרן, איינהויקערנדיק זיך און באַהאלטנדיק דאָס פּנים אין די הענט. ערשט אין א לאַנגער ווײַלע אַרום האָט ער א קוק געטאָן אויף איר מיט א בליק, וואָס איז געווען פול מיט

אומדערוואַרטעטער נאָכגיביקייט, האָט צעפּירט די הענט און פֿאַרקרימט דאָס געזיכט:

— טייערע פֿרוי בערגמאַן... — האָט ער אָנגעהויבן, נאָר ס'איז אים גלייך פֿאַרלוירן געגאַנגען דער זין, ער איז דעריבער אויפֿגעשטאַנען, כּדי זיך צו געזעגענען. דאָך שטייענדיק שוין אויף דער שוועל, האָט ער זיך נאָך אויסגעדרייט, און די ליפּן האָבן אים געציטערט — טייערע פֿרוי בערגמאַן, ציטנוויץ איז זייער ביטער...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַרויסגעגאַנגען, נישט אויסדרייענדיק זיך.

אַ שווערער אָוונט איז דאָס געווען. וואָרעם זי האָט געוווּסט, אַז ווען נישט די בייזע פּלענער פֿון סטעפֿאַנען, וואָלט זי דעם שמועס מיטן פּראָפֿעסאָר אונטערגעהאַלטן און אויף אַ שאַרפֿן אופֿן אים אויפֿגעקלערט איר קוק אויף די פֿאַרפּליכטונגען פֿון עלטערן לגבי קינדער. איצט אָבער? אין דער מאָס פֿון איר דרייסטקייט און קראַפֿט האָט זי פּשוט נישט דערלויבט צו רעדן וועגן ענינים, וועלכע זי האָט שוין צו גוט געקענט. דאָ איז שוין אפֿילו נישט געגאַנגען וועגן דער טעאָריע, וועלכע גרינשפּאַן האָט געפּרעדיקט, צי וועגן דעם פֿאַרגלייכן פֿון איר אַמאָליקן שטאַנדפּונקט מיט די היינטיקע. עס איז געגאַנגען אין עפּעס פֿיל מער: אין גובר זיין די בייזע שרעק — צי סטעפֿאַן וועט נישט אַוועק אויף דעם וועג פֿון יונגן גרינשפּאַן, צי וועט ער נישט אַוועקפֿאָרן אויף דער אייגענער האַנט אין אַ מאָמענט, וועלכן ער אַליין וועט אויסשליסלעך זיך אויסקלייבן און אָן אַ זייַ געזונט.

זי האָט געוווּסט, אַז סטעפֿאַן וואַרט אומגעדולדיק אויף די פּאַפּירן. אמת, ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף זיי נישט מער ווי אַ צוויי מאָל, אָבער זי האָט זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרן פֿון זיין מכּלומרשטער נאָנשאַלאַנטקייט און גלייכגילטיקייט. לעצטנס האָבן זיי אין זייערע שמועסן נישט אויפֿגעהערט צו באַרירן די טעמע פֿון פֿאַלשע דאָקומענטן און פֿון אַרויספֿאָרן — אמת, דאָס אַלץ איז מכּלומרשט געווען טראַקטירט בלויז אויפֿן ראַנד און אויסשליסלעך אַנעקדאָטיש, בעמלעך: די פּלענער פֿון לענען און שטיינען, דער באַנטער אַרויספֿאָר פֿון קאָלסקין, דער אַרויספֿאָר פֿון ווייסן, פּליאַטקעס און אמתע געשיכטעס, וועגן וועלכע סטעפֿאַן האָט דערציילט מיט אַ שלעכט פֿאַרבאָרגענער באַלעבאַטקייט. דאָך האָט זי, נישט געקוקט אויף די אַלע אָנשטעלן, אָן שום מי זיך אָנגעשטויסן דעם אמת: סטעפֿאַן האָט געוואָלט אַרויספֿאָרן. זי האָט אים וועגן דעם געפֿרעגט:

— הייסט עס, אז דו ווילסט?

— קלאָר, — האָט ער זיך צעלאַכט ארויסרופעריש — קלאָר, אז יאָ.

זי האָט א צי געטאָן מיט די פּלייצעס:

—איך געדענק, אז זיינער צייט, און דאָ נישט לאַנג, האָסטו פאַרנומען אן אנדערע שטעלונג.

— הער, — האָט ער זי אָנגענומען פאַרן אָרעם — הער. דו דאַרפסט נישט פאַרגלייכן דאָס אויסבאהאלטן זיך מיטן אוועקגיין אין וואַלד. דאָס טאָר מען נישט פאַרגלייכן. איך האָב אליין געלאַכט פון ווייסן. אין וואַלד? וואָס הייסט אין וואַלד? האָב איך געפרעגט. דו געדענקסט ווייסן? א שווארצער קרענקלעכער מענטש מיט א לאַנגער נאָז. ווייזט זיך ארויס, אז דער דאָזיקער חולה און אייגנטלעך נאַר, האָט מיר אריינגעגעבן דעם שכל, אז אין וואַלד... זיינען מיר מיט יענע אויג אויף אויג, און אויג פאַר אויג. אין וואַלד וועל איך מיך נישט שרעקן פאַר מיין פאַנטאַזיע.

— און איך? — האָט זי שטיל א פרעג געטאָן — וועגן מיר און ראַ־מעקן האָסטו פאַרגעסן.

ער האָט אויף איר א קוק געטאָן קורץ און אומבאהאָלפן און א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די האָר.

— דו האָסט געזאָגט, אז איר וואָלט ארויסגעפאָרן קיין ווארשע.

— דאָס הייסט, — האָט זי אויפמערקזאַם פאַרמישט דאָס טייג — אז מיר צעשיידן זיך?

ער האָט א לענגערע ווײַלע געזוכט אן ענטפער, ווערנדיק אומגעדולדיק.

— ווי דען אנדערש? — האָט ער א צינד געטאָן א שוועבעלע האַרט ביים פּאַפּיראָס — אין וואַלד וועט מען אונדז אין דרייען נישט אריינ־לאָזן.

— קלאָר, — האָט זי געענטפערט.

דאָס זיינען געווען די ערשטע טעג פון אויגוסט, וועלכע זיינען גע־ווען אזוי רייך אין שטורעמס. די נעכט זיינען שוין געקומען פריער — ז ער זונענאויפגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן מיט נעפּלען — די לבנה איז גע־וואָרן אַלץ קלענער. יעדעס מאָל, ווען סטעפאַן האָט זיך אומגעקערט אהיים האָט זי אויסבאהאלטן פאַר זיין בליק איר פּנים, כדי ער זאָל נישט באמערקן איר פרייד — הייסט עס, אז ער האָט זיך נאָך צוריקגעקערט. דער־פאַר, ווען סטעפאַן פלעגט ארויסגיין צו דער ארבעט, האָט זי אויסגעמיטן צו געזעגענען זיך מיט אים — ער האָט נישט באַדאַרפט באַקומען דעם מינדסטן פּרעטעקסט איבערצולאָזן זי מיט ראַמעקן אליין. ס'האָט זיך

אויסגעדאכט, אז סטעפאן וועט נישט אימשטאנד זיין אוועקצוגיין אָן א קוש, צי כאָטשבי אָן א שמייכל. און דעריבער האָט זי שוין איצט אָנגעהויבן מורא האָבן פאר צערטלעכקייטן: ווען ער וואָלט ארויסגייענדיק צו דער ארבעט, ארומגענומען זי, אָדער א קוש געטאָן אין שטערן, דאן וואָלט זי ווארשיינלעך אויסגעבראָכן מיט א געוויין און זיך געבעטן ביי אים — פאָר נישט. נאָך מער: ווען ער איז געשלאָפן, האָט זי דורכגעקוקט זיינע מלבושים, צי ער האָט נישט ביי זיך צופיל געלט. דאָס איז געווען א כיטרע, פארבאָרגן און פלינק נאָכשפּיאָנירן — מער: דאָס איז געווען א קאמף. לעצטנס האָט זי שוין אויסגעצייכנט געוווּסט, אז זי טאָר נישט איבערלאָזן סטעפאַנען זיין אייגענער פאַנטאַזיע, מאַנגל פון כאַשלוס און אומדערפארנקייט. דער אויפזיכט פון גראָסמייערן האָט זי נישט געוואָלט גלויבן — די דאָזיקע איבערצייגונג איז איר געוואָרן דיקטירט פון דער אומדערשיטערלעכער זיכערקייט, אז קיינער וועט נישט זיין אימשטאנד צו פארווירקלעכן זיין גוטן ווילן אזוי, ווי א מאמע. זי האָט דעריבער באַשלאָסן צו פארטיידיקן סטעפאנען קעגן אים אליין, קעגן זיינע אייגענע פאנטאזיעס, מאנגל פון קאָנסעקווענץ און דערפארונג — קעגן יענעם זיבלאָזן קינדעריש צוגעטראכטן, אָבער גרויזאמען וואלד. סטעפאן האָט אליין מודה געווען, אז אין אָנהויב האָט ער אויסגעלאכט דעם דאָזיקן געדאנק. ווירקלעך, דאָס איז געווען א געדאנק נאָר צום אויסלאכן. א וואלד? בלויז די אנאָנימקייט פון דעם דאָזיקן וואלד האָט שוין באַשטעטיקט דעם קלאָרן פאקט, אז דאָס איז נישט קיין ערנסטע אונטערנעמונג. איבעריקנס, ווי קאָן מען עס אין אזעלכע צייטן האָבן צוטרוי צו א פולשטענדיק פרעמדן מענטשן? א שווארצער, לאַנגנאָזיקער חולה. סטעפאן האָט אים אזוי אָנגערופן. זי האָט זיך קוים דערמאָנט דעם דאָזיקן ווייסן — ער איז געווען א נידעריקער, א דארער, נישט געקוקט גלייך אין די אויגן, אָנגעטאָן אין שמאטעס, א מיאוסער מיט א שמאָלן שטערן, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט שווארצע האָר.

עס איז אזוי ארום נישט איבערגעבליבן קיין שום ספק. די טעג האָבן זיך, וואָס אן אמת, געצויגן זייער לאַנגזאַם, און די שעהן, אין וועלכע סטעפאן האָט פארבראכט אין דער גיכער הילף האָבן זיך געצויגן נאָך לענגער פון גאנצע מעת־לעתן, אָבער אלץ איז געוואָרן מינדערוויכטיק אין פארגלייך מיט דער פליכט צו פארטיידיקן איר זון קעגן זיין זיבלאָזן איינפאל. דער מעטאָד איז געווען זאָגן ליגן. דאָס אויסגעפינען אלע מאָל נייע שוועריקייטן און דאָס ארויסבאקומען פאלשע דאָקומענטן. און וויל צום לייכסטן איז דאָך געווען צו זאָגן ליגן דורך שוייגן, האָט זי זיך דעריבער באַמיט אויסצומיידן די טעמע. אָבער סטעפאן איז געווען אומגע־

דולדיק. דאָס הייסט, עס האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן ארויס פון געדולד, נאָר אין דער צייט, ווען זי האָט בפירוש פארשוויגן די דאָזיקע ענינים, און ווען זי האָט שוין אפילו יאָ גערעדט וועגן זיי, איז יעדנפאַלס קאַרג און נישט גערן, האָט סטעפאַן איצט, דריי וואָכן נאָך ווייס ארויספאָרן, שוין מער נישט געקאָנט פארגעסן וועגן דער טעמע.

ענדלעך האָבן זיך צום סוף פון דער ערשטער אויגוסט־דעקאַדע באוויזן מעלדונגען, וועלכע האָבן אָנגעזאָגט דעם ענדגילטיקן טערמין פון שליסן דאָס געטאָ. נאָך לאַנג פאר דעם האָט מען געשמועסט, אז זיי וועלן זיך באווייזן. דאָס אנטלויפן פון יונגן גרינשפאַן, דאָס ארויספאָרן פון די סאַקאָלסקיס און ביבערס, דער נייער צופלוס פון שטאָטישע מענטשן — דאָס אלץ האָט זיך אָן ספק פאראייניקט אין איין קאָנסעקווענטער און לאָגישער קייט פון פאקטן. אין אָנהייב האָט מען אויף זשרודלאָבע א סך נישט געוווּסט. א דאנק דער פרוי קאָן, די גרינשפאַנס און דער מיכאַלסקין האָבן די אלע ארויספאָרן גיכער אויסגעזען ווי געשעענישן פון אַן אויסשליסלעך פערזענלעכן און א זייער לאָקאַלן כאראקטער. אפילו די מענטשן, וועלכע זיינען געקומען פון שטאָט אין די אויסגעליידיקטע הייזער, זיינען געבליבן אין דער זייט, און בלייבנדיק אין דער זייט, האָבן זיי נישט געקענט די מענטשן פון דער זשרודלאָבע־גאַס איבערגעבן די שרעק פארן געטאָ, וועלכע האלט אין שטאָט אין איין וואקסן. דעריבער איז דער שטראָם פון זשרודלאָבע, כאָטש א שטורעמדיקער און שנעלער, נאָך נישט געוואָרן אריינגעצויגן אין דעם גרויסן קעסל־גרוב, וועלכער האָט זיך געשאפן ערגעץ אנדערש. דאָס ארויספאָרן פון די סאַקאָלסקיס איז געוואָרן א פערזענלעכע פראגע פון דער פרוי קאָן, דאָס ארויספאָרן פון די ביבערס איז פארשווונדן אין שאָטן פון אזא סענסאציאָנעלן פערזענלעכן ענין פון די גרינשפאנס, ווי דאָס איז געווען דאָס אנטלויפן פון זייער זון. אויסער דעם, איז די פרוי בערגמאַן נישט פעאיק געווען זיך צוצוהערן צו פרעמדע שטימען, איצט איז איר געגאַנגען בלויז אין איין זאַך, איינהאלטן און אָפּהאלטן סטעפאַנען. דער דאָזיקער וואלד, וועלכער איז איר אין אָנהייב געווען גלייכגילטיק, הגם גרויזאַם, דאָך קינדעריש קאָמפּראָמיטירנדיק, איז איר פון טאָג צו טאָג געוואָרן אלץ מער פארהאסט. נישט געקוקט אויף אלץ, איז זי געווען זיכער, אז זי וועט אים גובר זיין. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז אויב זי וועט זיך נישט דערשלאָגן אירס מיט דער הילף פון אמת, וועט העלפן ליגן. די פליכט פון א מוטער און דער באוווסטזיין, אז קיינער אויסער איר איז נישט אימשטאנד די דאָזיקע פליכט צו דערפילן, האָט איר געגעבן די זיכערקייט פון א כיטרען אָדער אומפארמיידלעכן זיג — זי האָט באשלאָסן

איינצוהאלטן סטעפאנען לעבן זיך ביז דער מינוט, ווען ער וועט שוין קאָנען פארשטיין און אכטן איר שטאנדפונקט. דאָס הייסט: מע האָט נאָך באדארפטווארטן.

די מעלדונגען זיינען געוואָרן פונאנדערגעקלעפּט דעם 12־טן אויגוסט, און אין משך פון א פּאָר שעה האָט בלויז א קליינער טייל פון די איינוווינער פון דעם קווארטאל נישט געלייענט, אָדער וויניקסטנס נישט געוווּסט זייער אינהאלט. איין מעלדונג איז געווען אויסגעהאָנגען אויף דעם פּלאַץ לעבן דער זשרודלאָנע־גאַס. די מעלדונג האָט געהאט א העלרויטן קאָליר, און אויף דעם טונקעלן פּאָן פון הויכן פּלויט האָט ער שוין פון דער ווייטנס געלויכטן ווי א פלאַם.

די פרוי בערגמאן האָט אויך איבערגעלייענט ווי אנדערע נישט איינמאָל און נישט דריי מאָל. זי איז לאַנג געשטאַנען, איבערקוקנדיק צוערשט דעם דייטשן, דערנאָך דעם פּוילישן טעקסט. דער פּראָפעסאָר גרינשפּאַן האָט זיך אנדערש אויפגעפירט: ער איז צוגעגאנגען מיט פּאָרזיכטיקע טריט, פּארהאלטן זיך, קוקנדיק א רגע פון דער זייט אויף דער מעלדונג, און גלייך פּארקערעוועט, אומטערפּייפנדיק עפּעס אונטער דער נאָז. ער איז אוועקגעגאנגען, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. די פרוי קאָן האָט געבראַכט צו פירן די מיכאלסקע און דאָס איז זיכער געווען א באַשטימטער אופן פון טרייסטן זיך אליין — די פּאראַדעונג האָט פּאַרויסגעזעץ דאָס באַזייטיקן פון דער דאָזיקער געגנט אַלע „אריער" ביזן ערשטע סעפּטעמבער. דער דאָזיקער פּונקט איז באַזונדערס קאַטעגאָריש געוואָרן אויסגעסטיליזירט. דעריבער האָט די מיכאלסקע, איבערלייענענדיק אים, זיך ארומגעקוקט מיט א פּלוצעמדיקער פּאניק.

— גאָט מיינער, — האָט זי הילפלאָז געבראָכן די הענט — אַן אומגליק, אַן אומגליק.

די פרוי קאָן איז געשטאַנען לעבן דער מיכאלסקען און אראָפּבייגנדיק בידעריק דאָס פּנים צו איר, האָט זי שפּאָטיש געלאַכט:

— אַן אומגליק? — האָט זי געפרעגט, און באלד דערנאָך מיט פּאַריסנקייט — דאנק גאָט, וואָס מע וועט דיך פּונדאַנען ארויסוואַרפן. דאנק גאָט.

די מיכאלסקא איז אנטשוויגן געוואָרן. נאָר ווען זיי זיינען ענדלעך אָפּגעגאַנגען פון דער מעלדונג, איז זי ווידער געוואָרן פארצווייפלט — איר הויז איז איצט געווען פּארגאָסן מיט זון, געלויכטן מיט די רויטע ציגעלעך, מיט די קלאָרע שויבן, מיטן בלעכענעם דאך און אזוי שטארק זיך אויסגעטיילט פון דער אָרעמער גרויקייט פון דער גאנצער זשרודלאָנע־גאַס, אז זי האָט נישט געקאָנט איינהאלטן די טרערן און די בי־

טערע טענות. זי האָט אַלעמען אָנגעוויזן אויף איר גאַנץ עשירות: אַלץ אין דעם הויז איז איר געווען טייער און אייגן — דאָס סימעטריש באַ־אַרבעטע גערטנדל, דער בלאַסקענדיקער שיפּוע פון דאַך, דאָס פּאָר־הענגל אויפן פענצטער, וואָס האָט זיך געהוידעט אויפן ווינט, די ווייס־לאַקירטע ביישטידלען פון די טירן און דער גאַנעק מיט די פינף טרעפּ־לעך. ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען דאָס הויז פון די גרינשפּאַנס, איז דער פּראָפעסאָר צוגעגאַנגען צו זיי און איבערבייגנדיק דעם קאָפּ אויפן אַקסל זיך געפרעגט מיט צעשטרייטן מיטגעפיל:

— וואָס איז געשען? וואָס אַזוינס?

די מיכאַלסקאַ איז שטיין געבליבן, כדי אים אַ קוק צו טאָן גלייך אין פּנים אַריין. דערנאָך האָט זי זיך אומגעקוקט אויף בײדע פּרויען און ווי־דער געווענדעט איר בליק צו די מיטפילנדיקע זשעסטן פון גרינשפּאַנען. זי האָט איבערגעחזרט:

— וואָס אַזוינס?

און אויף איר פּנים, וואָס איז געווען אָנגעבלאָזן און רויט פון געוויין, האָבן זיך פּלוצעם באַוויזן עטלעכע שאַרפע קנייטשן.

— וואָס אַזוינס? — האָט זי אויסגעשריגן מיט אַ קול, וואָס האָט זיך געבראָכן פון היסטערישן כעס — און איר ווייסט נישט וואָס אַזוינס? און וועמענס שולד איז דאָס, אויב נישט אייערע, וועמענס, האַ? זשידעס! — האָט זי צנויפגעדריקט אירע אויפגעהויבענע פויסטן — זשידעס!

און פּלוצעם, ווי אַנטריניענדיק פון אירע אייגענע ווערטער, האָט זי זיך געלאָזט לויפן פאַרויס, הוידנדיק זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער און פאָכענדיק מיט אירע פעטע הענט. אין דער שטילקייט פון דעם אויגוסט־נאָכמיטאָג זיינען אירע שווערע טריט און דער גערויש פון עט־לעכע פּאָר פליגעלעך פון וואָראָבייען געווען די איינציקע מוזיק. ענד־לעך האָבן זיך די ווייסע טירן פון דעם זויבערן הייזל פאַרקנאַקט מיט כעס.

גרינשפּאַן האָט געפינטלט מיט די ברעמען זייער פאַרוווּנדערט — זיין מינע האָט נאָך אַלץ אויסגעדריקט צעשטרייטן מיטגעפיל, און זיין האַנט האָט נאָך אָנגעהאַלטן דעם זשעסט, וועלכער האָט אונטערגע־שטראָכן די נאָר וואָס געשטעלטע פראַגע. ערשט ווען די מיכאַלסקע איז פאַרשוווּנדן, האָט ער באַוויזן קומען צו זיך; די פרוי קאָן האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אַז מע האָט געזען ווי עס האָט זיך אָנגעצונדן אין איר אַ פלו־צעמדיקער כעס, נאָר דער פּראָפעסאָר האָט מיט עטלעכע שנעלע באַווע־גונגען פון די הענט ווי אויך מיט אַ שנעלן שאָקל פון קאָפּ נישט דער־לויבט איר קומען צום וואָרט — ער האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער און אָנגענומען די פרוי בערגמאַן פאַרן אָרעם.

— איר זעט שוין, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן — איך האָב עס געזאָגט. דאָס אַלץ איז אונדזער גורל. וואָס? — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער שטאָט — פֿאַר דער שולד פֿון דער גאַנצער וועלט... איר גע־דענקט? אַלע וועלן פֿון אונדז אַנטלויפֿן. אַפֿילו חיות, יאָ: נישט בלויז מענטשן. מעג זיין אַ קאַץ, מעג זיין אַ הונט.

די פֿרוי קאָן האָט אָנגעהויבן שנעל און בייז אָפּצולאַכן פֿון דער מי־כאַלסקען, אָבער ער האָט דאָס שוין נישט געהערט. אויסגלייכנדיק די פּלייצעס און אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער מיט פֿאַמעלעכדיקע טריט זיך געלאָזט אין דער זייט פֿון פּלאַץ, אויף וועלכן עס האָבן זיך נאָך אַלץ געזאַמלט מענטשן אַרום דעם אַמאַראַנט־פֿלעק פֿון דער מעלדונג.

די פֿרוי בערגמאַן האָט אויך נישט געוואָלט נעמען קיין אָנטייל אין דעם כּעס פֿון דער פֿרוי קאָן און זיך שנעל צוריקגעצויגן צו זיך, נאָר אין אָונט, ווען סטעפֿאַן האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט זי מיט אָנ־שטרענגונג אַ שמייכל געטאָן:

— אָט זיינען זיי, — זי האָט די דאָקומענטן אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש — באַטראַכט זיי.

ער האָט אַ טאַפּ געטאָן די פּאַפּירן, ווי אַ הונגעריקער כאַפּט ברויט, אָבער באַטראַכט האָט ער זיי זאַכלעך און גענוי. נישט געקוקט אויף אַלץ, האָט זיך זיי דאָך נישט איינגעגעבן אָנצוהייבן אַ לאַנגן ענטוזיאַס־טישן שמועס וועגן די פּלענער און האָפֿענונגען, נאָר ערשט פֿאַרן שלאָף, נאָכן אויסלעשן דאָס ליכט, האָט סטעפֿאַן אַ זאָג געטאָן אָפּוואַר־טנדיק:

— אַלזאָ, מיר וועלן, הייסט עס, אַרויספֿאָרן ווי צום שנעלסטן.

נאָך אַ רגע שטילשווייגן האָט ער דערהערט איר רואיקע הסכּמה.

— גוט.

— מאָרגן וועל איך איבעררעדן מיט גראָסמייערן. יענער שאָפֿער... אמת? איך וועל איבעררעדן מיט גראָסמייערן.

דאָס מאָל האָט זי אים שוין מער ווי אַ גוטע נאַכט נישט געענט־פֿערט, און סטעפֿאַן, האַלטנדיק די הענט אויף די דאָקומענטן, פֿאַרבאַ־האַלטענע אונטערן קישן, האָט נאָך לאַנג אין דער נאַכט אימפּראָוויזירט וועגן דער רייזע צו דער פֿרייהייט, וועלכע ער דערוואַרט. ער האָט באַ־שלאָסן אָפּפֿירן דער מאַמען מיט ראָמעקן קיין וואַרשע, דערנאָך זיך אומ־קערן אין וואַלד, טרעפֿן זיך דאָרט מיט ווייסן און שליסן מיט אים פֿריינד־שאַפֿט און קאַמפֿס־ברודערשאַפֿט. אמת, איין מאָל צי צוויי מאָל, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז פֿון דער זייט פֿון דער מאַמעס בעט הערט ער אַ צו

היכן און נערוועזן אָטעם ווי אויף א שלאָף, אָבער ער איז נישט געווען אימשטאַנד צו טראַכטן וועגן דעם אַנדערש, ווי פאַרבייגייענדיק — ער האָט זיך אויפגעוועקט עטוואָס שפּעטער נאָך זון־אויפגאַנג, און די שעהן האָבן זיך געצויגן אויסטערליש פּאַמעלעך. ער איז אויפגעשטאַנען און אוועק אויף דער אַרבעט א סך פריער, ווי ס'איז נייטיק, צום גליק איז גראָסמייער שוין נישט געשלאָפן: ער האָט זיך געראַזירט אין דיזשור־צימער פאַר א שפּיגעלע, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אין א ביכל — דאָס איז ביי אים פאַרבליבן — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — ווי א מנהג פון די סטודענטישע יאָרן.

דער דאָקטער האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן די סיבות פון סטעפאַנס פרייד, אָבער ער האָט אפילו אויף קיין רגע נישט איבערגעריסן זיין אַרבעט, זיין באַוועגלעך פּנים, וואָס איז פול געווען מיט קנייטשן, האָט אָנגעהויבן צו שמייכלען אין די סאַמע אומזיניקסטע מינוטן, אָדער זיין אָנגעהויבענער שמייכל האָט זיך פאַרוואַנדלט ווייניקסטנס אין א טראַגישן גרימאַס — דער דאָזיקער גאַנצער מימישער שפּיל האָט באַגלייט דער קלינגענדיקער רויש פון דעם ראַזיר־מעסער איבער דער באָרד־אָנוווקס. אויף דעם אָנבליק פון די דאָזיקע גרימאַסן, וועלכע זיינען געקומען פונעם ראַזירן, האָט סטעפאַן געלאַכט, אָבער גראָסמייער האָט אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט, ביז ער האָט נישט פאַרענדיקט זיין אַרבעט. ערשט דעמאָלט האָט ער צו אים א נייג געטאָן מיטן קאָפּ.

— נאָך מיטאָג — האָט ער געזאָגט, אויסווישנדיק פּעדאַנטיש דאָס ראַזיר־מעסער — וועל איך אָפּזוכן אונדזער שאָפער. סטעפאַן האָט מיט א פריידיקן שמייכל פאַרויכערט א פּאַפּיראָס. דאָך איז קיין צייט נישט געווען אויף אַרומצורעדן די פּלענער, באַשלוסן, אויף דורכצודיסקוטירן די נייע פּערספּעקטיוון — פון פריען מאָרגן האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצוקומען די קראַנקע, און נישט געקוקט דערויף, וואָס צו מיטאָג־צו האָט גראָסמייערן, לענאַן און סטעפאַנען אָנגעהויבן צוצוהעלפן אויף שטיק, איז דאָס פאָדערצימער אַלץ געווען פול מיט וואַרטנדיקע פּאַציענטן. איבעריקנס, איז דאָס געווען א טאָג פון נישט באַדייטנדיקע פאַרפאַלן, כאָטש אויסערלעך האָט עס געקאָנט אויסזען פיל געפערלעכער — מע איז געקומען מיט קליינע פאַרוואונדונגען, אָפּבריונגען, צוויי האַנט־ברוכן, צווישן זיי איין ערנסטער פאַרפאַל: א שטאַרק צעשלאָגענער מאַן. ערשט אַרום פיר אַזייגער נאָך מיטאָג איז בערג געווען בכוח צו דערלאַנגען מיטאָג, און סטעפאַן האָט דערמאָנט גראָסמייערן, אַז אַזאַ גרויסער אָנלויף פון קראַנ־

קע האָט זיך לעצטנס געמאַכט גראָד אין טאָג פון ווייס אָפּפאָרן. דער דאָקטער האָט זיך פאַרטראַכט:

— שוין באַלד א חודש, וואָס?

באַלד נאָך מיטאָג איז ער אַרויס אין שטאָט. דאָס האָט אפילו געשטימט מיט זיינע פליכטן — דער אַדרעס פון שאָפער, וועלכער האָט געוווינט אין צענטער שטאָט, האָט געקאָנט זיין דער לעצטער פונקט פון זיין טעגלעכן באַזוך פון די פּאַציענטן, נאָך מער: פון דער וווינונג פון דעם אַדוואָקאַט ווילמער, וועלכער האָט געהערט צו די געציילטע, וואָס מע האָט נאָך איבערגעלאָזט אויסער דעם יידישן קוואַרטאַל, האָבן אים אָפּגעטיילט צוויי קורצע גאַסן. דאָס באַזוכן ווילמערס פרוי, וועלכע איז געווען קראַנק אויף א שווערע „אַנגינאַ פּעקטאָריס", איז וואָס אָן אמת נישט געווען ספּעציעל נייטיק אין דעם טאָג, אָבער סוף־כּל־סוף האָט עס געקאָנט דינען אַלס גוטער פּרעטעקסט אויף אַריבערצוגיין די צוויי קורצע געסלעך.

דאָס הויז, וועגן וועלכן עס גייט דאָ א רייד, איז געווען א גרויסער בלאָק מיט צוויי אָפּיצינע־פליגל. גראָסמייער האָט זיך פאַרהאַלטן אין טויער — ווירקלעך: ער האָט נאָך אַלץ באַדאַרפט האָבן א פּרעטעקסט, כּדי אָנטיילצונעמען אין אַזאַ אונטערנעמונג, וואָס איז אַזוי ריזיקאַליש לויט זיין מיינונג, און דאָס אַלץ, צו וואָס ער מיט סטעפאַנען האָבן געשטרעבט, האָט נאָך אַלץ אויסגעזען צו זיין גיכער אַן איינפאַל אין א בוך, צי אין א פילם, איידער א דורכגעטראַכטער אופן צו ראַטעווען זיך פון געטאָ. ער האָט געוווּסט, וואָס עס באַדייט איזאָלירן א געגנט, וועלכע איז שוין איצט איבערגעלאָדן מיט מענטשן און אויסגעהונגערט, און זי איבערלאָזן אויסער יעדן געזעץ און אויסער יעדער גערעכטיקייט — ער האָט די מינדסטע אילוזיעס נישט געהאַט לגבי איר צוקונפט, און באַטש עס האָט אים פאַרפעלט פאַנטאַזיע פאַרצושטעלן זיך אויף וואָס פאַר אַן אופן עס וועט געלייזט ווערן דאָס געטאָ־פּראָבלעם, האָט ער דאָך גלייכצייטיק געהאַט גרויס צוטרוי צו די באַרימטע דייטשע פעאיקייטן, כּדי צו גלייבן אין א גוטער, אָדער בכלל אין א וועלכער ס'איז צוקונפט. פון סאַמע אָנהייב האָט די גאַנצע האַנדלונג פון דער מאַכט אַרויסגעוויזן א פאַרוורפלאַזע קאָנסעקווענץ, וועגן דעם ציל פון דער קאָנסעקווענץ האָט גראָסמייער נישט איינמאָל די מענטשן דערמאָנט — דעמלט האָט כמעט קיינער אים נישט געוואָלט הערן. איצט האָט ער געהאַט רעכט, נאָר עס פעלן בעלנים אויף דיסקוטירן, נאָר ווו איז די סאַטיספאַקציע, זאָל זיין אפילו א ביטערע?

ער האָט שוין פון לאַנג פעסטגעשטעלט, אַז ער וועט נישט באַוויזן פאַרטיידיקן זיין לעבן פאַר דער פינקטלעכער קאָנסעקווענץ פון די דייטשן, ער האָט דאָס שוין פעסטגעשטעלט, כדי אויף אַזאַ אופן אויסצומיידן יעדע צוואַנג און כדי אין לעצטן מאָמענט איינצוהיטן די ווירדע, וועלכע ער האָט פון זיך געפאָדערט. ווען ער האָט אָרגאַניזירט די גיבע הילף, האָט ער עס אויך געטאָן מיט דעם געדאַנק, צו וועלכן ער האָט זיך קיינעם נישט מודה געווען — עס איז אים געגאַנגען אין דעם, אַז ער זאָל ביז אין סאַמע סוף, דאָס הייסט, אויך אין פאַרמאַכטן געטאָ, זאָרגן וועגן מענטשלעכע ליידן. אויפן גרונט פון אָביעקטיווע ידיעות וועגן דער וועלט, מענטשן און זיך אַליין האָט ער נישט געצווייפלט, אַז אין פשוטן זין וועלן די דייטשן דאָ זיגן — אויסער זייערע גרויסע פעאיקייטן צו פאַרניכטן די מענטשלעכע רו און ווירדע, האָבן זיי אויך באַזיצט קראַפט, פון וועלכער קיינער וועט זיך וואַרשיינלעך נישט אַרויסדרייען. דאָך רעדנדיק וועגן דעם, האָט ער זיך קודם־כל צוגעגרייט צו זיין אייגענעם זיג — ער האָט געגלייבט, אַז מע קאָן שטאַרבן רואיק און ווירדיק. אויף דער קאָנסעקווענץ פון פאַרברעכן איז נויטיק געווען צו ענטפערן מיט דער קאָנסעקווענץ פון ווירדע.

איצט איז אויפגעקומען דער האָזיקער וואַלד. אָדער ס'איז אויפגעקומען די נאָענטקייט צו דעראָבערן נישט בלויז אינערלעכע העכערקייט איבער די הויכע פעאיקייטן פון דייטשן געדאַנק. דאָס וואָלט נישט געווען קיין פאַראַט, נישט קעגן יענעם באַשלוס און נישט אַפילו קעגן דער גיבער הילף — די גיבע הילף האָט געזאָלט ווערן פאַרמאַכט אין טאָג פון איזאָלירן דאָס געטאָ. דערפאַר האָט דער וואַלד געקאָנט געבן אין לעצטן סך־הכל אַפילו דאָס לעבן.

נישט געקוקט אויף דעם האָט גראָסמייער נישט געקאָנט אויספועלן ביי זיך קיין לייכטן צוטרוי. לויט דעם, ווי ער האָט געשעצט דעם שכל־הישר איז אין דעם גאַנצן איינפאַל מיטן וואַלד געווען צו פיל אימפּראָוויזאַציע, ראָמאַנטיזם און דאָס צופיל פאַרבינדן זיך מיט דער טראַדיציע פון קאָסעס קעגן האַרמאַטן און רידלען קעגן דער זון. תחילת האָט ער בכלל נישט גענומען ערנסט ווייס פאָרשלאַג. דער אַרויספאָר פון ווייס איז געווען אַ פּסיכאָלאָגישע פוענטע פון באַשטימטע אָבסערוואַציעס, וועלכע גראָסמייער האָט געפירט נאָך פון מערץ, דערצו אַ פוענטע אַזאַ אומדערוואַרטעטע, וועלכע האָט זיך שיר נישט געגרענעצט מיט אַן אינטעלעקטועלער אַוואַנטורע: ווייס האָט אַרויסגעוויזן נישט פאָרויסגעזעענע אייגנשאַפטן: אַ דרייסטקייט צו אומגעמיטלבאַרן קאַמף, אַ גרינגשעצונג צו

ווערטער און א פארשלאָסנקייט אין זיך. אָן שום ספק האָבן די סיבות פון אומצוטרוי מצד דעם דאָקטער לגבי דער קאָנצעפּציע פון וואלד געשטעקט אויך אין דעם, וואָס עס האָט זי געבראַכט פלוצעם א פרעמדער מענטש.

ערשט סטעפאן, וועלכער האָט אָן שום בושה פארלאָזט זיינע אלטע פּאָזיציעס, אָנגעהויבן גלייבן אין געטאָ און אַלץ מער זיך געשראָקן פאר אים, ערשט ער האָט געצוווּנגען דעם דאָקטער צו פאראינטערעסירן זיך מיטן וואלד — פאר סטעפאנען איז דער ענין פון ארויספאָרן געוואָרן אין משך פון צוויי, דריי טעג אזוי זעלבסטפארשטענדלעך, אז גראָסמייער האָט צוערשט נישט געקאָנט זיך אנטקעגנשטעלן דעם דאָזיקן ענטוזיאזם. דערנאָך ווידער האָט ער באשלאָסן, כאָטש מיט אומצוטרוי, צו גיין אויף דעם וועג פון וויסן. דאָך, נישט געקוקט דערויף, וואָס פון דעם באשלוס איז שוין פאריבער כמעט א חודש, האָט גראָסמייער נאָך אלץ זיך באַצויגן צו אים מיט א געוויסן רעזערוו און כדי צו באזוכן דעם שאָפער, האָט ער זיך געניטיקט אין א פרעטעקסט: דעם וויזיט ביי דער קראנקער פרוי ווילמער.

פארביי אים איז דורכגעגאנגען א לאכנדיקע גרופע מענטשן, און איינער פון די מענער האָט אים אָנגעקוקט זייער אויפמערקזאם. מאכנדיק דעריבער דעם אָנשטעל, אז ער איילט זיך נישט, נאָר, אין דער אמתן, ווילנדיק וואָס שנעלער פארשווינדן פון זייער אויג, איז ער דורכגעגאנגען דעם הויף אין דער ריכטונג צום אייגנטלעכן טויער פון דער אָפּיצינע. די וווינונג האָט זיך געפונען אויפן פארטער. די טיר האָט געעפנט א בייז דעריקע דאַרע פרוי, וועלכע, דערזעענדיק דעם יידן־באנד, האָט זיך עטוואָס צוריקגעצויגן:

— צו וועמען?

גראָסמייער האָט איר אויפגעקלערט, נאָר די פרוי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— דער מאַן איז אין דער היים נישטאָ.

ער האָט געפרעגט, ווען מע קאָן אים טרעפן. אין דער זעלבער מינוט איז אריינגעקומען אין טויער און שווער געאָטעמט איבער די טרעפּ א הויכע, דיקע פרוי, וועלכע איז געווען נישט ריין געקליידעט, אָבער אויף זיכער נישט אָרעם. פארבייגייענדיק דעם דאָקטער האָט זי פארקרימט דאָס געזיכט מיט א פארדעכטיק שטוינען:

— וואָס פאר א געסט איר נעמט אייך — האָט זי איראָניש געהויבן די אקסלען— שיינע געסט.

די פרוי פון שאַפער איז געוואָרן אַנגעדרחהלט:

— דאָס קומט צו קריכן...

— דער הער קאַלענדא, — האָט זיך דער דאָקטער פאַרענטפערט מיט אַן איילּיקן און אונטערטעניקן שמייכל — האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געקויפט א דאַמען־קאָסטיום. איך האָב געוואָלט פרעגן...

— זיי האָבן נאָך קאָסטיומען, — האָט זיך יענע פאַרווּנדערט מיט א בייזוויליקן שמייכל — דאָס פאַסקודסטווא איז שטענדיק רייך.

זי איז אוועק ווייטער מיטן סקריפּ פון די הילצערנע טרעפּ.

דעם שאַפערס פרוי האָט א ווונק געטאָן מיט אַן אָפּשיין פון הומאָר אין בליק.

— א קאָסטיום? — האָט זי געזאָגט העכער, ווי דאָס איז נויטיק געווען — טאָ קומט אריין.

זי האָט אים אריינגעפירט אין צימער און מיט מער דייטלעכער פריינטלעכקייט אַנגעוויזן אויף א שטול צום זיצן. אליין האָט זי זיך אָנגעשפאַרט אין דער ביי־מאַשין, וועלכע איז געשטאַנען ביי דעם פענצטער און פון וועלכער זי האָט זיך זיכער אויפגעהויבן אויף דעם קלנג פון גלעקל. זי האָט געהאַט אַן אַלט אויסגעמאַטערט פּנים, אָבער אירע באַוועגונגען האָבן עדות געזאָגט אויף ענערגיע — זי האָט פאַרויפערט א פאַפּיראָס.

— וואָס זשע איז דאָס פאַר א קאָסטיום? — האָט זי געפרעגט כלומרשט גלייכגילטיק. — פון וואָל? אַן ענגלישער, צי א ביעלסקער.

ער האָט זיך עטוואָס איינגעבויגן אין דער שטול.

— דער הער ווייס, — האָט ער אויף א ווײַלע זיך אָפּגעהאַלטן — האָט מיך געשיקט צו אייער מאַן...

ער איז שטיל געבליבן. זי האָט אים אויפמערקזאַם אָנגעקוקט און זיך ווידער צעשמייכלט אפילו מיט א לייכטער בייזוויליקייט.

— ווייס, זאָגט איר? דאָס איז זיין קאָסטיום.

— ניין. דאָס הייסט...

— וואָס?

גראָסמייער האָט הילפלאָז געהויבן מיט די אַקסלען — ער איז געווען צעמישט און געפילט א צופלוס פון בלוט אין פּנים, נאָך מער דערפאַר, וואָס די פרוי האָט זיך שוין אויף אַן אמת צעלאַכט. אָבער, צוגייענדיק צו אים נענטער, איז זי מיטאַמאָל געוואָרן ערנסט:

און ווו רופט מען אייך? — האָט זי שאַרף געפרעגט.

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט. זי האָט אים א קוק געטאָן גלייך אין די אויגן:

— א דאָקטער? — און ווען ער האָט עס באַשטעטיקט, האָט זי אים פריינדלעך אָנגענומען פאַרן אָרעם — גוט, גוט. ווייס האָט הערמאַנט. אָבער — האָט זי מיט פאַרוואָרף א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — איר קומט צו שפּעט... איצט וועלן די דייטשן היטן.

גראַסמייער האָט פונאַנדערגעעפנט די הענט.

— מיין פריינד האָט געוואַרט אויף פּאַפּירן.

— יאָ — זי האָט אומגעדולדיק געשפּאַנט איבערן צימער — נאַ. ווען איר זאָלט געווען קומען מיט דריי טעג פריער. דער מאַן איז נעכטן אַרויסגעפאָרן... איצט מוזט איר וואַרטן.

— לאַנג?

— ער וועט צוריקקומען אין א וואָך אַרום. אָבער ווען וועט ער באַכאַמאָל פאָרן? — זי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, פאַרלעשנדיק דעם פּאַפּיראָס — נישט פריער ווי אין סוף חודש.

— אַזוי, הייסט עס, זעט עס אויס. — גראַסמייער איז אויפגעשטאַנען, כדי זיך צו געזעגענען. זי האָט אויף אים פריינדלעך געקוקט:

— גיט אַכטונג די צוויי וואָכן. און אַלץ וועט זיין — זי האָט א באַוועג געטאָן אירע צונויפגעפּלאַכטענע הענט — ווי עס דאַרף זיין: גוט. — אויף דער שוועל האָט זי נאָך צוגעגעבן שטיל: — די, וואָס האָט אונדז פאַרטשעפּעט, זעט אויסצומיידן. יאָ... איר ווייסט דאָך, מע דאַרף זיין פאָרזיכטיק.

ער האָט א נייג געטאָן מיטן קאָפּ. דורכגייענדיק דעם הויף, האָט ער אויסגעמיטן צוויי שמועסנדיקע פרויען — איינע פון זיי איז געווען די, פאַר וועלכער מע האָט אים געוואָרנט. ווען ער איז דורכגעגאַנגען נעבן זיי, האָט ער דערהערט ווערטער, פולע מיט פערזענלעכער באַליידיקונג.

— ביי די קאַלענדעס איז שוין ווידער דאָ א ייד.

די צווייטע האָט געשאָקלט דעם קאָפּ מיט פאַרביטערטער שטימונג. אַרויסגייענדיק פון טויער האָט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט: די גאַסן האָבן אין ליכט פון שפּעטן נאָכמיטאָג זיך אָנגענומען מיט פאַרב, און די קרומע שאָטנס האָבן זיך געלייגט לענגאויס די טראָטואַרן — ער איז דער־ריבער געגאַנגען פּאַמעלעך און רואיק, עס זיינען אים פאַרביגעגאַנגען צוויי מיידלעך אין העלע, לייכטע קליידלעך און מיט האָר פאַרקעמטע אויפן קאַרק. דערנאָך האָט די גאַס לענגאויס דעם פּאַרק זיך אָנגעפילט מיט דעם ריח פון אַקאַציעס. דורכגייענדיק א רוישיקן פּלאַץ, האָט ער פאַרשנעלערט דעם טראָט— דאָ זיינען געווען צופיל מונדירן.

ער האָט נישט געטראָגן קיין הוט, כדי נישט אַראָפּצונעמען אים

ביי יעדער באַגריסונג, און געגאַנגען איז ער געוויינלעך אויפן טראָטואַר. דאָס מאָל איז ער געגאַנגען ביי דער זייט פון ברוק — ער האָט אויפגעכאַפּט נישט איין בליק, וועלכער איז כלומרשט געווען פאַרשלאָפן און גלייכגילטיק, אָבער וועלכער האָט אָן שום ספק געלעכצט נאָך א פּרעטעקסט — איינער אַן עס־עס־מאַן האָט זיך אומגעקוקט נאָך אים מיט א פלוצעמדיקן געלעכטער. דאָך, אויסער אַלעם און איבער אַלעם, איז די שטאָט אין דעם אויגוסט־נאָכמיטאָג געווען זייער שיין. פול מיט פרוויאישן געלעכטער און פאַרנאַכטיקע קאָלירן. ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם טעאַטער, איז איבער דעם הויכן קאָפּול פאַריבער א גרופּע עראָפּלאַנען אין דער ריכטונג אויף צפון. דאָ האָט ער שוין געקאָנט גיין אויפן טראָטואַר און רויכערן א פּאַפּיראָס — הינטערן טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן דער יידישער קוואַרטאַל און כאָטש דאָס טרעפן זיך מיט א דייטש אָדער מיט א פּאָליציאַנט פון די באַנדעראָווצעס וואָלט זיך דאָ געקאָנט ענדיקן פּונקט אזוי טרויעריק, ווי אין שטאָט, זיינען אָבער די יידן־בענדער שוין געווען דאָ צו זען אויף יעדן טריט, און די אייגענע האָט זיך דעריבער פאַרלוירן אין דער מאַסע פון אַנדערע.

דערהערנדיק, אַז דער אַרויספאָר מוז אָפּגעלייגט ווערן, איז סטעפאַן געבליבן א ווײַלע זייער צערודערט, אָבער באַלד איז ער געקומען צו זיך און א מאַך געטאָן מיט דער האַנט: סוף־כל־סוף איז וויכטיק בלויז דאָס, אַז ס׳זאָל געשען פאַר דעם ערשטן סעפּטעמבער... כ׳בין אַפילו צופרידן — האָט ער צוגעגעבן אייליק — וואָס נישט שוין, גלייך אויפן אָרט, וואָס עס ליגט נישט אויפן קאַרק.

— אזוי, — האָט דער דאָקטער א שמייכל געטאָן כמעט שעמעוודיק — אין דעם איז פאַראַן א געוויסע פאַרלייכטערונג — האָט ער פאַרבעסערט.

סטעפאַן האָט נישט איבערגעפרעגט דעם זין פון דער אויסבעסערונג, נאָר אָנגעהויבן א לאַנגן, און אין תוך גענומען, אומזיניקן שמועס וועגן די פּערספּעקטיוון, מעגלעכקייטן, ווייסן, דעם שאָפער און דעם וואַלד. דאָס איז, איבעריקנס, געווען זיכער א מאָנאָלאָג איידער א דיאַלאָג — דער דאָקטער האָט מעכאַניש איינגעשטימט אויף די ענטוזיאַסטישע השערות פון סטעפאַנען און זיך געשפּילט מיט דעם ליידיקן פּאַפּיראָסן־טעשל. דאָך, ווען זיי האָבן, געזעגענענדיק זיך, זיך אויפגעשטעלט, האָט ער אומצופרידן א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— נישט געקוקט אויף אַלץ, איז אין דעם פאַראַן א שטיקל אַנטוישונג. און ווידער דאַרף מען וואַרטן.

איבעריקנס, האָט געוואַרט די גאַנצע שטאָט. דעם זעכצעטן האָבן זיך צום צווייטן מאָל באַוויזן געגנויע און קאַטעגאָרישע מעלדונגען. אויף דעם פאָרשלאָג אָפּצולייגן דעם טערמין פאַר דעם פּרייז פון אַ בייער קאָנטריבוציע, האָט דער ראַט באַקומען אַ קלאָרן ענטפער: אויף דער דעלעגאַציע, וועלכע האָט זיך געמאָלדן ביי ווילהאַוזענען, וועלכער האָט דעצידירט אין די יידישע פראַגן, זיינען אָנגערייצט געוואָרן צוויי שיינע וועלף, וואָס האָט צווישן אַנדערן זייער געווילט דאָס קליינע טעכטערל פון ווילהאַוזענען. די מענטשן, וועלכע האָבן ביז איצט געוווינט אויסער דעם צפון־קוואַרטאַל, האָבן באַזוכט די שוין דאָ באַזעסענע קרובים, פריינד און באַקאַנטע, בעטנדיק אַ ווינקל — די רייכע האָבן געקויפט וווינונגען. דעם אַכצעטן האָט מען אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן אַ ניעם טערמין, דאָס הייסט וועגן אַ בייער קאָנטריבוציע, און דעם זעלבן טאָג אָונט־צו, איז די דאָזיקע ידיעה אַזוי ברייט און מיט אַזאַ זיכערקייט קאָמענטירט געוואָרן, אַז אויך צומאָרגנס פרי איז גראָסמייער אַוועק אין יודענראַט, כדי צו דערוויסן זיך ביי העשעלעסן דעם אמת. העשעלעס איז געהאַט אַרויסגעגאַנגען פון ביורא, אָבער דער דאָקטער האָט באַשלאָסן צו וואַרטן — אמת, די נידעריקערע באַאַמטע האָבן אויך איבערגעחזרט די ידיעה, אָבער גראָסמייער האָט געוואָלט הערן איר באַשטעטיקונג פון דעם מויל פון אַ פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד. איבעריקנס, איז אים אויסגעקומען נישט לאַנג צו וואַרטן: העשעלעס איז אָנגעקומען אין אַ האַלבער שעה, — אַ דערהיצטער פאַרמאַטערטער און דענערווירטער. ער האָט זיך באַגריסט מיט גראָסמייערן גאַנץ אויבנאויפיק, אין משך פון די ערשטע העפלעכקייטס־פראַזן איז ער נישט אימשטאַנד געווען צו קאָנצענטרירן זיין אויפמערקזאַמקייט און רעדנדיק האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבערן קאָרידאָר, געקלאָגט זיך אויף דער היץ. ער איז געקומען צו זיך ערשט דעמאָלט, ווען דער דאָקטער האָט אים אויפגעקלערט דעם ציל פון זיין וויזיט. ער איז רויט געוואָרן:

— צי דער דאָקטער, — האָט ער פּאַמעלעך געפרעגט — מאַכט אַ שפּאַס, צי ער רעדט פון וועג?...

גראָסמייער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די מענטשן חזרן איבער די ידיעה שוין פיר און צוואַנציק שעה און דאָס מיט אַן אַלץ גרעסערער זיכערקייט. העשעלעס האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם.

— קומט מיט מיר.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין אַ קליינעם פוסטן צימער, האָט דער ראַטמאַן זיך באַרואיקט, ער איז אפילו שוין געווען פולשטענדיק רעזיגנירט. ער האָט אָנגענומען גראָסמייערן ביי אַ קנעפּל פון דער מאַרי־

נאַרקע און אַ פּרעג געטאָן, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן:

— איר האָט געהערט וועגן דער ראָללבריגאַדע?

דער דאָקטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. העשעלעס האָט זיך צעלאַכט מיט איראָניע:

— דערפאַר פרעגט איר וועגן אַ נייעם טערמין, — ער האָט אָפּגעלאָזט זיין קנעפּל, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אָפּגעגאַנגען אין מיט פון צימער. — זיי זיינען געקומען צופאָרן צו אונדז. און וואָס מיינט איר, — ער האָט געמאַכט אַ פּאַטעטישן זשעסט מיט דער האַנט, — מכוח די אַרבעטס־לאַגערן? איך האָב זיך ערשט מיט אַ האַלבער שעה צוריק דערוווּסט, וועלכע אַקציעס די ראָללבריגאַדע האָט דורכגעפירט אין קראָקע, אין וואַרשע און אין די קלענערע שטעטלעך. דאָס זיינען שוין נישט קיין הונדערטער, נישט קיין טויזנטער. צענדליקער טויזנטער. איר הערט? צענדליקער טויזנטער.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער איז בלאַס געוואָרן, רעדנדיק די דאָזיקע ווערטער. און איצט, כדי צו פאַרבאָרגן זיין אומרו, האָט ער מיט אויפמערקזאַמקייט פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס. גראָסמייער האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק:

— ווי מיינט איר? — האָט ער געזאָגט אומזיכער — אויב צענדליקער טויזנטער, איז מסתמא אין די אַרבעטס־לאַגערן. וואָס? מסתמא...

העשעלעס האָט פאַרזיכטיק אויסגעלייגט דאָס שאַכטל מיט טאַבאַק אויפן שרייבטיש און איז צוגעגאַנגען צו אים, פּינקטלעך שנעל מיט די ברעמען. ווען ער האָט צעפירט די הענט, כדי אונטערצושטרייכן זיין אומוויסן, האָבן זיינע אויגן אויפגעהערט צו פינטלען, און די אויגן זיינען געוואָרן גרויס און קיילעכדיק.

— דאָקטאָר, האָט ער געזאָגט — איך וועל שוין איינמאָל אויפהערן צו גלויבן אין די אַרבעטס־לאַגערן. דאָקטער, וווהין פאָרן די אַלע מענטשן? אַרבעטס־לאַגערן? „אַרבייט מאַכט פריי" — וואָס? „קראַפט דורך פרוידע" — וואָס? אָבער איך וויל זיך דערוויסן — זיין שטים האָט זיך אים איבערגעבראָכן כמעט ביי יעדן וואָרט — וווהין פאָרן די מענטשן, וועלכע ווערן גענומען פון די אַלע אַקציעס? און איר פרעגט זיך נאָך וועגן אַ נייעם טערמין...

גראָסמייער האָט זיך גלייך אָפּגעזעגנט. אין דער „גיכער הילף" האָט אויף אים געוואַרט אַן עלטערער מאַן, וועלכער האָט אים געבעטן צו באַזוכן זיין קראַנקע פרוי, און ער איז מיט אים אַוועק אויף דער וואַנסקע גאַס. אָבער מע האָט דאָ גאָרנישט געקאָנט העלפן: די פרוי האָט שוין

געהאט געשוואָלענע פּיס, א געשוואָלן פּנים, עס האָט איר געשטיקט. ווען דער דאָקטער האָט זי באטראכט, האָט זי זיך אפילו נישט אויפגעוועקט פון איר מאכטלאָזן האלב־דרימל — ער האָט אָן שום שוועריקייט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס זיינען די לעצטע טעג פון אורעמיע, ער האָט געמאכט אַן איינשפּריצונג און איז געזעסן לעבן דער קראנקער ארום א שעה, אָבסערווירנדיק די רעאקציע. ער האָט דאָך אָפּגעשאצט די צביעות פון זיין האנדלונג — דאָס סוגערירן וועלכע־ס׳איז־נישט האָפענונגען איז געווען נישט בלויז אַן אומזין, נאָר אויך א מאנגל פון ערלעכער באציאונג צום אמת. אוועקגייענדיק האָט ער דאָס אויפגעקלערט דעם אלטן. דער אלטער האָט אָפּגעענטפערט וואָרטשענדיק, אַז ער ווייסט דאָס און, — דעם זאַץ האָט ער ארויסגעזאָגט מיט א פארבאָרגענער ליידנשאפט — אַז ער איז זי מקנא.

גראָסמייער האָט צוריקגעקערט אין דער „גיכער הילף״, האָט איינגענומען א פּראָשעק קעגן מיגרען, און אַזוי ווי קיין פּאציענטן זיינען נישט געווען, און סטעפאן איז געזעסן מיט לענאָן אין דעם אָפּעראציע־זאַל, האָט ער זיך פארמאכט אין דעם וואַרטע־צימער, כדי איבערצושלאָפן דעם קאָפּ־ווייטיק. דער שלאָף איז געווען א לאנגער, הארטער און טיפער. ווען ער האָט זיך אויפגעכאפּט האָבן שוין אין די ווינקלען פון צימער זיך אָנגעהויבן צו זאמלען שאָטנס — ער איז געשלאָפן צוויי שעה. סטעפאן און לענא האָבן נאָך אלץ געשמועסט, אָדער ריכטיקער — דער דאָקטער, קוקנדיק אויף זיי האָט זיך בייזוויליק צעשמייכלט — סטעפאן ווי געוויינלעך, האָט מאָנאָלאָגירט, אונטערשטיצנדיק זיינע ארויסזאָגונגען מיט א באַדינגלעכער און עפעקטפולער זשעסטיקולאציע. אָבער גראָסמייער האָט שוין איצט נישט געהאט אזעלכע זיכערע רעכט צו איראָניזירן, אָדער מיטצופילן ווי מיט א חודש צוריק. איצט האָט די באציאונג פון סטעפאנען צו לענאָן שוין פארלוירן דעם כאראקטער פון פולשטענדיקער אָפּהענגיקייט, אונטערטעניקייט אָדער קנעכטשאפט און זיך פארוואנדלט אין א דורכגעטראכטער און — וואָס איז צום וויכטיקסטן — קעגנזייטיקער פריינטלעכער קאָאָפּערירונג. בפרט, אַז די אלטע טעמעס זיינען פארשוואונדן. ביידע האָבן איצט ארויסגעפונען נייע טעמעס, קאָנקרעטע און נישט אָפּפרעגלעכע. דער שמועס האָט זיך געוויינלעך געפירט ארום דעם ארויספאָרן, און סטעפאן האָט דאָ ארויסגעוויזן נישט בלויז א גלענצנדיקע פאנטאזיע, פארשטאנד, שכל און איבערצייגנדיקן אָפּטימיזם, נאָר ער האָט אויך געקאָנט אריינדרייען צווישן די גלייכגילטיקע ווערטער פלינקע אילוזיעס, וועלכע האָבן עפעקטפול

סיגנאַליזירט מכלומרשט גוט פאַרבאָרגענע געפילן. מעגלעך, אַז גראָסמייער האָט זיך צו זיי לעצטנס וויניקער צוגעקוקט — דאָך האָט סטעפאַנס באַפרייען זיך אויף אַ געוויסן אופן פון דער צו איבערגעטריבענער אונטערגעאָרדנטקייט אויסגעזען צו זיין אַ זיכערער פאַקט, און דער דאָקטער האָט צייטנווייז דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז דאָס ייִנגל האָט שוין שטילערהייט באַקומען אַ וועלכע — ס'איז באַליבונג, אָדער מינדסטנס אַ צוזאָג אויף אַזאַ. דאָס וואָלט געווען די סאַמע לייכטסטע, אויב נישט אַממייניסטן מענטשלעכסטע דערקלערונג פון דעם צייט־אָפּשניט פון זעלבסטזיכערקייט, וועלכער האָט פאַרענדיקט די ליבע פון סטעפאַנען צו לענען. דאָך וואָלט מען אויך געקאָנט דערמאָנען עפּעס אַנדערש, וואָס איז נישט וויניקער מענטשלעך, נאָר נישט אַזוי לייכט. נאָר דעמלט וואָלט עס שוין נישט געווען קיין צייט־אָפּשניט פון זעלבסטזיכערקייט, נאָר פון גלייכגילטיקייט. וואָרעם לענאַ האָט באַקומען אַ גענוג געפערלעכן קאָנקורענט, אַז סטעפאַן זאָל קאָנען אַוועקוואַרפן זיין ראָל פון אַן אונטערטעניקע און לייִדנדיקע מאַריאָנעטקע און ווערן פּשוט גלייכגילטיק: דער דאָזיקער קאָנקורענט — פּשוט גערעדט — איז פאַקטיש געווען דער וואַלד. דער צווייבער פון לענען האָט זיך סוף־כּל־סוף געקאָנט צעעסן. דער וואַלד נישט. אין זיינע שמועסן מיטן דאָקטער האָט סטעפאַן לעצטנס נישט געקאָנט באַרירן קיין אַנדערע טעמע — ווען ס'איז אפילו אַמאָל אויסגעקומען צו רעדן וועגן אַנדערע פראַגן פון אַן אַלגעמיינעם אָדער אַבסטראַקטן כאַראַקטער, איז מען אויך סוף־כּל־סוף שטענדיק אַרויף אויף דער טעמע פון וואַלד, ווי אויף דעם לייט־מאָטיוו, ווי אויף דעם יסוד סיי פון דער דיסקוסיע, סיי פון דער צוקונפט. די דאָקומענטן פון סטעפאַנען זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף דעם נאָמען און פאַמיליע פון פראַנציסעק קיערעק. סטעפאַן האָט דעריבער געשפּאַסט: איך הייס אַזוי און אַזוי — הערביי האָט ער זיך העפלעך פאַרנייגט — איך האָב געענדיקט אַ גרונט־שול, בין געווען אויף אַ סאַניטאַרן־קורס און איצט... איצט פאָר איך אין וואַלד. וואָס? איך הייס פראַנציסעק קיערעק.

מע האָט געקאָנט מיינען, אַז ער האָט זיך אויסגעפּונען אַ פּרעכטיקע פאַרווילונג. און דעריבער האָבן די שמועסן מיט לענען געמוזט אויסזען נישט אַנדערש, ווי די שמועסן מיט גראָסמייערן און אָן שום צווייפל זיינען זיי אויך געווען געווידמעט דער דאָזיקער פּרעכטיקער מיסטיפיצירטער שפּיל. איבעריקנס, איז נישט דאָס געווען דאָס ווייכטיקסטע — זייער עלטער און זייער אופן פון קלערן זיינען געווען די סיבה פון זייער ביידנס אָפּטימיזם. אין זאַך האָט דאָך געקאָנט אין דעם אַלעמען נישט

בלויז פֿאַרוווּנדערן, נאָר אויך אויפֿרעגן: דער מרחק, וועלכער האָט אָפּגעטיילט די העשעלעסן פֿון לענעץ, סטעפֿאַנען פֿון יענער קראַנקער פֿרוי אויף אורעמיע, קאַלסקין פֿון דער פֿרוי בערגמאַן — דאָ זיינען פֿאַרגעקומען אומגערעכטיקייטן, וועלכע זיינען דערמיט געוואָרן נאָך גרעסער און ביטערער, וואָס זיי זיינען באַצמאָל געוואָרן אינספּירירט דורך דער שטויגענדיק טרעפֿלעכער טאַקטיק פֿון דייטשן מות. שוין אויף דער „גיכער הילף״ אַליין איז דאָס געווען ביז גאָר קענטיק. דער אַרויספֿאָר פֿון ווייסן האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מאָמענט, וועלכער האָט נישט בלויז געענדערט די האָפֿענונגען פֿון סטעפֿאַנען און גראָסמייערן, נאָר אויך פּאַרטיפּט די איינפֿאַכקייט פֿון בערגן. אַלע, יעדער מענטש און יעדעס הויז, זיינען אין שטראָם פֿון די טעג געשווומען אַלץ מער איינזאַמער — אַפֿילו סטעפֿאַן און דער דאָקטער, וועלכע ס׳האָט אויסערלעך פּאַרייניקט איין גורל, האָבן זיך געפֿונען אַלציינס ווייט איינער פֿון צווייטן, ווי דער רואיקער קאַלסקי פֿון שווייגנדיקן בערגן. אָט איז אָנגעקומען די מינוט, וועלכע האָט באַדאַרפֿט דעצידירן וועגן דער צוקונפֿט — און דאָ איז זיכער געווען פֿאַרבאָרגן דער סוד פֿון דער אַלץ מער זיך אויסברייטנדיקער איינזאַמקייט, פּונקט ווי די דאָזיקע נאָענטע צוקונפֿט האָט באַדאַרפֿט דעצידירן וועגן אַזאַ גרויסער און איבעראַשנדיקער זאַך, ווי געבורט, אָדער טויט. גראָסמייער, קלערנדיק וועגן דעם, פּרובירנדיק קלערן וועגן דעם מיט דער פֿולער רואיקייט, נאָך מער: מיט פֿולן אָביעקטיוויזם, האָט זיך שטענדיק פֿאַרהאַלטן אויף איין פּונקט — ווו זיינען די קוועלן פֿון דער שנאה, וועלכע וויל נישט בלויז מאָרדן און פֿאַרשפּרייטן גרויזאַמקייטן, נאָר שטרעבט אויך מיט אַ שטויגענדיקער פֿליבקייט און מיט אַ פֿאַרשטאַנד, וועלכער איז ווערט צו באַווונדערן, אומצוּוואַרפֿן אַלע אמתן פֿון דעם מענטשלעכן סדר־העולם? די שייטערהויפֿנס, וועלכע האָבן געפֿלאַקערט אויפֿן באַפֿעל פֿון טאָרקוועמאַדאָן, זיינען ערשט דורך וואָלטערן באַצייכנט געוואָרן ווי דאָס גרעסטע פֿאַרברעכן אין דער געשיכטע, כאָטש זייער פֿלאַם האָט מכלומרשט באַדאַרפֿט זיין אָנגענעם דעם רבונו־של־עולם. איבעריקנס, זיינען נישט נייטיק אַזעלכע פּאַטעטישע ווייטגרייכנדיקע מעטאַפֿאָרן. גראָסמייער האָט געפֿאָדערט פֿון לעבן אַ געוויסע געזעצמעסיקייט אין דעם פּשוטן זין פֿון וואָרט. די אַכטונג פֿאַר זיין פּראָפֿעסיע האָט ער פּאַקטיש געשטיצט אויף דער אַכטונג פֿון דער דאָזיקער געזעצמעסיקייט. עס האָט זיך אַזוי אַרום געהאַנדלט אין דעם, וואָס געזעצמעסיק איז דער טויט אין עלטער פֿון זיבעציק יאָר, וואָס גע־

זעצמעסיק איז דאָס אָפּהיטן פון געוויסע קאָלעקטיוויע, יורידישע, געזעל־שאַפטלעכע און עסטעטישע אָפּמאַכן.

פון דעם זון־סיסטעם ביז דער צירקולאַציע פון בלוט האָט געווירקט א סיסטעם, וועלכער האָט זיך געשטיצט אויף א געזעצמעסיקער אַנאַטאָ־מיע — גראָסמייער האָט אין פולן באַוווסטזיין פון דעם פאַקט געקעמפט קעגן אַלערליי קרענק, נישט פון דעם סאַמע פּרימיטיוון און אוטיליטאַרן שטאַנדפּונקט, נאָר קודם־כל מחמת דער פאַרנונפטיקער שנאה צו יע־דער פּאַטאַלאָגיע.

מער וויניקער מיט א וואָך צוריק האָט ער א פרעג געטאָן ביי בערגן וועגן זיין מיינונג. נאָך דעם אַרויספאָר פון וויטן פלעגט ער אין די אָוונטן אַריינקומען צום אַלטן, פרווונדיק פאַרפירן מיט אים א שמועס אויף דער טעמע פון זיין פּאָוויאַטאָווע שטעטל און דער רעסטאָראַציע אין מאַרק. ווען בערג האָט מיט פאַראַכטונג אויסגעמיטן אַזא שמועס איז ער איבערגעגאַנגען צו טעמעס נעענטערע פאַר יענע ציטן. נישט געקוקט אויף דעם איז ער אויפגענומען געוואָרן לגמרי נישט פריינטלעך. באַזונדערס אין ערשטן אָוונט נאָך וויס פאַראַט — ווי בערג האָט דאָס שפּעטער אָנגערופן. דער אַלטער האָט רעאַגירט מיט א פאַרביסן שווייגן, אָדער העכסטנס מיט איינציקע זילבן. קלאָר, אַז גראָסמייער אָנ־טרעפנדיק אויף אַזא דעציזידירטן ווידערשטאַנד, האָט אָנגעהויבן צו קו־מען אַלץ זעלטענער און פאַרבלייבן אַלץ קירצער. ענדלעך האָבן די באַ־ציאונגען אָנגענומען זייער אייגנטלעכע פאָרעם. עס האָבן זיך צוריקגע־קערט די אַלטע געוווינהייטן: בערג, פונקט ווי פאַר וויס דערשיינען, איז געווען שטרענג, פאַרזיכטיק און טרוקן. מיט א שאָטן פון אַכטונג האָט ער אויסגעהערט די רייד פון דאָקטער. ציטנווייז האָט ער אָפּגע־ענטפערט, אָן אויסגעגלייכטער, מיט די הענט אויף די קני. אין דעם אָוונט זיינען ביידע געזעסן ביים אָפענעם פענצטער, און דער ווינט פון א זיך אָנהייבנדיקן שטורעם האָט געקילט זייערע פנימער. אין מיט פון דער גאַס זיינען געגאַנגען צוויי קינדער, האַלטנדיק זיך ביי די הענט — דאָס קלענסטע, א מיידעלע, האָט געטראָגן א קליידעלע אָן אַרבל, זי האָט דע־ריבער דעם יודן־באַנד געטראָגן אויפן נאַקעטן הענטל איבער דעם עלנ־בויגן, ווי א בראַנזאָלעט. גראָסמייער — אײדער ס'איז אַנטשטאַנען איי־נע פון די אַזוי אָפטע שווייגנדיקע מינוטן — האָט גערעדט וועגן געטאָ, ווייל דאָס איז פאָרגעקומען אין טאָג, ווען מען האָט אַרויסגעהאָנגען צום צווייטן מאָל די מעלדונגען, און איצט, אָנווייזנדיק אויף דעם פּאָרעלע, האָט ער זיך געווענדעט מיטן פנים צו בערגן:

— צי האלט איר נישט, אז דאָס איז דער גרעסטער באַרבאַריזם?

בערג האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן.

— פאַרוואָס? — האָט ער געפרעגט.

גראָסמייער האָט בדעה געהאַט זיך אויפצוקאָכן פאַר דער דאָזיקער זינלאָזער פראַגע, אָבער די קינדערלעך זייגען דערוויל פאַרשוווּנדן הינטערן ראָג פון דער גאַס און ס'האָט אים דעריבער פאַרפעלט דער קאָנקרעטער פּלאַסטישער ביישפּיל פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט אויפקלערן, ער האָט אויך טיילווייז פאַרשטאַנען זיין אומבאַטראַכטקייט. ער האָט דאָך באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט, און ווענדנדיק זיין בליק נאָכאַמאָל צום פענצטער, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אין פאַראַפּעט.

— הער בערג, — האָט ער פאַמעלעך געזאָגט — איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס קלערט איר וועגן דעם אַלעמען? דאָס הייסט, נישט וועגן דעם, וואָס וועט מיט אונדז געשען, אָדער עפּעס ענלעכעס דערצו. נאָר אין אַלגעמייך — ער האָט געזוכט די אַנטשפּרעכנדיקע ווערטער — וואָס איז דאָ דאָס גרעסטע פאַרברעכן?

— אין אַלגעמיין? — האָט בערג שטרענג אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ

— דאָס פאַרברעכן?

— יאָ.

דער ווינט האָט שוין געבראַכט צו טראָגן די ערשטע גרויסע טראָפּנס רעגן, ס'איז געוואָרן טונקעלער, און פונדערווייטנס, נאָך אַ בליץ־אָפּשיין, האָט זיך פאַמעלעך אַ קאָלער געטאָן אויך אַזוי ווייט דער ערשטער דונער. בערג האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, פאַרמאַכט דאָס פענצטער, און אין צימער איז גלייך געוואָרן דושנע. דערנאָך ערשט, נישט זעענדיק זיך צוריק אויף זיין אָרט, האָט ער געענטפערט — ער איז געשטאַנען אַן אויסגעגלייכטער, אַ קאַלטער, אפילו מיט אַן אויסדרוק פון גרינגשעצונג.

— איך ווייס גאָרנישט, — האָט ער אָנגעהויבן, ווי וועלנדיק אויסמיידן די פראַגע פון דאָקטער, נאָר ער האָט, זעט אויס, אָנערקענט, אז ער מוז סוף־כל־סוף אויפקלערן זיין שטאַנדפּונקט, ווייל ער האָט זיך נאָך מער אויסגעגלייכט און אויפגעהויבן די הענט צו דער באָרד. אין דער מינוט איז ער ווידער געוואָרן דער אַלטער מיט די שטאָלצע נישט־צוטריטלעכע שטריכן — ווי פאַר די צייטן פון ווייסן, האָט ער איילִיק איצט גערעדט גיכער צו זיך און פאַר זיך, קוקנדיק צום פענצטער, הינטער וועלכן דער ווינט האָט קרום געטראָגן ביימשן רעגן.

— איך װײס גאָרנישט, — האָט ער איבערגעחזרט — יאָ. אָבער דערפֿאַר װײסט שױן דער רבונו־של־עולם. און קײן שום זאַך געשעט נישט אָן זײן װיסן. װאָס פֿאַר אַן אמתדיקע מײנונג קאָן איך האָבן? איך קאָן נאָר בעטן גאָט. איך מוז בעטן. גאָט משפּט אָן מיר.

די דאָזיקע אױפֿגעבלאָזענע װערטער האָט װידער באַגלײט אַ װײ־טער דונער, נאָר שױן אַ מער נעענטער װי פֿריער, און גראָסמײער האָט אַ שמײכל געטאָן מחמת די צופֿעליק אַראַנזשירטע רעזשיסערישע עפֿעק־טן. צום גליק האָט בערג נישט באַמערקט די דאָזיקע איראָניע. נאָך מער: דער בולטער — װי ער האָט געמײנט — צײכן פֿון געטלעכן צאָרן האָט גורם געװען דערצו, אַז ער זאָל שױן מער נישט האַמעװען זײנע װער־טער, ער האָט אפֿילו אױפֿגעהױבן די שטים, כדי איבערצושרײען דעם גערױש פֿון רעגן איבערן דאַך און איבער די שױבן.

— צי קאָן דער רבונו־של־עולם אַזױ האַנדלען, — האָט ער אױס־גערופֿן — אַז ס'זאָלן געשען פֿאַרברעכנס לגבי די אומשולדיקסטע, און זײ זאָלן הערנאָך נישט זײן באַשטראָפֿט? צי װעט עמעצער דאָס זאָגן? צי קאָן דער אױבערשטער נישט באַשטראָפֿן אַ פֿאָלק, װען דאָס פֿאָלק האָט אין אים פֿאַרגעסן? ער קאָן! ער װעט אױך קאָנען באַשטראָפֿן די, װאָס מאָרדן יונגע קינדער און זקנים. אָבער קודם־כּל משפּט ער אַלײן אַלעמען און קײנער װערט פֿון אים נישט אַנטרינען.

גראָסמײער האָט געקוקט אױף אים פֿון הינטער פֿאַרמרוזשעטע ברע־מען. הינטער דער לעכערלעך פּאַטעטישער דרשה פֿון אַזעלכע הױכע װערטער, הינטער די דונערס און בליצן, װעלכע האָבן באַלױכטן בערגס פּנים, דאָס הײסט הינטער דעם גאַנצן אָן שום ספֿק קאָמישן צונױפֿפֿאַלן זיך פֿון די אומשטענדן, האָט ער דאָך באַמערקט אַ בילד, װאָס האָט זײ־ער פֿיל מענטשן געקאָנט רירן. קודם־כּל איז בערג אַלײן אַלץ מער אַרײַן אין התלהבות, צעשױבערט די באָרד, און די לינקע האַנט האָט ער אױפֿ־געהױבן אין דער הײך. ער גופֿא האָט שױן מסתּמא נישט געצװײפֿלט אין דעם, אַז גאָט אַלײן האָט דערהערט זײנע װערטער און באַשטעטיקט זײער אמת דורכן שטורעם. איבעריקנס? װען מען זאָל דאָס בילד איבער־טראָגן אין דער ראַם פֿון אַ לײַכטענער דעקאָראַציע און די געשטאַלט פֿון בערגן אײנשטעלן אױפֿן פֿאָן פֿון אַ קאָלומנע, װעלכע איז איבער־געבראָכן אױף דער העלפֿט, װאָלט דאָס געװען דער נביא — דער טראַ־גישער נביא ירמיהו, װעלכער פּרעדיקט גאָטס גערעכטיקײט אױף די חורבות פֿון דער פֿאַרברענטער ירושלים. דער אַלטער האָט איצט גע־רעדט נאָר פֿאַר זיך, זײן אָנגעשטרענגטע כריפּלענדיקע שטים האָט זיך

מחמת דעם געריוש פון רעגן געהערט ווי פון דער ווייט. דער דאָקטער האָט צוגעמאַכט די אויגן.

— און אפשר האָט דער רבונו־של־עולם געוואָלט דערמאָנען זיין פאָלק, אַז מע טאָר אין אים נישט פאַרגעסן און, אַז מען דאַרף אָפּהיטן זיין אמונה? און אפשר האָט ער אויסגעקליבן די דייטשן אויף די פאַרברעכער, כּדי ער זאָל זיי דערפאַר נאָך מער באַשטראָפן? מע דאַרף בעטן צו גאָט, מע דאַרף בעטן — האָט ער געוואָרנט. — משפּטן? משפּטן וועט נאָר דער רבונו־של־עולם! נאָר ער! איך נישט...

ער איז פּלוצעם שטיל געבליבן. גראָסמייער האָט זיך אומגעקוקט צו דער טיר. אויף דער שוועל איז געשטאַנען סטעפאַן און אים געמאַכט א צייכן מיט דער האַנט.

— קום צו א קראַנקן.

בערג האָט זיך אויסגעדרייט צום פענצטער און האָט שוין מער אויף גאָרנישט געלייגט קיין אכט, דער דאָקטער איז דעריבער שנעל אַרויס־געגאַנגען. ווען זיי זיינען געלאָפן איבער די טרעפּ, האָט סטעפאַן לאַכנדיק א פרעג געטאָן:

— וואָס איז דאָס פאַר א לצנות?

גראָסמייער האָט געענטפערט ערשט נאָך דעם באַטראַכטן דעם קראַנ־קן, אַקצעפּטירנדיק, איבעריקנס, זייער דייטלעך די קאָמישע און ערנסטע מאָמענטן אין דער גאַנצער סצענע. ער האָט דאָך געמיינט, אַז א מענטש, אָדער מענטשן, וועלכע זיינען ווייניקער סקעפּטיש פון אים, אָדער ביי וועלכע עס איז אפילו בלויז שוואַכער אַנטוויקלט דאָס געפיל פון הומאָר, וואָלטן וואַרשיינלעך אַרונטערגעפאַלן געוויסע סוגעסטיעס. מען דאַרף מודה זיין — האָט ער לאָיאַל צוגעגעבן — אַז דאָס וואָלט אפילו געווען פאַר־שטענדלעך. בפרט, אַז ער אליין איז זיי אויך טיילווייז אַרונטערגעפאַלן, אָדער פינקטלעכער זיך אויסדריקנדיק, ער האָט אויסגעפונען א געוויסע ענ־לעכקייט צווישן בערגן און זיך: ער האָט פּשוט באַמערקט, אַז בערג, רופנ־דיק גאָט פאַר דעם איינציקן שופט פון אַלע אומגליקן, וואָס געשעען און אויסמיידנדיק אַרויסצוזאָגן זיין אייגענע מיינונג, דריקט לגמרי נישט אויס דערמיט זיין אויסשליסלעכע פרומקייט. צי קאָן מען דאָס אָנרופן אַרויס־דרייען זיך פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט — אָן שום ספק. נאָר אים, גראָס־מייערן, דאַכט זיך אויס, אַז אַזא שטאַרקער צוטרוי צו גאָט איז אויך א גלויבן אין דער געזעצמעסיקייט פון דער גאַנצער וועלט.

— דער דאָזיקער מענטש, — האָט ער געזאָגט שנעל און נאַכלעסיק — איז אַזוי פיל הכנעהדיק, אַז ער פאָדערט נישט קיין באַלדיקע גערעכ־

טיקייט פאר זיך. אָבער... אָבער ער ווייסט אײן זאַך אויסגעצייכנט: קיין שום זאַך וועט די מענטשן נישט ארויסשטויסן פון דער געטלעכער אָרדענונג אין איר אמתדיקן זין. אָדער פון דעם גוטן און גערעכטן וועלט־סדר. דאָס וואָרט „געטלעך״ האָט ער באַנוצט ווי אַ סימבאָל, מיין איך, און די, וואָס היטן אים אָפּ, און מיר, וואָס גריגגעשעצן אים, קאָנען זיך סוף־כל־סוף לייכט טרעפן.

— וואָס פאר אַ נארישקייטן, — האָט סטעפאַן געחוזקט — טרעפן זיך צווישן דונערן און בליצן?

— יאָ, די דאָזיקע פארערונג, — האָט דער דאָקטער נישט מסכים געווען — איז דאָך סוף־כל־סוף אַ צוטרוי נישט צו גאָט, נאָר צו מענטשן.

סטעפאַן האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— טאַקע צוטרוי, — ער האָט זיך צעלאַכט — איך האָב אײך ביידע געטראָפן מיט אויסערגעוויינלעך נארישע מינעס. אַך! הכנעה! קעגן וואָס? מיט הכנעה לייגן דעם קאָפּ אונטערן מעסער? אַ, נישט בלויז מיט הכנעה: מיט צוטרוי.

דער דאָקטער האָט ווייטער געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער סטעפאַן האָט נישט מסכים געווען — עס זיינען אים אָנגעגאַנגען בלויז די ענינים פון וואַלד, פון ארויספאָרן, פון שאָפער. ער האָט קלאָר און אָפן אונטערגעשטראָכן זיין ווידערווילן צו אַלערליי דיסקוסיעס. גראָסמייער האָט אים דעריבער גלייך באַגעגעבן. ער איז, איבעריקנס, געווען אין אַ גוטער שטימונג — אַלע זיינע אייגענע וואַקלעניש און פאָראורטיילן בנוגע זיין ארויספאָרן האָט באַזייטיקט סטעפאַנס יוגנטלעכער אָפּטימיזם. סטעפאַן האָט קיין שום ספקות נישט געהאַט. די וואָך, וועלכע איז פאַריבער פון יענעם טאָג, איז נישט געווען קיין לייכטע — שוין צוליב דעם, וואָס דעם צוואַנציקסטן האָט מען אָנגעהויבן כאַפּן מענטשן צו דער ארבעט ביים פארצוימען דאָס געטאָ. מע האָט געכאַפּט פון די גאַסן און די הייזער. — עס האָבן זיך דערמיט פארנומען די דייטשן און באַנדעראָווצעס, נישט קאַרגנדיק דערביי קיין געשרייען און קלעפּ. מע האָט אויך דערציילט, אַז די פארצוימונגען אין די געגנטן פון דער זשעלאַזנאַ־גאַס, וואָנסקאַ־גאַס און דער באַן־בריק מאַכן מענטשן פון לאַגער, וועלכע — ווי מען האָט געשמועסט — דאַרפן אומקומען אויף אַ שוידערלעכן אופן. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אפילו לענאַ האָט זיך באַאומרואיקט פון די ידיעות, וועלכע די פאַציענטן האָבן געבראַכט, האָט זי סטעפאַן גריגגעשעצט. אמת, ער האָט ארויסגעוויזן מיטגעפיל און אויפרעגונג, אָבער דער דאָקטער האָט זיך נישט געקאָנט קעגנשטעלן דער סוגעסטיע: סטעפאַן

האָט זיך פאַרהאַלטן אַזוי, ווי ער זאָל זיך שוין געפונען אויסערן קרייז פון די האַזיקע אומגליקן, וועלכע ער האָט מיטגעפילט און צוליב וועלכע ער האָט זיך אויפגערעגט. נאָך מער: סטעפאַן האָט דער איינציקער נישט געגלויבט אין דער פליאַטקע וועגן פאַרלענגערן דעם טערמין פון פאַרמאַכן דאָס געטאָ. ווי דאָס אַלץ זאָל האָבן געשען אויסער אים. און אויב שטיק, וועלכער האָט א דאַנק די קאָלסקיס און לענען באַשטימט זיין אַרויספאָרן אויף דעם זעקסאונצוואַנציקסטן אויגוסט, האָט זיך פאַרהאַלטן געגוג פחדנותדיק און פּאַניקעריש, האָט סטעפאַן געקענט דינען אַלס ביישפּיל פון מוטיקייט. דרך־אגב, האָט גראָסמייער חושד געווען, אַז ער פאַרמאָגט נישט אַזוי פיל מוט, וויפל ער האָט פאַנטאַזיע. אייננס האָט יעדנפאַלס אויסגעזען צו זיין זיכער: סטעפאַן האָט געגלייבט אין דעם דערפאָלג פון זייערע פּלענער.

איבעריקנס האָט ער אויסגעזען אַזוי, ווי ער זאָל האָבן רעכט. צום קומענדיקן אָונט — נישט אויסגעצנדיק שוין דעם באַזוך ביי די ווילמערס אַלס תירוץ — האָט גראָסמייער זיך אָוועקגעלאָזט צום שאָפער. די טיר האָט אים געעפנט זיין נידעריקע און דאַרע פרוי, דאָס מאָל שוין אינגאַנצן פריינדלעך. דער שאָפער איז געווען א פעסטער מאַן פון מיטעלן וווקס מיט שאַרפע קליינע אויגן און א קיילעכדיק פּנים. ער האָט ליב געהאַט צו לאַכן און צו זאָגן גראָבע ווערטער און פעטע וויצן. ער האָט אויפגעגומען דעם דאָקטער כמעט האַרציק. ער האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש א פלעשל און געפּאָדערט, געדיכט לאַכנדיק, אָן שום סיבה, א פּאָר גלעזלעך. אַלץ איז געווען קלאָר און פּשוט — דער לאַסט־אויטאָ פון דער גלאָז־פירמע פאָרט אַרויס קיין וואַרשע צום אכטאונצוואַנציקסטן ביינן אָונט. דער דאָקטער מיטן צווייטן דאַרפן וואַרטן אין דעם געסעלע הייטער דעם קאָשציאָל אויפן נאָמען פון דער הייליקער מאַלגאָזשאַטאַ, ווייל אין דער צייט, האָט דער שאָפער געגעבן צו פאַרשטיין — איז שוין טונקל, דאָס געסעלע איז קליין און שאָטנדיק, ער וועט פאַרפאָרן פּינקטלעך ביק, און אין א זיבן, אכט שעה וועט אַלץ זיין אין אָרדענונג. גראָסמייער האָט נישט דרייסט געפרעגט וועגן דער פרוי בערגמאַן און ראָמעקן. דער שאָפער האָט זיך אָנגעכמורעט, נאָר ווען דער דאָקטער האָט דערמאָנט וועגן געלט, האָט ער זיך צעלאַכט:

— געלט? איך טו עס נישט צוליב געלט, — ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען — איך האָב אייער געלט אין היינטן. נו, וואָס? — האָט ער זיך געווענדעט צו דער פרוי.

—עס קומט אויס איך זיי מיטצונעמען, וואָס?

זי האָט צוגעשטימט מיט אַ קאָפּ־שאָקל, זיי האָבן דעריבער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט די פּרטים, כּדי גלייך זיך אָפּצוגעזעגענען. נאָר אַ ־יפשטייענדיק שוין, האָט גראַסמייער זיך דערמאָנט די ווערטער פון העשעלעסן און פאַרריכט די ברילן.

איר האָט עפּעס געהערט, — האָט ער זיך געווענדט צום שאַפער — וועגן דער ראָללבריגאַדע?

דער שאָפער, וועלכער האָט ערשט מיט אַ רגע פריער געלאַכט פון אַ פּעטן וויץ און מיט דער דלאָניע זיך געווישט די טרערן אין די ווינקלען פון די אויגן — דערהערנדיק די דאָזיקע פראַגע, האָט זיי אויפמערקזאַם צעעפנט, און די הענט מיט די צעפּלאַצטע נעגל זיינען געבליבן אויפן פּנים:

זיין פרוי האָט שנעל געזאָגט:

— יאָ, יאָ, מיר האָבן געהערט...

— נו, אַ גוטע נאַכט, — האָט דער שאָפער זיך געזעגנט — וואָס איז שייך דער ראָללבריגאַדע? גיט אַכטונג אויף זיך, גיט אַכטונג, זיי זיינען דאָ נישט געקומען אויף אורלויב...

דער קומענדיקער טאָג איז געווען דער לעצטער אַרבעטס־טאָג פון שטיינען מיט לענען, דער כירורג האָט דעריבער באַשלאָסן איינצואָרדענען צו אָוונט־צו — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — אַ געזעגענונגס־סעודה. ער האָט נישט געקאָנט שלאָפן, זיין שיין פּנים האָט זיך דעריבער באַדעקט מיט קנייטשן, ער האָט געפּרוווט צו זיין הומאָר־פול און צו וויצלען זיך, ער האָט זיך באַמיט צו האָבן אַ זאָרגלאָזן אויסזען — ס'איז געווען אומאָנגענעם צו קוקן, ווי דאָס אַלץ האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. סטעפאַן, וועלכער האָט אפילו איצט, פאַרן געזעגענען זיך, נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון וויצלען זיך איבער שטיינען, האָט אויפמערקזאַם געמאַכט גראַסמייערן אויף אַ כאַראַקטעריסטישן פּרט: דער כירורג איז אָפּט געשטאַנען פאַרן שפּיגל, האָט באַטעצט ביים קעמען די האָר, כּדי זיי זאָלן זיך נישט דרייען, ענדלעך האָט ער זיך אויך פאַרלאָזט קליינע וואָנצעלעך — עס איז אים אַזוי נישט געגאַנגען אין ענדערן זיינע שטריכן, ווי ער האָט פּשוט געוואָלט אַלעמען איבערצייגן, אַז זיי זיינען זיכער. לענע און אירע עלטערן זיינען אין דער היגזיכט געווען כמעט אָן שום פּגם: בלאָנדע, העל־הויטיקע מיט גלייכע נעז און גלייכע האָר. אין שטיין האָט אויסגעזען געבונג פּראָוואָציר־נדיק — דערצו האָט נאָך זיין שיינקייט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט. אמת, מען האָט אים געקאָנט אַנרופן פראַנצויזישע אָדער איטאַליעניש שיינקייט, אָבער — לויט סטעפאַנען — זיינען דאָס

נישט געווען קיין אייגנשאפטס־ווערטער, וועלכע קאָנען קומען צום לייכ־טסטן אויפן געדאַנק. גראַסמייער האָט די מאָזיקע מיינונגען געהערט נישט גערן. ער האָט באַמערקט, אַז זיי זיינען צו שטאַרק נישט לאָיאַל. סטעפאַן האָט מיט אויפרעגונג אויפגעקלערט זיין שטאַנדפּונקט: הונדערט מאָל מער נישט לאָיאַל איז פון שטיינס זייט דאָס, וואָס ער שטעלט אויס אויף סכנה לעבען דורך דעם אומצוווייפלהאפטן עגאָיסטישן פאַרבינדן זיך מיט איר דורך דעם אויסנוצן צווייפלהאפטע סענטימענטן.

— די מיינסט, — האָט זיך גראַסמייער פאַרוווּנדערט — אַז זיי זייַ־נען ווירקלעך צווייפלהאפט?

סטעפאַן האָט נישט געקאָנט ענטפערן, ווייל אין דיזשור־צימער איז גראָד אַריינגעקומען שטיין, ס'איז שוין געווען זעקס נאָכמיטאָג, ער האָט זיך דעריבער אַנגעהויבן דענערווירן. לעבע האָט זיך פאַרשפּעטיקט, זי האָט באַדאַרפט קומען האַלב פינף. ער האָט זיך צוגעזעצט. נאָר גלייך אויפגעשטאַנען, צוגעדריקט צום אַש־בעכער דעם נישט־דעררויכערטן פאַפּיראָס, אַרויסגעוואָרפן אים דערנאָך דורך דעם פענצטער און אָפּגע־ווישט די הענט. סטעפאַן האָט אים אָבסערווירט מיט אַ שאָטן פון בייזווי־ליקייט אין בליק, גראַסמייער האָט אויפמערקזאַם אויסגעווישט די ברילן:

— איך האָב דאָס געפּיל, — האָט ער אומדרייסט געזאָגט — ווי שטענדיק, ווען מע באַגלייט פריינט צום צוג, און אַליין בלייבט מען, ס'איז שטענדיק אַן אומאַנגענעם געפּיל. אביסל אומרו, אביסל קנאה.

שטיין האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ דאַנקבאַרן בליק. ער האָט אפילו אַ שמייכל געטאָן, אַנבעמערנדיק דעם דאָקטער פאַרן אָרעם.

— איר דאָך אויך... — האָט ער געמאַכט אַ זשעסט פול מיט האַרצי־קייט — נאָר... איך ווייס נישט, צי קנאה איז דאָ אויפן אָרט.

— דאָך, — האָט גראַסמייער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — מיר בלייבן נאָך דאָ צוויי טעג. אָדער עס זעט אויס אַזוי, ווי לעבע, דו און די קאָלסקיס וואָלטן שוין געשטאַנען ביי די פענצטער פון וואַגאָן, וואָס? און מיר וועלן אין אַ ווײַלע אַרום אָנהייבן נאָכגיין דעם צוג, ביז מיר וועלן בלייבן פון הינטן.

שטיין האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער און זיך פאַרקעמט די האָר.

— יאָ, — האָט ער נישט זיכער געזאָגט — אָבער קנאה? סוף־כל־סוף האָט מען אומדזוערע רייזעס נישט וואָס מקנא צו זיין. דאָס זיינען נישט קיין רייזעס פאַר קנאה. איך פריי זיך נישט — ער האָט אומגעדולדיק

געהויבן מיט די אקסלען. — פונוואַנען קאָן איך וויסן, ווו אונדזערע רייזעס וועלן זיך ענדיקן?

א רגע האָבן אַלע דריי געשוויגן. איבער די דעכער האָט זיך דורכגעטראָגן א געררויש פון שווערע מאָטאָרן, און דער כירורג האָט זיך אריבערגעבויגן איבערן פענצטער, כדי א קוק צו טאָן אויפן הימל.

— דריי... זעקס, — האָט ער געציילט — ביין. באָמבירער.

— שרעקסטו זיך? — האָט סטעפאַן געפרעגט.

גראָסמייער האָט אויף אים שטרענג א קוק געטאָן, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו שטיינען און אים אָנגענומען פארן עלנבויגן.

— הער, זיי זיינען אריבערגעגאַנגען אין מיט פון צימער — וויפל טויזנטער וואָלטן אונדז מקנא געווען דעם דאָזיקן ארויספאָר? פארגעס נישט...

— איך פארגעס. איך מוז פארגעסן. דיין ארגומענט איז קיין ארגומענט נישט. וואָלסט פונקט אזוי גוט געקאָנט זאָגן — ער האָט זיך שוין אפילו אָנגעהויבן אויפרעגן — אז אונדז וועלן זיין מקנא מיליאָנען. דאָס גייט מיך נישט אָן. פונוואַנען קאָן איך וויסן, ווו אונדזער רייזע וועט זיך ענדיקן? אומקערנדיק זיך היינט פון שטאָט, האָב איך אָנגעלייגט א האלבע שעה וועג, ווייל א שווארצע קאַץ איז פאר מיר דורכגעלאָפן, און איך האָב געמוזט פארקערעווען. וואָס פאר אן אומזין. אָבער אפילו אזעלכע אומזיניקייטן פירן ארויס פון גלייכגעוויכט. מיין גאָט...

לעבע איז אָנגעקומען אין א מינוט שפעטער. זי האָט זיך פארשפעטיקט, ווייל מע האָט באדארפט איבערפאקעווען די וואַליזעס. דערפאר האָט זי געבראַכט וויין, וועלכן מען וועט אויסטרינקען פארן אַלגעמיינעם גליק און פארן טרעפן זיך נאָך דער מלחמה. דער כירורג איז דעריבער פריילעכער געוואָרן, און ווען זיי האָבן זיך אויפן צווייטן טאָג געזעגנט, האָט ער פולשטענדיק צוריקבאַקומען זיין הומאָר און טעמפעראַמענט. דאָס איז געווען פינף פארטאָג. איבער די גאַסן זיינען געשווימען נעפלען, און גראָסמייער מיט סטעפאַנען זיינען געשטאַנען אויף דער שוועל, האַלטנדיק די הענט אין דער הויך אין א געזעגענונגס־זשעסט. ווען לעבע האָט זיך אומגעקוקט, איז סטעפאַן צוגעלאָפן צו זיי. שטיין האָט זיך אומרואיק אויסגעדרייט:

— וואָס איז געשען?

— גאָרנישט, — האָט סטעפאַן, אָנשטרענגנדיק זיך, א שמייכל געטאָן — איך וועל אייך אביסל באַגלייטן.

ער איז געגאַנגען ביי דער זייט פון לעבען, און אין דער שטילקייט

פון דער נאָך דרימלענדיקער שטאָט האָט דער עכאָ פון זייערע טריט זיך אָפּגעשלאָגן ווייט און הילכיק. ענדלעך האָט סטעפאַן זיך אָפּגעשטעלט.

— איך וועל שוין צוריקגיין. אַ געלונגענער וועג. אַ גליקלעכע רייזע.

לענע האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל און שווייגנדיק אים אַ קוש געטאָן אין באַק. דער כירורג האָט אים דערלאַנגט די האַנט מיט געריכט־קייט.

— יאָ, יאָ, גליק.

עס האָט זיי גלייך צעשיידט דער אויסבייג פון דער גאַס. גראָסמייער איז נאָך געשטאַנען אויף דער שוועל פון דער „גיכער הילף" ער האָט פאַ־מעלעך אויסגעווישט די ברילן און מיט פאַרזשמורעטע אויגן געקוקט אין דער הויך, וווּ פון הינטער דעם נעפּל האָבן יעדע ווײַלע אויפגעשײַנט איבנד־לען, העלע פון דער זון. דערזעענדיק סטעפאַנען האָט ער צוריק אָנגע־טאָן די ברילן.

—איצט איז אונדזער ריי.

נאָכן צעשווימען זיך פון די נעפּלען האָט דער פרימאָרגן זיך אַלץ שענער אויסגעלייטערט און אַרום זיבן איז דער הימל שוין געווען איבער־גאַנצן ריין, העל און רואיק. סטעפאַן איז געלעגן אויף דער סאָפע אין אָפּעראַציע־זאַל און זיך געמאַכט שלאָפנדיק, כדי זיך צו באַפרייען פון דער געזעלשאַפט פון דאָקטער, וועלכער האָט זיך אומרואיק געדרייט אי־בער אַלע צימערן און סוף־כל־סוף אַרויסגעגאַנגען,— צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די באַאַמטע פון יודען־ראַט וועגן דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון דער „גיכער הילף". דאָס זאַלעכל האָט געבלישטשעט אויף דער זון, ווי שטענדיק אין לויטערע פרימאָרגנס, אין דער הויך האָט זיך אַרומגעפּאָרעט בערג.

צום פּאָרן איז נאָך געבליבן זעקס און דרייסיק שעה. סטעפאַן האָט אַ שמייכל געטאָן. דאָס געסעלע הינטער דעם קאַשטאַל פון דער הייליקער מאַלגאָזשאַטאַ, פון וועלכן זיי האָבן זיך געדאַרפט לאָזן אין וועג, האָט ער נאָך געדענקט פון די צייטן פון זיין פריינטשאַפט מיט הענריקן, ווי אַ זייטיק געסל, וואָס איז באַשאָטנט דורך די ביימער, וועלכע וואַקסן אַרום דעם קאַשטיאַל, און דורך די הויכע בעז־קוזשאַקעס פון דעם גאָרטן אַרום דער ביסקופּישער ביבליאָטעק. עס האָבן דאָס געסל באַלויכטן קוים צוויי גאַז־לאַמטערנס, פון וועלכע איינער איז געווען פאַרדעקט מיט די בלעטער פון אַ קאַשטאַן־בוים, וועלכער האָט זיך אַרויסגעבויגן איבער די שטאַכעטן פון יענעם גאָרטן. אַרום דעם קאַשטיאַל זיינען געוואַקסן אַקאַציעס, אַזוי אַרום, אַז פרילינג־צייט, גייענדיק איבער דעם מילדן שיפּוע פון דעם

געסעלע, איז מען געוואָרן ארומגענומען מיט א פרישן, כמעט וואלדיקן אראָמאט.

כאָטש דאָס געסל איז נישט געלעגן אויפן וועג פון זייערע וואנדערונגען, וועלכע האָבן זיך באַגרענעצט כמעט אויסשליסלעך מיט דער דרומדיקער טייל פון שטאָט, דאָך האָבן זיי עס ליב געהאַט — צוריקקערנדיק פון טעאטער, פון א קאָנצערט, צי אפילו פון א קינאָ, האָבן זיי זיך פארקערעוועט פון דער רוישיקער סיקסטוס־גאס אויף דעם געסל הינטער דעם קאַשטיאַל פון דער הייליקער מאלגאָזשאטא. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווייל דאָ איז געווען פוסט און ערנסט, און דער שאָטן פון קאָשציאָל, אויפהויבנדיק זיך אין דער הויך, איז געלעגן אויפן פאָן פון הימל, ווי א האלבאינדזל. העניק פלעגט זיך אוועקזעצן אויף דעם ציגל־פונדאמענט פון די אייזערנע שטאכעטן פון ביבליאָטעק־גאָרטן און ארויסנעמען טאַבאַק. דערנאָך זיינען זיי געגאנגען ווייטער אין דער ריכטונג פון זייערע היימען. זיי האָבן אויסגעמיטן דאָס גימנאזיום, וואָס האָט אויסגעזען ביינאכט פינצטער און פרעמד. אז ס'איז שוין געווען שפּעט, האָבן זיי זיך געזעגנט אין עטלעכע מינוט ארום אויף דעם קרייץ פוןביידע טראַמוויי־ליניעס. אין דעם אָרט לויט ווילטשעקס אינפאָרמאציע — האָט אין זיבן יאָר שפּעטער געזאָלט אומקומען העניק פאר א געמיינזאמער און העלדישער זאך. ווירקלעך: די באציִיענונג איז געווען אן אידיאָטישע, העניק אליין וואָלט זי אויסגעחוזקט און אויסגעלאכט, פּראָטעסטירנדיק קעגן אזא פּאטעטישער פראזע וועגן העלדישקייט. דאָך האָט זיך פון יענעם שמועס אויף דער טעמע אזוי פיל געענדערט, אז די זאך האָט ווירקלעך אָנגעהויבן זיין א געמיינזאמע — איצט האָט שוין סטעפאן נישט באַדארפט מקנא זיין העניקן זיין העכערקייט, איצט וואָלט ער אפילו געקענט באשטעטיקן, אז אין א געוויסן זין וועט ער ווייטער פירן די זעלבע ארבעט, וועלכע העניק האָט נישט באוויזן צו פארענדיקן. אזוי ארום האָבן זיך די דייטשן אָפּגענארט אין זייערע הויך טאלאנטירטע פלענער. סטעפאן האָט זיך באַמאָמאָל צעשמייכלט — ער וועט לייכט אפילו פארגעסן וועגן טויט, אויב ער וועט נאָר שטיין פאר זיי נישט מיטן יודענבאנד, נישט מיט ליידיקע הענט און אָן אָטעם, נאָר ער וועט א קוק טאָן אויף זיי, פילנדיק אויף דעם רעכטן אָרעם די אָפּשפּרינגנדיקע קאָלבע פון נאָך א שאָס.

דער טאָג איז אריבער פארהעלטניסמעסיק רואיק. סטעפאן האָט זיך שוין נישט אומגעקוקט אהיים — עס איז געווען אָפּגערעדט אז פונדאנען וועט ער שוין אוועק אויף דעם באשטימטן אָרט, און די מוטער

מיט ראַמעקן וועלן קומען אהער פון ישרודלאַנע, גראַסמייער ווידער פון די ווילמערס, וועלכע ער האָט באַדאַרפט נאָך איין מאָל באַזוכן, כדי ענד־גילטיק צו דעצידירן, צי מען קען די קראַנקע איבערפירן אין געטאָ. פּאַציענטן זיינען געווען ווייניק, קיין שום וויכטיקער פאָרפאַל האָט זיך נישט געטראָפן — דאָס וועטער איז געווען לויטער און שטיל, די היץ פון די לעצטע אויגוסט־טעג האָט דעריבער געציטערט אין דער לופט.

סטעפאַן איז כמעט א גאַנצן טאָג איבערגעלעגן אויף דער קאַנאַפּע אין דיזשור־צימער, אָפּגעבנדיק זיך כמעט אינגאַנצן דעם געדאַנק וועגן דעם אָפּפאָר, וועלכער דערנענטערט זיך מיט יעדער שעה. ער האָט זייער גוט געוווּסט, אַז זיינע פאָרויסזעאונגען זיינען זייער ווייט פון דערווירק־לעכקייט, וועלכע שטייט זיי פאָר. זיכער האָט מען געדאַרפט גלויבן גראַסמייערן: דאָס לעבן דאָרט וועט זיין נישט גרינג, נישט פאַרביק און נישט עפעקטפול. ווען מע האָט גערעדט דערפון, האָט דער דאָקטער אונטערגעשטראָכן, אַז דער הארבסט, דער פרילינג און דער ווינטער וועלן נישט איינמאָל זיך לאָזן פילן די וואַלד־מענטשן, אַז נאָר דעם זו־מער וועט מען קאָנען איבערלעבן אַביסל לייכטער, כאָטש אין זומער וועט ווידער אויסקומען דער עיקר צו קעמפן מיט דער פּאָליציי, וועלכע זוכט דורך אַלע פאַרדעכטיקע געביטן. אָבער גראָד די לעצטע באַוואָרעניש האָט ארויסגערופן א געוויסע גרינגשעצונג אפילו צו די סאַמע זאַכלעכ־סטע און נישט־פריילעכע פאָרשטעלונגען פון גראַסמייערן. פון די וואַלד־פּיזאַזשן, וועלכע האָבן זיך פאַרגעדענקט, האָט זיך לייכט געלאָזט שאַפן אין דער פאַנטאַזיע א פאָן פאַר אָרגאַניזירטע שלאַכטן און זיגן; דאָס זיי־נען געווען קליינע צוזאַמענשטויסן, אָבער פאַרביסענע, נעכט פון שנעלע וועלפישע מאַרשן, לויערונגען אויף פּאָליציייִשע פּאַטרולן, אויפגערייסענע בריקן, באַן־ליניעס און צוגן מיט אַמוניציע אָדער מיט מיליטער.

גראַסמייער איז געקומען ערשט צו מיטאָג־צייט, אָבער גלייך נאָך מיטאָג איז ער ווידער אוועק און ערשט געקומען אין אָוונט. סטעפאַן האָט געוואָלט אָנהייבן א שמועס, אָבער דער דאָקטער האָט אונטערן אויסרייד פון פאַרמאַטערטקייט אויף אַן אומפאַרייִנדלעכן אופן זיך אָפּגע־זאָגט דערפון. ער איז א ווייַלע געשטאַנען מיט בערגן אויפן הויף, דערנאָך גלייך זיך געלייגט שלאָפן, כאָטש ס׳איז נאָך געווען פרי. סטעפאַן האָט קעם אָוונט לאַנג נישט געקאָנט אנטשלאָפן ווערן — שפּעט אין דער נאַכט האָט דער פאַמעלעכדיקער ווינט געבראַכט צו טראָגן פון דער זייט פון די פעלדער דעם אָפּהילך פון לאַנגע סעריעס ביקסן־שאָסן. ווען ס׳איז שטיל געוואָרן, האָט דער גלייכער פיר־עק פון פענצטער שוין אָנגע־

הויבן צו גרויען. אײַנשלאָפנדיק האָט סטעפאַן זיך צעשמייכלט פון שטאָלצן געדאַנק, אַז איבגיכן וועט ער אויך אָנהייבן אַעלכע נאַכטיקע פאַנגען.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט שפּעט — א זון־פלעק איז געלעגן האַרט בײַם פענצטער. ער האָט זיך דעריבער אָנגעשטויסן די צייט. גראָסמייער איז געזעסן אין דיזשור־צימער בײַם טיש, איבערקוקנדיק דאָס בוך פון פאַרפאַלן, דער זייגער האָט ווירקלעך געוויזן א שפּעטע שעה: עטלעכע מינוט נאָך עלף. סטעפאַן האָט דורך דער פּלייצע פאַרקוקט דעם דאָקטער אין פּנים און זיך צעלאַכט מיט פריינדלעכער איראָניע — ער האָט אים געפרעגט, צי ס'איז אים זייער א שאָד דאָס צעשיידן זיך מיט דעם קאַ־ליגראַפיש־ביוראָקראַטיש פאַרשריבענעם העפט. גראָסמייער האָט שווײַ־גנדיק געהויבן מיט די אַקסלען, און ווײַל דאָס האָט אויסגעזען אויף אַן איבערגעטריבן הוצפּהדיקן ענטפער, האָט סטעפאַן זיך שוין אויפגערעגט און מיט דייטלעכער ביזוויליקייט אָנגענומען דעם דאָקטער פאַר דער האַנט.

— די נערוון, — האָט ער געפרעגט — דיבען נישט?

דער דאָקטער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. זײַן פּנים איז ווירקלעך געווען צו שטרענג און ערנסט ווי אויף אַזאַ פריילעכן טאָג. ער האָט צו־גערוקט סטעפאַנען דאָס שאַכטל מיט די פּאַפּיראָסן און דערנאָך אויפ־מערקזאַם דערלאַנגט פײַער.

— איך ווייס נישט, צי איך דאַרף איבערפירן דײַן פריילעכע, ווי איך זע, שטימונג — ער האָט געקוקט אויפן ברענענדיקן שוועבעלע — אָבער סוף־כל־סוף מיין איך, אַז יאָ.

סטעפאַן האָט זיך אויסגעגלייכט מיט א שנעלער באַוועגונג:

— אונדזער שאָפער?

— ניין, האָט ער גוטמוטיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — נישט דער שאָפער.

— אויב אַזוי, איז וואָס?

גראָסמייער האָט זיך אָפּגעבריט די פינגער און אַוועקגעוואָרפן דאָס טליענדיקע העלצל. ענטפערנדיק, האָט ער נישט געקוקט אויף סטעפאַנען.

— אין שטאָט קומט פאָר אַן אַקציע.

דאָס איז דאָך געווען א גרויסע פאַרלייכטערונג און כדי דאָס צו פאַר־דעקן, האָט סטעפאַן א קוק געטאָן אין פענצטער.

— מע האָט זיך געקאָנט ריכטן, — ער האָט טיף אַרײַנגעצויגן אין

זיך דעם רויך פון פאפּיראָס — יאָ — און אין א ווײַלע שפּעטער — ווּעמען נעמט מען?

— אַלעמען.

קוקנדיק איבער דער פּליצע פון דאָקטאָר, האָט סטעפאַן אויטאָמאַטיש איבערגעלייענט די אינפאָרמאַציע, וועלכע איז געווען אויסגעשריבן אין דער הויך פון זייטל: אַנא קליין, צוועלף יאָר, ווענגלאָוואַ 7, fraktura Antibrachii dext VI. דאָס איז געווען אונטער דעם נומער אײנס. ווײַטער איז געגאַנגען צוויי, דריי, און אַזוי דורך אַלע הונדערט צען זייטן ביז צוויי טויזנט הונדערט צוויי, וועלכער איז נעכטן געוואָרן פאַרשריבן. ער האָט אויפגעהויבן דעם בליק: די גאַס איז געווען אײַנגאַנצן פּוסט. ער האָט באַנעצט די ליפּן:

— נעמט מען, הייסט עס, אַלעמען?

— יאָ, איך האָב זיך געזען מיט העשעלעסן. די לאַגע איז אַזאַ, אַז יעדער פון אונדז דאַרף זיך באַמיען אויסצומײַדן היינט זיך צו טרעפן מיט די דײַטשן. העשעלעס האַלט, אַז זיי ווילן אויף זייער אופן בישט דערלאָזן צו א צו גרויסער ענגשאַפט אין געטאָ. זיי פירן אָפּ אין לאַגער אויף דער זאַכאָדניע־גאַס. פון דאָרט גייען צוגן.

— ווּהין?

גראָסמייער האָט בלויז א צי געטאָן מיט די אַקסל, סטעפאַן האָט דעריבער געשטעלט א צווייטע פראַגע:

— וואָס איז מיט אונדזער אָפּפאָרן?

— איך מיין, — דער דאָקטער האָט פּאַמעלעך איבערגעמישט די זייטלעך — אַז ביז אין אָונט וועט זיך אײַנשטילן. העשעלעס — האָט ער אין א ווײַלע צוגעגעבן — האָט נאָך דערמאָנט, אַז אין אײַניקע פאַלן לאָזן זיי דאָקטוירים אָפּ אויף דער פריי. איך וועל דיר געבן מײַן באַנד מיטן רויטן קרייץ.

— ניין.

דער דאָקטער האָט א שמייכל געטאָן.

— זיי פאַרנונפטיק. פאַר מיר וועט גענוג זיין בלויז די לעגיטימאַציע.

— ווּעסטו, הייסט עס, גיין צו די ווילמערס?

— יאָ, — גראָסמייער האָט א רייב געטאָן דעם שטערן. — איך האָב זיי דאָך פאָרט צוגעזאָגט. סטעפאַן האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. דער דאָקטער האָט זיך ווידער גענומען צו ברענגען אין אָרדענונג די זייטלעך פון בוך, אויף וועלכע עס איז געפאַלן

א זוניקער קרייז, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון דער איינגעבויגענער שויב אין דער אויבערשטער טייל פון פענצטער. ס'איז שוין נישט געווען פון וואָס צו רעדן, סטעפאַן האָט זיך דעריבער צוריקגעקערט אין אָפּעראַציע־זאַלעכל. בערג האָט אים שוין נישט אויפגערוימט פון עטלעכע טעג, אויף די שאַפעס איז העריבער געלעגן א דיטלעכער אש־קאָלירקער שיכט פון שטויב. אויף איינער פון זיי האָט סטעפאַן אויסגעשריבן מיטן פינגער דעם נאָמען „לענע", דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעשטעלט ביים פענצטער — די גאַס איז נאָך אַלץ געווען פוסט, שטיל, קיין איין מענטש איז אויף איר נישט געווען צו זען. בלויז די לופט, וועלכע איז געווען אָנגעהיצט פון דער זון, וואָס איז דערגאַנגען צום מיט פון הימל, האָט געציטערט מיט קורצע כוואַליעס, ענדערנדיק דאָס אויסזען פון די קעגנשטאַנדן, ווי שלעכט גלאָז, אָדער די אויבערפלאַך פון וואַסער. ער האָט זיך מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויף דעם פאַראַפּעט, פאַרשטעלנדיק די אויערן מיט די דלאָניעס. עס האָט זיך אים דערמאָנט א קינדער־שפּיל — ווען מען האָט צוגעדריקט די אויערן מיט די פינגער, איז די שטילקייט געוואָרן אַזא געדיכטע און אָנגעפּוישטע, ווי וואַטע. ווען מען האָט זיי ווידער צוגענומען האָט א מין אַנדער שטילקייט, ווי פון אַינעווייניק, אויפגעריסן מיט א פּלוצעמדיקן גערויש. צודריקנדיק און אָפּלאָזנדיק אַזוי אַלץ שנעלער האָט זיך באַקומען דער איינדרוק פון אַן איבערגעריסענעם גערויש פון א לויפנדיקן צוג. ער האָט זיך א רגע אַזוי געוויילט. דערנאָך האָט ער א ביסל שפּאַצירט איבער דעם זאַלעכל, און פאַרבייגייענדיק די שאַפע, אויף וועלכער ער האָט מיט עטלעכע מינוט צוריק אויפגעשריבן דעם נאָמען פון לענען, האָט ער זיך פאַרהאַלטן און אים פאַרמעקט מיט דער גאַנצער דלאָניע. איבערן פלעק האָט ער אויף דער אשקאָלירקער אויבערפלאַך אָנגעהויבן קאַליגראַפיש אויסצושרייבן דאָס וואָרט „אקציע", ער האָט זיך דאָך פאַרהאַלטן אויף דעם „יקד" — די שאַפע איז געווען מיט רפואות. ער האָט זי געעפנט און אויפגעזוכט א שאַכטל מיט בראָמוראַל. עס האָבן זיך נאָך געפונען אין דעם דריי פּאַסטילקעס. ער האָט זיי פאַרטרונקען מיט פּשוטער וואַסער פון קראַן און שוין א רואיק צעשמייכלטער, א זיכערער, אַז ער וועט באַווייזן גובר צו זיין סיי די צייט, וועלכע שלעפּט זיך אויסטערליש פּאַמעלעך, סיי אַלע אומרואיקע געדאַנקען, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפקע. פון יענער זייט וואַנט פון דעם דיזשור־צימער, האָט ער נאָך געהערט פאַרן שלאָף, וועלכער איז אים שנעל באַפאַלן, איינציקע קלעפּ פון זייגער.

אויפגעוועקט האָט אים בערג, טרייסלענדיק אים פאַרן אָרעם.

— פאניע בערגמאַן, — האָט ער שנעל געזאָגט — פאַניע בערג־מאַן.

אין דער טיר איז געשטאַנען די פרוי מיכאַלסקע. דערזעענדיק, אַז סטעפאַן הייבט זיך אויף, איז זי צו אים צוגעלאָפן.

— אייער מוטער... און ראַמעק — האָט זי שנעל אָנגעהויבן.

סטעפאַן האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. זי האָט דעריבער פאַרענדיקט.

— די דייטשן האָבן פאַרנומען די פאַני דאָקטאָראָווע. אויך ראַמעקן. איצט — האָט זי זשעסטיקולירט מיט נישט פאַרענדיקטע האַנט־באַוועגונגען — מיט אַ פערטל שעה צוריק.

— וואָס הייסט? — האָט סטעפאַן געפרעגט — וואָס הייסט?

זי האָט געענטפערט שנעל און אָן אָרדענונג: מיט אַ שעה צוריק איז די דייטשע פאָליציי מיט באַנדעראָווצעס געקומען אויף דער זשרודלאַ־נע־גאַס — זיי האָבן פאַרנומען די גרינשפאַנס, די פרוי קאַן מיטן זון, די וואָס האָבן געוווינט אין דער דירה פון די סאַקאַלסקעס און די ביבערס, אויך אַלע פון נומער צוועלף און פערצן. דעם פּראָפעסאָר גרינשפאַן האָבן זיי צעשלאָגן. זי אַליין, די מיכאַלסקע, האָט געפּאַקט אירע זאַכן, ווייל מאָרגן דאַרף זי זיך איבערטראָגן מיטן מאַן אין שטאָט אַריין, נאָר דעמלט איז זי פּונקט געשטאַנען ביים פענצטער און געזען, ווי צוויי זיינען אַריין נאָך דער פאַני דאָקטאָראָווע — די פאַני דאָקטאָראָווע האָט געהאַלטן פאַר דער האַנט ראַמעקן, וועלכער האָט געוויינט — דערנאָך האָט מען אַלע אויסגעשטעלט אויפן פּלאַץ און נישט מער, ווי מיט פינף מינוט צוריק, האָט מען אַלע אָפּגעפירט אונטער אַ וואַך — דער מאַן זאָגט, אַז אין לאַ־גער אויף זאַכאָדניע.

דער מאַן זאָגט אויך, — האָט זי אָנגעכאַפּט סטעפאַנען פאַרן עלנבויגן — אַז ווער עס האָט אַ גוטן „אויסוויז", קאָן נאָך ראַטעווען די פאַמיליע. איינער אַ יונגער אינזשיניער האָט אַרויסגעצויגן דעם פאָטער פון סאַמע לאַגער, דער מאַן זאָגט...

סטעפאַן האָט אַ פרעג געטאָן ביי בערגן:

—דער דאָקטער איז אַרויסגעגאַנגען?

— יאָ.

די פרוי מיכאַלסקע האָט שטרענג דערמאָנט:

— דער מאַן האָט געזאָגט, אַז...

סטעפאַן האָט אַ קוק געטאָן אין דיזשור־צימער — אויפן טיש איז געלעגן דער אָרעם־באַנד פון גראָסמייערן און דער זייגער האָט געוויזן

זעקס. ער האָט אָנגעטאָן דעם באַנד און צוריק אַרויס אין פּאָדערציִמער. אויף דער שוועל איז געשטאַנען די מיכאַלסקע און זיך צוגעקוקט צו אים אָפּוואַרטנדיק און בייגעריק. סטעפאַן איז צוגעגאַנגען צו בערגן און אים דערלאַנגט די האַנט:

— צום ווידערזען.

בערג האָט אים פאַמעלעך דערלאַנגט די האַנט. זי איז געווען טרוקן און הייס. דערנאָך האָט ער א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— גייט נישט אהין... — האָט ער געזאָגט.

— צום ווידערזען, — האָט סטעפאַן איבערגעחזרט מיט פאַרצוויפ־לונג.

נאָך פון דער שוועל האָט בערג אים נאָכגעשריגן:

— גייט נישט אהין.

סטעפאַן איז כמעט געלאָפן, די מיכאַלסקע איז דערי בער געבליבן היינטערשטעליק און אים געמוזט אלע ווײַלע אָניאָגן מיט שווערע טריטע־לעך. די קלאָנאָווע־גאַס איז אלץ געווען שטיל און פּוסט, נאָר אויף דער עקערט־גאַס זיינען מענטשן געשטאַנען אין די טויערן, אָדער אַרויסגע־קוקט דורך די פענצטער. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אויפן פּלאַץ, איז סטעפאַן געבליבן שטיין ביי א קליינער גרופּע — דאָס זיינען געווען צוויי יונגע מאַנצלייט, א פרוי מיט א קינד און א פליכטוואָטער עלטערער מאַן אָן א באַנד. ער האָט זיך צו זיי געווענדט:

— ווו האָט מען זיי געפירט?

די פרוי האָט אָנגעוויזן די ריכטונג. ערשט דעמלט איז צו זיי צוגע־קומען די מיכאַלסקע, א פאַרויטלטע, א פאַרשוויצטע און פאַרסאָפּעטע. ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט.

— א דאַנק, איך גיי נאָך זיי.

די מיכאַלסקע האָט זיך צעוויינט און יענע פיר האָבן געשוויגן. דער מאַן אין דעם באַנד אויפן אָרעם האָט אָפּגעהוסט:

— שויך א צען מינוט, אז מע האָט זיי אוועקגעפירט, — האָט ער געזאָגט — ווײַסט נישט דעריאָגן.

אָפּגייענדיק האָט סטעפאַן געהערט דער מיכאַלסקיס שטים:

— א מאַמע איז מאַמע... מיין גאָט...

נאָך עמעצער האָט אים נאָכגעשריגן א פּאָר מאָל:

— פּאַניע! פּאַניע!

סטעפאַן האָט פאַרדריקט די פּויסטן און זיך נישט אומגעדרייט. ער איז געגאַנגען אזוי שנעל, ווי ער האָט נאָר געקאָנט — פון צייט צו צייט

האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן פֿאַר א טויער, אָדער א פֿענצטער און זי מענטשן, קוקנדיק אויף אים, האָבן אים אָנגעוויזן די ריכטונג, נישט אַרויסרעדנ־דיק קיין וואָרט. ווען ער איז פֿאַריבער די סלאָבאָטשנע־גאַס, וועלכע איז געווען כמעט אַזוי פּוסט און שטיל, ווי די אויסגעליידיקטע זייטיקע געס־לעך, האָט פֿון דער זייט פֿון דער שטאָט צו אים דערגרייכט דאָס שלאָגן פֿון א זייגער. אין דער זעלבער צייט האָט א נייגיריקער און באַרעדעוו־דיקער מאַן אים אינפֿאָרמירט, אַז ער האָט שוין געזען עטלעכע אַזעלכע גרופּן און, אַז די לעצטע פֿון זיי איז דורכגעגאַנגען די סלאָבאָטשנע־גאַס ערשט מיט איניקע מינוט פֿריער. אַרויפֿגייענדיק אויף דער זאַכאָדניע, האָט סטעפֿאַן זיך גלייך פֿאַרלוירן צווישן המון — דאָס איז שוין געווען דער טייל פֿון שטאָט, וועלכער איז נישט געווען באַגרענעצט מיט קיין בעבדער און פֿאַרצוימונגען, אַלזאָ — טראַמווייען, שפּאַצירנדיקע יונגע פּאָרלעך, וועלכע האָבן זיך געפֿירט אונטער די הענט און געשפּאַסט צווישן זיך, עלעגאַנטן, מונדירן, אויף וועלכע ער האָט איצט קיין אכט נישט געלייגט, און אַלע אַנדערע: קינדער, דערוואַקסענע און אַלטע לייט, מערסטנטייל פֿאַרמאַטערטע פֿון דער היץ מיט פֿאַרזשמורעטע פּנימער פֿון דער זון, געקליידטע ווייס, גרוי, געל, רויט און בלוי. א פֿריילעכער ראָ־ווערן־אויספֿלוג האָט אים לייכט אויסגעמיטן. סטעפֿאַן האָט אָפּגעשטעלט אַן עלטערן הער, נאָכפֿרעגנדיק זיך, צי ער האָט נישט געזען. דער הער האָט צוגעלייגט צום אויער א דלאָניע, אויסגעבויגן אין א רערל, און האָט זיך פֿאַרקרימט מיט פֿאַרדאַכט. ער האָט געהאַט אָפּגעבלאַקעוועטע אויגן און א טונקעלע אָפּגעברענטע הויט, וועלכע איז געווען געקאַרבט אין גראָבע קנייטשן אויף די באַקן און אויף דעם שטערן און אין דיניבקע ביי די ווינקלען פֿון מויל, פֿון די אויגן און ביי דער נאָז. דער קאָפּ האָט זיך אים לייכט געטרייסלט.

— וואָס? — האָט ער געפֿרעגט אומצוטרוילעך — וואָס?

סטעפֿאַן איז אַוועקגעלאָפֿן ווייטער, און דער הער האָט אים אַן אויפֿ־געבראַכטער נאָכגעקוקט. א יונג מיידל, קוקנדיק מיט בייגיר אין די אויגן פֿון סטעפֿאַנען, האָט שנעל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אויסגע־צויגן די האַנט צום גאַס־אַרויף.

— יאָ, יאָ, — האָט זי געזאָגט — יאָ, יאָ.

ווען סטעפֿאַן איז פֿאַרביי דעם לעצטן אויסבייג פֿון דער זאַכאָדניע און האָט דערזען פֿאַר זיך די ווייטע פּערספּעקטיוו פֿון דער גאַס, וועל־כע האָט ביי איר סאַמע סוף אויסגעזען אַזוי שמאָל ווי א דלאָניע, האָט דער זייגער אויף דעם נאָענטסטן טורעם אויסגעשלאָגן האַלב זיבן. די

זון האָט געלויכטן גלייך אין די אויגן. איצט האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז ער האָט באַדאַרפט פאָלגן בערגן. די מענטשן אַרום האָבן אים נאָכגעקוקט. דאָ, נישט ווייט פון די אונטערשטאָטישע וועלדלעך, האָט מען אין אַ שיינעם פאַרנאַכט געזען דעם עיקר די פריילעכע יוגנט, שפּאַצירנדיק אונטער די הענט אין צווייען, אין דרייען און פירן. צייטנווייז האָט ער אַרויסגעלייענט פון די בליקן איראָניע און ביקוואַליקייט, דאָס איז דאָך שוין געווען בעסער איידער רחמנות, אָדער בולט פאַרבאָרגענער מיטגעפיל. פּלוצעם האָט ער צוגעאײַלט דעם טראָט. אויף דער העלפט וועג צווישן דעם אויסבייג ביים סוף פון דער גאַס, וועלכער האָט אים אויסגעזען אַזוי שמאָל ווי אַ דלאָניע, האָט ער באַמערקט אַ גרופּע מענטשן, גייענדיק אין מיט פון ברוק. פון דער דאָזיקער ווייט האָט די גרופּע נאָך דערמאָנט אַן אומגעלומפּערט קריכנדיקן אינזעקט. די פאַרבייגייער, וועלכע ער האָט געמיטן, האָבן דעם דאָזיקן אינזעקט נאָכגעקוקט. פיל זיינען געבליבן שטיין אויפן טראָטואַר, שמועסנדיק צווישן זיך מיט געדעמפּטע שטימען. ווען סטעפאַן איז פאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיי אויף אים געקוקט מיט שטוינונג — זעט אויס, אַז אין דעם טאָג און אויף דעם אָרט, וואָס איז געווען אַזוי ווייט פון צפון־קוואַרטאַל, האָט מען נישט דערוואַרט צו טרעפן גיין איינעם אַליין אַ מענטשן מיט אַ באַנד אויף דעם אָרעם. דער אינזעקט האָט פּאַמעלעך און אומבאַמערקט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרופּע מענטשן, מע האָט שוין געזען די סילועטן פון די קאָנוואָיען און די דייטלעכע צייכנונג פון די לעצטע רייען. איצט איז סטעפאַן כמעט געלאָפן — עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זעט דאָס שוואַרצע קלייד פון דער מוטער און לעבן איר אַ גייענדיק קינד. זיי זיינען שוין געווען אָפּגעשיידט איינער פון צווייטן נישט מער ווי אויף אַ צוויי הונדערט, און אפשר אפילו הונדערט פופציק מעטער — אַ רגע האָט אַ טראַמוויי און עטלעכע אויטאָס אים פאַרשטעלט די דאָזיקע גרופּע. ווען ער האָט זיי ווידער דערזען, זיינען זיי שטיין געבליבן. ער האָט מיט דער האַנט פאַרשטעלט די אויגן פאַר דער זון — אָט רירן זיי ווייטער אין וועג: די רייען האָט געבראָכן דאָס געשריי פון די קאַנוואָיענטן, עס האָט דערגרייכט אַזש ביז אים. פּלוצעם האָבן זיך די ערשטע רייען באַוויזן אין פּראָפיל, זיי זיינען אַריין אונטערן סילועט פון אַ הויכן טורעם, אַן אויפגעבויטער פון נאָך נישט טונקל־געוואָרענע באַלקנס און ברעטער. אויף דעם אָרט, וווּ עס האָט זיך נישט לאַנג געענדיקט די גאַס מיט אַ פּאַסיקל האָריזאָנט, זיינען ערשט אויסגעוואַקסן בערגלעך, באַוואַקסענע מיט אַ יונג וועלדל. די רייען פון די געפירטע זיינען שוין

פארשוואונדן אונטערן טויער. סטעפאן האָט זיך דעריבער אָפּגעשטעלט. פון דעם טורעם האָבן אים אָפּגעטיילט בלויז עטלעכע טריט. ער האָט אָפּגעווישט דעם שווייס מיטן אַרבל, און ערשט איצט האָט ער דערפילט ווי ווייט ער איז פאַרמאַטערט — צווישן די מענטשן, וועלכע ער האָט דערזען פון דער נאָענט איז נישט געווען נישט די מוטער, נישט ראַמעק. יאָ, מע האָט באַדאַרפט האָרכן די עצה פון בערגן. דאַלעבן איז' פאַר־ביַיגעגאַנגען אַ ניִדעריקער באַן־אַרבעטער, ברומענדיק הויך:

— וואָס טוט איר דאָ... אַ שישקע זוכט איר?

סטעפאַן האָט אויף אים הילפלאָז אַ קוק געטאָן, אָבער באַלד האָט ער געשטעלט נאָך אַ פּאָר טריט פאָרויס, הערנאָך איז ער פּאַמעלעך איבער־געגאַנגען אויף דער צווייטער זייט פון גאַס און איז ווידער געבליבן שטיין. ער האָט איצט געקוקט אויף דעם טויער פון לאַגער, פון וועלכן עס זיינען זיך צעגאַנגען אין ברייטע האַלב־קרייזן דראָט־פאַרצוימונגען, ווי צוויי אָרעמס, וואָס נעמען אַרום דעם גאַנצן רוים. אויף יעדע עט־לעכע צענדליק מעטער זיינען געווען אויפגעשטעלט וואַך־טורעמלעך — אויף זייערע שמאָלע פּלאַטפאָרמעס האָבן זיך באַוועגט מענטשן מיט ביקסן אין די הענט, וועלכע ס'איז געווען צו באַמערקן פון דער ווייטנס. ווייַ־טער זיינען שוין די פאַרצוימונגען מיט די טורעמלעך פאַרשוואונדן הינ־טער די לעצטע הייזער און דער אַרויסגעשטאַרצקייט פון הים באַדן — וועלכע איז דאָ איבערגעגאַנגען אין אַ טראַקט פון אַ גאַס. סטעפאַן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט פון הויז, לעבן וועלכן ער האָט זיך אָפּגעשטעלט — ביי דעם טויער זיינען געשטאַנען צוויי זעלנער, הינ־טער זייערע סילועטן האָט זיך געעפנט אַן אויסבליק אויף אַ גראָדליניקן וועג, וועלכער האָט זיך געצויגן לענגאויס עטלעכע ווילעס און הילצער־נע באַראַקן. איבער דעם וועג, אויף דעם אָרט, ווו ער האָט זיך פאַרבו־מען צווישן דער צווייטער ליניע פון קוים זעבאַרע פאַרצוימונגען, איז ווידער געקראָכן דער אומגעלומפּערטער אינזעקט. פּלוצעם האָט זיך סטעפאַנס בליק צונויפגעטראָפן מיט אַ בליק פון איינעם פון די זעלנער, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים טויער — דאָס איז וואַרשיינלעך געווען אַ וואָרענונג. איצט האָט מען שוין באַדאַרפט זיך צוריקציען און מיט די זייטיקע געסלעך זיך אומקערן אין דער ריכטונג פון דער סלאָנעטשנע־גאַס, כדי ווען עס וועט ווערן טונקל, דערקלייבן זיך איינער אליין אויף דעם שיינעם און שאָטנדיקן געסל הינטער דעם קאַשציאָל פון דער הייליִ־קער מאַלגאָזשאַטע. ער האָט דעריבער טיף אָפּגעאָטעמט און זיך אויסגע־דרייט צו דער שטאָט צו.

עטלעכע טריט פון אים איז געשטאַנען אַ מאַן פון אַ מיטעלן וווקס אין אַ מונדיר פון ס.ס. און מיט הויכע אַפּציִיכנס אויפן קאָלנער. ער האָט געהאַט אַ געניוג אַלט און מאָגער געזיכט, פול מיט דראָבנע געדיכטע קנייטשעלעך. די שמאָלע ליפּן אונטער דער גרויסער קרומער נאָז האָט ער אַרויסגעדריקט עפּעס פאַרביסן, ווי צום פייפן. אויף די אויגן, אין וועלכע עס איז געווען צו זען אַ געוויסע נייגעריקייט און אפילו פאַראינטערעסירונג, איז געפאַלן דער שאָטן פון דאַשעק פון דעם הויכן היטל — דאָס איז נישט געווען קיין פנים פון אַ מיליטער־מאַן, ס'האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז אַזאַ פנים דאַרף גיכער האָבן אַ קליינשטעטל־דיקער שניידער, אַ נידעריקער באַאַמטער, אַ האַנדלס־אַגענט, אָדער אַ קעלנער פון אַ וועלכער־עס־איז קנייפּע, איידער אַ הויכער אָפיציר. צו־קוקנדיק זיך צו סטעפאַנען, האָט ער עפּעס אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום אַקסל — עס האָט אויסגעזען אויף אַ זשעסט פון אַ געניוג העפלעכער נייגעריקייט, אונטערגעשטיצט דורך אַ חבֿרישער און זינלאָזער באַוועגונג פון די הענט. אָנגעקליידעט אין ווייסע הענטשקעס, ער האָט זיך געשפּילט מיט אַ קורץ רימענדל פאַר אַ הונט. ווירקלעך — ביי דעם גלאַנציקן שטיוול פון אָפי־ציר איז געזעסן אַ שיינער וואָלף מיט אַ שוואַרצן רוקן און אונטערגעסמאַ־ליעטן האַלדז און בויך. דער הונט האָט געזשמורעט די בראָנזענע אויגן פאַר דער זון, און ענדלעך פאַמעלעך און ברייט אַ גענעץ געטאָן. דעמאָלט האָט דער דייטש אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זוכסטו דו הי׳ער?

סטעפאַן האָט שנעל אָנגעהויבן אויפצוקלערן — דער אָפיציר האָט אויסגעהערט, מע קען זאָגן פריינדלעך, און מיט דער זעלבער פאַראינטע־רעסירונג אין בליק, ווי פריער. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — זאָ, — האָט ער געזאָגט נאָכדענקענדיק, דערנאָך האָט ער אויסגעצויגן די האַנט. דער הונט האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַן עלאַסטישער באַוועגונג, אויסקרימענדיק דעם שיינעם קאָפּ אויף אַ זייט, זיין הער האָט דאַ־קעגן מילד צוגעגעבן:

— אויסווייז.

סטעפאַן האָט אים דערלאַנגט זיין לעגיטימאַציע, וועלכע יענער האָט רואיק צעריסן אויף העלפט און, צונויפלייגנדיק אויפמערקזאַם ביידע העלפטן, האָט ער זיי צעריסן אויף פיר, אויף אַכט. דערנאָך, וועלכ־דיק, זעט אויס, די אַרבעט פאַרענדיקן מיט דער געהעריקער פּעדאַנ־טישקייט, האָט ער אַראָפּגענומען די הענטשקעס, כדי דערגיין ביז זעכ־

צנטלעך, ענדלעך האָט ער א קוק געטאָן שוין מיט א מער אינטענסיווער נייגעריקייט אויף סטעפאַנען און ארויסגעלאָזט די שטיקלעך פאַפּיר פון צווישן די פינגער. א לייכטער ווינט האָט זיי א טראָג געטאָן, ווי שניי, און דער הונט האָט א כאַפּ געטאָן מיט די ציין איינע פון די ווייסע פליגן כאַטש אָן א שום איבערצייגונג. הערמלט האָט דער אָפיציר א שמייכל געטאָן צו סטעפאַנען, פאַרזשמורעט באַדייטנדיק א ברעם און א ווינק געטאָן צו איינעם פון די זעלנער. דער זעלנער איז צוגעלאָפן. דער אָפיציר האָט זיך צו אים געווענדט מיט הומאָר:

—דער, — האָט ער אָנגעוויזן אויף סטעפאַנען — וויל זיינע מוטי אין לאַגער זוכן. דער זעלנער האָט זיך אויסגעגלייכט, דערנאָך האָט ער א שטויס געטאָן סטעפאַנען צום טויער. דער אָפיציר איז זיך אוועק זיין וועג, און דער הונט האָט אים באַגלייט, שפּאַנענדיק נאָך אים מיט אַזא גראַציעזקייט און ווירדע, וואָס לאָזט זיך נישט באַשרייבן. אריינגייענדיק אין טויער, האָט סטעפאַן א קוק געטאָן אויף לינקס, צום מערב — די נידעריקע, גרויסע, שוין רויטווערנדיקע זון האָט אָנגעשפּאַרט איר קיי־לעך אויף די יונגע ביימער לעבן די בערגלעך, וועלכע זיינען געשטאַ־נען אין איר שיין, ווי אין פייער.

סטאַניסלאַוו וויגאָדסקי

צי וועל איך אָנשרייבן אַ דערציילונג

פ ר אַ ג מ ע נ ט ן

אין משך פון עטלעכע טעג און נעכט נאָכאַנאַנד האָב איך ביישט פאַר־לאָזט דעם וואַרשטאַט. ביי טאָג האָב איך געאַרבעט, אין די נעכט ווידער האָב איך מיך איינגעאָרדנט אויף דעם הויפן מאַטעריאַלן הינטער די געוואַנט־באַלן, וועלכע האָבן מיך אָפּגעהיט פון אַ ביי גערדיק אויג. צי האָבן זיי אויך געקענט פאַרהיטן פון די זוכענישן פון דער געסטאַפּאָ?

אין אַ געוויסן טאָג, ווען איך האָב נאָך געלעבט אין שרעק און אונטער דעם איינדרוק פון דעם שענדלעכן טויט פון פאָרזיצער מ. האָט אונדזער וואַרשטאַט באַזוכט דער קאָמענדאַנט פון דער מיליץ, דער איב־ערשטער פּ. פון די ברידער צ. האָב איך געוווּסט, אַז ער איז ביי געווען זייער שמועס, און דערזעענדיק אים איצט, האָב איך דערפילט, אַז איך ווער בלאַס. מע איז געקומען מיך רופן.

— לאָמיר אַרויסגיין פונדאַנען, איך האָב מיט דיר עפּעס צו שמועסן.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין ביוראָ און געהייסן דער באַאַמטין — דער זעלבער, וועלכע האָט מיר רעקאָמענדירט „אָנצושרייבן עפּעס פאַר די מענטשן" — אַז זי זאָל אונדז איבערלאָזן אַליין.

איך האָב שווייגנדיק געוואַרט.

— איך ווייס, אַז דו האָסט געקענט די ברידער צ. — צי ווייסטו, וואָס מיט זיי איז געוואָרן? — האָט ער געפרעגט.

— יעדע פֿאַרלייקענונג וואָלט נישט געהאַט דעם מינדסטן זין. נישט נאָר ער, אַלע האָבן געוווּסט, אַז מיר האָבן זיך געקענט, איך האָב דעריבער געענטפֿערט:

— איך האָב זיי געקענט, נאָר איך ווייס נישט, וואָס מיט זיי איז געשען.

ער איז בעת דעם שמועס געווען אַן אַנדערער, ווי ביז איצט. ער האָט מיר נישט געקוקט גלייך אין די אויגן ווי דעמאָלט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז עס וואָלט אים נויטיק געווען אוראַל, כדי דורכצופֿירן אַ נייע מעטאָדע פֿון פֿאַרזויערשטאָפֿן דעם אַרץ, אָדער ווען ער האָט אונדז רעווידירט ביים פֿאַרלאָזן דעם וואַרשטאַט, זוכנדיק שפּולקעס פֿאָדעם. עס איז אים שווער אָנגעקומען דאָס רעדן, ער האָט געוואַרט, אַז איך זאָל אים צוהעלפֿן אויסקלאָרן די סיטואַציע. נאָר מיט וואָס האָב איך אים געקענט העלפֿן? איך האָב געוווּסט, ווער ער איז, איך האָב אויך געוווּסט, וואָס ער קאָן פֿון מיר פֿאַרלאַנגען, שוין צוליב דעם אַמט, וואָס ער פֿאַרנעמט.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז ביי געווען דעם שמועס פֿון פֿאַרזיצער מ. מיט די ברידער צ. אין דעם טייל, ווו דער פֿאַרזיצער האָט גערעדט וועגן דער „גלייכהייט״ לגבי אַלעמען. קאָנפֿראָנטירנדיק דעם טייל פֿון זיין דערציילונג מיט דעם, וואָס די ברידער צ. האָבן דערציילט, האָב איך געוווּסט, אַז ער זאָגט אמת. אָבער באַלד האָט ער צוגעגעבן עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב שוין נישט געקענט פֿעסטשטעלן — איבעריקנס, צו וואָס? אַלץ איז געווען באַוווּסט.

ער האָט דערציילט, אַז נאָך דעם ווי די ברידער צ. האָבן פֿאַרלאָזט דעם קאַבינעט, האָט דער פֿאַרזיצער געהאַט מיט אים אַ קורצן שמועס. עס האָט באַדאַרפֿט זיין דער סאַמע פֿאַרטרוילעכסטער שמועס פֿון אַ שעף מיט זיין אונטערגעאָרדנטן, אָבער גלייכצייטיק אויך מיט זיין נאָענטסטן מיטאַרבעטער. די דאָזיקע צוויי מענטשן, וועלכע זיינען נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען, זיינען קאָמוניסטן. אויב מיר וועלן זיי דערלויבן עפּעס טאָן, וועלן זיי ברענגען אויף אונדז אַן אומגליק, און צו דעם טאָרן מיר נישט דערלאָזן. עס וועט דערגיין צו ברודער־קאַמפֿן — מסתּמא ווייסט ער, וועלכע שטימונגען עס הערשן צווישן דער יידישער באַפֿעלקערונג, באַזונדערס צווישן דער אָרעמער, און זי איז דאָך די מערהייט. אויב די ברידער צ. וועלן היינטיקע נאַכט ליקווידירט ווערן דורך דער „געסטאַפּאָ״, דאַרף ער, דער קאָמענדאַנט, שוויגן, אין קעגנפֿאַל וועט אָפּגעדעקט ווערן די צוויי־פּנימדיקע שפּיל פֿון פֿאַרזיצער, און מע וועט אים

ווידער אַמאָל פֿאַראַנטוואָרטלעך מאַכן אַן שום בײַטיקײט פֿאַר דעם ליק־ווידירן צוויי קאָמוניסטן. דעם קאָמענדאַנט האָט ער רעקאָמענדירט בײַ־טער זיך צו באַקענען מיט מענטשן, וועלכע זײַנען געווען באַקאַנט פֿון זייער קאָמוניסטישער טעטיקײט, ווי אויך פֿעסטשטעלן מיט וועמען די ברידער צ. האָבן זיך קאָנטאַקטירט.

פּ. האָט איבערגעריסן די דערציילונג, געעפֿנט די טיר און פֿעסט־שטעלנדיק, אַז קיינער איז נישטאָ, האָט ער ווייטער גערעדט:

— איך קען שוין נישט לענגער. איך האָב געקענט די אומגליקלעכע שליידערן אין די שטאַלן און קעלערס פֿון דער קאָמיענדע־געגנט. איך האָב זיך געקענט באַמיען, אַז דער קאָנטינגענט זאָל זײַן צוגעשטעלט צו דער צײַט, אָבער דאָס קען איך נישט. איך ווייס, אַז איך בין אַן עדות פֿון אַ מאָרד, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אויף צוויי מענטשן. דו האָסט זיי דאָך געקענט — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר — דאָס זײַנען דאָך געווען אָרנטלעכע מענטשן.

ער האָט נישט אָראָפּגעלאָזט פֿון מיר קיין אויג.

— איז וואָס ווילסטו פֿון מיר?

איך האָב נאָך אַלץ נישט פֿאַרשטאַנען צו וואָס ער צילט.

— העלף מיר.

איך האָב געשוויגן, איך האָב זיך געפֿונען אין אַ לאַגע אָן שום אויסוועג. מײַן הערשלאָגנקייט איז נאָך געווען גרעסער דערמיט, וואָס איך האָב זיך דערמאָנט אין די אַלע קרבנות, וועלכע מיר האָבן שוין גע־בראַכט, נאָך איידער מיר האָבן אָנגעהויבן עפּעס צו טאָן.

איך האָב איבערגעריסן די שטילקייט.

— פֿאַרשטייסט, מסתמא, צו וואָס דער פֿאַרזיצער האָט דיר געזאָגט, וואָס ער גייט טאָן מיט די ברידער צ.

ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען.

— כדי דיך צו פֿאַרבינדן מיט זיך אויף טויט און לעבן. ער האָט דיר געקענט נישט זאָגן, וואָס ער גייט מיט זיי טאָן, אָבער דאָס נאָכ־פֿאָרשן די קאָמוניסטן האָט ער געמוזט דיר רעקאָמענדירן, דאָס האָט ער געמוזט טאָן, נאָך ער האָט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער באַפֿעל וועט זיך צונויפֿפֿאַלן מיט דעם געשעענעם מאָרד, און אַזוי צי אַנדערש וועסטו מוזן די בײדע געשעענישן פֿאַרבינדן.

ער האָט מיר איבערגעריסן:

— נו איז וואָס?

— קלאָר, אַז דעמלט איז אים שוין געווען באַקוועמער די גאַנצע

זאַך אוועקצושטעלן אָפּן. באַלאַסטנדיק דיך מיט דעם וויסן פון אַלע זיינע האַנדלונגען האָט ער דיך פאַרבונדן מיט זיך. איך געענדערטע באַדינגונגען וועסטו נישט וואגן אים צו באַשולדיקן. וועסט אים מוזן פּאַרטייִדיקן, כּדי — איך האָב אויף אַ רגע איבערגעריסן — זיך אַליין צו רעכטפערטיקן.

ער האָט צוגערוקט די שטול מיט אַזאַ אָנשטרענגונג, ווי זי זאָל זיין אויסערגעוויינלעך שווער, אָבער ער האָט זיך נישט אָנידערגעזעצט.

— איך וויל זאָלסט מיר העלפן.

— וועלכע הילף? מיט וואָס קאָן איך דיר העלפן?

איך ווייס נישט, צי ער האָט אויפגעכאַפּט מיין טאָן. ער איז דאָך געווען דער הערשער פון דער געגנט.

— פאַרשטענדיק מיך מיט וואַזשיניעצן.

איך בין געווען איבעראַשט און איך האָב אים געוואָלט גלייך ענטפערן, אַז וואַזשיניעץ איז שוין מער נישטאָ אויף דער פאַבריק, און דעריבער איז דאָס פאַרשטענדיקן זיך מיט אים אוממעגלעך, נאָר איך בין שטיל געבליבן כמעט אין דער לעצטער רגע. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך זע דורך און דורך זיין שפּיל. ווען איך וואָלט אים געזאָגט, אַז איך ווייס, וואָס עס איז מיט וואַזשיניעצן, וואָלט ער זיך גלייך אָריענטירט, אַז איך האָב זיך מיט אים אינטערעסירט, אַז איך האָב אים געזוכט, אַנישט ווי ווייס איך, אַז ער איז שוין מער אויף דער פאַבריק נישטאָ? אויב ער זאָל האָבן וועלכע ס'איז פאַרברעכערישע הינטער־כּוונות, דאַן, פעסטשטעלנדיק, אַז איך האָב זיך אינטערעסירט מיטן גורל פון וואַזשיניעצן — צי וואָלט ער נישט געפאָדערט אונטער אַ דראָאונג קיין אויפקלערונג, וואָס איך זוך אויסער דעם געטאָ? צי וואָלט דאָס אים נישט פאַרלייכטערט די אויפגאַבן, וועלכע זיינען אים אָנפאַרטרויט געוואָרן דורך דעם פאַרזיצער מ.?

— דו ווייסט דאָך, אַז אָן דער באַגלייטונג פון מיליץ איז נישט דערלויבט זיך צו דערווייטערן פון געטאָ. דו האָסט די זעלבע מעגלעכקייטן וואָס איך, און זיכער נאָך גרעסערע, ווייל איך האָב נישט קיינע. דו קענסט דאָך אין דעם דאָזיקן מונדיר — איך האָב אָנגעוויזן אויף אים מיטן פינגער קוקנדיק גלייכצייטיק אויף זיין אַמטלעכן הוט, וועלכער איז געווען באַצירט מיט קאָמענדאַנטישע אָפּצייכנס — זיך באַוועגן פריי.

ער האָט צעקוועטשט דעם פּאַפּיראָס אין דער פּאָדעשווע פון זיינע „אָפיצערקעס" און געזאָגט:

— איך וויל פון זיי אנטלויפן. איך האָב דאָס שוין גענוג. איך האָב די שפּיל געמוזט הערפירן ביזן סוף.

— אויב דו וועסט זיין אין פאַבריק, גיב איבער וואָרזשיניעצן א גרוס פון מיר.

ער האָט א קוק געטאָן אויף מיר פון אונטער דעם שטערן, און דעמלט האָב איך פאַרשטאַנען, אז איך האָב שוין איבערגעזאָלצן. ער האָט מיינע ווערטער — און ריכטיק — געקאָנט אָננעמען פאַר חוזק. ער איז געווען איינער פון די, וואָס איז וואָרזשיניעצן די יאָרן דורכגאַנגען, און איך האָב גוט געוווּסט, אז אָן מיין הילף וועט וואָרזשיניעץ אפילו נישט וועלן מיט אים ריידן. אָן מיין הילף, אויף וויפל ער האָט געהאַט ערלעכע כוונות, קען צו קיין טרעפונג צווישן זיי נישט דערגיין.

* * *

וואָרזשיניעץ האָט געטראָפן צו מיר. שמואל וו., באַזאָרגט מיט א בריוו פון דעם ראַט פון די עלצטע און מיט א באַשטעטיקונג פון דעם שופּאָ־קאָמענדאַנט, האָט זיך געדרייט איבערן שטאָט, באַזוכנדיק דייטשן, פון וועלכע ער האָט אהיימגענומען אַפּאַראַטן צו פאַריכטן. געוויינלעך, האָט ער זיך געטראָגן מיט איינעם, אָפטמאָל מיט צוויי אַפּאַראַטן אונטער די אָרעמס, און די שופּאָווצעס, אָנטרעפנדיק אים אין וועג, זיינען איבגאַנגען נישט געווען איבעראַשט פון זיין אויסזען. זיי האָבן אים געקענט פערזענלעך, נישט איין מאָל האָט ער ביי זיי אַליין, צו ביי זייערע באַקאַנטע, פאַריכט אַן אַפּאַראַט, זיי האָבן אים אפילו מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן, אייניקע פון זיי האָבן גערעדט פּויליש. אין א געוויסן טאָג נאָכמיטאָג, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אהיים מיט צוויי אַפּאַראַטן, האָט עמעצער א געשריי געטאָן צו אים, אָנרופנדיק אים ביים נאָמען. הויך אויף א פּלאַטפאָרמע, א באַלאָדעטע מיט מאַנופאַקטור, איז געזעסן וואָרזשיניעץ און, ברייט צעשטעלנדיק די פיס, האָט ער זיך באַמיט צו פאַרהאַלטן די פערד. שמואל האָט א קוק געטאָן, זיך צעשמייכלט און א בייג געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט געוואָלט גיין ווייטער.

— וואַרט נאָר צו, שמואל, קום נאָר אהער, — האָט ער אים אָנגעוויזן אויף דער באַנק מיטן אָנלען — זעץ זיך, איך וועל דיך אונטערפירן מיט דער משא.

— ווייסט דאָך, אז ס'איז נישט דערלויבט.

וואָרזשיניעץ האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וואָס מיר נישט דערלויבט: דאָס איז דאָך א יידישער וואָגן. איבערבייגנדיק זיך, האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם שילדל, וואָס איז גע־

ווען צוגעפּעסטיקט צו דער זייטיקער ברעט. אויף דעם שילדל האָט זיך געזען א בלויער מגן־דוד און דער נאָמען פון אונדזער וואַרשטאַט. צווישן עטלעכע הייזער, וועלכע זיינען געוואָרן רעקווירירט אויף שניידערישע וואַרשטאַטן, האָבן שטענדיק געקרייזט צוויי וואָגנס, וועלכע האָבן איבער־געפירט גרייטע מלבושים, אָדער מאַטעריאַלן.

שמואל האָט אים דערלאַנגט ביידע אַפּאַראַטן, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעזעצט לעבן וואַוזשיניעצן, וועלכער האָט זיך געלאָזט פאָרן לענגאויס דער קאָלאָנטאַי־גאַס.

— נו, ווי איז דאָרט? וואָס הערט זיך ביים „שוואַרצן”? — דאָס איז געווען מיין פּסעוודאָנים.

— נו, וואָס, ער אַרבעט.

— ווי גייט עס אים?

— נישט צום בעסטן — שמואל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — ווי אונדז אַלע.

— און איר טוט עפּעס?

שמואל האָט געשוויגן. נישט פאַר מורא. ער האָט געוווּסט, אַז מיט וואַוזשיניעצן קאָן מען און מען דאַרף רעדן אָפן.

— עפּעס טוט מען, אָבער ווייניק. מיר האָבן באַר וואָס אָנגעהויבן, און שוין האָט מען אונדזערע צוויי מענטשן פאַרנומען.

ער האָט אים דערציילט וועגן דעם פאַרשווינדן פון ביידע ברידער צ., וועלכע וואַוזשיניעץ האָט געקענט.

כ'האָב נישט געוווּסט דערפון — ער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — כ'האָב נישט געוווּסט. דאָס זיינען געווען היץ־קעפּ, און חער „פיליפּ” — דער פּסעוודאָנים פון איינעם פון די ברידער — האָט אונדז נישט ווייניק צרות פאַרשאַפט, אָבער אזא טויט האָט ער זיך נישט פאַרדינט. און איר וואָס טוט דאָרט?

שמואל האָט אים שוויגנדיק אָנגעוויזן אויף די ראַדיאָ־קעסטלעך.

— מיר הערן, דערנאָך פאַרשפּרייטן מיר עס דורכן „שוואַרצן” צווישן דעם עולם.

וואַוזשיניעץ האָט זיך פאַרוווּנדערט.

צווישן דעם עולם? און ווי אַרבעט ער דען?

— אויף קאָלאָנטאַי 45 ביי די שניידער.

וואַוזשיניעץ האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט, א צי טוענדיק גלייכ־צייטיק די לייצעס.

— צום טיוול, זעסט עפּעס, און איך פאָר דאָך אהין דריי אָדער פיר מאָל א וואָך. אויך איצט פאָר איך אהין מיט די שמאטעס.

רעדנדיק דאָס, האָט ער אפילו נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. דאָס איז געווען אן אָנצוהערעניש אויף דעם, וואָס ער פירט אויף דער פּלאַט־פאָרמע.

— מע וועט באדארפן זיך צונויפרעדן מיט אים, אָבער איך קען זיך דאָרט נישט אַרומשלאָגן, בלויז אַזוי לאַנג, ווי מען נעמט אַראָפּ די שמאַטעס און מע לאָדט אָן נייע מלבושים, און, וויאָ — איך פאָר ווייטער, זאָג אים, אז ער זאָל מיך אָפּוואַרטן.

ער האָט מיר געגעבן א פּאַפּיראָס און ווייטער געפרעגט:

— און דעם אינזשעניער פ. קענסטו? דער איז מיר אביסל דערגאַנגען די יאָרן, וואָס איז מיט אים?

שמואל האָט נישט געקענט דעם אינזשעניער, נאָר איצט צוליב זיין אמט איז ער אלעמען געווען באקאנט.

— אָ, דער? ער איז א גרויסער שררה — האָט ער געזאָגט מיט גרינגשעצונג — ער איז דער קאָמענדאנט פון דער יידישער פּאָליציי.

שמואל האָט מיר אין אָונט דערציילט דעם פאַרלויף פון דעם שמועס און אָנהייבנדיק פון נעכסטן טאָג בין איך שוין אויסגעשטאַנען מיטן פּרעסל אין דער האַנט לעבן פענצטער, כדי צו קענען זען אלע אָנקומענדיקע. איך האָב זיך איינגעהערט, עס האָט זיך דערטראָגן א קלאַפּן פון רעדער, איך בין גלייך אַראָפּגעשפּרונגען פון אונטן, דער פורמאַן האָט פאַרדרייט א פּאַפּיראָס, שטיקענדיק אויסגעדרייט צו מיר מיט די פּלייצעס, אָבער שוין פונדערווייטנס האָב איך באמערקט, אז דאָס איז נישט וואָרשעוויניעץ. ער איז געקומען ערשט מיט עטלעכע טעג שפּעטער, נאָר אונדזער שמועס איז געווען א קורצער. קודם־כל האָב איך אים געוואָרנט פאַרן אינזשעניער, וועלכער זוכט אים ארום, ווילנדיק פון אים באקומען הילף.

— וועלכע הילף?

— ער וויל אנטלויפן, אָבער בעסער רעד נישט מיט אים. איך האָב אים געפרעגט, צו אים זיינען נישט נייטיק די קאָמוניקאַטן.

— בחור, בחור, צי האָסטו דעם שכל פאַרלוירן, צי וואָס? אוודאי נייטיק, אָבער פּינקטלעכע. נאָר, הער, אפשר וואָלט איר געקענט איבערשרייבן זיי אויף דער מאַשין אין עטלעכע עקזעמפּליארן, ווייל קיין שרייבמאַשינקעס האָבן מיר נישט.

אונדזער שמועס איז באשטאַנען פון אָפּגעריסענע פראַזן. איך האָב געטראָגן די סחורה, אנדערש וואָלט מען נישט געקענט לענגער פאַרבלייבן

מיט אים, און יעדעס מאָל, וואָס איך בין געקומען נאָך א נייעם פּאַק, האָבן מיר פאַרטוישט א פּאָר ווערטער. דאָס האָט נישט געקענט דויערן לאַנג, כדי נישט צו וועקן קיינעמס אויפמערקזאַמקייט. טרעגערס זיינען געווען א סך.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז עס זיינען פאַראַן קאָנטאַקטן, א פּאַרטיי, די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי, אַז עס קומט אָן ליטעראַטור, צייטונגען, און אַז אין אונדזער קרייז גרייט מען צו א צייטונג אויף נאָוועמבער. עס דערנענטערט זיך דער יאָרטאָג פון דער רעוואָלוציע. „אפשר וועסטו עפּעס אָנשרייבן?" א צווייט מאָל האָט ער געבראַכט א ביסל ליטעראַטור. איך האָב זיך דערוווּסט אַביסל איינצלהייטן וועגן באַקאַנטע, וועגן קורירן, די, וואָס זיינען געקומען פון װאַרשע, האָב איך נישט געקענט, פון קראָקע איז געקומען קיין זאַגלעמביע ראָמאַן שליוואַ.

— און אפשר וואָלט איר דאָ אויך געשאַפן א קרייז?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן הויף, א פיר געטאָן דעם בליק איבער די פינצטערע אָפיצינעס, איבער די פענצטער, הינטער וועלכע עס האָבן שווער געהאָרעוועט די פאַרמשפּטע — ווי לאַנג וועלן זיי נאָך דאַרפן אַזוי האָרעווען אין דערוואַרטונג פון אויספירן איבער זיי דעם אורטייל?

איך האָב אים געפרעגט:

— און מיט אַנדערע אונדזערע מענטשן האָסטו וועלכע ס'איז קאָנטאַקטן?

אין א צווייטן וואַרשטאַט האָט ער געקענט צוויי חברים, ער האָט מיר אָנגערופן זייערע נעמען: פיניע און יאָסעק. זייער פאַמיליע־נאָמען האָט ער נישט געקענט. ער האָט נישט געוווּסט, אַז אויך איך קען זיי: צוויי ברידער לובלינג.

פאַמעלעך האָט זיך אָנגעצייכנט א פּלאַן פון טעטיקייט. איך האָב זיך אָפּגערעדט מיט אים, אַז יעדעס מאָל, ווען ער וועט קומען, וועל איך אים אונטערוואַרפן די בעסטע קאָמוניקאַטן. ער האָט געהאַלטן, אַז איך מוז געפינען אַן אָרט, וווּ מען זאָל זיך קאָנען צונויפקומען.

— כמיך, — האָט ער געזאָגט — ערגעץ אויף דער גרענעץ פון דעם געטאָ, אַז איך זאָל קענען צו אייך אַריינפאַלן.

איך האָב אָנגעהויבן פון זוכן א שרייב־מאַשין, ווייל דאָס איז געווען די גרינגסטע אויפגאַבע. אין פּריוואַטע וווינונגען איז קיין שרייב־מאַשין נישט געווען, מע האָט זיי אַלע אָפּגעגעבן אין דער צייט, ווען מען האָט באַפוילן צו ברענגען די ראַדיאָס, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און

לאָרנעטקעס. שרייב־מאַשינקעס זיינען געווען נאָר אין יודען־ראַט, אָבער דאָס וואָלט געהייסן ארייַנפאַלן אין דעם מויל פון דעם פאַרזעעניש. עס זיינען אויך געווען שרייב־מאַשינקעס אין די ביוראָס פון אונדזערע וואַר־שטאַטן, און דעמלט האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן דער באַאַמטין, וועלכע האָט מיך אין זיינער צייט רעגיסטרירט, און איך האָב זיך דער־מאָנט אין איר שמועס, וועלכער איז געווען פול אָנצוהערענישן און רמזים.

אין אַ געוויסן טאָג בין איך אריין אין ביוראָ, אָבער נאָך אײדער איך האָב באַוויזן צו פאַרמאַכן די טיר, האָט זי מיך געפרעגט: ,

— איר זוכט אפשר דאָ דעם קאָמענדאַנט פון דער מיליץ? איר קענט אים דאָ נישט זוכן.

זי האָט גוט פאַרגעדענקט דעם וויזיט פון אינזשיניער פּ., וועלכער האָט מיט מיר גערעדט אין איר צימער, אַרויסבעטנדיק זי פריער. די אלוזיע איז געווען זייער אַ דייטלעכע, און איך האָב זיך אַ וואַקל געטאָן, צי איך דאַרף איבערהויפּט מיט איר רעדן.

— ניין, איך זוך נישט דעם קאָמענדאַנט. דאָס זוכט ער מיך. איך וואָלט וועלן מיט אייך ריידן.

זי איז געווען אַ יונגעטשקע, אַ רויטהאָריקע, נישט קיין שיינע. מענטשן אין מיין עלטער האָבן געקאָנט זי נישט קענען. זי איז געווען כמעט נאָך אַ קינד. געהייסן האָט זי רוזשאַ לוסטיק.

איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב עפּעס אָנגעשריבן, וואָס איך וואָלט וועלן איבערשרייבן אויף דער מאַשין. איך האָב נישט איבערגע־חזרט איר אויסדרוק: איך האָב עפּעס אָנגעשריבן פאַר מענטשן. מע האָט באַדאַרפט וואַרטן אויף איר רעאַגירן. איך האָב איר דערלאַנגט אַ שמאָל פאַסיקל פּאַפּיר, וואָס האָט אַנטהאַלטן די קאָמוניקאַטן פון פאַריקן טאָג. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם מאַנוסקריפּט, איר פּנים איז געוואָרן שטרענג, ווי שטרענג עס ווערט דאָס פּנים פון יונגע מענטשן, וועגן וועל־כע איר קלערט, אַז זיי וועלן נישט פעיק זיין אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון דער לאַגע, און פּלוצעם זעט איר אין די אויגן, אין דער אומבאַוועג־לעכקייט פון מויל, אין דעם אופן פון פאַרציִען די ברעמען, אַז איר האָט פאַר זיך פאַקטיש אַ רייפן מענטש. איך האָב גאָרנישט באַוויזן אַרויסצו־לייענען פון דער שטרענגקייט אין אירע אויגן, וועלכע זי האָט געווענ־דעט צו מיר. דאָס שווייגן, דאָס פילבאַדייטנדיקע שווייגן האָט געדויערט אויסערגעוויינלעך לאַנג. וואָס וועט מיר דאָס קינד ענטפערן?

— איך וועל דאָס אייך איבערשרייבן.

איך האָב איר רואיק געענטפערט:

— שרייבט עס איבער אין עטלעכע עקזעמפּליאַרן.

מיר האָבן אָפּגערעדט מיט די ברידער לובלינג, אַז מיר וועלן שמו־אלן באַזוכן אַמאָל איינער, אַמאָל דער צווייטער, כדי נישט צו וועקן צו פיל אויפמערקזאַמקייט מיט אָפטע וויזיטן פון איינער און דער זעלבער פּערזאָן. איין מאָל האָט באַטירט דער עלטערער פון ד ברידער, א צווייט מאָל דער יינגערער, א דריט מאָל ווידער איך. אַלע פאַרצייכענונגען פון די ברידער האָב איך געמוזט איבערשרייבן פונסניי, כדי רוזשע זאָל זיך נישט אַריענטירן, אַז פאַרשידענע מענטשן פאַרצייכענען. איך האָב איר איבער־געגעבן די צעטעלעך, וועלכע זי האָט איבערגעשריבן, און דריי, צייטנ־וויַיז, פיר מאָל איז דער וואָך האָב איך זיי איבערגעגעבן וואַרשיביעצן, ווען ער איז צו אונדז געקומען. אַנדערע אָפּשריפטן האָבן אַרומגע־קרייזט אין וואַרשטאַט און אין געטאָ.

ערגער איז געווען מיט א טרעף־פּונקט. אונדזער געטאָ איז נישט געווען אַרומגערינגלט מיט קיין וואַנט. עס איז געווען צעשפּרייט, אויף דער גרענעץ פון פעלדער און שטיין־גרובן, באַוווינטע דורך אַן אַרבעטנ־דיקער באַפעלקערונג, וועגן וועלכער מען האָט געוויינלעך געזאָגט, אַז זי וווינט אויף די פּעריפעריעס.

א וואַנט איז דאָ געווען נישט ניקטיק. יעדער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון דער געגנט איז גלייך אַרויס אויף אַן אָפן פעלד און איז שוין פונ־דערווייטנס געוואָרן באַמערקט דורך די שופּאָ־וואַכן, וועלכע זיינען דורך־אַגב, געווען נישט פיל. דורך דער שטאָט איז געווען אוממעגלעך זיך אַרויסצובאַקומען. די סטאַציע פונדערווייטנס האָט אויסגעזען אומצוטריט־לעך, ווייל דאָרט איז ווירקלעך געווען די גרעסטע צאָל וואַכן. דאַקעגן די פּוילישע באַפעלקערונג האָט יאָ געקאָנט אַריינקומען אין געטאָ און אין זיינע געסלעך, ווו זי איז טיילווייז אויך פאַרבליבן. דאָס זיינען געווען טאָג־אַרבעטער, באַזיצער פון אָרעמע שטיקלעך ערד און אייגנטימער פון איין קו, צי א פּאָר ציגן. אַדאַנק דעם האָבן זיי די דייטשן איבערגעלאָזט. אין שטאָט, ווו מען האָט פאַרטריבן די ביזאַנטיקע איינוווינער פון דער געגנט, זיינען נישט געווען נישט קיין שטאַלן און נישט קיין פאַשע: די דייטשן האָבן באַדאַרפט האָבן מילך, און דאָ זיינען די לאָנקעס געווען נאָענט.

וואַרשיביעץ וואָלט זיך געקאָנט צו אונדז דערשלאָגן, נאָר ווי א פרעמדער וואָלט ער געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די נישט

ייִדן — יענע האָבן אים נישט געקאָנט — ווי אויך פון די פריערדיקע אײַנוווינער, וועלכע האָבן אים אויך נישט געקענט. באַלד וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ נאָכפרעגן ווער דאָס איז, צו וואָס איז ער געקומען, וועלכע געשעפטן מאַכט ער. דער עיקר טאַקע וועלכע געשעפטן, ווײַל אַלע כמעט האָבן זיך געוואָרפן אויף האַנדל. די באַדערפעניש פון געטאָ זײַנען געווען אומגעהויערע. מע האָט צוגעשטעלט אַהין ברויט, מעל, פעטס, גרויפּן. מען וואָלט דערזען אין אים אַ קאָנקורענט, זיי זײַנען געווען דעמאָראַליזירט, אויסגעטאָן פון יעדער מענטשלעכקייט, גיריק אויף לײַכטע פאַרדינסטן און פעיק אויף אַלץ. צי האָט ער געקענט אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן די דרייסטקייט צו קומען צו אונדז?

אויפן ראַנד פון געטאָ, נעמלעך פון דער זייט, ווו די קאַשאַראָווא־גאַס האָט זיך פאַרנומען צום וואָקזאַל, האָט זיך געפונען אַ פאָטאָגראַפישער אַנשטאַלט „סטודיאָ", וועלכן מע האָט איבערגעטראָגן אַהער פון צענטער שטאָט. דער אייגנטימער פון אַנשטאַלט איז געווען אײנער אַ ייִד י. ה., וועלכער איז זייער נייטיק געווען די דײַטשן. ער האָט פּראָדוצירט אויפנאַמעס צו די קענקאַרטעס. אַלע האָבן מיר געהאַט אַ וועלכן ס'איז „אויסווײַז", אַ פּערזענלעכן, צי פון דעם אָרט פון דער אַרבעט, וועלכער איז געווען באַזאָרגט מיט אַ פאָטאָגראַפיע פון אייגנטימער: אויסווײַזן האָבן געטראָגן בײַ זיך קינדער פון זעקס יאָר. פון דעם אַנשטאַלט האָבן אויך גענאָסן דײַטשן, פּאָליאַקן, און די ייִדן אין דער ערשטער ריי. איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם אייגנטימער, וועלכן איך האָב געקאָנט פון פאַר דער מלחמה, הגם אויבערפלעכלעך. מיר האָבן געוווינט באַנאַנד אויף דער סאַנטשעווסקאַ־גאַס און פאַרביטן אַ מאָל אַ פּאָר ווערטער. איך האָב וועגן דעם דערציילט די ברידער לובלינג: ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי קענען אים גענוי. „דאָס איז זייער אַן אָרנטלעכער מענטש, רעדט אויס וואָס אין דער קאָרט אויפן יודען־ראַט". איך האָב אָנגעהויבן פון געבן אים קאָמוניקאַטן: ער האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג און געבעטן, סטאַביל אים צו באַדינען. אין אַ צײַט אַרום האָב איך אַזוי זיך, דרך־אגב, אַ זאָג־געטאָן, אַז איך האָב זיך אָפּגערעדט מיט אײנעם אַ באַקאַנטן פון אויסער דעם געטאָ, מיט וועלכן איך וואָלט געוואָלט דאָ בײַ אים זיך דורכשמועסן, צי ער האָט גאָרנישט דאַקעגן?

— וואָס רעדט איר? סײַדן איר האָט וועלכע ס'איז שמוגלערישע ענינים.

ער האָט עס געזאָגט האַלב אין וויץ, ווײַל ער האָט געוווּסט, אַז איך בין ווײַט פון אַזעלכע געשעפטן. ער האָט מיך געקענט און געקענט זיך

אנשטויסן אין וואָס פאַר אַ טרעפונג מיר גייט. דער ערשטער שמועס מיט וואַרזשיניעצן איז פאָרגעקומען אין זיין אַנוועזנהייט. מיר האָבן געשמועסט וועגן עניינים מכלומרשט גלייכגילטיקע, און ווען וואַרזשיניעץ האָט אין אַ געוויסן מאָמענט, געוויזן אַבליגאַציעס פון דער נאַציאָנאַלער הלוואה, וועלכע ער האָט באַר וואָס דערהאַלטן, האָט ער גלייך פאַרגעלייגט, ער זאָל אים געבן די דאָזיקע אַבליגאַציעס פאַר אַ גרעסערער סומע. מיר האָבן רואיק אויפגענומען די דאָזיקע פאָרם זיינע פון אונטערשטיצונג. וואַרזשיניעץ איז אַריינגעפאַלן צו אים אייניקע מאָל שוין אָן מיר, און ווען איך האָב י. ה. געפרעגט זיין מיינונג וועגן דעם דאָזיקן מענטש (ער האָט זיך געגעבן דעם פסעוודאָנים „פּלאָסקי"), האָט ער מיר געענטפערט:

— אַזעלכע זיינען אונדז נייטיק, אַזוי דאָ — האָט ער מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויפן געטאָ — ווי דאָרט, אין שטאָט.

ער וואָלט מיט אים געהאַט געשמועסט, און ווען ער האָט מיך געפרעגט, צי וואָלט נישט גוט געווען אַ טראַכט צו טאָן וועגן פרוון אָרגאַניזירן אַ וועלכע ס'איז גרופּע, האָב איך אים געענטפערט, אַז איך קלער טאַקע דערוועגן.

— איר וואָלט צוגעטרעטן צו אַ וועלכער־ס'איז אָרגאַניזאַציע?

— גלייך.

די דאָזיקע פאָרם פון „צוטרעטן" קען איך אויסזען פאַר צו לייכט. אַזוי זעט עס אויס אין מיין דערציילונג. אין דערווירקלעכקייט זיינען די שמועסן אויף דער טעמע נאָך געווען באַדייטנדיק לייכטער. דער רוף צו טאַט איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער: מיר האָבן אַלע געוווּסט, אַז מיר גייען שנעל צום אומקום. די סעלעקציעס האָבן זיך איבערגעחזרט אַלע פאַר וואָכן, און ווען אייניקע זיינען אַריינגעפאַלן אין יאוש און אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער פאַרצווייפלונג, האָבן אַנדערע, באַזונדערס די יוגנט, אָפן געשטויסן צו קאַמף. דערויף זיינען דאָ באַווייזן, אָבער עס איז נישט דאָ דאָס אָרט וועגן דעם צו ריידן; גענוג, אַז איך וועל דערמאָנען וועגן דער עקזיסטענץ פון דער יוגנטלעכער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועגן דעם יונגן בלומענפרוכטן, גראָוטבאַרדן און אַנדערע דערמאָרדעטע אין יענער צייט דורך דער געסטאַפּאָ. די יוגנטלעכע האָבן געהאַט געווער.

אין דער צייט פון די פאַרזאַמלונגען האָט דער פאָטאָגראַפיסט פאַרמאַכט דעם אַבשטאַלט, און פונקט ווי אַמאָל שמואל, זיך אומגעקערט צו אונדז דורך דעם הינטערשטן אַריינגאַנג.

וואַרזשיניעץ האָט געוויינלעך רעפערירט, אַרומגערעדט די פּאָליטישע סיטואַציע, נישט אַריינטראָגנדיק, איבעריקנס, קיין שום נייעס: דאָס,

וואָס האָט אונדז אינטערעסירט — די לאַגע אויפֿן פראָנט — איז אונדז געווען פּונקט אַזוי גוט באַקאַנט ווי אים. מיר האָבן געהאַט ידיעות פון ערשטן קוואַל — פון די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, וועלכע שמואל האָט געהאַט צו פאַריכטן. מער צייט האָט פאַרנומען דאָס אַרומרעדן די אידעאָלאָגישע גרונט־הנחות פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי. דאָ זיינען געווען בייע איבעראַשנדיקע מאָמענטן, איבעראַשנדיקע פאַר אונדז, אָבער נישט פאַר די, וועלכע האָבן געהאַט אַ וועלכע ס'איז פריקהייט פון באַוועגונג און האָבן געקענט שמועסן מיט מענטשן, באַוועגן זיך און האַנדלען. די ווייזיע וועגן בייעם פוילן איז אויפגעקומען פאַר אונדז אַזוי קלאָר, אַזוי בולט, ווי עס זאָלן אונדז פון איר נישט אָפּטיילן קיין שום געטאָ־ווענט, לאַגערן, גאַז־קאַמערן, פראָנטן און אונדזער נאָענטער טויט. נישט שטענדיק איז געווען צייט צו פירן דיסקוסיעס. וואַרשאַוויאַק האָט נישט געקאָנט בלייבן זייער שפּעט אין דער נאָענטקייט פון געטאָ, מיר האָבן געמוזט צוריקקערן פאַר דער פּאָליציי־שעה.

דער פאָטאָגראַפיסט י. ה. האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט קיין געווינלעכן חבר. זיין וווינונג איז נישט געווען בלויז אַן אָרט פון פאַרזאַמלונגען, נאָר אויך דער מאַגאַזין פון ליטעראַטור. מיר האָבן איבעריקנס דאָס אָרט אויסגעמיטן, כדי נישט צו ציען דערויף קיין אויפמערקזאַמקייט; באַנוצט דערמיט האָבן מיר זיך בלויז אין די שעהען פון די פאַרזאַמלונגען. אונדזערע פאָטאָגראַפיעס האָט י. ה. באַהאַלטן אין באַזונדערע קאָנווערטן, כדי אין פאַל, ווען עס וועט עפּעס געשען, צו קענען האָבן דעם תירוץ, אַז מיר זיינען געקומען נאָך אונדזערע פאָטאָגראַפיעס. וואַרשאַוויאַק האָט אויך געהאַט זיינע פאָטאָגראַפיעס, ער איז געקומען אָפטער, האָט איבערגעלאָזט אַ וועלכע ס'איז אָנווייזונג, צייטונגען, בראָשורן. פון י. ה. וועלכער האָט איבערגעלעבט די מלחמה, ווייס איך, אַז צווישן זיי האָט זיך פאַרבונדן אַ פריינטשאַפט.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אויף די ווענט פון זאַגלעמביע אָנגעהויבן באַווייזן פלוג־בלעטלעך. מערסטנטייל האָבן זיי אַנטהאַלטן קאָמוניקאַטן פון מאָסקווע, ידיעות פון דעם פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן, אויפרופן, פּלאַקאַטן פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

די קאָמוניקאַטן פון פראָנט האָבן געשטאַמט פון דער ביוראָ פון אונדזער וואַרשטאַט. דאָס איז געווען נאָך סטאַלינגראַד.

— — — — — — — — — — — — — — —

נאָכן פאַרמאַכן די פאַבריק האָט סטרוענציאַק־שטאַדלער מער שוין נישט פאַרלאָזט זיין ביטאָם, דאַקעגן איז שוסטער געבליבן שטיין פאַר אַזאַ לאַגע, אַז ער האָט געמוזט גלייך מעלדן זיך אין מיליטער. קיין שום זאַך

האָט אים שוין נישט געקענט דעקן. זיך שוואָגער האָט זיך לאַנג באַמיט וועגן עפּעס א שטעלע, וואָס זאָל אים קאָנען באַפרייען, און ער האָט אַזאַ געפינען. ער האָט שנעל איבערצייגט דעם געסטאַפּאָ־שעף פון קאַטאָוויץ, אַז שוסטער איז דער פּאַסיקסטער מענטש אויף אויסצופירן געוויסע פונקציעס אין דער אינסטיטוציע: ער קען דאָס געביט, די פּאָליאַקן, ער קען די פוילישע שפּראַך, דער באַפעלקערונג האַקעגן איז ער נישט באַקאַנט — ביז דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט קיינער פון אים גאָרנישט נישט געוווּסט, אין ב. האָט ער זייער טיכטיק געפירט די פאבריק. אַלזאָ?

— ווי אַלט איז דער בחור?

— דרייסיק יאָר.

— דער געסטאַפּאָ־קאָמיסאַר האָט צעפירט מיט די הענט. אָ, וויסן זי! ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז אויפגעריגט. דאָס איז דאָך די סאַמע פּאַסיקסטע צייט פאַרן מיליטער, צי פאַרשטייט איר דאָס, הער קרייזלייטער?

דער הער קרייזלייטער שטאַדלער האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען. צומאָרגנס האָט זיין אויטאָ צוגעפירט צו דער פּריוואַטער וווינונג פון קאָמיסאַר עטלעכע קילאָ קאַווע, זייף, עכטע קערנזייף, פּרימאַ, פּערפום, פראַנצויזישע פּערפום און נאָך עפּעס, „פיר איירע ווערטע געמאַלין": זיידענע זאָקן.

שוסטער איז געוואָרן אַן אגענט אין געשטאַפּאָ. דאָס האָט געדעקט, אָבער מע האָט באַדאַרפט עפּעס אויפטאָן, מיט עפּעס זיך ארויסווייזן, זיך אויסצייכענען. ספּעציעל האָט שטאַדלער געמאַכט א דרוק אין דער ריכטונג:

— דו מיינסט, אַז איך פאַרנעם זיך אויף שטענדיק מיט קאָרמענען דעם חזיר מיט קאַווע און מיט זאָקן? פונוואַנען וועל איך דאָס נעמען?

פון די אויפשריפטן און לאָזונגען, וועלכע האָבן זיך אַלץ אָפטער באַוויזן, פון די קאָמוניקאַטן געדרוקטע אויף א שרייב־מאַשין, וועלכע זיינען, וואָס אַן אמת, נישט געווען צאָלרייך, אָבער סטאַביל געוואָרן פונאַנדערגעקלעפּט אויף די ווענט פון שטאָט, האָט שוסטער געמאַכט א זייער פּשוטן אויספיר: דאָ איז טעטיק עפּעס אַן אָרגאַניזאַציע — און דאָס האָט באַשטימט זיין אויפגאַבע. ער מוז זיי אויפדעקן. ער וועט זיי באַווייזן וואָס ער קען. ער וועט נישט אַנטוישן זיין שוואָגער, זיינע אויסגאַבן וועלן נישט זיין אומזיסט. די האָפענונג אויסצומיידן דעם פראָנט האָט אים צוגעגעבן ברען: מע דאַרף טאָן. ער האָט געקענט די קאָמוניסטן נאָך פון פאַר דער מלחמה, פון דער פאַבריק, און אפשר נאָך פון ערגעץ — אַנדערש־ווו. וועד ווייסט אים? ער האָט זיך דערמאָנט וואַרשיניעצן,

מיך, אַנדערע. מיך האָט ער גלייך אויסעלעמינירט פון זיינע אויסרעכענונגען. איך האָב נישט עקזיסטירט. אויב איך זאָל נאָך בכלל האָבן געלעבט, האָב איך באַדאַרפט לויט זיינע אויסרעכענונגען, זיך געפינען אין געטאָ, דאָרט וועגעטירן אָדער פגרן פאַר הונגער. זייענדיק פאַרמאַכט אין געטאָ און נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן, האָב איך דאָך מער נישט געקענט קומען אין באַרירונג מיט קיינעם, און דאָס אָפּרעכענען זיך מיט מיר פּערזענלעך, וואָס פאַר א באַדייט האָט עס געקענט האָבן, ווען אַזוי צי אַנדערש זיינען מיר געווען פאַרמשפּט צום טויט? צי פיר איך נישט א וועלכע ס׳איז אַרבעט אין געטאָ גופא? וועגן דעם איז ער געווען רואיק. דאָרט איז שוין געווען ווער, וואָס האָט אונדז גוט אָפּגעהיט. דאָס איז א פיינער יידל, האָט ער געטראַכט, זייער גאַנצער פאַרזיצער: ער וועט זיך שוין מיט זיי אַן עצה געבן, ער מוז זיך אַן עצה געבן. דאָס האָט ער דאָך אַליין איבערגעגעבן אין זייערע הענט צוויי יידישע קאָמוניסטן.

פון די קאָמוניקאַטן, וועלכע ער האָט אַראָפּגעריסן פון די ווענט, האָט מען געקאָנט דערזען, אַז די אָרגאַניזאַציע באַזיצט זייער גענויע ידיעות, וואָס ווערן טעגלעך פאַרשפּרייט מיט א כמעט סטענאָגראַפישער פּינקטלעכקייט. פון דעם האָט זיך געלאָזט מאַכן נ קלאָרער אויספיר. זיי ווערן פאַרנאָטירט דורך עמעצן, וואָס פאַרמאָגט א ראַדיאָ־אַפּאַראַט. אָבער ווי דאָס פעסטשטעלן? און אפשר ברענגט עמעצער די מאַשין־אָפּשריפטן פון אַן אַנדער אָרט? אין וו. ק., ווו ער האָט רעפערירט דעם דאָזיקן ענין, האָט מען אים געעצהט, אַז ער זאָל פאַר אַלעמען דורכקאָנטראָלירן זיין אייגענעם געביט. זאָל ער פעסטשטעלן אויף וועמענס שרייב־מאַשין זיינען איבערגעשריבן די טעקסטן און, האָבנדיק געלייזט אַזא עיקרדיקע פראַגע, וועט ער זיך שוין דערוויסן ווער עס האָט מיט דער מאַשין זיך באַנוצט. קיין פּריוואַטע מאַשינען זיינען בכלל נישטאָ. איבעריקנס, ווען זיי זאָלן אפילו יאָ זיין, ווי היט מען עס איין, אַז מע זאָל זייער קלאַפּן נישט הערן? זיי קאָנען נאָר זיין אין אַמטן, אָדער אין וועלכע עס איז האַנדלס־ביוראָען, אָבער דאָרט זיצן אונדזערע מענטשן...

ער האָט ווייטער געצויגן זיינע אויסערגעוויינלעך פשוטע באַטראַכטונגען: שרייב־מאַשינקעס זיינען אויך פאַראַן אין יודען־ראַטן און אין די פאַבריקן, ווו עס אַרבעטן יידן, איז אפשר דאָרט? ער האָט קאָנטראָלירט זיינע רשימות: דער יודען־ראַט האָט באַזיצט 14 שרייב־מאַשינקעס; די וואַרשטאַטן — 8. ער האָט אָנגעקלונגען צום פאָרזיצער פון יודען־ראַט מ. און אים באַפוילן צוצושיקן א מוסטער פון די אותיות פון אַלע שרייב־מאַ־

שינקעס, אַנגעבנדיק דערביי דעם פאַבריקס־נומער און דעם נאָמען פון דער פּערזאָן, וועלכע אַרבעט סטאַביל אויף דער מאַשין: יעדע פון די מאַשיניסטקעס האָט באַדאַרפט אָנשרייבן א באַזונדערן בויגן מיט צוויי אָפּ־שריפטן.

ער האָט זיי באַקומען נאָך דעם זעלבן טאָג און זיי פאַרגליַיכט מיט דער שריפט פון די בויגנס, וועלכע מע האָט אָפּגעריסן פון דער וואַנט. ער איז געזעסן איבער די זייטלעך עטלעכע שעה אין דער נאַכט צוזאַמען מיט ספּעציאַליסטן, וועלכע זיינען צוליב דעם אַראָפּגעקומען פון וואַרשע, אָבער אָן שום רעזולטאַט. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער יודען־ראַט איז אין אָרדענונג.

ער האָט אָנגעקלונגען צום דייטש, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אונ־זערע וואַרשטאַטן, פאָדערנדיק אויספירן דעם באַפעל.

— צו וואָס איז דאָס נייטיק? צי איז עפּעס פאַרדעכטיק?

— אָך, קיין שום אויסערגעוויינלעכס נישט, א פשוטע קאָנטראָל.

— צי ווילט איר צונעמען ביי אונדז די שרייב־מאַשינקעס?

— וואָס פאַלט אייך איין?

— ווייל אונדזער אונטערנעמונג איז קריגס־וויכטיק, מיר באַשעפטיקן דריי טויזנט מאַן.

— מיר ווייסן, מיר ווייסן, איר קאָנט זיין רואיק.

איין דייטש האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער דער שוץ פון דריי טויזנט מאַן, וועלכע האָבן אים באַדאַרפט אויסהיטן פון , פראָנט; א צווייטער האָט אויסגעמיטן דעם פראָנט, ווייל ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין מאָרד — ער האָט געקאָנט אין משך פון זיבן, אכט מינוט פאַרגאַזעווען דריי טויזנט מענטשן.

זיי זיינען געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט ביים ליכט פון נידעריק אַראָפּגעלאָזטע לאָמפּן און זיי האָבן כמעט גליַיכציַיטיק אויסגעשריגן: „וויר האַבן עס דערשנאַפּט". זיי האָבן נאָכאַמאָל קאָנטראָלירט: די אותיות מיט וועלכע עס איז געווען פאַרשריבן איינער פון די בויגנס, וואָס מע האָט צוגעשיקט פון וואַרשטאַט, האָבן געהאַט די זעלבע שטריכן און באַשעדי־קונגען, וואָס די אותיות אויף די קאָמוניקאַטן. זיי האָבן פעסטגעשטעלט אויסער יעדן ספק, אַז די אותיות א און ע זיינען דעפאָרמירט די ! איז אָפּ־געהאַקט און די ה איז נישט גליַיך. זיי האָבן איבערגעלייענט דעם נאָמען פון דער פּערזאָן, וועלכע האָט געשריבן אויף דער מאַשין. דער נאָמען איז געווען: רוזשאַ לוסטיק.

שוסטער איז געווען אויפן שפּור, ער האָט געהאַט אין דער האַנט אַ דינג פון דער אָרגאַניזאַציע, אָבער עס האָבן אים נאָך געפעלט די איבעריקע. מען האָט באַדאַרפט, אַפּהיטנדיק אַלע פּאָרזיכטס־מיטלען, אויסגעפינען די איבעריקע רינגען. די אויפגאַבע איז איצט געווען: ווער האָט צוגעשטעלט רוזשען די ידיעות, ווי אויך וועמען האָט רוזשאַ איבערגעגעבן די מאַשין־אָפּדרוקן. די ידיעות האָבן געשטאַמט פון ראַדיאָ־אױדיציעס, דאָס איז געווען זיכער, אַלזאָ פון עמעצן, וואָס האָט באַזיצן אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט. די פלוג־בלעטלעך אין שטאָט האָבן זיך געקאָנט באַוויזן נאָר מיט דער הילף פון אַ מענטשן, וועלכער האָט זיך געקאָנט פריי באַוועגן און דאָס ביז אין די שפּעטסטע אָוונט־שעהן: ער האָט דעריבער נישט געקאָנט זיין קיין ייד, אָבער מע האָט אים נאַדאַרפט זוכן אין דער סביבה פון רוזשען.

— הער זאָו־יודע! דאָס איז שמואל וו., ער האָט דאָך אין דער היים ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, וועלכע די דייטשן אַליין גיבן אים אָפּ צו פאַריכטן! אָבער צי איז דאָס זיכער ער? מע דאַרף קאָנטראָלירן.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינע די אַנדערע, זיך פילנדיק מיטשולדיק, וואָרן ווי לייכטזיניק האָבן עס געהאַנדלט זייערע פאָלקסגענאָסן לגבי זייער פאָלק, לגבי דעם פירער און דעם רייך! זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אַ יידן אין אַזעלכע ענינים, וועלכע קאָנען זיין אין דער העכסטער מאָס שטאַאַטספיינדלעך! נאָר ווער טראָגט אַרויס די פאַרשריבענע בויגנס? זיי האָבן עס געמוזט אויספאָרשן, אָבער דעם חאַזיקן ענין וואָלטן זיי באַדאַרפט אָנטרויען די יידן, ווייל די אָנוועזנהייט פון די דייטשן אין וואַרשטאַט אָדער אין דער נאָענטקייט פון רוזשעס און שמואל וו.׳ס וווינונג וואָלט גלייך געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט.

זיי האָבן אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם פאָרזיצער פון יודען־ראַט: דאָס איז אַ פּאַסיקער מענטש, אָבער צי זאָל מען אים אָנפאַרטרויען די אויפגאַבע? זיי האָבן רעזיגנירט. דער פאָרזיצער וואָלט דאָך נישט געקאָנט פער זענלעך שטיין און אָבסערווירן די פאַרדעכטיקע. אַלע קענען אים און מע וואָלט גלייך פאַרשטאַנען, אַז זיין לענגערע אָנוועזנהייט זאָגט נישט אָן קיין שום גוטס. און זיי האָבן זיך ווידער דערמאָנט מיט שרעק, אַז זיי האָבן זיך שוין איין מאָל באַנוצט מיט אַ יידן, מיט דעם ראַדיאָ־טעכניק, צי קאָן מען אַזוי אַרום בכלל אָנטרויען וועמען פון דער באַנדע אַזאַ ענין, ווי אויפדעקן אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע?

צי קומען אין וואַרשטאַט וועלכע עס איז פּאָליאַקן? זיי האָבן נישט געקלערט פון געטאָ: דאָרט האָבן זיך אין משך פון טאָג דורכגעדרייט

עטלעכע הונדערט מענטשן אָן בענדער, און דאָס ארויספאַנגען פון אזא מאסע דעם פארברעכער איז נישט געווען פון די גרינגע אויפגאבן.

זיי האָבן ווידער אָנגעקלונגען צו דעם דייטשן לייטער פון די וואַר־שטאַטן, פאָדערנדיק צוצושטעלן די ליסטע פון די פּאָליאַקן, וועלכע זיינען באשעפטיקט אין דער פירמע. דער לייטער האָט געענטפערט, אז אין גרונט גענומען איז דער ווארשטאַט באשטימט פאר די יידן, קיין נישט־יידן באַ־שעפטיקט ער נישט.

— באשטימט?

אין זייער טאָן איז געווען א דראָאונג. גאַנץ באשטימט?

— יאָ, עס ארבעטן צוויי, צוויי פורמאַנעס. ער וועט גלייך איבערשיקן זייערע נעמען. זיי האָבן געהאַט פאר זיך די רשימה. איין נאָמען האָט שוס־טערן גאָרנישט געזאָגט. דער צווייטער נאָמען איז געווען וואָוושיניעץ.

דער איבערפאַל איז פאָרגעקומען גלייכצייטיק. אין איינער אין דער זעלבער צייט האָט די געסטאַפּאָ באשטעלט די ביוראָ, די וווינונג פון שמואל וו. און די וווינונג פון וואָוושיניעצן איף קאָשעליעוו. רוזשא איז אויפגעשטאַנען פון דער שרייב־מאַשין און דעמלט האָבן זיי דערזען, אז זי איז נאָך כמעט א קינד. ביי שמואל וו. האָבן זיי געטראָפן דעם יונגערן פון די ברידער לובלינג, יאָסקען אין דער מינוט, ווען ער איז געזעסן ביי דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און פארצייכנט די ידיעות אין פּויליש. זיי האָבן א קוק געטאָן אויף דער סקאַלאַ: עס האָט גערעדט מאָסקווע, קאָמוניקאַטן פון פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן. שמאל וו. איז געזעסן ביים צווייטן אפּאַראַט, זוכנדיק אין אים דעם דעפעקט. פון דער וווינונג פון שמואל וו. זיינען זיי אריבער צו דעם איינזאַמען שטיבל פון די לובלינגס, ווו זיי האָבן פארנומען די רעשט פון דער פאַמיליע: די פאַמיליע איז באַ־שטאַנען פון איין פּערזאָן — יאָסקעס ברודער פּיניע. ביי וואָוושיניעצן האָט שוסטער נאָך אן איבערפלעכלעכער רעוויזיע געפונען א קאָמוני־קאַט פון פריער מיט צוויי טעג, אָנגעשריבן אויף דער באַקאַנטער שרייב־מאַשין. ער האָט נישט געלייענט זיין אינהאַלט: עס האָט זיך אין אים גע־רעדט וועגן „ווייטערדיקע סטראַטעגישע איבערגרופּירונגען מיטן ציל זיך אָפּצורייסן פונעם פראָנט".

וועגן די ארעסטן האָט מיר מודיע געווען דער קאָמענדאַנט פון דער פאַבריקס־מיליץ, דער אינזשיניער פ. ער האָט מיך באזוכט אין וואַר־שטאַט און נאָכאַמאָל ארויסגערופן פון ארבעטס־צימער, ווי דעמלט, ווען ער האָט געבעטן א קאָנטאַקט מיט וואָוושיניעצן. מיר זיינען איבערגע־

גאַנגען אין דער ביוראָ, אין דעם צימער, וווּ איך האָב געהאַפּט צו זען דזשען. דער אינזשעניער פּ. האָט מיר אָנגעוויזן אויף דער אויסגעליידיקטער ביורקע און אָפּגערוקטער שטול. ער האָט געזאָגט: זי אויך. און ער האָט צוגעגעבן: ביידע ברידער לובלינג און דער ראַדיאָ־טעכניק שמואל. ער האָט באַמערקט דעם שוידער אין מיין בליק און, אָפּווענדנדיק זיך צום פענצטער איך זאָל זיין געזיכט נישט זען, האָט ער שטיל געזאָגט: וואַרזשיניעץ איז אַריינגעפאַלן.

איך האָב געזען, ווי ער ציט אַרויס אַ טיכעלע פון דער קעשענע. ער האָט אָפּגעווישט די טרערן אַזוי, אַז איך זאָל דאָס נישט באַמערקן. וועמען האָט ער באַוויינט? וואַרזשיניעצן? און אפשר די פאַרלוירענע געלעגנהייט זיך צו קאָמוניקירן מיט אַ מענטשן, וועלכער וואָלט אים געקאָנט העלפן צו אַנטלויפן און אַוועקגיין אין דער אונטערערד? און אפשר האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פאַרלוירן יעדע האָפענונג זיך צו ראַטעווען?

— צי ווייסט מען עפּעס וועגן דיר?

— ווער?

— די געסטאַפּאָ.

— איך ווייס נישט.

— צי וועלן זיי זיך דערוויסן פון זיי, אַז אויך דו...

ער האָט איבערגעריסן אין מיטן זאַץ. דאָס איז געווען אַ געפערלעכער געדאַנק, נאָר מע האָט אים באַדאַרפט אַרויסזאָגן, און דאָך האָט ער צוריקגעצויגן די לעצטע ווערטער. איך האָב געוווּסט, ווי זיי וואָלטן באַדאַרפט קלינגען.

איך האָב געפרעגט:

— דו מיינסט, אַז זיי וואָלטן געקאָנט שיטן?

ער האָט שווייגנדיק צוגעשאָקלט אויף יאָ, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— וואָס קלערסטו צו טאָן? דו מוזט דאָך אַנטלויפן.

איך האָב נישט געהאַט נישט קיין דאָקומענטן נישט קיין געלט. צי האָב איך דערביי אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען?

— הער, איך וועל דיך אויסבאַהאַלטן ביז די סיטואַציע וועט זיך אויפקלערן — ער האָט געזאָגט „סיטואַציע”, כדי נישט אָנצורופן אויפן קול די מורא ביי איר שרעקלעכן נאָמען: „שיטן”.

ער האָט מיך שנעל אַרויסגעפירט פון וואַרשטאַט. איך בין מיט אים צוזאַמען דורכגעגאַנגען אַ טייל פון דער קאָלאָנטאַי־גאַס דערנאָך די בריק איבער דער באַן־ליניע און די קאַשאַראָווע. ער האָט מיך צוגעפירט צו

זיין וווינונג. ארויסגייענדיק האָט ער מיך געוואָרנט: רירט זיך נישט פון דאנען, ביז איך וועל דיר נישט געבן צו וויסן.

ער האָט זיך אומגעקערט ארום האלבער נאכט. ער האָט איצט גע־האט באזונדערס פיל ארבעט. די געסטאפּאָ האָט אויף אן אויסערגעוויינ־לעך שטארקן אופן אליארמירט דעם יודען־ראט, מאכנדיק אויפמערקזאם, אז זי וועט נישט דולדן, אז דאָס געטאָ זאָל ווערן א נעסט פון קאָמו־ניזם. „איינע וואהרע זויכע!". זיי האָבן באפוילן, אז דער יודען־ראט זאָל זיי צושטעלן א ליסטע פון אלע פארדעכטיקע מענטשן. שוסטער ווידער האָט געפאָדערט, אז מע זאָל אים מיך ארויסגעבן. ער האָט זיך אריינ־געריסן צו מיר אין שטוב, קאָנטראָלירט אלע אריינקומענדיקע און ארויס־גייענדיקע פון ווארשטאט, נאָר אָן רעזולטאט. ער האָט געוואָלט אויסאיבן א דרוק אויף מיין פאמיליע — איך האָב זי שוין נישט געהאט. אין יודען־ראט האָט מען מיר אָנגעגעבן א גענויע דאטע, ווען מיין פאמיליע איז „ארויסגעפאָרן אויף ארבעט נאָך אָסטן".

דעמאָלט האָט שוסטער ארויסגערופן צו זיך דעם אינזשיניער פ. ער האָט גערעדט מיט אים, ווי מיט אן אלטן באקאנטן, און דרך אגב א פרעג גע־טאָן וועגן מיר, צי ער ווייסט נישט ווי מיר גייט, אפשר וואָלט ער געקאָנט מיט עפּעס מיר בייהילפיק זיין, ער וואָלט, למשל, געקאָנט באווירקן די אָנפירונג פון ווארשטאט, אז מע זאָל מיר געבן לייכטע ארבעט, ווייל ווי אים איז באוווּסט ארבעט איך, צי איך האָב געארבעט, אין די שניידער־ווארשטאטן.

דער אינזשיניער האָט אים נישט געקאָנט געבן קיין שום אינפאָרמא־ציעס. ס'איז נישט געווען וואָס אויסצובאהאלטן, און ער האָט אים אָפן געזאָגט: איר ווייסט דאָך, הער שוסטער, אז ער איז געווען א קאָמוניסט און אז מיר האָבן געלעבט זייער שלעכט צווישן זיך.

— איר ווייסט, — האָט ער צוגעגעבן שמייכלענדיק — אפילו דאָ איז ער מיר דערגאנגען די יאָר און שטענדיק געגעבן אָנצוהערן, אז איך בין א פּאָליציאנט. און איינמאָל, ווען איך האָב נאָך געארבעט אלס וועכטער ביי די שניידער, האָט ער מיר געזאָגט אין דער אָנוועזנהייט פון אלע מענטשן: „האָסט זיך דערווארט, ס'האָט זיך דיר געחלומט אוראל, איצט רעווידירסטו די ארבעטער, צי זיי טראָגן נישט ארויס קיין שפּולקעס פּאָדעם".

קעגן יעדער דערווארטונג האָט שוסטער זיך אָנגעשמורעט: די אָנ־צוהערעניש אויף אוראל האָט ער אָפּגעשאצט ווי א שטעכוואָרט. די דייטשן האָט מען שוין געיאָגט ווייס, ווייט פון מאָסקווע און לענינגראד.

פון שוסטערן האָט פ. זיך דערוווּסט, אַז די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט קעגן רייך צאָלט זיך נישט אָפּ. דאָס קעמערל, וואָס ער האָט נישט לאַנג אַנט־דעקט, האָט נישט באַוויזן צו אַנטוויקלען קיין שום טעטיקייט. איבעריקנס זיינען זיי שוין נישטאָ — ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און צעבעמענדיק ברייט די פינגער האָט ער צוגעגעבן:

— פינף זיינען זיי געווען, זיי זיינען שוין אין אָשוויענטשים.

איך האָב דעם אינזשעניער פ. נישט געפרעגט, צי איך קאָן נאָך פאַר־בלייבן ביי אים. איך האָב נישט געהאַט וווּ צו גיין, און וועגן אויסבאַהאַלטן זיך אין געטאָ האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד. איך האָב זיך געוואָלט דערוויסן, וואָס איז געוואָרן מיט אונדזער לעצטן חבר, דעם פאָטאָגראַפיסט י. ה., און איך האָב אַ פרעג געטאָן דעם אינזשעניער, וואָס ער מיינט וועגן איינשאַפן זיך פאַלשע דאָקומענטן, ווייל אָן אויפנאַמע וואָלט וואַרשייב־לעך געקאָנט מאַכן דער פאָטאָגראַפיסט פון זשער „סטודיע".

— אָן אויפנאַמע איז אַ נאַרישקייט, דעם דאָזיקן ח. וואָלט מען גע־קאָנט דאָ אַהער בעטן, ער איז, דאַכט זיך, אַן אָרנטלעכער מענטש, אָבער ווו נעמט מען דאָקומענטן?

צי האָט ער נאָכאַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן וואַרזשעניעצן, וועלכער וואָלט אים געקאָנט פאַרלייכטערן דאָס אַנטלויפן?

— זייט רואיק דאָ ביי מיר, עפּעס וועלן מיר שוין צוטראַכטן.

איך האָב דעריבער געוווּסט אויף זיכער, אַז קיינער פון די אַרעס־טירטע האָט נישט „געשיט". שוסטער האָט מיך געזוכט, ווייל ער האָט גע־וווּסט, אַז איך קאָן זיך מיט וואַרזשעניעצן, וועגן פאָטאָגראַפיסט האָט ער גאָרנישט געוווּסט.

איך ווייס, אַז מיין דערקלערונג איז קאַרג און טרוקן אָבער ווען איך זאָג, אַז נישט דאָס קינד רוזשאַ, נישט קיין איינער פון די אַרעסטירטע האָט נישט געזאָגט קיין איין וואָרט, קאָן מען זיך שוין אַליין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ גייסטיקן כוח, מוט און שטאָלץ די דאָזיקע מענטשן האָבן באַ־זעסן, אויב זיי האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן דער פיין און די עינויים.

וויפל האָב איך געקאָנט זיצן אין זשער וווינונג פון אינזשעניער? נאָך דעם ליקווידירן די אָרגאַניזאַציע האָבן די דייטשן באַשלאָסן צו געבן אַזאַ קלאַפּ, אַז ער זאָל זיין אָנוועזנדיק, און אַז אַלע זאָלן אים דערפילן. זיי האָבן זיך גענומען צו דער יוגנט, אפילו צו דער, וועלכע איז געווען באַשעפטיקט אין די וואַרשטאַטן און וועלכע איז לויט דער מיינונג פון דייטשן לייטער געווען קריגסוויכטיק, גלייכצייטיק האָבן זיי זיך אַ נעם

געטאָן אויך צו די עלטערע מענטשן. ווען די יידישע פּאָליציי האָט צו־נויפגעטריבן אויפן פּלאַץ די ערשטע און די צווייטע, אויפן פּלאַץ, וואָס לעבן די קאַשאַרן, האָב איך געזאָגט צום אינזשיניער:

— און אפשר איצט אַזוי זיך אַרויסדרייען?

ער האָט געפרעגט אַ פאַרוואונדערטער:

— וואָס הייסט, איצט?

— ווען דו וואָלסט מיר געהאָלפן, וואָלט איך זיך געקאָנט אַריינבאַקומען צווישן אַ גרופּע יוגנטלעכע וועלכע איז באַשטימט אויף אַרבעט אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד.

— און דו וואָלסט געפאָרן?

— וואָס דען, ווי לאַנג קאָן מען דאָ זיצן? — איך האָב אויסגעבעטערט: ווי לאַנג קאָנען מיר דאָ נאָך זיצן?

ער האָט געשוויגן, און איך האָב נאָכאַמאָל געזאָגט:

— ווען איך זאָל וויסן, אַז דער שוסטער לויערט נישט אויף מיר, וואָלט איך געגאַנגען.

שוסטער איז נישט געווען. די אַקציע האָט דורכגעפירט דער זאָנדער־באַוופטראַגטער, וועלכער האָט אַרויסגעשיקט מענטשן אויף אַרבעט. ער האָט דיספּאָנירט מיט אַן אייגענעם שטאַב פון באַאמטע און מיט אַן אייגענער אַדמיניסטראַציע. אַנדערע מאַכט־אָרגאַנען האָבן דערמיט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס.

דער אינזשיניער האָט מיר געגעבן אַ ביסל וועש, אַ פּאָר שטאַרקע שיך און האָט מיך צוגעפירט צום זאַמל־פּונקט. עטלעכע הונדערט יונגע מענטשן זיינען געווען אַרומגעשטעלט דורך דער יידישער פּאָליציי. פונדערווייטנס הינטער דער מויער פון די קאַשאַרן האָב איך געזען אַ מחנה פון תּקנים, פרויען און קינדער. יענע זיינען געפאָרן גלייך קיין אַשוויענטשים.

דער אינזשיניער פ. איז געשטאַנען דערנעבן, געבנדיק אַכטונג, צי עס קומט נישט אָן קיינער פון דער געסטאַפּאָ. ער האָט פּאַקטיש מיך געהיט.

פון דעם צונויפגעדריבגענעם המון יונגע מענטשן האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוטיילן אַ צווייאיקע ריי וועלכע האָט זיך דערנענטערט צום טישל, ביי וועלכן עס האָבן אַמטירט עטלעכע דייטשן. זיי האָבן פאַרשריבן די נעמען און פאַמיליעס קאָנטראָלירנדיק גלייכצייטיק די אויסווייזן, וועלכע זיינען געווען מיט פּאָטאָגראַפיעס. און פּלוצעם האָב איך אַ טראַכט געטאָן מיט שוידער, אַז שוסטער דאַרף מיך גאַרנישט זוכן. אויב איך וועל אָנגעבן מיין נאָמען און פאַמיליע, דאַן קאָנען שוין די באַאמטע, וועלכע

זיינען זיכער איינפארמירט, אז זיי דארפן לייגן אכט אויף א מענטש מיט אזא באמען און פאמיליע, אדער גלייך אים צו וויסן טאן, אדער אליין מיך פארהאלטן.

איך האב זיך געווענדעט צום אינזשיניער און אים א שעפטשע געטאן:

— הער, דארט — איך האב מיטן בליק אנגעוויזן אויף דעם טישל — מוז איך אנגעבן מיין נאמען און פאמיליע. מעגלעך, אז זיי וויסן וועגן מיר, אדער אויב די רשימה זאל אריינפאלן אין די הענט פון שופא אדער געסטאפא, דאן וועט שוסטער אין משך פון איין טאג מיך אויסגעפינען אין דעם לאגער, ווו מע שיקט אונדז.

ער איז בלאס געווארן, און א ציטערנדיק מיך באך זיך, האט ער זיך אוועקגעשטעלט הינטערן עולם.

איך האב אים געבעטן: העלף מיר, העלף, איך קאן שוין נישט מער.

איך האב דערזען א פנים, פאר וועלכן איך האב מיך דערשראקן.

— האסט מיך נישט געוואלט קאנטאקטירן מיט וואווזשיניעצן, האסט נישט געוואלט, האסט מורא געהאט, איר האט מורא געהאט פאר מיר, צוליב דעם אוראל, צוליב מיין קעגנערישקייט, אבער ער האט געהאט א מעגלעכקייט צו ראטעווען סיי מיך, סיי דיך — ער האט געמאכט א ברייטן קרייז מיט דער האנט — סיי זיי אלעמען, נאר דו האסט מיר פארמאכט דעם וועג, האסט נישט געוואלט...

ווילסט זיך נוקם זיין?

ער האט זיך איינגעקוקט אין דער מחנה פון זקנים און קינדער, וועלכע האבן זיך געזאמלט אביסל ווייטער.

— ווילסט גיין אהין? — ער האט מיר אנגעוויזן אויף די מענטשן, וועלכע זיינען באשטימט אויף אשוויענטשים — דארט פארשרייבט מען נישט.

איך האב געוווסט, אז דארט פארשרייבט מען נישט. דארט איז געווען אפאל און מיסט, וועלכע מען האט געלאדעוועט אין די וואגאנען און גלייך אפגעשיקט אין די גאז־קאמערס.

— באקלער זיך, ווילסט?

ער האט געוווסט דערפון, פונקט אזוי גוט ווי איך.

— באקלער זיך, איך וועל דיר העלפן.

איך האב נאכאמאל א קוק געטאן צום טישל. די יוגנט איז צוגע־נאנגען פאמעלעך, בחורים און מיידלעך. זיי האבן באוויזן זייערע „אויס־וויזן". קיינער האט נישט געוואלט זיין נישט קיין קראנקער, נישט קיין קא־

ליקע, קיינער האָט זיך נישט געוואָלט געפינען אין דער גרופּע, וועלכע איז באַשטימט צום טויט.

איך האָב געזאָגט דעצידירט:

— איך וועל גיין אַהין.

ער האָט מיך גענומען אונטער דער האַנט, מיר זיינען געגאַנגען פאַרויס, דערווייטערנדיק זיך אַלץ מער, און דעמלט האָט ער נאָך געזאָגט:

— זעסט, איך האָב געוואָלט אַנדערש און איצט העלף איך דיר געפינען אַ לייכטערן טויט. אויב דו וועסט באַגעגענען אין אַשוויענטשים וואַרשיניעצן, זאָג אים, אַז איך בין געווען מיט אייך, אַז צוליב דיין שולד...

ער האָט איבערגעריסן. ער האָט באַמערקט, אַז מע קאָן מיך שוין איצט אין גאָרנישט באַשולדיקן.

* * *

נאָך דעם אויפשטאַנד אין אַשוויענטשימער קרעמאַטאָריום, דאַכט זיך אין אויגוסט 1944, האָט מען אַ טייל פון דער קאָמאַנדאָ איבערגעוואָרפן אויף דעם לאַגער ד. זייער בלאָק, דער נייִנטער צי דער עלפטער, איז געווען שטאַרק געהיט, דאָך האָב איך מיך אין אַ געווויסן טאָג אַריינבאַקומען אַהין. איך האָב זיך געוואָלט דערוויסן פּרטים וועגן דעם אויפשטאַנד, אָבער די מענטשן האָבן דערציילט כאַאָטיש, פאַרנעפּלענדיק זייערע דערקלערונגען מיט נישט וועזנטלעכע איינצלהייטן: עס האָט זיך באַקומען אַ מין זעלבסט-באַרימעריי, אַ שלעכט פאַרמאַסקירטע און נישט געשמאַקע פּאַרריסנקייט. אייניקע האָבן דאָרט געאַרבעט שוין פון צוויי יאָר. איך האָב זיי געפרעגט, צי ווייסן זיי עפּעס פון אַ גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון פינף מענטשן, וועלכע איז אָנגעקומען פון אַשוויענטשים אין מערץ 1943. זיי האָבן נישט געוווסט. אַ סך גרופּעס אַזעלכע זיינען אָנגעקומען נישט מיט דער באַן, נאָר מיט אויטאָס פון פאַרשידענע ערטער. איך האָב זיי געזאָגט אַז אין דער גרופּע איז געווען אַ מיידל, אַ יונגע, מיט רויטע האָר, און פיר מאַנצ-לייט, אפשר דערמאָנען זיי זיך.

— ייִדן?

— יאָ, אָבער דאָרט איז אויך געווען אַ פּאָליאַק. אפשר דערמאָנט איר זיך, אַלע האָבן געטראָגן בענדער, ער נישט.

— וואַרט, וואַרט, עפּעס דערמאָן איך זיך, אַזאַ נידעריקער מיט פּלאַט-פוס.

איך האָב געוווּסט, אַז ער רעדט וועגן וואַשינגטאָן.

— וואָס איז מיט זיי געוואָרן, מע האָט זיי פאַרגאַזעוועט?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט דער העכערקייט פון אַ מענטש, פאַר וועלכן איך לאַגער איז קיין שום סוד נישטאָ.

— אַ בטלן, פאַרגאַזעוועט, וואָס מיינסטו, אַז פאַר פינף מענטשן וועט מען לאָזן אין באַוועגונג די גאַז־קאַמער? דאָס קאָסט דאָך אַ קופּע געלט. מיט איין ציקלאָן קאָן מען דאָך גלייך דערשטיקן אַ טויזנט מענטשן — ער האָט זיך כמעט באַרימט: — און נאָך מער.

שפּעטער האָט געפרעגט:

— זיי האָבן זיכער געהאַט דיין געלד, וואָס? אַז ס'איז אָנגעקומען אַ פּאַליאַק צוזאַמען מיט ייִדן, האָבן מיר גלייך געוווּסט, אַז דאָס איז עפּעס אַ שמוגל, אָדער אַן אַנדערער האַנדל מיטן געטאָ.

איך האָב נישט געזען די פּנימער. דורך די טרערן האָב איך בלויז געזען וואַקלענדיקע, באַוועגלעכע געשטאַלטן און געזיכטער.

— דאָס זיינען געווען קאָמוניסטן.

דער עדות פון זייער טויט האָט געזאָגט:

— האָסטו דאָך דאָס געקאָנט גלייך זאָגן, פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיי געזען. איידער מע האָט זיי צעשאָסן, האָבן זיי געזונגען דעם „אינטער־נאַציאָנאַל“.

דו ווייסט, אַז דאָס רויטע מיידל, איז נאָך געווען כמעט אַ קינד.

אַרטור זאַנדאַוער

די געזעלשאַפט מיט באַגרענעצטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט

ד"ר העגריק יאססים האָט אַראָפּגענומען די פאַרנעפּלטע ברילן, אָנ־געהויכט אויף זיי און אויסגעווישט מיטן טיכעלע: א סימן פון צופרידנ־קייט. דער גרויסער זאַל, צעטיילט אינדערמיט מיט א הילצערנער באַר־יערע און אויסגעמעבלירט מיט צוויי שענק און מיט א היבשנדיקן טיש און א שטול אויף א פּאָדיום, איז שוין לאַנג נישט געווען געהייצט. פון די שפּאַרעס אין דער פּאָדלאָגע האָט געוויִעט מיט קעלט; דורך די שויבן, באַדעקטע מיט פראָסטיקן טוי, האָט זיך אַדורכגעזיפּט דער פעברואַר־באַ־גינען. ד"ר יאססים האָט זיך געפילט אין אן אויסגעצייכנטער שטימונג צו אַרבעטן. מיט א רגע פריער האָט ער טאַקע באַקומען די פרישסטע מיטטיילונגען פון מתים־צימער. איבעריקנס, נישט קיין שום אינטערע־סאַנטס: א וועלכע פינף קאַרטאָטעקעס צו דערליידיקן. די סיבה איז נישט אָנגעגעבן. הייסט עס, ווי געוויינלעך, הונגער־געשווילעכץ אָדער טיפוס. מען דאַרף פונדעסטוועגן מודה זיין, אַז דאָס מתים־צימער אמטירט א מחיה, באַר די פינגער צו לעקן. ד"ר העגריק האָט מיט אָנערקענונג גע־שאָקלט מיטן קאָפּ. — אכט אזייגער שיקן זיי שוין די טויט־שיינען. ווירקלעך, ווירקלעך, מען מוז מודה זיין... דער טאָג הייבט זיך אָן נישט ווי צום ערגסטן. ער האָט אַריינגעקוקט אין דעם העפט פון סטאַטיסטיק. וו ער האָט אַריינגעשריבן דעם טעגלעכן צושטאַנד פון דער באַפעלקע־

רונג. נעכטן איז געוועזן 10.005, און היינט — סארא ווונדער! — גענויע 10.000. זעלטן טרעפט זיך אזא קיילעכדיקע ציפער, וואָס איז אזוי אָנגענעם אָנצוטאַפּן: פיר נולן און אַן איינזאַם איינסל. א נול איז א סך אָנגענעמער צו שרייבן, ווי אנדערע ציפערן: א שטענדיק בייכל און אינדערמיט א ווײדעלע. ווען נישט דאָס איינסל אין אָנהויב, וואָלט מען געקאָנט אָנשרייבן פינף גלייכע נולן. א פארגעניגן אַזש צו טראכטן. נו, אָבער גענוג פאנטאזיעס אויף היינט! צו דער ארבעט, צו טאַט!

און ארבעט איז פאַראַן א בארג: פארצייכענען די טויט־שיינען, וואָס זיינען דערהאַלטן געוואָרן פונעם מתים־צימער, אין העפט פון די ארייַנגעפלאָסענע דאָקומענטן; אויפזוכן פינף קארטאָטעקעס און, צוזאמענהעפטנדיק זיי מיט קלאַמערס מיט דעם אנטשפּרעכנדיקן דאָקומענט וועגן טויט, זיי איבערטראָגן פון דער שיטער־ווערנדיקער שאַנק פון די לעבעדיקע אין דער געשוואָלן־ווערנדיקער שאַנק פון די טויטע; עס וועט באַלד נישט קלעקן אין איר קיין אָרט; מען דארף באַצייטנס באַשטעלן א צווייטע ביים טישלער. ווייטער — ד״ר הענריק פארבייגט די פינגער פון דער לינקער האַנט — וועלן מיר צוזאמענשטעלן דריי בריוועלעך: איינס צום וווינונג־אַמט, אַז מען זאָל ביי דער אויסגעשטראָכענער קאַרטאָטעקע צונעמען דאָס רעכט צו פארנעמען א וווינונג; דאָס צווייטע — צום ארבעטס־אַמט, אַז מען זאָל זי נישט בחינם רופן אויף צוואַנג־ארבעט; דאָס דריטע און לעצטע — צו דער ווירטשאַפט־אָפּטיילונג, אַז מען זאָל פון איר צוריקציען די צוטיילונג פון די טעגלעכע 10 דעקאָ ברויט.

די אויבנאויסגערעכנטע בריוו פארצייכענען אין דעם העפט פון די אוועקגעשיקטע, אָפּשיקן מיט א שליח און צוהיטן די קבלה־באַשטעטיקונגען, וואָרן עס פאַסירן דאָך אומאָנגענעמע, כאָטש אין א געוויסן זין וויציקע פאַלן: אזוי צ. ב. האָט איינער פון די געשטאָרבענע אָפּגענומען די ברויט־קארטן און נאָך געגאַנגען אויף צוואַנג־ארבעט צוויי וואָכן נאָכדעם, ווי ער איז געוואָרן אויסגעשטראָכן. ווי אזוי דאָס איז געשען, ווייסט מען נישט, ווייל דאָס ברויט האָט געקאָנט אָפּנעמען פאַר אים די משפחה, אָבער ווער וואָלט געגאַנגען פאַר אים אויף ארבעט? וויפל האָט זיך עס דעמלט ד״ר הענריק נישט געגריבלט אין די טעקעס פון ארייַנגעקומענע און אוועקגעשיקטע דאָקומענטן! אומזיסט! דער מת האָט מיטגענומען אין קבר אריין דעם סוד פון זיינע צוטיילונגען נאָכן טויט. דאָס געהיימעניש וועט שוין קיינמאָל נישט אויפגעקלערט ווערן!

נו, אָבער גענוג שוין די טראַכטענישן! איז וועלן מיר די דערמאָנטע דריי בריוועלעך סטיליזירן, פארצייכענען און אוועקשיקן מיטן שליח. און

דערנאָך, דערנאָך — אויב עס וועט קלעקן צייט — און דאָס נאָר אין די ראַמען פון אייגענער איניציאַטיוו און אין א געוויסער מאָס אָן פּער־זענלעכן נוצן — וועלן מיר אייגנהענטיק איבערציילן די קאַרטאָטעקעס, כדי זיך באַשיימפּערלעך איבערצוציינגן צו זייער פּאַקטישע סומע שטימט מיט דער אָנגעגעבענער ציפער אין דעם סטאַטיסטישן העפט, — א שווערע אַרבעט, וועלכע גיט אָבער נישט קיין קליינע סאַטיספּאַקציע. עס פּאַסירט צ. ב. — ביים סאַמע סוף פונעם ציילן — אז עס גיט דיך א כאַפּ אַרום א מחיהדיקע שרעק, א ציטער לויפט דראָבנע איבער די פּלייצעס: דער שטויס קאַרטאָטעקעס אין דער האַנט דאַכט זיך אויס צו זיין זייער דין; איז דאָ אפשר א טעות. א רגע פון הערלעכער אומזיכערקייט, א געפיל פון שטילשטאַנד, וואָס ווערט פּאַרטויבט דורכן פּרעפּלען פון די ליפּן און — דער שלאָגסט זיך צום ציל: 10.000 ווי אויסגעגאָסן! אונטערן באַלע־באָס בליק ווערט דאָס פּערד דיק!

ד״ר הענריק רייסט אָפּ מיט נערוועזער איילעניש א פּאַסיקל צייטונג, וואָס איז ריין פון דרוק, באַקומט אַרויס פון וועסטל־קעשענע א טראָפּן מאַכאָרקע, פּאַרדרייט עס און באַלעקט. ווען ער זויגט זיך איין אין דעם פּאַפּיראָס, וואָס ער האַלט אין די פינף פינגער, בלאָנדזשעט אויף זיין שפּיציק פּנים א שמייכל צי ווי פון א נאַשעריי, צי ווי פון פאַרשכורונג. אין א רגע אַרום זינקט ער איין מיט דער נאָז אין די פּאַפּירן. זיינע ריזי־קע, איינגעהויקערטע פּלייצעס פּאַררונדיקן זיך נאָך מער.

און דאָס וואָס איז? יוסף גראַד? — יאָ — געבוירן 1910 — יאָ — דער זון פון לייבן — יאָ — אויף מידלאַרסקע גאַס — געשטאָרבן נעכטן דעם 16־טן פּעברואַר 1942 אויף — די סיבה איז נישט אָנגעגעבן. ד״ר הענריק כאַפּט איילִיק דעם העפט פון די אוועקגעשיקטע דאָקומענטן, בלע־טערט. נאַטירלעך, דער זכרון האָט אים — ווי שטענדיק — נישט פּאַר־פירט. ס׳איז דאָ. יוסף גראַד, געבוירן, דער זון, געוווינט — געשטאָרבן דעם 16־טן דעצעמבער 1941, וואָס וועגן דעם ענין איז געפירט געוואָרן א קאָרעספּאָנדענץ מיט די אָפּטיילונגען פון דער ווירטשאַפט, וווינונג און אַרבעט. צוויי מאָל שטאַרבן, דאָס — אנטשולדיקט זייער. דער ענין איז א קאָמפּליצירטער. מען קאָן, וואָס אן אמת, אָננעמען, אז יוסף גראַד איז צום ערשטן מאָל געשטאָרבן אויף מכלומרשט, כדי זיך אַרויסצודרייען פון דער צוואַנג־אַרבעט, און ערשט איצט האָט ער זיך ענדגילטיק צע־שיידט מיט דער וועלט. אין אזא פאַל אָבער וואָלט דער פריערדיקער טויט־שיין געווען א פאַלשער. צי זאָל אויך די מתים־שטוב אזא, — זיך אויס־

צודריקן — נישט איבערקויפלעכע, צי האָט אויך זי גענומען מאַכן חזירייען? אויף וועמען זשע קאָן מען זיך שוין, אויב אַזוי, פאַרלאָזן? אין דער צוקונפט וועט מען מוזן שיקן א שליח, ער זאָל קאָנטראָלירן די צאָל מתים. דערווייל אָבער דאַרף מען געפינען עפּעס א לעגאַלן אויסוועג פון דער לאַגע, ווען אויף צוויי טויט־שיינען פאַלט אויס בלויז איין קאַרטאָטעקע. וואָס הייבט מען אָן צו טאָן מיט דעם איבעריקן טויט־שיין? פאַרניכטן א דאָקומענט, וואָס ד״ר הענריק האָט אגב באַשטעטיקט זיין קבלה, איז נישט מעגלעך. סיידן... סיידן... מען זאָל די פאַלשקייט פאַרטושן מיט א פאַלשקייט, באַשאַפן א צווייטן יוסף גראַד, כדי אים גלייך טויטן, אויסשרייבן א פיקטיווע קאַרטאָטעקע און צושפּילן צו איר דעם טויט־אַקט. צייטן... צייטן... א שווינדל דאַרף מען דעקן מיט א שווינדל. ד״ר הענריק נעמט א ריינע קאַרטאָטעקע פון דעם אונטערשטן טיש־קעסטל און, פאַרשטעלנדיק זי מיטן רעכטן אַקסל, קוקנדיק יעדע רגע צו דער טיר, פּילט ער זי שנעל אויס. נאָך דעם פאַרשפּיליעט ער זי מיט א קלאַמרע מיטן טויט־שיין און, צוגייענדיק אויף די פינגער צו דער שאַנק פון די טויטע, לייגט ער זי אַריין אין קעסטל מיט דער אויפשריפט גל—גז לעבן דעם צווייטן יוסף גראַד. דערנאָך זעצט ער זיך און ווישט אָפּ די טראָפּנס שווייס פון שטערן. צוליב באַרואיקונג דערלויבט ער זיך שוין אין פאַרלויף פון א שעה אויף א צווייטן פּאַפּיראָס.

ד״ר הענריק האָט גראַד געהאַלטן נאָכן דערלידיקן די פינף געשטאָרבענע און צוזאַמענשטעלן 15 בריוו צו דריי אָפּטיילונגען — אין איבערציילן די קאַרטאָטעקעס אין דער שאַנק פון די לעבעדיקע און בדעה געהאַט איינצונעצן מיט שפּייעכץ דעם פינגער, כדי צו פאַרענדיקן דעם צווייטן הונדערט פון דעם דריטן טויזנט, ווען ער האָט דערהערט אין דער נאָענט שווערע און גענוג אומגעלומפּערטע טריט. ד״ר הענריק האָט זייער נישט ליב געהאַט, מען זאָל אים שטערן אין דער אַרבעט. דערייבער האָט ער נישט אָן אויפרעגונג א קוק געטאָן אויף דער געשטאַלט, — פאַרן הייבנטצייטיקן לייענער אפשר א זייער אויסטערלישע, — וואָס איז פאַר אים געווען איינע פון די סאַמע געוויינלעכסטע. די פיס אין שטרויענע טרעטערס, אַנגעטאָן אין א קאָלדרע אַרומגעבונדן מיט א שנור, מיט אויגן פאַרזונקענע אין אָנגעשוואָלענע לעפלעך. אויף א גענוג אָריגינעלן אופן איז זי אַרויפגעגאַנגען אויפן פּאָדיום, אונטערהויבנדיק מיט בײדע הענט א פוס ביי דער קני און נאָך דעם האָט זי זיך שווער אָנגעשפּאַרט אין טיש.

— אייער וווּנטש?... — האָט ד״ר הענריק געפרעגט נאָך א רגע, צו־ציילנדיק א הונדערט ביז צום סוף און אוועקרוקנדיק דעם שטויס קאַר־טאָטעקעס אין א זייט.

— איך בעט, דער הער דאָקטאָר זאָל זיין אזוי גוט מיר טון א טובה.

— וואָס פאַר א טובה? איך בעט, נישט דערנענטערן זיך צום טיש.

— ד״ר הענריק האָט געלעבט אין דער פאַרשטענדלעכער שרעק פאַר אָנ־שטעקנדיקע לייז.

— אויסצושרייבן מיר א צעטל אין ארבעט־אַמט, אז איך לעב.

— וואָס הייסט — אז איר לעבט? און ווער זאָגט אייך, אז איר זייט געשטאָרבן?

— דער הער דאָקטאָר זאָגט. דער הער דאָקטאָר האָט מיט א שעה צוריק ארויסגעשיקט א צעטל צום ארבעטס־אַמט, אז מע זאָל מיך אויס־שטרייכן פון דער ליסטע פון די ארבעטנדיקע.

— אויף וואָס פאַר א נאָמען איז געווען אויסגעשטעלט דאָס צעטל?

— אויף וואָס פאַר א נאָמען איז געווען אויסגע...? איך פאַרשטיי נישט, הער דאָקטאָר.

— ווי הייסט איר, פרעג איך.

— יוסף גראַד.

— וואָס? איר הייסט?

— יאָ, איך הייס אזוי.

— מענטש, וואָס האָט איר מיר געטאָן? דורך אייך בין איך באַ־גאַנגען א שווינדל, צוואַנציק יאָר בין איך געווען א פּראָקורענט. אלץ האָט געשטימט אויף א האָר, דער אלטער פיטערניק פלעגט זאָגן: „אזא פּראָקורענט, ווי ד״ר יאַססים דאַרף מען מיט ליכט זוכן״. דורך אייך האָב איך היינט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אויסגעשטעלט א פיקטיווע קאַרטאָטעקע, און איר ווילט מיר איינרעדן, אז איר לעבט. זעט איר, דאָ זיינען פאַראַן באַווייזן — ד״ר הענריק איז צוגעלאָפן צו דער שאַנק פון די טויטע און מיט פינגער צאַפּלענדיקע פון אויפרעגונג, האָט ער ארויס־גענומען די קאַרטאָטעקעס פון ביידע גראַדן. — דאָס ערשטע מאָל זענט איר געשטאָרבן פאַראַיאָרן דעם 14־טן דעצעמבער אויף א טיפוס, און דאָס צווייטע מאָל נעכטן, דעם 16־טן פעברואַר ד. י. — די סיבה איז נישט אָנגעגעבן. פאַר מיר עקזיסטירט איר נישט, איר פאַרשטייט?

— איז אפשר עמעץ אנדערש געשטאָרבן, וואָס האָט אויך אזוי גע־הייסן?

— ניין, צום דריטן מאָל וועט איר מיך שוין נישט אָפּשווינדלען. שפּאַרט זיך נישט אָן אין טיש. ווי האָט געהייסן אייער פאָטער?

— נו, לעאָן.

— ריכטיק. און ווו ווינט איר?

— אויף...

נו?

— אויף דער מידלאַרסקע.

— נו, ריכטיק. און איר ווילט איינרעדן, אַז נישט איר זענט געשטאָרבן.

— אָבער איך לעב דאָך.

— נו, וואָס קומט אַרויס דערפון, וואָס איר לעבט, אַז איך האָב שוין אַרויסגעשיקט אין די אָפּטיילונגען צוויי מאָל צו דריי בריוו. צוזאַמען זעקס, וואָס באַשטעטיקן אייער טויט. דאָס וועט זיך נישט לאָזן צוריקציען.

— נו, אויב אַזוי, זע איך, וועל איך שוין מוזן דעם הער דאָקטאָר אַלץ דערציילן. ווען ס'איז געווען די רעגיסטראַציע אויף ברויט, האָב איך זיך איינגעמאָלדן צוויי מאָל — איין מאָל מיטן טאַטן און איין מאָל מיט די קינדער, כדי איך זאָל קאָנען אַרויסבאַקומען פאַר זיי אַ ביסל מער ברויט. אָבער דערנאָך האָט דער אַרבעטס־אַמט אָנגעהויבן צו רופן אַלעמען דריי מאָל אַ וואָך אויף אַרבעט, און מיך זעקס מאָל, ווייל ער האָט געמיינט, אַז איך בין צוויי. נו, האָב איך געמוזט דאָס ערשטע מאָל שטאַרבן, ווייל פונוואַנען האָב איך כוח צו אַרבעטן שווער אַ גאַנצע וואָך פאַר די דייטשן? און פאַריקע וואָך בין איך אַזוי געפאַלן פון די כוחות, אַזוי געפאַלן, אַז איך האָב שוין די ברעטער צו דער בויונג אינגאַנצן נישט געקאָנט שלעפּן, ובפרט, אַז מיך האָט נאָך מירדזשע דער הויקער, דער הער קען אים?

— איך קען נישט קיין שום מירדזשע.

— דער הער מוז אים קענען. דער, וואָס איז אַמאָל אַ קאַנאַל־אַרבעטער געווען, ער ווינט אויף דער קאָמפּיעלאָווע, פון יענער זייט בריק, לעבן שעכט־הויז.

— איך קען נישט קיין שום קאַנאַל־אַרבעטער.

— דער הער קען אים זיכער זייער גוט, נאָר דער הער געדענקט אים נישט. ער דינט איצט אַלס פאָלקס־דייטש ביי די דייטשן! נו, האָט ער דאָס מיר מיט פיר טעג צוריק אַזוי צענעריקט, אַז איך בין שיעור נישט

אויפן אָרט קיין טויטער געפאַלן, איז טראַכט איך מיר: כ׳וויל בעסער פון הונגער פּגרן, איידער פון אַזאַ מיר־דזשע אויסצושטיין און איך בין געשוואָרבן צום צווייטן מאָל.

— און א מת פונוואַנען האָט איר גענומען?

— איך האָב אַזאַ קוזין, וואָס קאָן אין מתים־שטוב אויספירן אַלץ. אָבער איצט ווייזט זיך אַרויס, אַז איך האָב שלעכט געטאָן, ווייל היינט אינדערפרי האָט מען געשמועסט אין גאַס, אַז זיי וועלן נעמען אין די לאַגערן אַלע, וואָס אַרבעטן נישט. ווער ווייסט זיי? ביי זיי קאָן מען זיך אויף אַלץ ריכטן.

—וואָס פלוידערט איר? וואָס פאַר א פּאַניק־מאַכעריי? עס האָט נאָך קיינער קיינמאָל נישט אַרויסגעפירט קיין ציווילע באַפעלקערונג אין לאַגערן. איר שטערט בלויז די אָרדענונג מיט אייערע...

— איך בעט אייך זייער, הער דאָקטאָר, איר זאָלט מיך דאָס איינע מאָל צוריק איינמעלדן. מיר זיינען דאָך אייגענע. איך וויל נישט פאַר אומזיסט... איך וועל עפּעס פאַרקויפן...

דער באַזוכער האָט זיך מיט בעטנדיקע פינגער איינגעגעסן אין ד״ר יאַססימס אַרבל.

— וואָס? מיר? מיר לייגט איר פאָר כאַבאַר. מיר, אַן אַלטן באַאַמטן פון דער פירמע פּיטערניק און שותפים מיט באַגרענעצטער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט? איך בעט אַפּלאַזן!

ד״ר הענריק טוט א רייס די האַנט פון דעם באַזוכערס קלעם און פון אימפּעט טרעפט ער אים אין דער נישט געראַזירטער באַק אַריין. דער עפעקט איז א מאָמענטאַלער: דער פאַרשוין, וואָס האַלט זיך אַזוי אויך נישט גענוג זיכער אויף די פיס, טוט א פאַל אַראָפּ, ווי גרויס ער איז, פונעם פאָדיום אויף דער פאָדלאָגע.

ד״ר הענריק שטייט אַן איבעררַאַשטער, דריוולענדיק נערוועז מיט דער לינקער האַנט דעם אַרבל פון מאַנטל, בעת יענער הויבט זיך לאַנג־זאַם אויף מיט די הענט פון דער פאָדלאָגע. א רגע קוקט ער שווייגנדיק אויף ד״ר יאַססים, דערנאָך לאָזט ער זיך אומגעלומפּערט צו דער טיר. אויף דער שוועל דרייט ער זיך נאָך אַמאָל אום אויף צוריק און שאָקלענ־דיק מיטן קאָפּ, חזרט ער איבער דריי מאָל:

— מתים־ציילער... מתים־ציילער... מתים־ציילער...

ד״ר הענריק טוט אייליק אויס דעם מאַנטל און די מאַרינאַרקע, פאַרטראַכט זיך א רגע און טוט אין פלוצלינגן צאָרן א צי אַראָפּ, נישט

געקוקט אויף דעם פראָסט, אויך דאָס וועסטל. דאָס אַלץ טרייסלט ער גוט אויס, דערנאָך ווישט ער אויס די ברילן און זעצט זיך צוריק אוועק צום ציילן די קאַרטאָטעקעס.

* * *

עס זיינען אוועק טעג, וואָכן און חדשים און דורך דער צייט איז זיך א סך פאַרלאָפן מחוץ דער עווידענץ־ביוראָ: אויף די ביימער האָבן אַרויס־געשאָסן קנאָספּן, פון האַרמאַטן־סנאַריאַדן, פון פעלדער האָבן אַרויסגע־פּלאַצט מינעס און גריבנס. איבעריקנס, איז אויך ד"ר יאַססים נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. עס האָט זיך דערנענטערט די פּאַר־שניט־צייט. און די טויט־אַקטן האָבן געשטראָמט מיט אַן אמתדיקער פרילינגדיקער באַרפליצונג, נישט אײַנצוהאַלטן. אַרבעט איז געווען אַזוי פיל, אַז — נישט געקוקט אויף דער וויכטיקייט פון דעם אמט — האָט ער מער ווי איינמאָל אַראָפּגעוואָרפן די מאַרינאַרקע און מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל פון דעם העמד אָפּגענומען און אוועקגעשיקט בריוו, געצייכנט, נאָטירט און גערעכנט. דאָס באַקומען נאָך איין שאנק האָט אים דערלויבט אויף וויטערדיקע אויסבעסערונגען: אַזוי, צ. ב. האָט ער פאַרלייגט דריי נייע אָפּטיילונגען, וואָס די ערשטע האָט אַרומגענומען די פאַרפאַלן־געוואָרענע אָן ידיעות, די צווייטע — אַרויסגעפירטע אין אַרבעטס־לאַגערן און צום סוף די לעצטע — די צוגעפאָרענע. זיין אינסטרומענט איז דערמיט באַרייכערט געוואָרן מיט א גאַנצער גאַמע טענער, מיט מעגלעכקייטן פון ביז היינט אומבאַקאַנטע קאָמבינאַציעס און פאַרבינדונגען. זעענדיק אים, ווי ער האָט בליץ־שנעל אַרויסגעצויגן און פאַרקלאַפּט שופלאָדן, ווי ער האָט אַרויסגעכאַפּט און אין אַן אויגנבליק איבערגעוואָרפן קאַרטאָטע־קעס, מאַכנדיק אויף זיי, פאַרביילויפנדיק, פּרעציזע צייכנס, האָט זיך דער־פילט דער רייפער אַרטיסט, וואָס איז זיכער אין זיינע מיטלען און צילן.

פון ביוראָ פלעגט ער איצט אַרויסגיין, וואָס אַמאָל שפּעטער און ס'פלעגט טרעפן, אַז ער האָט זיך אומגעקערט פון האַלבן וועג, אַרומגע־כאַפּט פון א פלוצלינגדיקן אומרו, כדי אַדורכלויפנדיק די צו־אָונט פוסט־ווערנדיקע גאַסן, איילנדיק נאָכצוקאָנטראָלירן א הערגאַליפישע נאָטיץ אין איינעם פון די העפטן. ערשט דעמלט איז ער, א באַרואיקטער, אַהיימגע־גאַנגען צו דעם קאַרגן אָוונט־ברויט. עס איז פונדעסטוועגן נישט פאַר־הוילן געוואָרן פון דער אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט, אַז ד"ר יאַססים האָט אין דער דאָזיקער צייט — נישט געקוקט אויף דער באַשיימפּערלעכ־קייט פון נישט האָבן קיין זייטיקע הכנסות ביי אַזאַ אומבאַפלעקטער ער־

דעכקייט — גענומען לייב אויף זיך, צי צוליב זיין זיציקן אַרט לעבן, צי צוליב אנדערע ווייניקער קלאָרע סיבות. נישט אָן באַדייטונג איז דאָ אויך געווען געוויס יענע, אמתדיק סטאָישע, רואיקייט, מיט וועלכער ער האָט אויפגענומען די נייע, וואָס אמאָל שטרענגערע דייטשע פאַראָרדענונגען און אויך די וואָס אמאָל מער פּאַנישע קלאַנגען. ווען מע האָט גערעדט וועגן דעם באַפעל, וואָס ווערט צוגעגרייט, צו פאַרלאָזן די ביז־איצטיקע וווינונגען, האָט ער געצויגן מיט די אַקסלען:

— פונוואַנען וועלן זיי מיך אַרויסטרייבן? פון מיין סובלאַקאַטאָרי־שער לאָך? וועל איך זיך איבערקלייבן אהער און ס׳וועט מיר זיין נאָך בעסער.

און ווירקלעך — נישט וואַרטנדיק אויף אַן אַנטשפּרעכנדיקער פאַראָרדנונג — האָט ד״ר יאַססים אויסגעבעטן אין מאַגאַזין פון ראַט א צו־נויפגעלייגט בעטל מיט א מאַטעראַץ און זיך איינגעאיינסטאַלירט אין דער ביוראָ, און דאָס אַזוי פאַרבאָרגן, אַז קיינער פון די מיט־באַאַמטע — נישט געקוקט אויף די פּילמאַליקע באַמיאונגען — האָט אים קיינמאָל נישט געקאָנט כאַפּן נישט ווען ער שלאָפט, נישט ווען ער ראַזירט זיך און נישט ביי א וועלכע עס איז אנדערער טואַלעט־טעטיקייט.

איינמאָל בלויז, ס׳איז געווען א וואַרעמע אויגוסט־נאַכט, די פליגן האָבן, איינשלאָפנדיק גערזשומעט אויפן סופיט, און די נאַכט־שמעטערלינגען האָבן זיך שווער אָנגעשלאָגן אין די ווענט — האָט אים א פּלוצלינגדיקער גאַסט געטראָפן א נישט־אָנגעטוענעם. דאָס איז געווען ד״ר הערבערט קירש, א געוועזענער אַדוואָקאַט און מחבר פון א געלייענטער סטודיע וועגן אַנאַטאָל פראַנס, היינט דער פּרעזעס פון ראַט, וועלכער איז אַריינגעקומען אין דער עווידענץ־ביוראָ אויף די פינגער און פאַרן צומאַכן די טיר, זיך עטלעכע מאָל אַרומגעקוקט איבערן קאָרידאָר.

— איר... אַרבעט נישט? — האָט ער גלאַט אין דער וועלט אַריין געפרעגט דעם באַלעבאָס, וועלכער האָט זיך, אויפהויבנדיק פון בעט, שנעל פאַרריכט דאָס אָנטאָן.

ווירקלעך, איך האָב זיך דערלויבט אָפּצולייגן די רעשט אַרבעט אויף מאָרגן. איר קאָנט זיין רואיק, הער פּרעזעס, די קלענערע פאַרלעגענע אַרבעטן אין דער אָפּטיילונג פון די צוגעפאָרענע וועלן אין דער נאָענטסטער צייט...

— וועגן דעם שפּעטער. איר פאַרשטייט, אויב איך אליין בין אין אַזא שפּעטער צייט געקומען אין דער ביוראָ, איז דאָס נישט, כדי צו קאָנטראָלירן די אָפּטיילונג פון די צוגעפאָרענע. דאָ גייט וועגן א רשימה...

— א רשימה פון האָלץ־אַרבעטער פאַר דער פירמע „האָך אונד טיפבאו"? דער הער פּרעזעס האָט זי געפאָדערט פון מיר ערשט היינט, אָדער ריכטיקער... ד"ר יאַססים האָט א קוק געטאָן אויפן זייגערל: ס'איז געווען 15 מינוט נאָך צוועלף — נעכטן נאָך מיטאָג, און איך האָב נישט באַוויזן...

— דערלויבט... איך האָב אין זינען עפּעס אַנדערש...

— אַך, איך פאַרשטיי, א רשימה פון פאָר־פעלקער,וועלכע דאַרפן אין שייכות מיט דער פאָרגעזעענער קאָנטריבוציע באַלייגן די קידושין־רינגלעך. אין דעם טרעף איך זיך אָן אויף געוויסע שוועריקייטן, וואָס נעמען זיך פון די נישט גענוי באַצייכנטע געזעץ־באַגריפן אין אייער פאָראָרדענונג. די פאַראָרדענונג שטעלט נישט פעסט, נעמלעך, צי די פאָרלעך וועלכע לעבן אין ריטועלער פאַרבינדונג און זיינען נישט אַריינגעפירט אין די ציוויל־שטאַנד־אַקטן, דאַרפן באַטראַכט ווערן פאַר לעגאַלע פאַמיליעס, אָדער פאַר א מין קאָנקובינאַט. אין דעם צווייטן פאַל וואָלטן זיי נישט מחויב געווען אָפּצוגעבן די קידושין־רינגלעך, און דער עיקר, וואָס נישט תמיד...

— אָבער, דאָקטאָר, מיר וועלן קיינמאָל נישט קומען צו קיין פאַרשטענדיקונג, אויב איר וועט מיר איבעררייסן ביי יעדן וואָרט. איבער דער שטאָט הענגט, אָדער ריכטיקער, איז געהאָנגען היינטיקע נאַכט א קאַטאַסטראָפע, וועלכע עס האָט זיך נאָר אַדאַנק מיין געשיקטקייט איינגעגעבן טיילווייז אויסצומיידן...

— איך פאַרשטיי, הער פּרעזעס, הייסט עס, יענע רשימה?...

— איר פאַרשטייט גאָרנישט, ווי לאַנג איר וועט נישט אויסהערן. ניין א זייגער, ווען איך האָב זיך שוין געקליבן אהיים, פאַרפאָרט צו מיר גאבריעל, א בלאָסער, א פאַרענדערטער. פאַרשטענדלעך — גלייך בראָנפן, צובייסן. איך פּרוּוו פאַרפירן מיט אים א שמועס: עס גייט נישט. ערשט נאָכן פינפטן, אָדער זעקסטן גלעזל הויבט ער אויף צו מיר די אויגן און זאָגט: „באַפעל איז באַפעל", „וואָס פאַר א באַפעל"? — זאָג איך. איך האָב נישט געפרעגט, פאַרשטייט זיך, אַזוי דירעקט ווי איצט, נאָר איך האָב אָנגעוואָנדן געוויסע דיפּלאָמאַטישע גענג, וועלכע איך וועל ערשט נישט איבערגעבן. „וויפיל זייט איר"? — פרעגט ער. „אַרום א 7.000". „איז אָט אויף מאָרגן דאַרף איך טאַקע האָבן א העלפט, 3.500 מענטשן". „צו וואָס פאַר א ציל"? — פרעג איך — נאַטירלעך, אויף א דיפּלאָמאַטישן אופן. צום איבערזידלען — זאָגט ער, אויב דער אויסדרוק אַרט אייך נישט צו שטאַרק". „3.500 צום איבערזידלען! — האָב איך אויסגערופן — קיינמאָל נישט! סיידן איבער מיין טויטן קערפּער!" איך האָב דאָס פאַרשטענד־

לעך, נישט געזאָגט פּונקט אזוי, אָבער דאָס האָט זיך מער־ווייניקער באַקומען פון דעם זין פון מיין ענטפער. „פּאַרפאַלן — ענטפערט ער מיט געמאַכטער העפלעכקייט — אויב איר קאָנט מיר נישט העלפן, וועלן מיר זיך אליין אַן עצה געבן — בלויז מיט דעם אונטערשיד, וואָס עס וועלן דערביי אומקומען א סך מענטשן, און איך וועל נישט קאָנען ערב זיין פאַר קיינעמס זיכערקייט. איך גיב אייך א געלעגנהייט, וועלכע איר קאָנט אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן”. „איר קאָנט אָבער נישט פאַרלאַנגען — זאָג איך, אז איך, דער קאָפּ פון דער דאָזיקער שטאָט, זאָל מיטאַרבעטן ביים פאַרניכטן זי”. „גיב איך אייך טאַקע די מעגלעכקייט צו פּאַרטיידיקן א העלפט פון איר”.

ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „פּאַרטיידיקן” האָט מיר אויפגעבליצט אין קאָפּ א געוויסער געדאַנק, מיט וועלכן עס וואָלטן זיך נישט געשעמט די בארימטסטע אַדוואָקאַטן פון לאַנד און אויסלאַנד. פּאַרטיידיקן — זאָג איך — איז מיין נאַטירלעכע פליכט, סיי צוליב מיין הייגטיקער פונקציע, ווי אויך צוליב מיין אַמאָליקן פאַך. ווען איך וואָלט שוין מסכים געווען איבערצוגעבן אייך וועלכע עס איז רשימה, וואָלט זי געקאָנט — צום באַדויערן קעגן אייער פאַרלאַנג — אַנטהאַלטן נאָר די נעמען פון די מענטשן, וואָס זייער לעבן, דאָס הייסט... בעסער געזאָגט... וואָס זייער איבערבלייבן אויפן פריערדיקן וווינאָרט, גייט מיך באַזונדערס אָן.

נו, האָט ער, הייסט עס... וועגן וואָס האָב איך דאָס געוואָלט זאָגן? אהא! איך האָב געוואָלט זאָגן, אז איך האָב זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, ווי שטאַרק זייבען געווען ריזיקאַליש מיינע ווערטער”. איר חוזקט פון מיר”? — האָט ער אויסגערופן. „איך חוזק נישט” — האָב איך צוריקגעענטפערט — נאָר איך קלויב אויס דעם איינציקן אויסוועג, וואָס איז אין הסכם מיט מיין אמט און פערזענלעכער ערע”. און צי וועט איר גלויבן, אז מיין געוואַגטקייט האָט אים צום סוף אימפּאָנירט? ס׳קאָן זיין, אז דאָ האָט אויך געווירקט א געוויסע איבערצייגעוודיקייט. וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטוויקלען ביים אַרויסברענגען די מאָטיוון, וואָס האָבן מיט מיר געלענקט. „זאָל זיין אזוי! — האָט ער צום סוף מסכים געווען — הגם איר קאָמפּליצירט אומנויטיק א זאַך, וואָס איז בעצם גאָר פּשוט. איר וועט מיר אָבער מוזן געבן מענטשן, וואָס וועלן גיין מיט דער פּאָליציי און אָנווייזן, וועמען איר ווילט שוינען, הייסט עס, ביז מאָרגן”.

— אויף אזא אופן איז מיר געלונגען צו ראַטעווען 3.500 מענטשן פון דער אויסזידלונג.

— דאַרף איך דעריבער העך פּרעזעס, ביז מאָרגן צוגרייטן אַ רשימה פון די מענטשן, וואָס אונטערליגן נישט דער אויסזידלונג?

— יאָ, ביז 7 א זייגער.

— איך פאַרשטיי נישט זייער גענוי אויף וואָס פאַר א פּרינציפּ איך האָב זיך צו שטיצן ביים...

— אויף וואָס פאַר א פּרינציפּ? איר פרעגט נאָך? קלאָר, אַז אויף דעם מאָראַלישן ווערט און דער געזעלשאַפטלעכער נוצלעכקייט.

— אָבער איך האָב נישט ביי זיך אַזאַ רובריק, גיט אַ קוק, העך פּרעזעס: יאָר, פאַך, ציוויל־שטאַנד, אדרעס, אָבער וועגן מאָראַלישקייט — קיין וואָרט נישט. איך קאָן דאָך נישט אין פאַרלויף פון איין נאַכט, נישט האָבנדיק קיין שום ידיעות, שאַפן א נייע קלאַסיפיקאַציע. סיידן... צו באַטראַכטן פאַר געזעלשאַפטלעך נוצלעך די פאַכן, וואָס זיינען אין איצטיקן מאָמענט נויטיקער פון אנדערע, ווי צ. ב. קצבים, בעקערס, באַאַמטע, באַגרעבער...

— איר קאָנט זיך נישט באַפרייען פון דער סטעמאַטישקייט, וואָס איך בין שטענדיק געווען און וועל ווייטער פאַרבלייבן איר פאַרביסנסטער שונא. באַזונדערס דאַרף מען זיך אין אַזאַ ערנסטן ענין, ווי דער איצטיקער אויסהיטן פון סטערעאָטיפּישע פאָרמולירונגען. דאָ גייט דאָך עס נישט אין קיין קליינקייט, נאָר אין אָפּראַטעווען 3.500 מענטשלעכע לעבנס פון דער אויסזידלונג.

— אָבער ווי קאָן איך אנטשיידן, ווער עס דאַרף נישט אויסגעזידלט ווערן, ווען אפילו קיין צענט־חלק קאָן איך נישט פערזענלעך.

— דאָס איז נישט קיין פּרינציפּיעלע שוועריקייט. נישט הייליקע מאַכן טעפּ: מיר וועלן אויסקלויבן די, וועלכע מיר קאָנען מער אָדער ווייניקער, ביטע, שלעפּט ארויס די קעסטלעך. צי די טיר פאַרשליסט זיך?

דאָס עלעקטרישע ליכט ווערט שוין בלאַסער, און פון די ביימער הינטערן פענצטער טראָגט זיך דאָס פאַרטאָגיקע צווישטשערן, וואָס מאַכט בולטער די שטילקייט פון די פוסטע גאַסן און די ראָז ווערנדיקע הייזער. עס איז שוין באַעגט צו פינף. דאָס אייגנטאָניקע דיקטירן פון דעם פּרעזעס — ווערט האַסטיקער; ד״ר הענריקס פולפעדער גלאָפּירט אויפן פּאַפיר. די רשימה נעמט דערווייל ארום קוים 2.000 פּאָזיציעס. מע דאַרף זיך איילן. יעדער צוגעקומענער פאַמיליע־נאָמען ראַטעוועט עמעצן פון טויטן דעם אדרעס. פעסטשטעלנדיק, אַז זיי האָבן צו שטרענג אדורכגעפירט די פריערדיקע סעלעקציע, וואַרפן זיי אויפסניי איבער די קעסטלעך, זוכנדיק וועלכע עס איז, כאָטש איינמאָל געהערטע פאַמיליע־נעמען.

— קאַצענעלנבויגן מאַריץ, גאַס פון אַלע־הייליקע 17? — וואַרפט צו ד״ר קירש, פרעגנדיק.

— דאָס קלינגט צעצויגן — זאָגט ד״ר הענריק, וואָס איז פּאַרטרויט לעך געוואָרן נאָך דער גאַנצער נאַכט־אַרבעט. — איר מוזט צוקלויבן הער פרעזעס, קירצערע פאַמיליעס צ. ב. שמידט, באַנק א. א. וו. אַזוי צי אַנדערש וועלן מיר נישט באַוויזן אויסצופילן דעם קאָנטינגענט און אַזאַ לאַנגער נאָמען פאַרנעמט מען אָרט ד. ה. צייט פון צוויי קירצע...

די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון פאַלן אויפן פאַפיר, איבער וועלכן עס לויפט אומדערמידלעך די פעדער פון ד״ר הענריק. דאָס זשורזשען פון די פליגן וואָס וועקן זיך אויפן סופיט, ווערט שטאַרקער, צעקלינגען זיך ווי דער שופר פון דעם מלאך, וואָס רופט צום יום־הדין, גייט איבער אין א טראַסקען״. מע פאָרט צו. אין קאָרידאָר הערן זיך אונטער געקאָוועטע טריט.

* * *

ס'איז געווען א שבתדיקער נאָכמיטאָג. איבער די פוסטע גאַסן, באַזייטע מיט שטיקלעך גלאָז, האָט זיך צייטנווייז אַדורכגעשמוגלט איינגעבויגענערהייט אַן איינזאַמער פאַרבייגייער, כדי שנעל צו פאַרשווינדן אין איינעם פון די פייכטע פאָדערהייזער. דורך די פענצטער פון דער עווידענץ־ביוראָ האָט זיך געעפנט אַן אויסקוק אויף דער טייל פון שטאָט, וואָס איז נישט פאַרצוימט מיט דראָטן, און ציט זיך אַוועק מיט די פאַליעס פון ווילעס און סעדער צום אָונטדיקן טייך. די פליגן האָבן געזשוזשעט. טיילמאָל האָט דאָס אויסגעטרוקנטע האָלץ פון דער פאָדלאָגע געסקריפעט, ווי עס זאָל ציילן די אייגענע ברעטער.

פאַרזונקען אין דעם ברענענדיקן נאָכמיטאָג און אין די רעכנונגען, האָט ד״ר הענריק געליגט באַזונדער קאַרטאָטעקעס פון די אויסגעזידלטע. ער האָט זיך געפילט א רואיקער, כמעט א גליקלעכער. די וועלט איז הערלעך. קיינמאָל וועט שוין מער נישט זיין קיין אַקציעס. יענץ — דאָס איז געווען א טעות, א שלעכט פאַרשטאַנען פאַפיר פון בערלין, א פאַרזען אין עפּעס א ביוראָ. אויך יענע וועלן זיך אמאָל אומקערן פון אוקראַינע פון דער ווייטער אוקראַינע, וווהין מען האָט זיי אַרויסגעפירט, זיי וועלן זיך אומקערן אָפּגעברענטע פון דער אַרבעט אין פעלד און זאָגן: „ביטע אונדז איינמעלדן!״.

— איינמעלדן? די רגע! — וועט ד״ר הענריק ענטפערן, רייבנדיק די הענט. — די קאַרטאָטעקעס וואַרטן אויף אייך נישט־גערירטע, צו־

בויפגעשטעלטע אין שאבק לויטן אלף־בית מיט אן אויפשריפט פון אויבן ü (איבערזידלט). איך האָב זיי נישט פארברענט אין אויוון. איך האָב זיי באהאלטן אין בעסטער אָרדענונג, אז איר זאָלט זיך גלייך נאָכן אומקערן קאָנען פארעגיסטרירן. איר וועט זען, ווי דאָס גייט ביי מיר. פונדאַנען ארויסכאפן, דאָ אריינוואַרפן — טשאך! מאך! — און מע איז שוין צוריק צווישן די לעבעדיקע. ביטע! מיר הויבן אָן! נישט שטופן זיך, מייַנע הערן און דאמען. עס האָבן זיך געענדיקט די צייטן פון מלחמה! קארטאָטעקעס וועלן קלעקן פאר אלעמען. ווי הייסט איר?

— איר קאָנט מיך זייער גוט! דערקאָנט זיך!

ד״ר הענריק, וועלכער האָט באגייסטערט ארויסגעזאָגט דאָס לעצטע וואָרט, כמעט אויפן קול, הייבט אויף דעם קאָפּ. פאר אים שטייט עפּעס א באקאנט געשטאַלט אין שטרויענע טרעטערס.

— פארוואָס האָט איר מיר דאָס געטאָן?

— וואָס? איך? וואָס האָב איך אייך געטאָן?

— איר ווייסט נישט? איר געדענקט נישט? און ווער האָט ארויס־געגעבן מיינע קינדער און מיך? אפשר נישט איר? איר האָט געמיינט, אז איר וועט מייַנער פּטור ווערן, אָבער עס איז אייך נישט געלונגען. איך בין ארויסגעשפּרונגען דורך דער הינטערשטער טיר און ארויפגע־לאָפן אויפן בוידעמל.

— איך האָב קיינעם נישט ארויסגעגעבן...

— איר דערציילט נישט קיין מעשׂות. ס'איז געווען א רשימה, צי ס'איז נישט געווען? ווער האָט זי אויסגעשטעלט, אויב נישט איר?

— דאָס איז געווען איבגאנצן עפּעס אנדערש. א צייטווייליקע אויסזי־דלונג...

וועמען גייט איר דערציילן וועגן אויסזידלונג? מיר? די באַנען זיינען געגאַנגען אויף צפון. מיר ווייסן, וואָס דאָס באדייט...

אָבער איך האָב בלויז גערעטעוועט. איך האָב אויסגעשריבן די, וועל־כע מען דאַרף נישט נעמען...

— און מיך — האָט איר נישט געקאָנט אויסשרייבן? און מייַנע קעצלעך — האָט איר נישט געקאָנט אויסשרייבן? וואָס האָב איך אייך גע־טאָן, וואָס איר האָט זיך פארלייגט מיך צו פארפאַלגן?

אָבער ווער האָט זיך אויף אייך פארלייגט? איך קאָן אייך אפילו נישט. איך ווייס נישט ווי איר הייסט. ווען איך וואָלט אייך געקאָנט, וואָלט איך אייך זיכער געווען אריינגעשטעלט.

— איר קענט מיך נישט? איר געדענקט נישט ווי איך בין אין פעב־רואר געקומען אייך בעטן, איר זאָלט מיך אריינשטעלן אין דער רשי־מה פון די לעבעדיקע, און איר האָט נישט געוואָלט...

— נו, זעט איר. אַלץ שטימט. ווי אַזוי האָב איך אייך געקענט אריינ־שטעלן אין דער רשימה, ווען איר האָט צומאָל נישט פיגורירט אין די רשימות פון דער באַפעלקערונג, וואָס אויף זייער גרונט איז דאָך די רשימה געווען אויסגעשטעלט?

— און ווער האָט מיך אויסגעשטראָכן, אויב נישט איר? איר האָט זיך אָנגעזעצט מיך צו פאַרניכטן דערפאַר, וואָס איך גריס זיך אייך נישט געַנוג בידעריק אויף דער גאַס.

— וואָס ווילט איר פון מיר? איך געדענק אפילו נישט אייער פּנים. מיר איז געווען אַלץ איינס וועמען אויסצוקלייבן. איך האָב דאָך געמוזט עמעצן בעמען און עמעצן אַדורכלאָזן. איך בין אַ באַאַמטער, אַן אַלטער באַאַמטער פון דער פירמע פיטערניק און שותּפים מיט באַגרענעצטער פאַ־ראַנטוואָרטלעכקייט...

— איר דערציילט מיר נישט, אַז איר זענט נישט פאַראַנטוואָרטלעך. אַלע, וואָס האָבן צו דעם צוגעלייגט די האַנט זיינען פאַראַנטוואָרטלעך. זיך אַליין האָט איר געקאָנט ראַטעווען...

— און איר אַליין האָט זיך נישט געראַטעוועט? איר זענט נישט אַרויסגעשפרונגען דורך דעם הינטערשטן טירל און אַרויף אויפן בוי־דעמל? אַליין האָט איר נישט געוואָלט פאַרטיידיקן אייערע קינדער, און איר פאָדערט פון מיר...

— איך האָב נישט געוואָלט פאַרטיידיקן? איך האָב נישט געוואָלט פאַרטיידיקן? איך בין געשלאָפן אין דער שטוב, און זיי זיינען געשלאָפן אין דער קיך. איז וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? גיין זיך מעלדן צו די דייטשן, ס'זאָל זיין מיט נאָך איינעם וויניקער. און צי ווייסט דען דער מענטש, וואָס ער טוט אין אַזעלכע פאַלן. איך האָב געקוקט פון בוידעמל, ווי זיי זיינען געגאַנגען נאָך די דייטשן — שטיל, געהאָרזאַם, ווי אין דער שול אַריין. זי האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אַ סטענגעלע אין די האָר. אַלע זיינען מיר שולדיק. גאָט, ליבער גאָט!

אין דעם געקעסטלטן און נומערירטן זאַל פון דער עווידענץ־ביוראָ הויבט זיך אויף צום ערשטן מאָל אַן אומדערוואַרט בהמיש ריטשערייַ. ד״ר הענריק פאַרגעסט אָפּצוטרייסלען די האַנט, וואָס רוט אויף זיין אַקסל.

עס זיינען אַוועק העכער צען טעג ביז ד״ר הענריק האָט דערפילט די ערשטע קאָפּ־ווייטיקן. ער האָט זיך זיי מוטיק אַנטקעגנגעשטעלט, און

להכעיס זיך אליין, באקעמפנדיק דאָס ווידערגעפיל אפילו אָפּטערער ווי שטענדיק, אָפּגעריסן אַ שטיקל צייטונג און ארויסגענומען פון קעשענע אַ טראָפּן מאַכאָרקע. נאָר דאָס באקעמפן די סימפּטאָמען איז נישט געווען דאָס זעלבע וואָס באקעמפן דאָס שלעכטס, און ווען ס'האָבן זיך אויף זיין לייב באוויזן די ערשטע רויטע פלעקן, האָט ד״ר העניק, ווילנדיק נישט ווילנדיק, כמעט שוין אָן באוווסטזיין, זיך געלייגט אין בעט אריין, ריכ־טיקער געזאָגט — ער איז דורך זיינע מיטארבעטער געלייגט געוואָרן אין דעם בעט צווישן די צוויי שענק אין דער עווידענץ־ביוראָ. פון אָרטיקן שפּיטאָל האָט מען אים צוגעטיילט אַ שוועסטער, וואָס זאָל האָבן אויפ־זיכט איבער אים; טיילמאָל האָבן אים באזוכט באַקאַנטע. איינמאָל — דאָס איז געווען אין עלפטן טאָג פון דער קראַנקהייט — איז אפילו גע־קומען ד״ר קירש אליין. ער איז אריינגעלאָפן אין זאַל מיט דראָבנע, אָבער דערפאר, ווי שטענדיק, לעבעדיקע טריט, און נאָך אויף דער שוועל האָט ער אויסגערופן:

— נו, וואָס פאר אַ שטיק פראַווע איר? צי מעג מען אזוי! ביי אונדז דאָ ברענט די ארבעט אונטער די טריט, דאָס הייסט — וואָס רייד איך — אונטער די הענט און איר כאַליעט זיך אויס! נו, אויפשטיין, אויפשטיין, אַלטער פוילאַק!

און אין אָנפאַל פון ליצנות, האָט ער אים אפילו געוואָלט קלאַפּן אי־בער דער פּלייצע, נאָר אזוי ווי דאָס איז דאָך געווען, ווי די זאַך זאָל נישט זיין, אַ פלעק־טיפוס, האָט ער זיך צוריקגעצויגן און בלויז עטלעכע מאָל געגלעט די פּאָרענטש פון בעט.

— אוועק! — האָט ד״ר העניק אויסגעשריגן און צוועקלאָז זיך אָנגעשטרענגט אויפצוזעצן זיך אין בעט, צילנדיק מיטן פינגער אין ד״ר קירש. — אוועק! נישט צורירן זיך! איך דערקאָן דיך, טייוול! דאָס גנבעסט דו זיך עס אריין ביינאַכט אין ביוראָ און קערסט איבער די קאַרטאָטע־קעס מיט די פיס ארויף! דאָס וואַרפסטו עס אונטער מתים אין טויטן־שטוב, כדי עס זאָל נישט שטימען. אָבער נעכטן האָב איך געהאַט אַן אוידיענץ ביי היטלערן און האָב אים געזאָגט, אַז אזוי ווייטער קאָן דאָס נישט זיין, אַנישט וועט זיין אַ בונט, אָדער אַ מלחמה. אַן ארטיקל וועגן דעם איז שוין געווען אין לעצטן ראַדיאָ־קאָמוניקאַט. איך האָב עס אליין אָנגעשריבן און מיט אַ ספּעציעלן טראַנספּאָרט ארויסגעשיקט קיין אוק־ראַינע. אָבער דו ביסט נישט ווערט דאָס צו הערן. גיי אוועק.

— דאָקטאָר — דער פּרעזעס האָט זיך צוגעזעצט אויפן בענקל נישט ווייט פון בעט — איר גיט זיך אוודאי נישט אָפּ קיין רעכנונג ווער איך

בין, ד״ר קירש, דער פּרעזעס פון ראַט, אייער נאַטשעלניק, דער אויטאָר...
נו, דערמאָנט זיך. שטרענגט זיך אָן.

— נייך, דו ביסט דער אַלטער, האַרבאַטער פאָלקס־דייטש פון דער קאָמפּיעלאָווע גאַס און דערציי פּירסטו נאָך שלעכט די רעכנונגען. ווייל די דאָזיקע רעכנונגען מאַכט מען אַזוי: — ד״ר הענריק האָט גענומען צייכענען מיטן פינגער אויף דער קאַלדרע — דאָ צוגעבן, דאָרט אראָפּנעמען — טשאָך! מאָך! אבי עס זאָל זיין 3.500.

— אַ רעגעלע! שטעלט איר, הייסט עס פּעסט, אַז איר זענט צוגעלאָזט געוואָרן אויף אַן אוידיענץ צו היטלערן? צי קאָן מען וויסן, ווו זי איז פאָרגעקומען?

— ווו זי איז פאָרגעקומען? צו ווייסטו נישט, אַז היטלער האָט די הויפּט־קוואַרטיר אונטן, אין צימער פון ד״ר קירש? איך האָב אים געווארנט, ער זאָל צו אים נישט פאַרפאָרן, ווייל ער וועט אים פאַרנודיען מיט די שמועסן וועגן דער דייטשער ליטעראַטור, און אים אינטערעסירט דאָך בלויז די רוסישע ליטעראַטור, אָבער ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, און געזאָגט: „מאַכט קאָן פאַרפאָרן נאָר צו מאַכט״.

— נו... יאָ... ריכטיק... נו, איך וועל שוין אפשר גיין... צום ווידערזען, דאָקטאָר... איך ווינטש א שנעל געזונט ווערן...

— באַלד... א רגלע... איר מיינט, אַז איך זאָג דאָס אַלץ אויף אַן אמת? איך לאָז בלויז אזוי אָפּ די לייצן, עס זאָל זיין היימלעכער — ווי הייסט דאָס? — צו שטאַרבן. איך קאָן אייך גוט, נאָר עס ווילט זיך מיר נישט אין דער רגע דערמאָנען ווער איר זענט... הערט אויס. דאָס איז א שאַנק. דאָ ליגן אַלע גלייכגעלייגט. זיי וואַרטן. ווייל מען — איז צו די לעבעדיקע ווייל מען — איז צו די טויטע. מען קאָן מחיה־מתים זיין, מען קאָן מאַכן טויט. פאַרגעסט זשע נישט וועגן איין זאַך...

— וועגן וואָס?

— אַז מען זאָל מיך אויך...

— אַז וואָס זאָל מען אייך אויך?

—אַז מען זאָל מיך אויך אויסשטרייכן פון דער קאַרטאָטעקע.

וואַיטשעך זשוקראָווסקי

אונטער שניי

א פריש שנייעלע האָט געפּראָשעט באַגינען. איצט איז זעקס נאָכמי־טאָג, עס שיט געדיכט, צוזאמענגעקלעפּט אין שטיקער. דער שניי איז שוין אזוי דיק, ווי ער וואָלט וועלן פארווישן די שפּורן. ווען מע הייבט אויף דעם קאָפּ איבערהייך, זעט מען, ווי פון דער ווייסער גראָלעכקייט לאָזן זיך אראָפּ ווירבלענדיק מיליאַרדן פלעצלעך. ס׳איז אויסטערליש שטיל. זיי זעצן זיך אָפּ אָן אַ שיעור אויף די אַרבל, אויף די ברעמען, זיי שטופּן זיך אריין מיטן אָטעם און צעגייען אויף די ליפּן. מע זעט נישט די הייזער, וועל־כע שטייען ווייט. עס הערט זיך בלויז ווי א זיפצן, דאָס גלייכט זיך אויס א צווייג, אָפּטרייסלענדיק זיך פון דער משא. ארום דער דאָזיקער ווייסקייט איז א געדיכטע, פייכטע פינצטערניש. די פלעצלעך פאלן איינער נאָכן אנדערן אָן א[illegible] א וואקלדיקן פלי. במשך אן אויגנבליק, בעתן פארבייפליען דאָס פּנים, אונטערשיידסטו זיי, דערנאָך ווערן זיי פארלוירן, צעגייענדיק אין דעם געדיכטן שיכט פון נאסן פוך. פון דער אויסגעלאָשע־נער ערד, פון דעם צעריסענעם הימל ווייעט אַן אומעט.

דער אַדוואָקאַט זיצמאַן קערט אַוועק דעם קאָפּ פונעם פענצטער. דאָס גלאָז, וואָס ער האַלט ארום מיט די זויבערנקע, ראָזלעכע פינגער, הויכט ארויס א ווארעמקייט. פון רעכטס זיצט דער ווירט פון דער ווילע ד״ר פּאָד־ווינסקי, פון לינקס זיין פרוי זאָפיא, א קליינע בלאָנדינקע — אנטקעגן,

קוקנדיק אים איינגעשפאַרט און באַשולדיקנדיק אין די אויגן — אננא. כלומרשט א דינסט, אָבער דאָך עפּעס בעסערס, כמעט א משפּחה־מיטגליד, אַן אויסגעזידלטע פון פויזן. זי האָט שוואַרצע איינגעשפּאַרטע האָר, פאַר־קעמטע צום נאַקן און צונויפגענומען אין א קובליק.

— איך ווייס נישט, צי איר גיט זיך אָפּ... — הייבט זי אָן האַרב.

— איך ווייס, איך ווייס אַלץ — רייסט ער זי איבער מיט געבעט. נאָכ־הער גלעט ער אויס די אומגעזועענע פאַלדן פון דער סערוועטע.

מיט א שעה צוריק האָט די פרוי זאָפיא דערמאָנט: אויב ער זאָל זיך באַווייזן, דאַרף מען אים גלייך זאָגן, ער זאָל זיך פאַרנעמען... — זי האָט געריבן מיטן געפרוירענעם הענטל דעם שטערן, — דאָ איז דאָך נישטאָ קיין אָרט, ווו אים צו באַהאַלטן.

—יאָ,יאָ, איך וועל עס אים גלייך זאָגן — האָט פאַרזיכערט דער דאָק־טער פּאָדווינסקי צוגעיינדיק צום פענצטער. דער טאָג האָט זיך פאַרעג־דיקט גרוי און פאַרבלאָז. די כמאַרעס זיינען געהאָנגען נידעריק.

—ס'איז נישטאָ וואָס צו צערעמאָניען — האָט געברומט אננא. — צו־ליב וואָס דאַרף מען זיך איינשטעלן צוליבן דאָזיקן יידן. אַזוי ווי ער איז ביז איצט נישטאָ, אַזוי וועט ער זיך אויך ווייטער אַן עצה טאָן אָן אונדז.

— זאָל ער אנטלויפן! זאָל ער אנטלויפן! — האָט געפּאָכעט מיט די הענטלעך די פרוי זאָפיא. די שפּילקעס זיינען איר אַרויסגעפאַלן פון די דיי־נענקע שיטערע האָר, זיך איינבייגנדיק, האָט זי זיי געזוכט מיט די פינגער אינדערפינצטער אונטערן טיש.

— עס פאַלט א שניי, — רופט זיך אָפּ דער דאָקטער פון פענצטער. אויף די שויבן ליגט א טריבער פלעק פון הויך. — איך מיין, אז ער וועט שוין אהער נישט קומען, ער ווייסט דאָך מיט וואָס דאָס דראָט אונדז...

אָבער אין דעם געדיכטער ווערנדיקן, טונקעלן בין־השמשות רוקט זיך זיצמאַן אריין מיטן שניי אין פאָדערהייזל. איידער ער האָט אראָפּגענומען די קאַלאָשן און אָפּגעטרייסלט דעם פוטער, האָט זיך פיגא, א געפלעקטער מישלינג פון אַ שפּיץ, קאַוויטשענדיק פון האַלדז מחמת פריידע, געוואָרפן אויף אים מיט די לאַפּקעס און אים הייס באַגריסט. קיינער האָט זיך איצט נישט דערוועגט אים צו זאָגן — טראָג זיך אָפּ!

— נו, קומט שוין אריין, — האָט זיך נישט העפלעך אָפּגערופן אננא, מאַסקירנדיק איר אויפרעגונג — עס יאָגט היינט אַזוי פון פעלד.

— אַלע?... — האָט ער א פרעג געטאָן, אָפּווישנדיק דאָס פּנים מיטן טיכל.

פון דעם זשעסט מיט דער האנט, מיט וועלכער ער האָט אָנגעוויזן אויף די צימערן ליִנקס, האָבן זיי זיך גלייך אָנגעשטויסן, אז ער פרעגט וועגן יענע.

— אלע. — באשטעטיקט די פרוי זאָפיא, ווערנדיק פלוצים בלאַס. — איר פארשטייט, דאָ הינטערן הויז.

זי באריִרט מיט א פינגער די שויב.

זיצמאַן קוקט טעמפּ. פון יענער זייט פענצטער איז טונקל צוליבן שניי.

— דאָס איז אַ חסד פון גאָט, — זיפצט דער דאָקטער — דאָס אַלץ איז א חסד פון גאָט, וואָס איר האָט זיך ארויסגעדרייט.

די פרוי זאָפיא פּאַרעט זיך, גרייטנדיק צום טיש, אָבער ער קאָן גאָר־נישט אראָפּשלינגען, ער בעט בלויז — טרינקען.

— ווו זענט איר געווען ביז איצט?

— איך בין געגאנגען, — ענטפערט ער — איך בין די גאנצע צייט געגאנגען...

זיינע אויערן, כראמסקע און אָפּשטייענדיקע, הייבן אָן צו גליִען.

— איך בין געווען אזש הינטער די וואפּיעניקעס...

ער קוקט מיט אן אומבאהאָלפענעם בליק איבער די צימערן. אין דער צייט פלעגן זיי פול זיין מיט רויש, די אַלטע פרוי האָניג, אין אַ צעשויבערטן שלאָפראָק, פלעגט זיך דורככאפּן, זיך אנטשולדיקנדיק, אין קיך אריין. די שוועסטער האָבן זיך געלערנט ענגליש, אָדער זיי האָבן טומלדיק ארומגע־שטיפּט, זיך ארומיאָגנדיק מיטן הונט. דער פּליכעוואַטער מעצענאַס האָט זיך געשטעלט אויף א שטול און אונטערגערוקט די וויזערס פונם זייגער, אָדער ער האָט פלייסיק דערקלערט דעם איידעם די קאטאסטראָפאלע סי־טואציע אויפן מזרחדיקן פראָנט. דערנאָך וואָלט העניק אריינגעקומען צון אים, צו זיצמאנען, שטילערהייט און וואָלט זיך געקלאָגט אויף דער דאָזי־קער גאנצער טומלדיקער פאמיליע, וועלכע פארפייניקט אים אזוי, אים, דעם אַרטיסט. „איך קאָן נישט איבן" — ווייזט ער די לאַנגע, באַוועגלעכע פינגער פון א פידלער, און פלוצים עפנט זיך מיט א טראסק די טיר, און ס'פאלט אריין טאניא מיטן הונט, וואָס ברומט פון נחת.

— טאניען אויך? — פרעגט ער אָן זין.

— אלע, אלע, — שעפּטשעט זאָפיא און, איבערבייגנדיק זיך פאראמאָל איבערן טיש, שרייט זי אים אין פּנים אריין: — אנטלויף! דו הערסט? אנטלויף!

זיצמאַן ווערט פארשטאַרט. ער זיצט אן אויסגעגלייסטער. די הענט צי־טערן אים.

— לאָז צורו, — שעפּטשעט דער דאָקטער — עס ברענט דאָך נישט.

איצט באַדעקט זיך זיין פּנים מיט א נעצל דראָבנע קנייטשעלעך, עס וועלקט כמעט אין פאַרבאָרגענער שרעק.

— דאָס איז נערוון, — באַרואיקט זי אים, — דאָס זאָגן שוין די נערוון אָפּ דעם מענטשן...

ארום אכט, און אפשר פריער נאָך, וועט קומען צו פאָרן דער באַקאַנטער פויער, וואָס אננא האָט ארויסגערופן, ער זאָל אים פאַרנעמען צו דער קומענדיקער סטאַציע. ער וויל זיך נישט דרייען איבערן שטעטל, עס קאָן אים נאָך עמעצער דערקענען.

— צום גליק האָבן זיי אייערע זאכן נישט אָנגערירט, — זאָגט דער דאָקטער. — מיט א פּאָר שעה פריער האָבן זיך דאָ געדרייט דייטשן, א קליינער פּאָליציאַנט האָט אָנגעהויבן די אויספאָרשונג: — דאָ וווינען זיי עס? — יאָ — דאָ? אלע? — יאָ, האָט באַשטעטיקט דער דאָקטער. — ווייל יידן וווינען שטענדיק אזוי צוזאַמען... — א צווייטער האָט צוגייענדיק געשריגן: — וואָס? דו ווייסט נישט די פאַראָרדענונג, נישט אויסצובאַהאלטן די פאַרכעס! — ער דראָט אים גלייך מיט א שטעקן. — דאָס איז קיין זינד נישט געווען, איך האָב יעדן געמעגט פאַרדינגען, איבעריקנס, זיינען זיי דאָך קאַטאָליקן. — א ייד בלייבט תמיד א ייד, קיין שום וואַסער וועט אזעלכן נישט העלפן... — א הויכער, צעשפּרייטער דייטש פאַרשטעלט דעם דורכגאַנג. עס גייען שוין ארויס, די פרוי האָניג אינם שלאָפראָק, הינטער איר די טעכטער. דער פּאָטער פּרוווט עפּעס דערקלערן, צענעמענדיק די הענט, אָבער דער דייטש טוט אים א קאָפּע מיטן גאנצן כוח. האָניג שפּאַרט זיך אָן אין דער וואַנט, דערנאָך עפּנט ער דאָס מויל, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט, און אָנהענגענדיק זיך אויפן פאָרענטש גייט ער אראָפּ מיט די שטיגלעך. עס פעלט נאָך דער איידעם. ער איז אין וואַנע־צימער. זיי קלאַפּן גלייך מיט די קאָלבעס. הינטער דער טיר אין דער הויך פּלאַצט א שויב און פאַלט מיט א יאָמערלעכן קלאַנג. דאָס ריגעלע איז אָפּגעשפּרונגען, דער פידלער גייט ארויס א געלער, נאָך מאָגערער אין דער געפּאַסקעוועטער פּידזשאַמע. אויפן האלדז הענגט אים א האַנטעך, און די ליפּן זיינען אים ווייס פון פּראָשעק.

— דו וועסט זיך אויסבאַהאַלטן, דו מנוול — ריטשעט דער פּאָליציאַנט, ווי ער וואָלט מיט דעם געשריי און טופּען מיט די פיס פאַרטויבט אין זיך עפּעס אַזעלכע שטימען און וואָלט זיך אויפגעהעצט צו אכזריות, גיט אים צוויי מאָל מיטן שטעקן איבערן שטערן.

הענריק לויפט איבערן קאָרידאָר איינגעבויגן, אויסמיידנדיק די קלעפּ, זיך אויסדרייענדיק צו דער קיך.

— העניו, שרייט ער, זיך ארומקוקנדיק, זיין ווייב.

— וואָס ווילסטו? — פרעגט ער בייז, א שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט עפּעס נישט באַנומען, און מרוזשענדיק מיט די ברעמען. — נו, זאָג זשע, וואָס ווילסטו? דאָס דאָזיקע טונקלהאָריקע, פּוכלע ווייבעלע כאַפּט אים אָן ביים עלנבויגן, דריקט אים מיט אַלע כוחות. דאָס געשריי אין אירע אויגן נעמט אים דורך מיט ווייטיק.

— נו, גוט, — זיפצט ער, — איז גוט.

ער לייגט זיין שמאָלע האַנט אויף איר אַקסל. די דאָזיקע באַרירונג רופט ארויס ביי איר א פּלוצימדיקע שוואַכקייט, זי שפּאַרט זיך אָן אויף אים, דרייט אויס דעם קאָפּ און, פּייכט מאַכנדיק זיין האַלדז מיט די פאַנאַנ-דערגענומענע ליפּן, ברעכט זי אויס מיט א ספּאַזמאַטיש געוויין. אַזוי אַרומ־גענומען, טיף פאַרייניקט, גייען זיי ארויס אויפן שניי.

ערשט באַפעלן די דייטשן די „פּוילישע" פּאַליציאַנטן, זיי זאָלן זיי אָפּ־היטן, און אליין פאַרשליסן זיי זיך אין צימער, איבערוואַרפנדיק די איבער־געבליבענע זאַכן. עס סקריפּען די שאַפעס — געקלימפּער און געלעכטער. דערנאָך גייט איינער ארויס און בעט ביי אַננאַן א גלאָז. זי ווייזט אים אָן אויפן קרעדענס.

עס הערט זיך א בולבלען. זיי האָבן ווייזט אויס, אריינבאַקומען א גאַנ־שאָרל מיט ווייַנשל־סאָק און זיי טרינקען אַצינד.

דער פרימאָרגן איז א לויטערער. די זון איז א העלע. עס פינקלט די געגנט, וואָס איז באַצוקערט מיטן פרישן שנייעלע. אויפן ווייטן בלויען הימל ציען זיך פּאַסמעס, אפילו נישט פון וואָלקנס, נאָר פון פאַרביילויפנ־דיקע טויגעפירן. שפּערלינגלעך פליען פאַרביי אין א מחנה, טוען א פאַל אראָפּ אויפן הויף, כדי באַלד זיך צוריק אָפּצורייסן און זיך מיט פרייד צע־שיטן אויפן דאַך און די פּלויטן. אויפן וועג לויפן פאַרביי שליטעלעך, האַרט איינפּרעסנדיק דעם שניי. די פויערים קוקן זיך איין מיט טעמפּער ביגערי־קייט אין דעם געזעמעלע, וואָס שטייט פאַרן הויז און ווערן פּאַמעלעך פאַר־לוירן הינטער די אָפּגעווייסטע קוסטעס.

דאָ, אויף דער שיין, אין אָנגעזיכט פון דעם אומשולדיקן בלויִלעכן מרחק, קאָן מען נישט זיין אַזוי האַרט, ווי אינעם טונקעלן קאָרידאָר. די פּאָליציאַנטן קערן זיך אָפּ, דרייען זיך ארום און רייכערן נערוועז פּאַפּי־ראָסן. עס נעמט זיי דורך עפּעס א מין פאַרשעמונג; זעענדיק, אַז הענריק ציטערט, גייט איינער פון זיי, נאָך מאַנטלען.

— וואָס וועט מיט זיי זיין? וואָס וועלן זיי מיט זיי טאָן? — שעפּטשעט די דאָקטערין צום מאַן.

— עך, טוט פּאָדווינסקי אַ מאַך מיט דער האַנט. אין אַזאַ זוניקן פריי־מאָרגן, בעת דער הימל איז פול מיט האָפענונג, ווי לאָזט זיך עס זאָגן שלעכטע נביאות. — עך, זיי וועלן זיי בלויז אָנשרעקן, אַ ביסל באַגנבענען און אָפּלאָזן.

נאָר אָט עפענט זיך שוין די טיר. עס גייען אַרויס די דייטשן, מיט פּנימער נאָך מער אָנגעבלאָזענע שטייפע און רויטע. זיי שלעפּן אַרויס די שווערע וואַליזעס אין פּאָדערצימער. פון יענעם צימער זייעט זיך דורך מיטן פּאַפּיראָסן־רויך דער ביטערלעכער אַראָמאַט פון ווייַנשלקערלעך און אַלקאָהאָל.

דער פּאָליציאַנט, ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיט זיין גוטסקייט, קערט צוריק מיטן הויפן מאַנטלען, וועלכע ער וואַרפט אַריבער איבער דער פּאָ־רענטש. ער שפּאַנט אַראָפּ און שרייט: — אַ כ ט ו נ ג! — די אַנדערע וואַרפן בייז אַוועק די פּאַפּיראָסן און קוקן אימהדיק אויף די אַרויסגעפירטע.

פּלוצים גייט איינער פון די דייטשן צו צו פּאָדווינסקין און פרעגט מיט אַ צוטרוילעכן שעפּטש: — און ווו איז דער אַדוואָקאַט זיצמאַן?

— איך ווייס נישט, איך האָב אים היינט נישט געזען, — פאַרוועגט דער דאָקטער מיט די אַקסל — ער האָט זיכער דערשנאַפּט אַ געשריפּטס און אָפּגעצויגן...

— וואָ ה י ן איז ט ער ג ע ג אַ נ ג ע ן? דו מוזט וויסן! — שרייט ער — רעד, וואָרן איך וועל אייך...

מיט אַ פאַרקוועטשטן פויסט באַרירט ער אים די באָרד.

— וויפל אַזייגער האָט ער געגעסן פרישטיק? — הייבט אַ צווייטער אָן די אויספאָרשונג.

— ער האָט בכלל קיין פרישטיק נישט געגעסן, — שרייט אַננאַ פון דער קיך — אַרום זיבן איז ער אַרויסגעגאַנגען.

בלויז זי איינע ווייסט, אַז היינט איז דער ערשטער פרייטיק פונם חודש. זיצמאַן איז געגאַנגען אויף אַ מעסע.

— אַ ך ז אָ... — וווּנדערט זיך דער דייטש. נאָכהער, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנען זיין פריערדיקע בייזקייט, טוט ער אַ געשריי: פ ע ר פ לו כ־ ט ע י ו ד ע ן!

ער ציט אַרויס דעם רעוואָלווער, דער בליאַסק פון דער זון גלאַנצט אין זיינע העלע, ליידיקע אויגן.

— ר אַ ו ס, אַ ל ל ע ר אַ ו ס — שרייט ער.

— איך בין נישט קיין ייִד! — שרייט פּאָדווינסקי.

— אלע, איר הערט, אלע, דראָט יענער, ווי ער וואָלט אים שוין גאָר־נישט דערקאָנט. ער פּאַקט זיך אַריין אין קיך און טרייבט פון דאָרט ארויס אַנטאַן. ער שפּאַנט האַרט, פירנדיק זיי פאַר זיך.

דער גראַנאַט־פּאָליציאַנט מעלדעט זיך אַן אויסגעגלייכטער און פרעגט, צי קאָן ער געבן די יידן די מאַנטלען. דער דייטש נעמט אַרום מיט די אויגן די פרישקייט פון דעם רוים, מיט אַ פּנים, וואָס איז געווענדט צו דער זון און איז געזונט פּאַרויטלט — ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף נישט, ער באַפעלט אים בלויז אַ שפּרונג טאָן און אַראָפּטראָגן די פּאַרפּאַקטע וואַליזעס.

— איר מוזט זיין הערבי, האָט דער דייטש געשריגן, — איר מוזט זען, ווי דאָס דייטשע פאָלק פּאַרטיליקט די שונאים!

די האָניגס זיינען געהאָרכזאַם געגאַנגען הינטערן האַלץ־קאַמערל, האָבן זיך געשטעלט מיט די פּנימער אויף דער זון. פון דעם דאַך, פון דעם סמאָ־לע־פּאַפּיר האָט געקאַפּעט און ס'איז אָנגעוואַקסן אַ פרישינק פרענדזל פון דעליקאַטע אייזצעפּלעך. זיי זיינען געווען דערשלאָגן, ווי שוין באַצייטנס נישט קיין לעבעדיקע, צעטראָטענע דורכן אורטייל פון דעם גורל. און פונדעסטוועגן האָט זיך אין די אויגן פון טאַניען, וועלכע האָט אלעמאָל אויפ־געהויבן דעם קאָפּ, אַריינקוקנדיק אין די רעזיגנירטע פּנימער פון די על־טערן, געלויכטן עפּעס ווי אַ האָפענונג, אַז דאָס אלץ איז אַ נידערטרעכטיקע קאָמעדיע, עפּעס אַ מין אַכזריותדיקע לצנות.

ווען דער דייטש איז צוגעגאַנגען נאָענט און באַפוילן זיך אויסצודרייען אַזוי, אַז פאַר זייערע אויגן האָבן זיי געהאַט בלויז אַ שיכט ציגל, וואָס איז צוזאַמענגעקלעפּט מיט אַזאַ גרויפּנדיקער ווייסקייט, האָט די אַלטע האָניג אָנגעהויבן ציטערן און וויינען, אַריינאָטעמענדיק די לופט מיט אַ ספּאַזמאַ־טישן פייף.

דער דאָזיקער געשריי צעיושעט דעם דייטש, ער ציט פּאַמעלעך ארויס דעם רעוואָלווער. אלעמענס אויגן בלייבן הענגען אויף דער דאָזיקער רויטער פויסט, וועלכע איז אויסטערליש שרייענדיק אַנטבלויזט אין דער דאָזיקער פייכטער שיין, וואָס אַנטפּלעקט יעדן פּרט. — ניין, ניין, איך קאָן נישט, — שטיקט זיך די פרוי זאָפיאַ. דער דייטש דרייט זיך אויס אַ פּאַרחידושטער און, זעענדיק אַנטאַן, וועלכע האַלט אונטער מיט איין האַנט די איבערגע־שראָקענע פרוי און מיט דער צווייטער, זיך שרעקנדיק פאַר זיין צאָרן, פאַרשטעקט זי איר דאָס אָפענע מויל, שרייט ער — ו ו ע ג!

שוין אין קיך, שלינגענדיק וואַסער אויסגעמישט מיט טרערן, הערן זיי דעם קורצן טראַסק פון די שאָסן. דריי פּאַראַמאָל, דערנאָך עפּעס ווי אַ וואַק־

לען זיך — און צוויי. דערהערנדיק די דאָזיקע קלאַנגען, וואַרפט זיך דער הונט צו דער טיר, וואַיעט און דראַפּעט זי. ווען העניריק איז אַנידערגעפאַלן מיטן פּנים אויף דער געפרוירענער ערד, האָט זיך זיין ווייב אויסגעדרייט מיט שרעק און תּחנונים אין די אויגן. ניין, דאָס האָט זי נישט דער טויט אָנגעפילט מיט טרערן, נאָר דער געדאַנק, אַז זיין קאָפּ האָט זיך געקייקלט איבער די פאַרפּראָסטיקטע ציגל. ווי דאָס האָט אים געמוזט וויי טאָן — און זי האָט זיך איינגעבויגן מיט אַ מוטערלעכן זשעסט, כמעט באַרירנדיק זיינע האָר מיט די פינגער — דעמלט האָט איר דער דייטש געשאָסן אין שלייף אַריין.

— מיר וואָלטן זיך נישט געלאָזט אַזוי, — דריקט דער דאָקטער צוזאַמען די פויסטן. עס רעגט אים אויף זייער הכנעה און אונטערטעניקייט. אַזוי פּאַסיוו לייגן זיי די קעפּ. — מיר...

ער זוכט עפּעס אַ געדאַנק, אַ רעטונג פאַר זיי איצט, ווען ס׳איז שוין נאָך אַלעמען. אַרום אים ווערט אַ באַוועגונג. די פּאָליציאַנטן פאַררייכערן פאַפּיראָסן כמעט מיט אַ פאַרלייכטערונג. ער באַנעמט נאָך גאָרנישט, ווען אַ דייטש גייט צו צו אים און הייסט אים באַשטעטיקן דעם טויט. ווען ער בייגט זיך איין, נעמט אים דורך אַ קעלט, די מוראַשקעס, וואָס רינען אַראָפּ פונם דאַך, טרעפן אין אים וווייטיקלעך.

פינף שאָסן, פינף לייכטע רויכעלעך זיינען זיך צעשוווּמען. גלייך ווי פריער שיינט די זון, דער שניי פינקלט, און די לופט ווערט מיט יעדער רגע מילדער. נאָר יענע זיינען שוין נישטאָ. זייערע אָטעמס זיינען זיך צעגאַנגען אין דער דאָזיקער לויטערער בלויקייט, אין דעם בלענד און אין דעם שניי, וועלכער שמעלצט זיך פאַמעלעך, און האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם אָטעם פון דער ערד.

זיי האָבן זיך נאָך געדרייט איבערן הויף, כאַפּנדיק אַ בליק אויף די פנימער פון די דערמאָרדעטע. דער עלטסטער פון די דייטשן איז אפילו אַרויפגעגאַנגען אינדערהויז און האָט גוטמוטיק אַ קלאַפּ געטאָן די פרוי זאָפיאַ.

— נו, ס׳איז שוין נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן, ס׳איז שוין נאָך אַלעמען, — האָט ער געזאָגט אַריינברענגענדיק פון דעם יידישן צימער צוויי העמדער. ער האָט זיי דערלאַנגט אָננעמען, צונויפּציענדיק די ליפּן אין אַ שטייפעריש פּיסקעלע און צווינקענדיק ממזריש מיט אַן אויג. ווען יענע האָט זיך באַליידיקט אָוועקגעקערט, איז ער נישט אין כעס געוואָרן, ער האָט בלויז אַ פייף געטאָן און, אַרויסגייענדיק, אַריינגעפּאַקט דאָס וועש אין דער

קעשענע פון דעם מאנטל. די טיר האָט ער באפוילן צו פארזיגלען. דער דאָקטער אלס דער באלעבאָס פונם הויז איז פאראנטוואָרטלעך פאר אלץ. אויב עפּעס וועט פארלוירן גיין, וועט ער שטיין פארן געריכט, ווייל די ירושה נאָך די יידן געהער צו דער דייטשער רעפּובליק.

די דראָזשקע ווארט אלץ נאָך אויפן וועג. די דייטשן זעצן זיך אויפן הינטערשטן זיצאָרט, צעלייגט מיט די פיס אויף די וואליזעס. קעגנ־איבער זיי — צוויי גראַנאַטעניע, אויף די קאָזלעס לעבן אָנטרייבער — א דריטער.

— אויב זיצמאן וועט זיך אומקערן, דארף ער זיך גלייך מעלדן אויפן פּאָליצײ־אמט.

— תיכף־ומיד, — שטרייכט אונטער א צווייטער, לאכנדיק אויף א קול.

דאָס פערד טוט זיך א לאָז מיט א קורצן, רייסנדיקן גאלאָפּ. אין א מינוט ארום פארהאלטן די צוויי גראנאטאָווע, וואָס זיינען איבערגעבליבן ביי די מתים, א פארבייפאָרנדיקן פויער. ער שלעפּט ארויף די מתים אויפן וואָגן און דעקט זיי צו מיט א ביסל שטרוי. זיי זיינען זיך מכבד מיט פּאפּיראָסן און, ארומגענומען מיט א בלוילעך רויכל, לאָזן זיי זיך נאָך יענע אין שטעטל אריין.

הארט פאר דער תּפילה ווערט דער הימל אויסגעלייטערט אויף חידושים. דער פייגלשער טומל דערגרייכט אזש אהער דורך דער אָפּגעלענטער טיר פונעם קלויסטער. דאָס פילט אָן זיין נשמה מיט בטחון. זיצמאן שפּירט דעם פארלעגענעם ריח פון דעם אָרנאט פון דעם קסיאָנדז, וואָס בייגט זיך איבער אים. דאָס איז דער ריח פון ווילגאָשטש און שימל, ער שלאָגט אין די פליישיקע נאָזלעכער, ווי א פערמענט, ווי אן אומקלאָרער פאָרגעפיל פון דעם קריזיס פון די לאנגע פרעסט, פון דעם ווינטער, און אפשר פון עפּעס וואָס נאָך מער. דער קאָשציאָל איז כמעט ליידיק. זיצמאן טוט זיך א רייס אויף, איינגעצנדיק די פארשטייפטע פינגער אין דעם שפרענקבעכער, וואָס איז איבערגעצויגן מיט אייז־גלאָז, גייט ארויס מיט א שנעלן טראָט אויף דער זון, וואָס איז שארף און פארטאָפּלט מיטן ווידערגלאנץ פון דעם זויבערן שניי.

ער האָט נישט געגאַרט אַרויסצוטראָגן מיט זיך די דאָזיקע מנוחה, וואָס איר וועזן האָט ער נישט באנומען. עס איז אין אים אויפגעקומען עפּעס ווי א לינדערונג, און עס זיינען פארווישט געוואָרן די ליידן. און ער האָט אפשר צום ערשטן מאָל נישט געפילט די שארפע איינזאמקייט. עס

האָבן זיך אים דערמאָנט די קאָלעגן און קרובים, וועגן וועלכע ער האָט שוין יאָרן נישט געטראַכט — די דאָזיקע אַלע בילדער זיינען צו אים גע־קומען נישט דרייסט, ווי זיי וואָלטן זיך אַנטשולדיקט פאַר זייער צודרינג־לעכקייט. דאָס לעבן האָט זיך איבערגעחזרט אין אַ ריינעם אויסגעקלאַרע־וועטן חלום. פון דער טיף האָט אין אים געשלאָגן דאָס דבקותדיקע פאַר־קלאָגן זיך פונעם תהילים, וואָס דרינגט אַלץ דורך מיט אַן אומעט, אָבער מיט אַזאַ אָנגענעם־רירנדיקן, ווי די דערמאָנונג, וועגן דעם אַמאָליקן אויפ־כאַפּן זיך אין דעם קינדערשן בעטיגנעץ, ווען אויף די ליפּן איז נאָך געווען דער טעם פון די נעכטיקע קאַרשן און פון דעם פּיסק פון דעם יאַמניק, וואָס שלאָפט דערלעבן, האָט געשמעקט מיט מחיהדיקער היימישער קינ־דישקייט.

ער האָט נישט געוואָלט, אַז די דאָזיקע מינוטן זאָלן אים צעשטערט ווערן. ער האָט נישט געוואָלט באַגעגענען קיינעם, און באַזונדערס די פרוי האָניג, וואָס הגם זי איילט זיך אין קיך אַריין, וועט זי פאַר אים געפינען צייט, אַבי צו דערציילן אים אַ נביאותדיקן חלום, אין וועלכן דער פאַר־שטאָרבענער זיידע האָט אָנגעוויזן די דאַטע, ווען די מלחמה וועט זיך ענ־דיקן. דער דאָזיקער זיידע, אַן אָרטאָדאָקס, האָט זיך איר געחלומט לכל־הפחות צוויי מאָל אַ וואָך, און פון זיינע אַנטפּלעקונגען האָט זי געשעפּט פאַרפּי־רערישע האָפנונג. דערפאַר האָט ער, שטאָט אַהיים, פאַרקערעוועט ביים צווינטער־פאַרקאַן מיט דער סטעזשקע, וואָס פירט אין די פעלדער אַריין. ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט, אַריינציענדיק די גלעטנדיקע לופט, וועלכע איז פול מיט דעם ערשטן, נאָך אומבאַשטימטן אַראָמאַט פון דער פייכטווערנ־דיקער קאָרע און דעם שמעלצנדיקן שניי. מיט יעדער רגע איז געוואָרן וואַ־רעמער. פון די ביימער, פון די צווייגן זיינען אַראָפּגעפאַלן לאַנגע פאַסמעס טויפראָסט, ענלעכע צו דער וואַטע, מיט וועלכער מיר פאַרשטאָפּן די פענצטער. און מיטאַמאָל האָט די דאָזיקע גאַנצע ווייסקייט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אילוזאָריש, דער שניי איז ווייך געוואָרן, אַראָפּגעהאָנגען, זיך אָפּגע־זעצט. ווען זיצמאַן האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקל אין אַ געוויקס, וואָס איז געווען אָפּגעווייסט מיט אַ פאַרגליווערטן שוים, האָט ער פון אונטער דעם פינקלדיקן זילבער אַרויסבאַקומען דאָס אַרנדיקע געשטאַלט פון פאַרטריקנטע ווילד־געוויקסן.

די ליניעס פון די היגלען, וואָס טונקלען זיך, די איינגעטוליעטע וואָ־נעס מיט די שנאָבלען, וואָס זיינען אַריינגעשלאָגן אין דעם גלאַנץ, דאָס באַ־ווסטזיין וועגן דער דאָזיקער שוואַרצקייט, וואָס איז באַפּודערט מיט ווייס,

האָט אים אנטוישט. פּלוצעם האָט ער זיך, דערפילנדיק א ווארעמע באריי־רונג, אויסגעדרייט. צי איז דאָס דער פּסוק: „ממעמקים האָב איך צו דיר גע־רופן, גאָט אין הימל, גאָט אין הימל...״ ער הייבט אויף דעם קאָפּ. די אויגן, דורכגעוואשן מיט דער פרישקייט פון הימל, זיינען פּייכט געוואָרן. ער האָט נישט באַנומען, וואָס ס'איז שטארקער אין אים — די דאַנקבארקייט, צי דאָס הכנעהדיקע געבעט וועגן לייטזעליקייט.

ארומגייענדיק א גרויסן קרייז פון ברוזדעס, וואָס שטארצן ארויס פון אונטערן שניי, האָט ער זיך דערנענטערט צום פּלאַנט, ווו דער שלאַבאַן, וואָס זעט זיך, גרייכנדיק צו א וואָלקן, פונווייטן, פארצוימט דעם וועג מיט רויטע פּאסן.

פוןביידע זייטן איז דער וואַל א ביסל הנכער, און אויף אים שטייען ווערבעס מיט היטל־קרוינען. דאָרט רוקט זיך, — ווייל די רעדער זעען זיך נישט, בלויז פּערדישע שטערנס, וואָס שאָקלען זיך, — א דראָזשקע פול מיט פּאָליציאנטן. צוויי דייטשן רעדן אויף א קול, אז סע צעטראָגט זיך אזש איבערן פעלד. די פּאָליאקן שווייגן.

א פּאָר טריט פאר אים לאָזט זיך דער שלאַבאַן אראָפּ, גרילצנדיק און קלינגענדיק קלאַנג, קלאַנג, קלאַנג. פון דעם בלאָק סיגנאליזירט מען דעם ארײַנפאָר. דעם צוג איז קוים צו זעען. זיצמאַן וואָלט נאָך געקאָנט פריי פארבייגיין, אָבער ער איילט זיך נישט איבערגעין, ער שטייט אָנגעשפּארט אין דעם באריער.

ריזיקע קנוילן דאמף, איינגעריכטע אין רויך, וואלגערן זיך ארום אויף די יונגע ביימלעך, האלטן זיך לאנג אין די נאָדל־צווייגן; נאכהער פליען זיי אוועק, ווארפנדיק שאָטנס אויף די פינקלדיקע פעלדער. איידער דער צוג איז אריבער, האָט ער געזען צווישן די וואגאָנעס, אז אויף דער צווייטער זייט ווארט א פור. אויף איר איז געזיצן א פּאָליציאנט, א פויער איז גע־שטאנען ביים פערד, א קליינס, מיט קודלאטער ווינטערדיקער האָר־וואָל. זיי האָבן אים אויסגעמיטן אויף א שפּאַן. דעמלט האָט ער דערזען א ברייט שענקל מיט אן אראָפּגעלאָזענעם זאָק, וואָס האָט זיך ארויסגערוקט פון אונטער דער שטרוי. עס האָט עס פארשטעלט און באלד אנטבלויזט א שטיק ברוינע מאטעריע. ער איז געגאנגען נאָך א ווייל, איידער ער האָט בא־נומען, אז דאָס איז א פוס פון דער אלטער פרוי האָניג. ער האָט אָנגעהויבן גיין שנעלער, פארשטעלט דורך דאָרנקוסטעס, האָט זיך געלאָזט לויפן. ער האָט געשפּירט אין זיך דעם באַגער צו אנטלויפן, אבי ווייטער פון דעם אָרט, ווו עס האָט זיך פאר אים ארויסאנטפּלעקט פון אונטער דער שטרוי דער דאָזיקער בית־עלמין. ער האָט געשפּירט, אז אויך ער וואָלט

דאָרט געקאָנט זיין, אונטערגעוואָרפן פון די טרייסלונגען, געפירט פאַרבאָרגן אונטער דער שטרוי — ס׳האָט אים ארומגעכאפּט אזא אומרו, אז אלע כוחות זיינען פון אים אויסגערונען, ווי פון א ווונד. ער איז פּאראַמאָל שוואך געוואָרן, בלאס און זיך באַדעקט מיט א קאלטן שווייס. ער האָט זיך איינגעבויגן און א מינוט פאר חלשות אָנגעשקראָבעט מיט די פינגער א הויפן האָרטן שניי און דערפילנדיק זיין טעם־לאָזן געשמאק אין מויל, האָט ער זיך ביסלעכווייז באַרויקט. מיט א לערקייט אין קאָפּ, אָן א פּלאן האָט ער זיך ווידער אוועקגעלאָזן אין די פעלדער. דערווייל האָט זיך די זון איינגעלאָשן. עס האָבן זיך אָנגערוקט וואָלקנס, וואָס האָבן געשטויבט מיט א אומדויערנדיקן שניי. אָבער די דאָזיקע אויסלייטערונגען זיינען געוואָרן אלעמאָל קורצערע.

ארום איינס א זייגער האָט זיך שוין דער הימל פארצויגן ווי עס געהער צו זיין און ס׳האָט אָנגעהויבן פאלן א דיקער, פייכטער שניי, וועלכער שיט ביז איצט.

ער וואָלט געקאָנט טרינקען טיי ביי זיך אין צימער, אָבער ער וויל זיין מיט זיי. אין דעם גאנצן הויז איז שטיל. הינטערן פענצטער פארטויבט אלע אָפּקלאנגען פון לעבן דער שיטנדיקער שניי. ער פילט זייערע בליקן, ער ציט אריין פוילבלעך א שלוק. ער ווייסט גוט, אז זיי זיינען אומגעדולדיק. עס דאכט זיך זיי, אז ער זיצט שוין גאנצע שעהן. זיי וואָלטן וועלן פון אים פּטור ווערן, ארויסשטופּן אים — פארענדיקן איינמאָל פאר אלעמאָל מיט דער שרעק און דער שפּאנונג, מיט וועלכער זיי ווארטן אָפּ זיין אוועקפאָרן. ווי א פארוואונדעטע חיה דרייט זיך לאנג ארום, פארווישנדיק די שפּורן, און פונדעסטוועגן קערט זי זיך לסוף צוריק אום, נאָכן מאכן א קרייז, צו דער נאָרע, אזוי האָט אויך ער, אויסגעמאטערט פון הונגער, דורכגעפרווירן און אומבאהאָלפן, זיך דערצידירט אריינצוגנבענען זיך צו זיי. הגם ער איז זיי א פרעמדער, ווערט ער זיי אָבער נאָענט צוליב דער דאָזיקער קרעמפּירנדיקער צוטרויליכקייט. דער געמיינזאמער שונא, וועלכער באדראָט זיי, פאַרייניקט זיי, הייסט זיי אים צו פארלייכטערן דאָס אנטלויפן און אין אלץ בייהילפיק צו זיין.

זיי וואָלטן געוואָלט, אז עס זאָל כאָטש לאנג נישט דויערן, עס זאָל זיך נישט פארציען לענגער פון זייער האַרץ־רעפלעקס, פון זייער אומגעדולדיקער גוטסקייט, ווייל אויף ווייל זיי ווערן אָפּגעקילט, קוקנדיק אויף זיין אומבאהאָלפנקייט, רוקט זיך זיי אונטער דער עקשנותדיקער געדאנק וועגן דעם אומפארמיידלעכן דורכפאל. און אויב זיי וועלן אים אָנהויבן צודריקן? אויב זיי וועלן אים אָנהייבן שלאָגן — צי וועט ער זיי נישט פארשיטן?

דער קערפּער איז שוואַך, איז וואָס דעמלט?... די פרוי זאָפיא ציטערט אי־בער איר מאַן; די ליבע איז עגאָאיסטיש, זי צווינגט איר ארויסצוזאָגן ווער־טער, מיט וועלכע זי שעמט זיך באַלד.

— צי וואָלט איר נישט געקאָנט ערגעץ אַנדערש אַפּוואַרטן יענע פּור?

— זייער גערן, — זאָגט ער, — איך בין אייַנגעפּאַקט, אָבער, ווו?

— זיצט, זיצט, — באַרואיקט אים דער דאָקטער, — קיינער טרייבט דאָך אייך נישט.

— דאָ איז פאַר אייך צום זיכערסטן, — שעפּטשעט אננא.

דער הונט, דערשנאַפּנדיק, אַז ער וועט דאָ גאָרנישט אויסבעטלען, ווייל זיי עסן דאָך בכלל נישט, האָט זיך אָנגעהויבן דרייען הינטער דער טיר, לאָזן זיי אים ארויס אויפן פעלד. מיט א הילכיק בילן דריקט ער אויס זיין פרייד, זיך קייקלענדיק און אונטערוואַרפנדיק מיטן פיסק שטיקלעך שניי.

א זיכערער, — ווודאי, צווישן די דאָזיקע דריי פּנימער, אין דער שיין פונם לאָמפּ איבערן טיש, אין א באַקאַנט הויז. ווען ער פאַרמאַכט די אויגן און ציט אריין די לופט, די פאַרע פון דער טיי און דעם אראָמאַט פונעם צימער, נעמט אים ארום א געפיל פון געזיכערטקייט. יאָ, דאָ איז א הויז. דער דאָזיקער טויטער, שטיקנדיקער פאַרהאַנג פון שעפּטשענדיקע רייד, דאָס פאַלן פונעם שניי הינטערן פענצטער — פאַרטיפט אין אים דאָס געפיל, אַז מע טרייבט אים ארויס.

ער האָט ווידער א זופּ געטאָן. ער איז זיכער. עס דראָט דאָך אים גאָרנישט. אז ווער זאָל אים ארויסגעבן, מוז ער אים דאָך זען. ער האָט קיי־נעם נישט באַגעגנט. עך, פאַר יענער באָבע דאַרף ער זיך נישט שרעקן. תמיד פאַרנאַכט האָט זי זיי געבראַכט מילך, וואָרן אינדערפרי האָט מען אויפן וועג צוגענומען. ער האָט זי דערליידיקט ביי דער פורטקע. ער האָט געזאָגט: — מיר דאַרפן שוין נישט... — און אַזוי איז זי געגאַנגען אין שטאָט אריין. און אויב... ער האָט נאָך בישט קיין פּרעציזירטן חשד, און פונ־דעסטוועגן האָקט אים דאָס האַרץ אין דער ברוסט. פאַרבייסט ער בלויז מיט די ציין. אין צימער איז שטיל, פּאַמעלעך טיקעט דער זייגער, און עס צישעט דער אסטמאַטישער אָטעם פונעם דאָקטער.

— און וואָס וועט איר טאָן ווייטער?

— איך וועל זיך אויסאַרבעטן ליגקע דאָקומענטן, און כ'וועל זיך אויסבאַ־האַלטן ערגעץ אין קראָקע אָדער אין ווארשע. איך ווייס נאָך אליין נישט צו וועמען איך וועל זיך ווענדן.

ער איז כמעט דאנקבאר פאר דעם דאָזיקן פּרוּוו צו ריידן, ווייל דאָס שוויי־גן שליסט אים אויס און באלאגערט אים. עפּעס שרעקט איך זיך, דער דאָזי־קער שניי... — ווען זיי וואָלטן אָנגעקומען, וואָלט מען אפילו נישט גע־הערט. ער טוט א קוק אויפן זייגערל. ס'איז אן אונטערשיד פונעם גרויסן אין עסצימער אויף צוויי מינוט. ס'איז פינף מינוט פאר זיבן.

קלעפּ אין דער קיך־טיר הילכן אָפּ מיט א טויב ווידערקול איבערן גאנ־צן הויז. זיצמאן טוט זיך א רייס אויף, בלייבט שטיין הינטער דער שטול. לויט די ווייסגעוואָרענע פינגער אויפן שטול־פּאָרענטש קאָן מען דערקענען די קראפט פון זייער צוזאמענדריק. זאָפיא לויפט צו צום מאן, אירע אויגן דריקן אויס אומבאגרענעצטע צוגעבונדנקייט און שרעק. — זי וועט מיך אויסגעבן, — בליצט עס אויף אין זיצמאנען, ער שפּרינגט אָפּ. אין קאָרידאָר קווענקלט ער זיך, איבערבייגנדיק זיך מיטן גאנצן קערפּער. איין טיר איז פארזיגלט, ער לויפט אריין צו זיך אין צימער, און דער דאָקטאָר שפּרינגט צו פון הינטן און דרייט איבער דעם שליסל אין שלאָס.

ער שטייט אזוי אין דער פינצטער, מורא האָבנדיק זיך א ריר צו טאָן, טאָמער וועט דער פּארקעט א סקריפּע טאָן. עס דאכט זיך אים, אז הגם ער שטרענגט אָן דאָס געהער, וועט ער אויסער דעם איינטאָניקן רויש, וועגן וועלכן ער טראכט — „שניי", גאָרנישט אויפכאפּן. דאָס פּנים, די אויערן ברענען אים, ער שפּירט צופליסנדיקע בלוט, ווי א שטראָמל פייער. מיטאמאָל באנעמט ער די גאנצע האָפענונגסלאָזיקייט פון דער לאגע, קאלט און קלאָר, ער ווייסט, אז ער איז אין א נעץ, ווייל דאָס פענצטער איז פארקראטעוועט. נישט בלויז ער, נאָר אויך יענע, וואָס ער האָט מיסגעברויכט מיט זייער גאסטפריינטשאפט. זיי אויך... זיי זיינען אים א שאָד, און פונדעסטוועגן גע־פינט ער אין דעם דאָזיקן געדאנק א נידערטרעכטיקע פארלייכטערונג. איצט כאפּט אים ארום א געפיל פון בזיון און א ווילדער באגער פון מאר־טירעריי.

— זאָלן זיי וויסן, ווי עס שטארבט א ייד, — שעפּטשעט ער, פאררייסנ־דיק שטאָלץ דעם קאָפּ. ער מאכט א טראָט פאָרויס, אָנרירנדיק די קליאמ־קע. אָבער די טיר איז פארשלאָסן. אננא, וועלכע איז געווען אממיינסטן ביי די געדאנקען, האָט געכאפּט זיצמאנס גלאָז און זי אוועקגעשטעלט אויף דער שטול, ארונטערריקנדיק זי אונטערן טיש. אַזוי אַז דער טישטעך זאָל פארשטעלן. נאָכער האָט זי געעפנט די טיר. זיי זיינען אריין ווייסע, טופּענ־דיק מיט די פיס, האָבן זיי אָפּגעטרעסלט דעם שניי פון די מאנטלען. זיי זיינען געווען צוויי, א דייטש און א „גראנעטענער". ערשט איצט האָט זיי דער הונט דערשנאפּט און ער האָט אונטן אין פירהויז שארף געבילט. אננא,

געוועגדט צו זיי מיטן רוקן, האָט אראָפּגעלאָזט די פּארטונקלונג אויפן פענצטער.

— פאַרוואָס אזוי לאַנג? — האָט דער גראַנאַטענער געפרעגט.

— ווייל איך האָב נישט קיין פליגל, — האָט זי א וואָרטשע געטאָן.

דער דייטש, דער זעלבער, וועלכער האָט איר געוואָלט שענקען דער פרוי האַניגס העמד, געטראָפן פון דעם פלוצעמדיקן ליכט, האָט זיך, שטרויכ־לענדיק און שעלטנדיק, ארייגעשטעלט אין צימער.

— וואָ איסט דער יודע? — האָט ער א געשריי געטאָן. אין דער קעלט און דער פייכטקייט, וואָס ער האָט מיט זיך אריינגעבראכט פון פעלד, האָבן זיי געשפּירט דעם שאַרפן ריח פון אלקאָהאָל,ביידע זיינען געווען שיכור.

— אהערגעבן דעם יידן, — האָט אונטערגעהאלטן דער קליינער, א קלאַפּ טוענדיק מיט דער פויסט אין טיש. זייערע פּנימער, רויטע פון דער לופט, זיינען געווען דורכגעווייקט מיט דעם שמעלצנדיקן שניי, פון די ברעמען און וואָנצעס, ווי אויך מיט אומגעזונטן שווייס און פעטקייט. דער דייטש, אָנשפּארנדיק זיך מיט דער רעכטער האַנט אין טיש, מאַניפּולירנדיק אומ־געשיקט מיט דער לינקער, האָט אויפגעשפּיליעט דעם פוטעראל און האָט, ארויסבאקומענדיק דעם רעוואָלווער, פאַמעלעך געזאָגט: — גיבט דען יודען הער, אָדער איך שיס אייך טאָט!

די פרוי זאָפיא האָט א שוידער געטאָן, זי האָט פאַמעלעך אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אָבער איידער זי האָט צעעפנט די ליפּן, האָט דער דאָקטאָר קאָ־טעגאָריש פארלייקנט:

— ס׳איז דאָ קיין שום ייד נישט פאַראַן!

די פרוי האָט געקוקט אויף אים פארוונדערט און אומרואיק. ער איז געשטאַנען אָן אויסגעגלייכטער און פיינטלעכער, דעצידירט אויף אלץ, מיט דעם דאָזיקן ליגן האָט ער זיך גלייך געשטעלט אויסער דער מעגלעכקייט פון וועלכע עס איז אונטערהאנדלונגען: דער ענין האָט זיך שוין נישט גע־לאָזט פארגלעטן.

— איר האָט דאָך אינדערפרי אויסגעשאָסן אלע, — האָט אננא געזאָגט. אירע ליפּן זיינען פארביסן, צוויי בלוטיקע פלעקן זיינען איר ארויסגעטרעטן אויף די באקן. דער פּאָליציאַנט נאָכמאַלפּעווענדיק דעם דייטש, האָט אויך ארויסבאקומען דעם רעוואָלווער און, צושטעלנדיק אים צו איר קאָפּ, האָט ער א געשריי געטאָן: — און איך ווייס, אז ס׳איז דאָ... מיר האָבן באַגעגנט אייער מילכעקערין... זי האָט געזען זיצמאַנען, וועלכער איז צוריקגעקומען, זי האָט אלץ אויסגעזונגען, אבי נאָר מיר זאָלן איר קיין שטראָף נישט ארייינהאַקן. איז גערעדט זאָל ווערן... גערעדט, ווייל מיר וועלן אים סיי ווי

געפינען, דעמלט וועט איר אויך גיין — מיט דער לופּע וויזט ער אָן צו דער קיכטיר.

— ער איז נישטאָ, — זאָגט דער דאָקטאָר מיט עקשנות, זיך אָנשפּאַרנדיק אויפן טיש. די פרוי שאָקלט מיטן קאָפּ באַשטעטיקנדיק. דערנאָך זעצט זי זיך, פאַרדעקנדיק דאָס פּנים מיט די הענט, מע הערט נישט, אָבער לויטן ציטערן פון די אַקסלען זעט מען, אַז זי וויינט.

— זוכט, — זאָגט דער דאָקטאָר דורך צוזאַמענגעקוועטשטע ציין, קערט זיך אַוועק, ווי אים וואָלט שוין דער ענין לגמרי נישט אָנגעגאַנגען. זאָסיע, — טוט ער אַ זאָג אַ ביסל אין כּעס, דערנאָך: — זאָסיע... — ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט.

דער דייטש עפנט די טיר, קוקט אַרויס אין פּאָדערהויז. דעם רעוואָלווער רוקט ער אַריין אין דעם שיידל, לייכט צו מיטן לעמפּל. אויף איין טיר איז דער זיגל, שטעלט ער זיך פאַר דער צווייטער און פּרוווט די קליאַמקע. זי איז פאַרשלאָסן, אָבער דער שליסל איז אויף דער זייט.

דער צווייטער פּאָליציאַנט גייט צו צו אַננאַן. אין דעם דאָזיקן מאָמענט צוגיין איז פאַראַן עפּעס אַזאַ שנאהדיקייט, אַז דער דאָקטאָר טוט אַ געשריי:

— וואָס טוט איר?

יענער, ווי מען וואָלט אים אויפגעוועקט, ווענדט אום דעם קאָפּ.

— זאָגט דעם אמת, ווו האָט ער זיך באַהאַלטן, דאָס וועט אייך ראַטעווען. — די שוואַרצע אייגעלעך לייכטן מיט ענדלאָזער גאווה.

— איך קאָן דערהרגענען, דו הערסט, איך קאָן דערהרגענען, — שרייט ער מיט טריומף, אַריינשטעקנדיק די לופּע אין אירע האָר, כּדי צו באַרירן דעם שאַרבן גופא.

— נו, טאָ דערהרגע זשע שוין, — שרייט אַננאַ — מער פון דעם קאָנסטו דאָך נישט... עס שלאָגט אַזאַ פאַראַכטונג פון אירע אויגן, אַז דער פּאָליציאַנט ציט זיך אויף אַ טראָט צוריק.

— איך ווייס, — זאָגט ער — אַז ער איז דאָ נישטאָ, גיב די שליסל פון דער האַלץ־קאַמער...

זי גייט נאָך אים, אַריינטרעטנדיק אין דעם שוואַרצן, פייכטן פּאָדערהויז, וועלכער איז פונאַונטן באַלויכטן מיטן שניי, וואָס האָט אָנגעוויעט דורך דער שוועל, הערט, ווי ער חזרט איבער, זיך באַרוישנדיק: — און דערהרגענען קאָן איך, אַז כ'וועל וועלן, וועל איך דערהרגענען... — אַננאַ איז צופרידן, וואָס זי פאַרנאַרט אים אַרויס אויפן הויף. ערשט איצט האָט זי

אָפּגעפּילט זיצמאַנס טאָפּלטע איינזאַמקייט. פון זייגע שטאָם־ברידער האָט אים אָפּגעטיילט די רעליגיע, די מיטגלויביקע שטויסט אָפּ די ראַסע. טאַקע אויף צו להכעיס אַלעמען וועט זי אים העלפן. אויסער דעם בשותפות־דיקן גלויבן שטאַרקט נאָך זייער פאַרבונדנקייט די שנאה צו די דייטשן. זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען. עס באַגעגנט זיי דאָס בילעריי פון דעם הונט. דער־נאָך קלאַפּן די טירן. ס'איז שטיל.

זיצמאַן, שטייענדיק אין דער פענצטער, הערט זייטלעך זייערע שטימען. איצט, ווען דער דייטש איז אויף דער צווייטער זייט, ווען ער הערט זיין אָטעם, פילט כמעט אויף זיך זיין בליק דורך די דינע ברעטלעך. און ווען עס טוט אַ גרילץ דער איבערגעדרייטער שליסל, ווערט ער, אונטערגע־בראָגן דורך אַ כוואַליע פון אוממענטשלעכער שרעק, אין פחד נישט צו פאַלן אין חלשות, דאָ פאַר דער שוועל, שפּרינגט ער אָפּ אין דער זייט און קוועטשט זיך אַריין אין דער וואַנט. אונטער די פינגער, נאַסע פון שוויס, איז דער קאַנט פון דער שאַפע. מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קלאָרקייט ווייסט ער, אַז דאָס זיינען זיינע לעצטע מינוטן. אין אַן אויגנבליק אַרום וועט ער זיין אַ בר־מינן און מיט זיין אָנוועזנהייט וועט ער ברענגען טויט יענע. ער טראַכט וועגן זיין פּחדנות מיט פאַראַכטונג און ביטערניש. מיטאַמאָל טוט ער, ווי אַ פאַרבלענדטער, אַ בייג אַראָפּ דעם קאָפּ. עס ציגדט זיך אין אים אָן אַ תפילה, וואָס איז פול מיט יאושדיק געבעט. די טיר עפנט זיך, איר ראַנד טוט אַ קלאַפּ אין דער שאַפע. זיצמאַן פילט דעם דאָזיקן קלאַפּ מיטן גאַנצן גוף. דער ווייסער שמייך פונעם לעמפּל פאַרקערט דאָס צימער.

דער דאָקטער זעט, ווי יענער בעמענדיק דעם רעוואָלווער, שרייט כריפּענדיק: ראוס!

עס ענטפערט אים אַ שטילשווייגן.

איידער ער האָט געמאַכט אַ טראָט פאַרויס, האָט זיך פון הינטערן פענצטער דערהערט איין שאָס, דערנאָך אַ צווייטער.

— ער האָט דערהרגעט אַנאַן, — שעפּטשעט דער דאָקטער.

דער דייטש דרייט זיך אויס, זיין פּנים לייטערט אויס אַ שמייכל. ער הייבט אויף דעם רעוואָלווער אין דער הויך און, פאַרביילויפנדיק דאָס צי־מער מיט צוויי שפּרונג, שרייט ער: — ער האָט שאָן געענוג! — דער דאָק־טער לויפט אַרויס נאָך אים. דערהערנדיק דעם מאַנס שטים, הייבט זיך די דאָקטאָרקע אויף און, פאַרלירנדיק מיטאַמאָל די כוחות, זיך אָנהאַל־טנדיק פאַרן מעבל, שלעפּט זי זיך, ווי אַ בלינדע, אַריין אין קיך.

דער דאָקטער שטרענגט אָן דעם בליק. שטיקעלעך פון פאַרשיטן אים די אויגן. הינטער דער האָלץ־קאַמער שווינדלען עפּעס געשטאַלטן.

— אננא, רופט ער — דורכגענומען מיט אימה — אננא!

— איך בין דאָ, — ענטפערט זי פון דער פינצטער. ערשט איצטער באַקומט איר אַרויס די שיין פונעם לעמפּל, וואָס עס האַלט איבער איר דער איינגעבויגענער דייטש. אננא קניט איבער איר דורכגעשאָסענעם הונט, פון וועלכן עס זעצט אַרויס וואַרעם בלוט.

— ער האָט אים דערהרגעט, די חיה! — שרייט זי אין צאָרן. זי טוט זיך אַ רייס אויף און גייט גלייך אויפן פּאָליציאַנט.

— דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דאָס איז אַ יידישער הונט, — זאָגט ער, זיך ציענדיק אויף צוריק.

דער דייטש באַלייכט אים מיטן לעמפל און לאַכט אויף אַ קול.

— יאָ, יאָ, דיזער יידישער הונד מוסס קרעפּירען...

נאָכער נעמען זיי זיךביידע אונטערן אָרעם און אָנשטאָט צו גיין צום הויז — גייען זיי אין דער ריכטונג פון דער פורטקע.

אננא נעמט אַריין דעם הונט אין פּאַרטעך אַריין. קיין בלוט זעט מען שוין נישט, דער שניי דעקט צו אַלץ. מיט אַ געוויין גייט זי צוריק צו דער שטוב.

— דו לעבסט, אננא, דו לעבסט, — שעפּטשעט דער דאָקטער, באַרירנדיק איר אַקסל. פּאַראַמאָל עפנט זיך די טיר פונם קאָרידאָר, און ס׳גייט פון איר אַרויס זיצמאַן — אַ גרינער, אַ פאַרעלטערטער, בלייבט שטיין אויף דער שוועל, מרוזשענדיק מיט די ברעמען.

— זיי זיינען שוין אוועקגעגאַנגען, — זאָגט דער דאָקטער פּאַמעלעך.

— דער דאָזיקער הונט האָט אייך געראַטעוועט, — זאָגט אננא, אויפהייבנדיק דעם שווערן פאַרטעך.

— ניין, ניין, רופט אויס זיצמאַן, ערשט איצטער באַנעמענדיק. ער כאַפּט דעם דאָקטער פאַר דער האַנט, די איבעריקע גייען נאָך זיי, ווי פאַרכישופטע.

— איך בין דאָ געשטאַנען, ער דאָ... דעמלט גאָרנישט — כ׳האָב בלויז מתפלל געווען: „יעזוס, ראַטעווע מיך...״ און דעמלט האָב איך געפילט — עס האָט נאָך נישט געשלאָגן דיין שעה, דו וועסט זיין געראַטעוועט... ס׳איז אָפּגעלייגט געוואָרן... בלויז אָפּגעלייגט געוואָרן...

ער האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעדרייט און, אָנכאַפּנדיק דעם דאָקטער פאַר אַ קלאַפּע, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל, שיסט ער אויס מיט אַ שרעקלעך געוויין.

ווען אין אַ פערטל שעה אַרום פאַרט צו דער באַשטעלטער שליטן, לאַדעוועט מען אויף די וואַליזעס. דאָס שטרוי פון דעם געזעס איז נאָס פונעם

שניי, וועלכער הערט נישט אויף צו פאלן. דער שליטן, דער פויער זיינען ווייס, בלויז די פערד פארען און שמעקן שארף, פארמאטערט פון דעם נישט איינגעפּאָרענעם וועג. די פארזאמלטע פארן הויז דריקן אים די הענט, די רעכטע און די לינקע, די פארבאנדאזשירטע, וואָס די טיד האָט זי צע־קוועטשט. דער דאָקטער מאכט א צייכן פון א צלם. דער שליטן רירט, פאר־שווינדנדיק פאראמאָל, ווי ער וואָלט זיך אראָפּגערוקט נאָך אין א טיפערער פינצטערניש. דאָס גלעקל האָט קוים א קלונג געטאָן, גלייך זיך אויסגע־לאָשן. דער שניי שיט אומדערמידלעך, א דיקער, א געדיכטער, ער דער־לאנגט שוין איבער די קני.

יוזעף מאַרטאָן

זאָשקע

I

דער סוף מערץ האָט געבראַכט מיט זיך אַ שיין וועטער, וואַרעמקייט. דער און יענער פּויער האָט שוין געמאָלדן, אַז אין גיכן וועט ער זיך צום פּרילינג־אַקערן, האָט זיך געגרייט צו דעם. די ביימער האָבן זיך מיט יעדן טאָג באַדעקט מיט אַלץ מער קנאָספּן, איבערן הימל האָבן געצויגן העלע, צוויטיקע וואָלקנס, די וועגן און שטעגן זיינען טרוקענער געוואָרן. אויף די פעלדער האָבן זיך געגרינט גאַנצע שטחים קאָרן. די אַרומיקע וועלדער בלויז זיינען געשטאַנען טונקל־גרינע, דער ווינט, וואָס איז פון זיי געקומען, האָט גערוישט מיט אַ מילדן פרילינגדיקן אָטעם.

אַדאַם האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט דעם מיטאָג. ער האָט פון זיך אָפּגערוקט די שיסל און אָנגעהויבן זוכן דעם טאַבאַק. ער האָט אים אָבער נישט געפונען דערנעבן און געמוזט אויפשטיין פון הינטערן טיש. ער האָט אַ קוק געטאָן דאָ און דאָרט, אפילו אונטערן בעט זיך אַרונטערגעבויגן, אפשר האָט דאָס קינד צופעליק פאַרטראָגן אַהין זיין טאַבאַקשקעטעלע, ביז ענדלעך, האָט ער עס געפונען. ס'איז געלעגן אין דער אַלטער קאַפּאָטע.

זאָשקע האָט שווייגנדיק געוואַשן דאָס געפעס. זי האָט געגאָסן אויף דעם הייס וואַסער און, אַ פאַררויטלטע, שטאַרק געריבן יעדן טאָפּ.

דאָס גרויסע לויטערע פענצטער, פון וועלכן מ'האָט פאַרטראָגן אַראָפּ־

גענומען האָס פאַרקליפּעכץ איז איינגאַנצן געשטאַנען אין זון און האָט מיט אַלע שויבן געשמייכלט צו אירע באַלעבאַטים.

איך אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך זאַשקע אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אַדאַמען, נאָר, ווען זי האָט אָנגעהויבן ריידן, האָט זי ווידער אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ צו דער וויק־שאַף:

— ווייסט, איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דער כּהולעכין, וועגן העלקין, אַפילו וועגן דודן האָט מען מיר דערציילט...

אַדאַם האָט מיט פּאַהאַרינטערעסירונג אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַרויסגעלאָזט אַ קנויל רויך.

— זעט נאָר, איז לעבן זיי נאָך?

— קומט אויס אַזוי... — און איצט האָט זאַשקע אויפגעשטעלט די טעפּ הינטערן אויוון און איז צוגעגאַנגען צו אַדאַמען.

— נאָר, ווייסטו ווי אַזוי זיי לעבן? זיי האָבן זיך אין אַ קאָרן־פעלד אויסגעגראָבן אַ שרעקלעכע גרוב און זיצן דאָרט אין איר, ווי די פוקסן. האָבן זיי וואָס צו עסן — עסן זיי, ווען נישט — הונגערן זיי גאַנצע טעג... אַז ס׳איז מיר אַ וווּנדער, ווי אַזוי זיי האָבן עס ביז איצט אויס־געהאַלטן. בלויז העלקע איז אַפּגעשטאָרבן גלייך אין אָנהויב יאַנואַר. און ווי האָט די אומגליקלעכע געקאָנט לעבן, ווען זי האָט געבוירן אַ קינד אין מיטן גרויסן פעלד אָן ליכט און אָן וואַסער... דאָס קינד איז געקומען אויף דער וועלט אַ טויטס, און זי איז אַוועק נאָך דעם אין אַ דריי טעג אַרום...

— און דוד, ווייסטו? איז אַוועק אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. פאַר־אַכטאָגן האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צו אונדז אין דאָרף.

— און פון אים האָסטו זיך דערוווּסט וועגן די זאַכן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן מיט אַ פאַרשטיקט, דערשראָקן קול.

— ניין, נישט פון אים. און זאָל זיין, אַז פון אים, וואָס איז דאָ אַזוי שרעקלעך? ווייל ווען איך זאָל אַפילו מיט אים יאָ רעדן, וואָלט איך דאָך אויך נישט געלאָפן פריער איבערן דאָרף זוכן אַן עדות דערויף, אַזוי נאַריש בין איך דאָך נישט.

— נאָ, נאָ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט פארהאַלט — זאָלסט מיר אַזוי נישט רעדן און מיט דודן דערוועג זיך נישט צו באַגעגענען. טעדענק, אַז דו האָסט אַ קינד, און אַז ביי די דייטשן דאַרף מען דעם טויט נישט קויפן.

— כ׳ווייס עס גוט. דאַרפסט עס מיר נישט דערמאָנען. אָבער פאַרוואָס ביסטו אַזוי שטרענג געוואָרן? צי קענסטו, זיך, מיין מאַן, פאַרשטעלן, ווי

אָט די מענטשן לעבן דאָרט? אין הונגער און קעלט? צי איז דיר קיינמאָל נישט געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז מיר דאַרפֿן זיי העלפֿן? יאָ העלפֿן, אָוועקטראָגן אַ פּלעשל מילך און אַ װעלך שטיקל ברויט װאָרן מיר זײַנען דאָך מענטשן. אדאם, אויף די װוּנדן פֿון דעם געקרייציקטן, צי ביסטו קיין מענטש נישט? צי האָט זיך אין דיר קיינמאָל נישט צעוויינט דאָס האַרץ, מהאַכטנדיק װעגן זייער שוועךן גורל תּאַרט? זיי עסן דאָך בלויז דעמלט, װען עמעצער ברענגט זיי װאָס אָפּצועסן. האָסטו געהערט װעגן דעם?

אַדאַם האָט געשוויגן, און זיך צוגעהערט, האַלטנדיק דעם קאָפּ פֿאַריכן עטוואָס אינדערהויך.

זאָשקע האָט װײַטער גערעדט, געפּאַכעט מיט די הענט, אָט אויפֿגערעגט און אָט װידער נאָענט צו געוויין, זי האָט דערקלערט, געגעבן צו פֿאַרשטיין... צום סוף האָט זי זיך מודה געווען, אַז נישט קיין אַנדערער האָט איר געבראַכט דעם גרוס װעגן דער סרולעכע און די איבעריקע, װי מאַקע דוד.

— דערמאָנסט זיך װי איך בין זיך לעצטנס פֿאַרזעסן אויפֿן דאָרף, און דו האָסט זיך שוין װעגן מיר געשראָקן, צי ס'איז מיר עפּעס נישט געשען? און אַ רעגן מיט אַ שניי האָט דאַן געשמיסן, אַז אַ הונט איז געווען אַ שאָד אַרויסצולאָזן פֿון דער בודע, דער װינט האָט געפֿייפֿט, די ביימער געטרעסלט... אין יענער נאַכט איז דוד געקומען אין האָרף. און װען איך בין שוין געלאָפֿן צו דער כאַטע, בין איך שיער נישט אַרויפֿגעפֿאַלן אויף אים. פֿון פּאַרנט איז אויף אים געהאָנגען עפּעס אַ מאָדנע ביקס, ביים פּאַס האָבן זיך אים געבאַמבלט גראַנאַטן, װי גענדזן־אייער. צוזאַמען מיט אים זײַנען געווען נאָך דריי פּאַרטיזאַנער, נאָר כ'האָב זיך צו זיי נישט צוגעקוקט, װאָס פֿאַר אַ לייט דאָס זײַנען. װייסט, דוד האָט מיך גלייך דערקענט, װי נאָר ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און פֿאַר פֿרייד, האָב איך געמיינט, אַז ער װעט זיך מיר אויפֿן האַלדז װאַרפֿן.

— און דו האָסט זיך געמוזט פֿון אָט דעם אַלעם צעבעטשן. דיר קומט עס תּאַך אָן לייכט.

— און װאָס האָסטו געטראַכט! אַלע האָבן געזאָגט, אַז ער איז דערמאָרדעט, און דאָ, אָט האָסטו דיר — ער לעבט. דיך װאָלט עס נישט גענומען ביים האַרצן? װאָלסטו זיך נישט צעוויינט איבער זײַן גורל?

— ס'האָט אייך עמעצער געזען?

— ניין, װייל דעם גאַנצן געשפּרעך האָבן מיר געפֿירט הינטער דער קלויסטער־װאַנט, לעם גלאָקן־טורעם.

— און װאָס האָט ער דערציילט? װען װעט זיך די מלחמה ענדיקן?

— וועגן דער מלחמה האָט ער גאָרנישט אַזעלכעס געהערט. ער האָט בלויז געזאָגט, אַז די דייטשן וועלן פאַרשפּילן די מלחמה. אַזוי זאָל זיי האָבן געזאָגט סטאַלין אַליין.

— באָבע-מעשׂיות... די דייטשן, דאָס איז אַזאַ טייוולאָנישער כּוח...

— לחלוטין נישט קיין באָבע־מעשׂה, ווייל זיי, דאַרפסטו וויסן, האָבן מיט זיך שטענדיק אַ ראַדיאָ, קענען זיי אַלץ הערן. אָבער מיר איז דאָך נישט די מלחמה געלעגן אין קאָפּ. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף אונדזערע ייִדן, נו, האָט ער מיר דערציילט, וויאַזוי וועד עס לעבט. ער האָט מיר אַפילו אויסגעזאָגט אויף אַ וועלכן פעלד זיי געפינען זיך, און איך האָב אים העכער צוגעזאָגט, אַז כ'וועל זיי ברענגען אַ לאַבן ברויט.

— דו זאָלסט עס זיך מיר נישט דערוועגן! ווילסט פאַרזוכן דעם טויט? אויף ייִדן ווילסטו מיר אָנהויבן השגחה געבן?

— און פאַרוואָס דען נישט? — האָט זי ערנסט געענטפערט — צי זיינען עס נישט קיין מענטשן? ווען דיין קינד... זאָל אַזוי אויסגיין פון הונגער, וואָלסטו נישט אויסגעקוקט פון עמעצן... אַ וועלכע הילף?

— ס'איז דיר שוין אַרויס פון קאָפּ, אַז מיט אַ וואָך צוריק האָבן די דייטשן פאַרברענט אַ גאַנצע ווירטשאַפט אויפן בוגיי בלויז דערפאַר, וואָס מע האָט דאָרט אויסבאַהאַלטן ייִדן?

— שרעק זיך נישט, זיי וועל, אַחוץ נישט פאַרברענען. און אויב איך וועל זיך אויסקלייבן צום פעלד, וועל איך גיין אַהין אין דער אוונטפינצטערניש, ווען די דייטשן שטעקן אין ערגעץ נישט די נאָז אַרויס — אַזאַ פחד האָבן זיי פאַר די פּאַרטיזאַנער.

— ווי איך זע, בייסן דיך די פינגער. ווילסט חוקא מע זאָל זיי דיר אָפּהאַקן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן בייז, האַרב.

— ניין, אָדאָם, נישט איך וויל עס און נישט דו ווילסט עס. אָבער פאַרשטיי, זיי זיינען דאָך הונגעריק, אָפּגעשליסן, כּמעט נאַקעט, די קינדער שטאַרבן אויס ווי די פליגן אויפן פראָסט. צי וואָלסטו געהאַט גאַט אין האַרצן מיר דאָס צו פאַרווערן? וואָלסט געהאַט אַ רואיק געוויסן? ווען איך זאָל וועלן עפּעס שלעכטס טאָן, באַגיין עפּעס אַ פאַרברעכן, וואָלסטו רעכט געהאַט מיר צו באַפעלן, איך זאָל זיך דערפון אָפּהאַלטן און זיך באַרואיקן, אָבער...

אַדאָם האָט שוין נעכוּג געהאַט דאָס געשפּרעך. ער האָט זיך אויפגעהויבן. אָבער דאָ האָט ער באַמערקט טרערן אין זאָשקעס אויגן. איר ברוסט האָט זיך האַסטיק געוואַליעט.

— אדאם וועסט מיר נישט פארווערן צו גיין אהין... — איר האנט איז געפאלן אויף זיין אקסל, אנגעהויבן אים גלעטן און זאשקע האט מיט געצירטקייט און מיט געבעט אים אריינגעקוקט אין די אויגן.

— אדאם, בייזער זיך נישט אויף מיר דערפאר, זעסט דאך, אזא הארץ האב איך שוין. נו, איך קאן נישט זיין אנדערש און וועל נישט זיין. איך וועל גיין זיי ראטעווען. אפשר וועט אונדז גאט דערפאר שענקען גליק פאר אונדזער קינד...

אדאם איז ווייכער געווארן. אים גופא זיינען אויך א שאד געווען די חאזיקע יידן. אפשר וועט עס באמת נישט זיין אזוי געפערלעך, ווי אים דוכט זיך. איז זאל זי גיין, אויב זי רייסט זיך אזוי שטארק דערצו.

— אבער זאלסט דערנאך נישט וויינען איבער מיר, דאס ווארן איך דיר, — האט ער צוגעגעבן.

— נו, גוט, גוט, איך וועל נישט, האב קיין מורא נישט!

II

האט זי זיך אויסגעקליבן. זי האט איינגעוויקלט אין א שמאטע א האלבן לאבן ברויט, א פלאש מילך פון א ליטער, אפילו ווען קעז האט זי נישט פארגעסן. אויף עפעס אן אויסטערלישן אופן האט זי זיך אויסגעטאראטעט דאס קעזל, ווייל אליין וואלט זי עס קיינמאל נישט געמאכט, און אזוי באלאדן איז זי גלייך אויף צומארגנס אין אוונט ארויס פון שטוב.

דעם וועג צו די הויפישע פעלדער האט זי געני געוווסט, נישט געדארפט אויף אים זיך נאכפרעגן ביי קיינעם. דערפאר איז זי אין איין זאך נישט זיכער געווען, און דאס האט זי עטוואס ארויסגעשלאגן פון טראפ, געמלעך, צי דארף זי זיך לאזן צום ערשטן פעלד פון רעכטס, צי גאר פון לינקס. צווישן איינעם און דעם צווייטן איז געווען א היפשער מהלך. גיין אהין און צוריק פון פעלד צו פעלד — איז געווען נישט זייער זיכער, אפילו ריזיקאליש. ווייל, ווען עס זאל עמעצער זי אזוי באמערקן ארומבלאנקען צווישן די פעלדער און זאל עס נאכהער אפטראגן, וואלט זיך פאר איר די גאנצע אונטערנעמונג ביטער געענדיקט. נאר צי איז דערויף געווען עפעס אן עצה? זאשקע איז צו שטארק אדורכגענומען געווען מיט איר באשלוס — זי זאל זיך קאנען קווענקלען, אדער צוריקציען. די קלאמקע האט זיך פארמאכט — קיין וועג אהיים מיטן ליידיקן איז שוין נישט געווען.

אין משך פון טאג איז אין דרויסן געווען פולשטענדיק רואיק. פארנאכט־צו האט זיך אויפגעהויבן א לייכטער ווינט, און דעם גאנצן וועג האט ער זאשקען געבלאזן גלייך אין פנים אריין. איבער די פעלדער האט זיך

געשפּריַיט די טונקלקייט, דער הימל האָט זיך אָנגעגליט מיט אַלץ מער און מער שטערן. זיך געפּוצט מיט זיי, ווי אַ לאָנקע מיט מענגעס ראַנונקל־בלומען.

ווען זאָשקע האָט זיך געפונען נעבן וואַלד, האָט זיך איר געדוכט, אַז דער ווינט האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער איינגעשטילט, ביז ס'איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן. אָבער איבערן וואַלד האָט זיך באַוועגט אַ שטאַרקער, מוטיגער געוויש און איז פאַרפאַלן געוואָרן דאָ ביים ראַנד, וועלכן ס'האָט אַלץ מעכטיקער איינגעהילט דער אומעטיקער דימער. אַ טיפע רואיקייט איז געלעגן אויף די סטערנעס פאַראַוואַריקע שוואַרצע בלעטער, וועלכע האָבן נאָך נישט באַוויזן פאַרפוילט צו ווערן, און האָט אויך איינגעשטילט די נידעריקע קשאַקעס, וואָס שפּרייטן זיך, ווי אינדזעלעך אין אַ גרויסער צאָל איבערן גאַנצן וואַלד.

זאָשקע האָט זיך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט איבער די פעלדער, ווי גרויסע פלעקן האָבן זיי אויסגעטויכט פאַר איר, פונאַנדערגעוואָרפענע עפּעס אַן אַ סדר איבערן גאַנצן הויפישן גוט. אָבער די עקסטע האָבן זיך בולט אויסגעטיילט פון די איבעריקע.

זי איז שטיין געבליבן. זי האָט זיך אַ ווײַלע אַ קווענקל געטאָן. אויף אַ וועלכן פון זיי אַרויפגיין? אויף בלינד האָט זי זיך געלאָזן רעכטס. פלוצלינג האָט זיך צו איר דערטראָגן אַ ווידערקול פון אַ ווייטן שאָס. זי האָט זיך אומרואיק אַרומגעקוקט און אָנגעהויבן זיך איינצוהערן. מיט אומבאַוועגלעכע אויגן האָט זי זיך אײַנגעקוקט אין דער זייט פון די ביימער. נאָר דער שאָס האָט זיך נישט איבערגעחזרט. אַ באַרואיקטע האָט זי זיך געלאָזט ווייטער. און באַלד האָט זי זיך געפונען בײַ דעם פעלד. דוד האָט געזאָגט, אַז ביים ערשטן ראַנד פון וואַלד איז דאָ אַן אַריינגאַנג. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביים ראַנד, זיך איינגעבויגן ביז דער סאַמע ערד און אויפגעהויבן אַ גרויס ראַפּאַהענגענדיק בינטל שטרוי... און סאַראַ וווּנדער, אונטער דעם שטרוי האָט זיך געשוואַרצט אַ קוים קענטיקע עפענונג, צוגעדעקט מיט געדיכט אַראָפּהענגענדיקע קאָרן־זאַנגען. זאָשקע האָט אַראָפּגענומען איר פעקל פון די פּלייצעס, גענומען עס אין די הענט און אָנגעהויבן אַריינקריכן אינעווייניק.

פלוצלינג האָבן זיך דערהערט זקנישע, אָבער הייםלעכע ווערטער:

— ווער איז האָרט? דוד, האָס ביסטו?

— זאָשקען האָט פאַרשפּאַרט דער אָטעם. וואָס זאָגן?

— באַלד האָט די שטילקייט, אָנגעשפּאַנט מיט שרעק, איבערגעריסן די שטימ:

— זאָג ווער, אַז נישט שיס איך.

— האָס בין איך, זאָשקע אַדאַמאָווע, איר דערקענט מיך נישט?

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ היציק געשפּרעך אויף ייִדיש, עטלעכע פֿאַר זאָן פּאַראַמאָל און אומבאַוווּסט פֿונוואַנען האָבן אויסגעשטרעקט צו איר הענט און אָנגעהויבן זי אַרײַנשלעפּן אינעווייניק. אין דער פֿולשטענדיקער פֿינצטערניש האָט זי קיינעם נישט געזען, הגם זי האָט געפֿילט לעם זיך דעם אָטעם פֿון עטלעכע מענטשן. די לופֿט איז געווען שווער, אָנגעזאַפּט מיט דעם אַוויר פֿון מענטשלעכער אומריינקייט, שווייס און טוכלער שטרוי. עמעצנס הענט האָבן בײַ איר צוגענומען דאָס פֿעל, די זעלביקע הענט האָבן זי נאַכהער אַרומגעטאַפּט אַרום און אַרום, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זי זיי אַפֿילו דערפֿילט אויפֿן פּנים, אַזעלכע וועפּושדיקע און ראַציקע, און ערשט איצט האָט אַ לייכט געטאָן אַן עלעקטריש לעמפּל. אַ גאַנצער סנאָפּ לייכט האָט איר אַ פֿלייץ געטאָן גלייך אין די אויגן. און דערנאָך זיך אַ קערעווע געטאָן צום חלל פֿון דער באַהעלטעניש מיט איר אײַנוווינער און האָט זיך אויסגעלאָשן. לענגער איז נישט נייטיק געווען צו לויכטן. די אײַנוווינער פֿון דעם פּעלד זײַנען געווען גענוג בכדי עטלעכע רגעס אויפֿמערקזאַם זיך צוצוקוקן צו דער אַרײַנגעקומענער און איר פֿעקל. עס איז אויך פֿאַר זאָשקע גענוג געווען, הגם זי וואָלט וועלן, עס זאָל אויך ווײַטער לײַכטן. אין דער פֿינצטער איז איר באַפֿאַלן אַן אימה, ווײַל ווי רעדט מען עס מיט מענטשן, וועז מען זעט זיי נישט? נאָך אַ געוויסער צײַט האָט זי זיך אָבער צוגעוויינט צו דער פֿינצטערניש און זיך פֿולשטענדיק באַהערשט.

אין סאַמע ווינקל איז אויף אַלטער שטרוי, צעוואָלגן כמעט אויף סעטשקע, געזעסן צוזאַמענגעקוליעט די סרולעכע... צו איר ברוסט איז געווען צוגעדריקט אַ קעפּל פֿון אַ קליין קינד מיט זײַער צעשויבערטע האָר. דעם קינדס פּנים האָט זאָשקע נישט באַמערקט, דערפֿאַר האָט זיך איר גוט אײַנגעקריצט אין זכרון סרולעכעס פּנים: ס'איז געווען אַשיק־געלבלעך, געשוואָלן, ווי פֿון אַ בר־מינן. די אויגן, אײַנגעזונקענע טיף אונטערן שאַרבן, מיט ברעמען האַלב־צעגעשלאָסענע, אויסגעשוואָלענע, האָבן אויך נישט פֿאַרמאָגט אין זיך קיין לעבן.

נעבן סרולעכען איז געלעגן ערגעץ אַ יונג מיידל. זי איז געשלאָפֿן. זאָשקע האָט זי נישט געקענט, הינטער דעם האַדיקן מיידל, אײַנגעצאַנגט אין הינטערגרונט איז געזעסן אויף פּאַרליאַטע פֿיס, יצחק, אַ זקן מיט אַ לאַנגער, צעקנאָדערטער באָרד און טענאַט אַ ברוסטקאַרינקע. אויפֿן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ שוואַרץ פֿויעריש היטל, אויף דער קאַפּטאָן אויף אים איז געווען אַ פֿויערישער, אַ שמאַרק אָפּגעטראָגענער.

ווי נאָר עס האָט זיך פאַרלאָשן דאָס ליכט, האָט זאָשקע חערפילט אויף איר אַקסל כאַנקעס, דער געוועזענער שניידעריכס, האַנט, נאָר, אָנ־שטאָט זיך מיט איר צו באַגריסן, איז זי פריער צוגעפאַלן צו דער סרולעכע.

— סרולעכע טײַערע, וויאַזוי לעבט זיך אײַך דאָ?

די סרולעכע האָט מיט א פאַרחלשטער באַוועגונג דערלאַנגט איר די האַנט און געזאָגט מיט א מיחער, אָבער אַנטשלאָסענער שטים:

— זאָשע, גאָט האָט אונדז אַלעמען פאַרמשפט צום טויט.

— צו וואָס רעדט איר אַזוי, אַז מיט גאָטס הילף וועט איר נאָך אַלע אַרויסגיין געזונטע און גאַנצע. מיט א וואָך צוריק האָב איך זיך געטראָפן מיט דודן. ער האָט מיר געהייסן אײַך באַזוכן. איך האָב אײַך געבראַכט א ביסל ברויט און מילך.

די סרולעכע האָט אויפגעלעבט:

—— אַך, מילך! כאַנקע, וועק אויף דײַן שוועסטער, זאָל זי טרונקען א ביסל מילך, — און זי האָט זיך תיכף אײַנגעבויגן מיטן קאָפּ איבערן קינד. זי האָט עס אָנגעהויבן שטיל צו וועקן — שטיי אויף, קינד, די מאַמע האָט פאַר דיר מילך. פרישע, געשמאַקע מילך.

כאַנקע איז צוגעטראָטן צו זאָשקען.

— זאָשקע, איך וואָלט קײנמאָל נישט געטראַכט, אַז דו האָסט אַזוי פיל האַרץ צו אונדז, צו אָרעמע ייִדן. האָסט נישט מורא געהאַט צו קומען צו אונדז און ברענגען אַביסל שפּײַז... ווי זאָל מען דיר אָפּדאַנקען דערפאַר?

— אָפּדאַנקען? אײַך געפינען פאַרוואָס: האָסט פאַרגעסן, אַז ווען דו האָסט מיר אַמאָל געגעבן א בלוזקע, האָב איך דיר נישט דערגעבן א האַלבן ליטער מילך?

— איך געדענק עס, זאָשקע, נאָר דאָס פאַרגאַנגענע עקזיסטירט פאַר אונדז אײַנגאַנצן נישט. צי וועסטו גלויבן, אַז איך האָב פאַרגעסן, ווי מענטשן לעבן? שוין א האַלב יאָר, ווי איך האָב לגמרי נישט געזען די זון און דאָס טאָג־ליכט. מאָמענטנווײַז דוכט זיך מיר, אַז איך בין בלינד געוואָרן, ווײַל ווען איך גײ אַרויס פון באַהעלטעניש, איז שוין דאָ גוט פינצטער. דערצייל אונדז וועגן זיך. זאָשקע, דערצייל אונדז אויך וועגן אַנדערע. דערצייל. צי האָט מען לעצטנס דערמאָרדעט אַזעלכן ייִדן ביי אײַך אין דאָרף?

— מיט איבער א חודש צוריק האָט מען דערשאָסן די שמולעכע...

— מיט די קינדער, יאָ, ווייסן מיר עס.

— איך בין געווען בעת דער דערשיסונג.

— האָסט עס מיט דײַנע אייגענע אויגן צוגעזען? און וואָס? דער־צייל, ווי עס איז פאָרגעקומען?

זאָשקע דערציילט. אָבער מיט יעדער רגע פילט זי אַלץ דייטלעכער אַז, אַז צווישן איר און די, וואָס געפינען זיך דאָ, שאַפט זיך אַ מאָדנע פרעמד־קייט. אַז עס פאַראייניקט זיי מיטאַנאַנד גאָרנישט, און עס טיילט זיי אָפּ.

אין ערשטן מאָמענט, ווען מען האָט דערזען זי און די געבראַכטע פּראָדוקטן, האָבן זיך אַלע אויפגערודערט, אָבער גלייך האָבן זיי זיך ווי דער פאַרמאַכט אין זייערע הוילע רעיונות, און אפשר אין די האָפענונגלאָזע דערינערונגען וועגן פאַרגאַנגענעם לעבן, צי גאָר אין דערוואַרטן דעם טויט?

נישט ווייט פון איר האָט דער אַלטער יצחק אָן אויפהער גענאַגט זיין ברויט־סקאָרינקע, אומטערהוסטענדיק אַלע ווײַלע. דאָס אויפגעוועקטע מיידל האָט מיט אַ הויכן כליפּטש געכאַפּט די מילך, און גלייך דערנאָך, ווי אַ קלעצל, אַנידערגעפאַלן און צוריק אַנטשלאָפן געוואָרן. כאַנקע האָט זיך ווידער צוגערוקט צו זאָשקען. זי האָט אַרויסגעלייגט די האַנט אויפן מיידל און זיך אָפּגערופן:

— דאָס איז מיין שוועסטער, דו קענסט זי נישט. זי איז שוין אַלט 16 יאָר און, וועסט גלויבן? — זי זעט אויס ווי אַ 12־יאָריקע און קרענקט אָן אויפהער. אויף וואָס? קיין דאָקטער האָט זי נישט באַטראַכט, טאָ ווער קאָן עס וויסן? נאָר מיר אַלע קרענקען, יעדער פון אונדז ליידט אויף עפּעס אַ קראַנקהייט. שווער איז אונדזער לעבן, זאָשקע, אוי, ווי שווער, — האָט זי אַ זיפץ געטאָן, ווי מיט געוויין און טרעומות — איר וועט קיינמאָל נישט אַדורכמאַכן אַזאַ לעבן, — און דאָס געשפּרעך האָט זיך ווידער איבערגעריסן. די אָפּגעשלאָסענע און דער הייל האָבן נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן מיט זאָשקען. אויך זי האָט נישט געוווסט וועגן וואָס מיט זיי צו רעדן. וועגן יידישע ענינים האָט זי קיין אַנונג נישט געהאַט, און במילא נישט געקאָנט וועגן זיי רעדן, אין פּאָליטיק האָט זי זיך אויף קיין האָר נישט פאַרשטאַנען. און דאָס, וואָס עס טוט זיך אין דער אומגעגנט איז זיי ווידער נישט געווען באַקאַנט. וועגן יעטווידער געשעעניש, וועגן יעדן מאָרד, אָנפאַל, האָבן זיי געהאַט גענויע ידיעות. זיי האָבן אפילו געוווּסט, ווער און וועלכן קאָנטינגענט עס האָט צוגעשטעלט אין שטאָט אַריין, כאָטש דאָס אַלץ איז זיי ווינציק וואָס אָנגעגאַנגען. דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז פאַר זיי געווען איינס — צי וועלן זיי איבערלעבן די מלחמה, אָדער זיי וועלן אומקומען פון די דייטשישע קוילן נאָך היינט, באַלד. אַלזאָס איבעריקע איז פאַר זיי געווען אַ ווייט לעבן, וועלכן זיי האָבן שוין לאַנג געזעגנט, במילא אָן אומוויכטיקס, אין אָפּגעשטאָרבנס.

אַמוויניציקסטן האָט מיט זאָשקען גערעדט די סרולעכע. זי איז די גאַנצע צייט געווען פאַרנומען מיט איר זונעלע. איר מאַן ווען ער איז מיט אַ יאָר צוריק אַרויסגעגאַנגען אָפּנעמען אַ פעלץ ביים פאַן יאַנצענטי,

אזוי האָט ער זיך ביז היינט צוריק נישט אומגעקערט. אפשר האָט אים װער דערשאָסן אויפֿן אָרט און גלייך אין דער ערד באַגראָבן? און אפשר האָט ער זיך דערטרונקען? אומזיסט האָט זי זיך נאָכגעפֿרעגט אומעטום.

אויפֿן דריטן טאָג נאָך חנס טויט איז געשטאָרבן איר עלטסטער זון. ווי גאָר ס'איז צוגעפֿאַלן די נאַכט האָבן דוד און באַנקע אים אַרויסגעשלעפּט פֿון בונקער און באַגראָבן דערנעבן אין וואַלד. די ערד, וועלכע איז נאָך נאַס געווען פֿון די האַרבסטיקע רעגנס האָט נישט געמאַכט קיין גרויסע שוועריקייט דודס קליינעם און טעמפּן רידל. די בלאַכע גרוב איז דערום גיך פֿאַרטיק געוואָרן, און מע האָט אין איר באַ־גראָבן דעם זון, אין געוויל, אָן שום צערעמאָניעס, אין טויטנשרעק פֿאַר די דײַטשן.

סרולעכן איז איבערגעבליבן נאָך איין קינד. און אַ טאָג אָרום, אין צוויי וועט אויך דאָס פֿון איר אַוועקגיין. ס'וועט שטאַרבן. דאָס איז פֿאַר איר אַזוי קלאָר און אַזוי נאַטירלעך. נאָכן קינד וועט קומען די ריי אויף איר. אַ ליאַדע טאָג וועט זי פֿון בלויזער אויסשעפּונג אַנטשלאָפֿן ווערן און זיך מער נישט אויפֿכאַפּן, אויב די דײַטשן וועלן זי נאָך פֿריער נישט אויסגעפֿינען און דערשיסן. און אַזוי וועט זיך ענדיקן איר לעבן, ווי עס האָט זיך געענדיקט פֿאַר פֿיל טויזנטער ברידער פֿון איר שטאַם.

מיטאַמאָל איז זי געוואָרן באַרעדעוודיק. זי האָט זיך אָנגעהויבן דער־מאָנען אירע אַמאָליקע מיידלשע יאָרן. שפּעטער איר חתונה, און ענדלעך, די ערשטע חתונה־יאָרן: איר מאַן סרול, איז געווען אַ גוטער, איידעלער און איבערגעגעבענער, אָבער מער פֿון אַלץ האָט ער ליב געהאַט די קינ־דער. ווען עס וואָלט נויטיק געווען, וואָלט ער זיך אָפּגענומען דעם ביסן פֿון מויל, אַבי קיינער פֿון דעם קליינוואַרג זאָל נישט הונגערן. דעם עלטסטן זון האָט ער געוואָלט מאַכן פֿאַר אַ רימער. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס וועט פֿאַר אים זיין דער בעסטער פֿאַך. פֿאַר דעם יונגערן האָט ער געגרייט אַן אַנדער מערכה. האָט אָבער נאָך נישט געזאָגט אַוועלכן...

די סרולעכע האָט איבערגעריסן דאָס געשפּרעך. אַ לענגערע ווײַלע האָט זי זיך אײַנגעהערט, מיטן פּנים געווענדעט צו דער עפֿענונג, און נאָכהער זיך געווענדעט צו באַנקען אויף יידיש מיט עפּעס אַ פֿראַגע. באַנקע איז תּיכּף צוגעקראָכן צום אַרויסגאַנג. סרולעכע האָט שוין ווײַטער דעם געשפּרעך נישט אָנגעהויבן.

עפּעס אַן אומרואיק שווײַגן האָט אַלעמען באַהערשט. זאָשקע האָט, נישט ווייסנדיק פֿאַרוואָס, אָנגעהויבן ציטערן פֿון אומרו און אַרומקוקן זיך אויף אַלע זייטן. זי האָט אָבער אין דער פֿינצטערניש גאָרנישט געזען.

זי האָט אויך קיין שום שטימען נישט געהערט. דאָס האַרץ האָט געהאַמערט אין דער ברוסט, ווי עס זאָל וועלן זי צעזעצן.

די סרולעכע האָט זיך מילד אָפּגערופן:

— זאָשקע, דאָס איז גאָרנישט. מיר האָרכן זיך אַזוי אָפּט איין. באַלד וועט זיך כאַנקע צוריקקערן, שרעק זיך נישט.

זאָשקע האָט גאָרנישט געענטפערט. אומגעריכט האָבן, ווי לעבעדיק, אויפגעטויכט אין איר זכרון אדאַמס ווערטער, און זי האָט מיטאַמאָל ביטער באַדויערט איר קומען אַהער. ווייל צוואָס, אייגנטלעך, האָט זי זיך אויסגעקליבן צו אַט די יידן? מיט הילף? צי וואָלטן דען זיי אָן איר הילף געשטאָרבן פון הונגער? צי איז זי דאָ נייטיק געווען? — צו וואָס בין איך דאָ געקומען? — האָט זי צו זיך געמעהנעט אָן אויפהער — וואָס האָט מיר אַהער פאַרנאַרט? וואָס וועט זיין, אויב די דייטשן האָבן שוין אויסגעשפּירט דעם בונקער און וועלן אים אַ ליאַדע מינוט אַרומרינגלען. זיי וועלן דאָך מיך אָן שום שאלות תיכף דערשיסן. זיי וועלן מיך אַרויסשלעפּן פון בונקער. וועלן זאָגן, אַז כ'בין אַ יידישקע און אַריינהאַקן אַ קויל אין קאָפּ. אָן אַ משפּט, אָן אָן אורטייל אויפן דייטשן שטייגער... ווי מען פירט זיך ביי זיי!

דער פּחד האָט באַהערשט איר האַרץ ביזן פאַרלירן דעם אָטעם, ס'איז איר געוואָרן היים, און זי האָט זיך אויפגעהויבן.

„נישטאָ דאָ וואָס צו באַלאַמוטשען. מען דאַרף זיך לאָזן אַהיים", — האָט זי זיך געזאָגט אין געדאַנק און אָנגעהויבן מיט די הענט זוכן דאָס טיכל, נאָר דאַן האָט זיך דערהערט אַ שורשן. דאָס איז כאַנקע. זי איז צוגעקומען שנעל, מיט האַסטיקע באַוועגונגען, זיך פאַרטשעפּענדיק ביי דעם שטרוי, פאַרסאַפּעט האָט זי באַוועגט מיט דער ברוסט הויך און שווער.

— כאַנקע, וואָס איז געשען? — האָט סרולעכע אויפגעהויבן צו איר עטוואָס אומרואיק דעם קאָפּ.

כאַנקע האָט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער אויף יידיש. זאָשקע האָט די ווערטער נישט פאַרשטאַנען. נאָר פון זייער קלאַנג האָט זי אַרויסגעפילט, וואָס זיי באַדייטן, און זי האָט אַ געשריי געטאָן ווילד, פּיינלעך:

— די דייטשן! — און זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט צו אַנטלויפן.

פון ווינקל האָט זיך אויפגעהויבן דער זקן, יצחק, זיך געשטעלט נעבן זאָשקען, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר קאָפּ און זיך אָפּגערופן:

— דאָ טאָר מען נישט שרייען, ווייל דאָס געשריי קאָן אונדז אומברענגען. אַרויסגיין טאָר מען איצט אויך נישט, ווייל די דייטשן זיינען

נישט ווייט פון אונדזער בונקער, און זיי האלטן דיך זיכער געכאפט. און דעמלט וואלטן מיר אלע אומגעקומען. דו, ווייל ביסט אהער געקומען, און מיר, ווייל מיר זיינען יידן. העריבער זיץ דא רואיק און מאחליע זיך צו דיין גאט, עס זאל אונדז אלע אויסמיידן דאס אומגליק, — נאכהער האט ער אנגעהויבן שטיל, רואיק צו רעדן צו די זייניקע. ער האט גערעדט אויף יידיש. ער האט איינגעטענהט צו פארהאלטן זיך וואס רואיקער און תפילה־צו־טאן — אדער אויף א פלוצעמדיקן טויט אן יסורים, אדער אויף א ישועה דורך א נס.

זאשקע איז איינגעזונקען אין דער דריבנער, צעריבענער שטרוי. זי האט אלץ פארצווייפלטער געיאמערט.

עס זיינען שוין צו איר נישט דערגאנגען דעם זקנס רייד, זי איז שוין נישט געווען עמפינדלעך אויף די צערטלעכע באוועגונגען פון באנקעס הענט, וועלכע האבן זי געגלעט, בארואיקט... זי האט זיך גע־מריסלט אין איר פחד. זי האט זיך פלוצלינג א ריס געטאן ווי א מטורפע און אויפגעהאנגען זיך מיט די הענט אויף יצחקס האלדז.

— ראטעוועט מיך! לאזט מיך נישט אומקומען! טוט עפעס! — האט זי זיך איינגעזויגן מיט די ליפן אין דעם זקנס פארוואקסן פנים, עס געקושט.

דער זקן האט א ווײלע געשוויגן. נאכהער האט ער אויפגעהויבן די הענט.

— פארוואס מאדליעסטו זיך נישט? דו קענסט נישט? ווילסט מיט דיין געשריי אומברענגען זיך און אונדז? צי האסטו נישט קיין טראכט געטאן, אז די דייטשן רינגלען שוין אפשר ארום אונדזער בונקער?

זאשקע האט זיך אפגעריסן פון זקן און זיך געווארפן צו סרולעכע. נאר אויפן וועג זיך פארטשעפעט פארן שלאפנדיקן מײדל און א פאל געטאן אויף איר. די צוגעדריקטע האט א געשריי געטאן אפגעהאקט, אומהדיס און א פארשלאפענע זיך אנגעהויבן אויפצוזעצן.

זאשקע האט צוגעפויזעט צו סרולעכען, מיט די הענט אפגעזוכט איר פנים.

— סרולעכע, ראטעוועט מיך, לאזט מיך נישט שטארבן, זעט, איך האב אין שטוב איבערגעלאזט א קינד, א יינגעלע... פארוואס דארף איך דא שטארבן? דערפאר, ווייל איך האב אייך געוואלט העלפן? ווייל איך האב געפאלגט מיין הארץ? פארוואס דארף איך אומקומען צוזאמען מיט אייך, סרולעכע?

סרולעכע האט געענטפערט מיט א עלאסעמער, טיף־אומעטיקער שטים:

— דו האָסט אַ קינד, און איך האָב אַ קינד, זאָשקע. דו ווילסט נישט שטאַרבן, און מיר, מיינסטו ווילן? אַז גאָט וועט געבן, אַז ס׳וועט פאַרביי די געפאַר, וועלן מיר, יידן, ראַטעווען אונדזער לעבן אויף אַ טאָג, צוויי, אויף אַ חודש? קיינער ווייסט נישט די שעה פון זיין סוף. אָבער אויב גאָט האָט באַשלאָסן, אַז מע זאָל אונדז אַלע אומברענגען היינטי־קע נאַכט, וועט אונדז, זאָשקע, גאָרנישט ראַטעווען דערפון. און צי דאָ, זאָשקע, צי דאָרט, אין פעלד, ווען דו זאָלסט אַנטלויפן, צי איז דען דאָס נישט אַלצאיינס?

און זי האָט זיך איבערגעבויגן איבערן קינד. מיט די טרוקענע, ביינערדיקע דלאָניעס האָט זי עס אָנגעהויבן גלעטן איבער די האָר, די העלטלעך און געשעפטשעט צו דעם אויף יידיש:

— שלאָף, מיין זונעלע. וועק זיך אינגאַנצן נישט אויף, דו האָסט נישט צו וואָס זיך אויפצוועקן. אינדרויסן איז אַ שרעקלעכער ווינטער, איז קאַלט, ער איז פול מיט משוגענע בייזע הינט, און אין חלום זעסטו בלויז שיינע זאַכן. חלומסטו אפשר וועגן טאַטן, ווי ער האָט געאַרבעט אויף אונדז אַלע, אָדער אפשר וועגן אַנדערע קינדער, מיט וועלכע דו האָסט זיך געשפּילט אויף דער זון, אין זאַמד, לעם דער שטוב? און אפשר זעסטו גרויסע לאָנקעס? לויפסט איבער זיי באָרוועס איבער קוויטן, אין דער לופט צוויטשערן פייגעלעך. צו אַלע שמייכלען דיינע פרייליכע אייגעלעך, דאַנקסט גאָט, וואָס דו לעבסט...

אינצווישן האָט זיך דאָס יינגעלע אויפגעוועקט און אָנגעהויבן וויינען פאַרשלאָפן.

— שלאָף, זונעלע, איך בין לעם דיר, האָב קיין מורא נישט.

דאָס פאַרשלאָפענע יינגעלע האָט ווידער איינגעדרעמלט, איינגע־ווייגט פון סרולעכעס הענט, וועלכע האָט אויף אַ מינוט נישט פאַרלוירן דעם זינען. זי האָט געפילט, ווי ס׳דערנענטערט זיך צו איר דער טויט, זי האָט אים שוין געזען פאַר די אויגן, נאָר אויך ווייטער איז פאַר איר געווען דאָס סאַמע ווינטיקסטע דעם קינדס שלאָף. אין אָט דער זאָרג האָט זי אריינגעלייגט אַלע אירע כוחות און געדאַנקען, בעטנדיק אייביק־צייטיק ביי גאָט, אַז איר קינד זאָל שטאַרבן פריער, פאַר איר, אַז דער טויט זאָל צו דעם קומען בעתן שלאָף און ערשט שפּעטער זאָל קומען איר ריי. נאָר דאָס איז שוין נישט וויכטיק. אָבער אַ פּלוצימדיקער טויט אָן יסורים — דאָס איז דאָך אַ חסד פון גאָט, און צי האָט זי זיך, סרולעכע פאַרדינט אויף אַזאַ חסד? כאַנקע האָט געזאָגט, אַז די דייטשן געפינען זיך נאָענט, נישטערן נאָך עפּעס, מסתמא נאָך זיי. אויב זיי וועלן נישט געפינען זייער הייל אונטערן סטויג, וועלן זיי אונטערצינדן אַלע. צי וועט

דער טויט אין דער ברענענדיקער הייל נישט זיין צו לאנג, פייניקנדיק, אומהדיק? און אפשר וועלן זיי אלע גלייך דערשטיקט ווערן?

מיט דער זעלביקער רואיקייט האט דערוואַרט דעם טויט אויך דער זקן. ער האט שוין צו קיינעם נישט גערעדט. אנגעלענט אויף דער ביקס, האט ער אויסגעקוקט דעם ענדגילטיקן באשייד פון זיין גורל. ער האט איבערגעלעבט א סך. ער איז געווען אן אָרעמאַן, שפעטער איז ער אויך רייך געווען, ער האט אין זיין פאַרגאַנגענעם לעבן געהאט טרערן, עס האט אים אָבער קיין פרייד אויך נישט געפעלט... שטאַרבן אויף דעם איינענעם בעט אַרומגערינגלט פון דער גאַנצער משפחה, וואָלט גע־ווען א סך לייכטער, נאָר וווּ איז זי די משפחה? ווער פון זיי לעבט נאָך? צו דעם ביזן, וואָס האט באַקומען די הערשאַפט, קען א סוף מאַכן בלויז זיין טויט און דער טויט פון טויזנטער אַנדערע — אַזאַ איז גאָטס רצון! דאַרף מען בכן שטאַרבן אין רואיקייט אין דער גרעסטער פאַראַכטונג צום שונא.

זאָשקע האט לסוף פאַרשטאַנען, אז פאַר איר איז נישט פאַרהאַן קיין רעטונג. עס וועלן זי נישט געבן די יידן, עס וועט עס איר אויך קאַרגן גאָט. די דייטשן ווידער וואָס רינגלען שוין אפשר אַרום די הייל, ברענגען נישט מיט זיך קיין רחמנות. זייער אכזריות איז האַרב־מענטשלעך, אויסגעהאָדעוועט אויף דער פאַרפעסטעטער לופט פון מלחמה, וועלכע האט ליב בלויז אומרחמנותדיקייט. וועט זי טאַקע מיט דער גאַנ־צער אומרחמנותדיקייט אומקומען. אָבער פאַרוואָס? פאַר וועלכע זינד? ווען זי וואָלט כאָטש זיין א יידישקע? זי בעטלט שוין נישט קיין רעטונג. ביי קיינעם, ווייל ס'איז נישט פאַראַן ביי וועמען אים אויסצובעטלען. איינגעגראָבן אין דעם שטרוי, כליפעט זי בלויז שטיל און טרייסלט זיך, אַריינפאַלנדיק אין א מאַכטלאָזיקייט פון גערדאַנקען און שפּירהנגען.

און מיטאַמאָל האט זי פיינט געקראָגן אַלע יידן. ווייל צוליב וועמען, אויב נישט צוליב זיי דאַרף זי איצט אומקומען מיט אַזאַ שרעקלעכן טויט? פאַרוואָס האָבן זיי זי נישט אַרויסגעלאָזט גלייך, ווי כאַנקע איז צוריקגעקומען? פאַרוואָס פאַרהאַלטן זיי זי? מיט וואָס האָבן זיי איר אָפּגעדאַנקט פאַר אַזוי פיל גוטהאַרציקייט פון איר זייט, אז זי זאָל אומקומען צוזאַמען מיט זיי? נישט דערוואַרטן וועלן זיי זיך דאָס! זאָלן זיי אַליין אומקומען! זי מוז לעבן!

פאַגליווערט פון שרעק און פאַרצווייפלונג, האט זי זיך דאָך נישט גערירט פון אָרט.

אויף כאַנקעס בוזעם איז געלעגן איר שוועסטער, וואָס האט פון צייט צו צייט מיט אַ הויכן זיפץ גערופן די מאַמע, דעם טאַטן, שוין

פון לאַנג דערמאָרדעטע. כאַנקע, טוליענדיק זי צו זיך און באַרואיקנדיק זי, טראַכט נישט וועגן דער שוועסטער און נישט וועגן די דערשאָסענע עלטערן. זי טראַכט וועגן אירע אַדורכגעלעבטע יאָרן. וואָס פאַר אַ גוטס האָבן זיי איר געגעבן? נישטאָ וואָס זיך צו דערמאָנען! פונדעסטוועגן האָט זי, פונקט ווי זאָשקע, נישט געוואָלט נאָך שטאַרבן. זי איז ערשט אַלט געווען 25 יאָר. זי איז נאָך געווען אַ פרייליין. זי האָט געשטאַמט פון אַן אָרעם הויז. פון אירע ערשטע לעבנס־טעג אָן האָט זי נישט איבערגעלעבט קיין שום פרייד. זי האָט זי אויסגעקוקט גאַנצע יאָרן, איצט זאָל זי אַזוי נישטיק ענדיקן? אומקומען פון אַ דייטשישער קויל ביים אַנטלויפן, אָדער דערשטיקט ווערן אין אָט דער הייל? ווען דוד איז אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער, האָט ער איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זי אינגיכן נעמען אין זיין אָפּטיילונג. פאַרוואָס האָט ער זיך נישט אומגעקערט? זאָל ער האָבן אומגעקומען? פאַרוואָס האָט ער נישט געהאַלטן וואָרט און זי נישט מיטגענומען? און מיטאַמאָל באַשליסט זי, נישט געקוקט אויף אַלץ, וועט זי צוזאַמען מיט זאָשקען פּרוּוון אַנטלויפן. זי מוז אָבער מיטנעמען מיט זיך די ביקס... ווי זיך מיט איר צו באַגיין — ווייסט זי. דוד האָט איר איינמאָל פאַר זיין אַוועקגיין דערקלערט ווי אַזוי מען לייגט אַריין די קוילן און ווי מען גיט אַ צי פאַרן צינגל. די סרולעכע און דער אַלטער יצחק, וועלכע קאָנען שוין נישט אַנטלויפן, וועלן בלייבן אין דער הייל. עס וועט אויך בלייבן מיט זיי די שוועסטער. זי איז צו שוואַך צו קאָנען מיטלויפן, און השגחה געבן אויף איר וועט נישט מעגלעך זיין בשום אופן. איבעריקנס — וואָלט דערויף קיין צייט נישט געקלעקט. זי מוז דעריבער בלייבן און וועט בלייבן. אויף דעם איז קיין עצה נישטאָ. און כאַנקע טוט האַרב אַ שטויס אָפּ די שוועסטער פון איר ברוסט און קריכט צו צו זאָשקען... אָבער יענע, ווי נאָר זי האָט דערפילט כאַנקעס אָנווערנהייט לעם זיך, האָט זי זיך צעגוואַלדעוועט:

— וואָס ווילסטו פון מיר? מיך באַרואיקן? שטאַרב אַליין! איך וויל נישט! איך וויל נישט!

כאַנקע האָט זיך ראַפּטעם אָפּגעקילט צו איר באַשלוס און זיך פאַמעלעך אַוועקגערוקט, ווי עס וואָלט איר עמעצער שרעקלעך אָפּגעשטויסן! און באַליידיקט, איז זי צוריק געפאַלן אויפן אָרט פון איר באַהעלטעניש. איז דער ברוסט האָט זי געפילט אַ ווייטיק. דאָס האַרץ איז פון אימה פאַרגליווערט, פאַרפרוירן געוואָרן... זי האָט פאַר זיך איבערגעחזרט:

— שטאַרב אַליין!...

— ס'אַראַ פּאַדלע זי איז, די זאָשקע, — האָט זי מעכאַניש אַ טראַכט געטאָן און פּלוצלונג זיך דערמאָנט, אַז בסך־הכל מיט אַ פּאָר מינוט פריער

האָט זי געוואָלט פאַראַטן אירע סאַמע נאָענטסטע. צי איז זי נישט אַליין, אויב אַזוי, נישט מער פאַדלע? זי האָט זיך געקליבן צו טאָן דאָס זעלביקע, וואָס ס'האָט שוין געטאָן זאַשקע. נאָר זאַשקע האָט אין אַנבליק פון טויט זיך אָפּגעזאָגט פון פרעמדע, מיט וועלכע עס בינדט זי גאָרנישט, כאַנקע אָבער האָט זיך געוואָלט אָפּזאָגן פון אייגענע, פון חברים, מיט וועלכע זי לעבט אַדורך דעם סאַמע ביטערסטן און יאושדיקן גורל. צי איז אַזאַ פאַראַט נישט קיין גרעסערער פאַרברעך, ווי זאַשקעס? און צוליב וואָס? ווייל דער טויט האָט איר אַרייַנגעקוקט אין די אויגן?

כאַנקע האָט זיך נאָך שטאַרקער צונויפגעקורטשעט, זי וואָלט ליבערשט איינגעזונקען פאַר זיך אַליין, פאַר סרוליקען, נישט צו זען די אייגענע שוועסטער. זי איז זיכער געווען, אַז פון היינט אָן, ווען נאָר זי וועט זיי אין דער ליכטיק אַ קוק טאָן אין פּנים אַריין, וועט זי זיך באַלד דערמאָנען דעם מאָמענט, ווען זי האָט פולשטענדיק קאַלטבלוטיק געפּלאַנעוועט איבערצולאָזן זיי אויף אומקום, הגם איר אָרט איז געווען און איז דווקא לעבן זיי. אויף טויט צי אויף לעבן — פאַרפאַלן — איז זי מיט זיי פאַרבונדן, און אַנדערש קאָן עס נישט זיין און וועט נישט זיין.

זי האָט דערפילט אַ קלעמונג אין ברוסט, דער ווייטיק איז זיך צעגאַנגען און האָט זיך פּאַמעלעך דערקליבן צום האַלדז צו די אויגן, זי האָט זיך צעוויינט. אָן באַוווסטזיין האָבן אירע הענט אָנגעהויבן זוכן די שוועסטער.

— ריזל, קום אַהער, טוליע זיך צו מיר.

דער אַלטיטשקער יצחק, אָנגעלענט אויף דער ביקס, האָט דערהערט זאַשקעס אויסגעשריי און זיך דערויף נישט געוואונדערט. ער האָט בלויז אויסגעדרייט דאָס פּנים אין איר זייט, האָט אַ ווײַלע געקוקט, נישט זעענדיק קיינעם צוליב דער פינצטערניש, נאָכהער האָט ער אַרייַנגעשטאָכן די אויגן אין דעם אָרט, וווּ אַ ליאַדע רגע דאַכט זיך באַווייזן דער קאָפּ פון זייער פאַרטיליקער. ער האָט גאָרנישט נישט געטראַכט, נאָר אומגעריכט זיך געווענדעט מיט די געדאַנקען צו זאַשקען. צי איז זי אין דעם שולדיק? ניין, שולדיק אין דעם איז דער אָנקומענדיקער טויט. אין משך פון זיין לעבן האָט יצחק צוגעזען נישט קיין איין נבֿלה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אין אָנבליק פון טויט. זיין פאַרגיפטנדיקער אָטעם קאָן אָנטאָן זייער פיל בייז, נאָך איידער דער קרבן וועט פולשטענדיק פאַלן... ער שעדיקט די נשמות, ברענט אויס אין זיי אַלץ, וואָס איידל איז, לאָזט איבער בלויז שמוץ און פאַרגרעסערט אים. בלויז שטאַרקע נשמות שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער האָזיקער פאַרניכטונג. נאָר, ווי זאָל מען זוכן

אזעלכע? ס'איז מלחמה... מענטשן שטאַרבן, ווי פיש אַרויסגעשלעפּטע אויף דער טרוקעניש...

ענלעך האָט אויך געטראַכט סרולעכע. נאָר זי האָט דעם ווינציק צייט געשאָנקען. עס איז איר געווען ביז גאָר פײַנלעך. טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און איבערגע־חזרט:

— זאָשקע, אַזאַ אָרנטלעכער מענטש, און ווי האָט זי געקאָנט, ווי האָט זי געקאָנט!...

איר זונעלע איז אָן אויפהער געשלאָפן, אָטעמדיק עטוואָס צו האַס־טיק. דאָך, האָט סרולעכע צוגעבויגן איר פּנים צו זיין קעפּל און אים געברומט עפּעס אַן אַלט יידיש לידל. דאָס האָט איר געגעבן די זיכערקייט, אַז דאָס קינד, אויב עס דאַרף שטאַרבן היינט ביינאַכט, וועט עס שטאַרבן אין שלאָף.

פלוצעם האָט זיך ביים אויסגאַנג פון דער הייל דערהערט אַ שורשען. עס האָט זיך דייטלעך געהערט, ווי עמעצער קריכט דאָרט שווער און אומ־געשיקט.

זאָשקע האָט אַ געשריי געטאָן, ווי זי וואָלט שוין דערזען אַ ביקס, וואָס צילט אין איר. די איבעריקע האָט אַדורכגענומען אַ קעלט, עס איז אין זיי אָפּגעשטאָרבן די פעיקייט צו טראַכטן און פילן. דער אַלטער יצחק, וועלכער האָט שטענדיק געפאָדערט פון די אַריינגעקומענע, זיי זאָלן זאָגן, ווער זיי זיינען, איז דאָסמאָל פאַרשטומט געוואָרן, עס איז אים געוואָרן הייס, ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן.

אין דעם האָט זיך אָפּגערופן דודס שטים:

— איר לעבט? אַלע? האָט קיין מורא נישט. די דייטשן זיינען פאַר אונדז אַנטלאָפן.

ווי דורך אַ גראָבער וואַנט האָט יצחק דערהערט דודס שטים, און עס האָט אים פלוצלינג דורכגענומען אַזאַ געוואַלטיקע גערירטקייט, אַז ער איז ווי אַ צוגעשטיקטער אַ פאַל געטאָן אויף דעם שמרוי. אין ערשטן אויגנבליק פון די זייער ברייט צעעפנטע אויגן האָט ער שפּעטער דער־זען דודן אין דער ליכט פון דעם עלעקטרישן לעמפל. ער איז געשטאַנען איבער אים און אים געפּרוווט אויפהויבן.

— שטייט אויף, וואָס איז מיט אייך? עך, ווי קאָן מען עס זיין אַזוי שוואַך! שוין מאָרגן וועט איר וווינען אַנדערש. כ'האָב אויסגעפונען פאַר אייך אַ גרויסע, שיינע שטוב... נו, יצחק, הייבט זיך אויף!

אין ווינקל, איינגעגנורעט אין שטרוי, אפגעפרעמדט, ווייט פון אלץ, וואס ס'איז דא איצט געשען, האט ביטער געוויינט זאשקע, אויסבאהאלטנדיק די אויגן פאר דער שיין.

זי האט מורא געהאט פאר דער דאזיקער שיין, זי האט מורא געהאט פאר דער מינדסטער באוועגונג, וועלכע וואלט געקאנט ווענדן אויף איר די אויפמערקזאמקייט. זי האט אפילו קיין כוח נישט געהאט אויפצוהויבן דעם קאפ. עס האט זי אדורכגענומען א שטארקע ברענענדיקע באדויערונג, ווי אויף עפעס, וואס מע האט אויף אייביק פארלוירן.

זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ

ביים באַן־פּלאַנט

פון בוך „מעדאַליאָנען"

צו די דאָזיקע פאַרשטאַרבענע געהערט נאָך איינע — די יונגע פרוי ביים באַן־פּלאַנט. איר האָט זיך נישט איינגעגעבן צו אַנטלויפן.

שוין היינט טויכט זי אויף בלויז אין דער דערציילונג פון אַ מענטשן, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען און וואָס קען עס נישט תופס זיין, און לעבן — לעבט זי שוין אויך בלויז אין זיין זכרון.

געפירטע צו די טויט־לאַגערן אין לאַנגע צוגן מיט פּלאָמבירטע וואַגאָנעס, פלעגן זיי טיילמאָל אַנטלויפן אינמיטן וועג. אָבער נישט קיין סך האָבן זיך אונטערגענומען אַזאַ אַנטלויפן. דאָס האָט געפאָדערט מער מוט ווי פאָרן אַזוי צו אַ זיכערן טויט אָן האָפענונג, אָן אַקעגנשטעלן זיך, אָן ווידערשטאַנד.

טיילמאָל איז דאָס אַנטלויפן געלונגען. אינעם פאַרטויבנדיקן ריעש פון לויפנדיקן משא־וואַגאָן האָט קיינער פון די דרויסנדיקע נישט געקענט הערן וואָס ס׳קומט פאָר אינעווייניק.

דער איינציקער אופן איז געווען — אַרויסרייסן די ברעטער פון וואַגאָן־דיל. אין דער ענגשאַפט פון צונויפגעפּרעסטע, הונגעריקע און עיפּושדיקע מענטשן, האָט עס אויסגעזען כמעט ווי אוממעגלעך דורכצופירן. עס איז אפילו געווען שווער זיך צו באַוועגן. די צונויפגעקוועטשטע מענטשן־מאַסע, וואָס האָט זיך געוואָרפן בעתן ריטמישן און רייסנדיקן גאַנג פון צוג, האָט זיך געוויגט, געשליידערט אין שטיקנדיקן עיפּוש און פינצטערניש.

פונדעסטוועגן האָבן אַפילו די שוואַכע און דערשראָקענע, וואָס האָבן נישט געקענט חלומען פון אַנטלויפן, פאַרשטאַנען, אַז די אַנדערע דאַרף מען עס פאַרלייכטערן. זיי פלעגן זיך אָפּרוקן אין אַ זייט, שטאַרק צונויפּפּרעסן זיך, אויפהויבן די מיט צואה באַקלעפּטע פיס, כדי כאָטש פאַר אַנדערע עפענען דעם וועג צו דער פריי.

אונטערהייבן אַ ברעט פון איין זייט — איז שוין געווען דער אָנהייב פון אַ האָפענונג. מע האָט עס באַדאַרפט אָפּרייסן מיט געמיינזאַמע אָנשטרענגונג. דאָס פלעגט דויערן גאַנצע שעהן. דערנאָך פלעגט שוין פאַרבלייבן אָפּצורייסן אַ צווייט ברעט און אַ דריטס.

די, וואָס זיינען געשטאַנען העכבי צונאָענטסטן, האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבער דער שמאָלער עפענונג און מיט שרעק זיך באַלד אָפּגערוקט. מע האָט געדאַרפט האָבן אַ סך מוט, כדי, אויספּרוּוונדיק מיט די הענט און מיט די פיס, אַדורכצוקריכן דעם שמאָלן שפּאַלט איבער דעם אייזן־געברויז, אינעם יאָגנדיקן ווינט פון אונטן און איבער די דורכלויפנדיקע שפּאַלן צופאַלן אַזוי צו דער אַקס פון וואַגאָן און האַלטנדיק זיך אין איר, מיט די הענט אַדורכפויזן צום אָרט, פון וואַנען דער שפּרונג האָט געקענט ברענגען רעטונג. מע האָט אויך געקענט אַרויספאַלן צווישן די שינעס, אָדער דורך די רעדער אויפן ברעג פון באַן־פּלאַנט — פאַרשידן זיינען געווען די אופנים. און שפּעטער קומען צו זיך, פון קיינעם נישט באַמערקט אַראָפּקייקלען זיך פון דעם אָנשיט און אַנטלויפן אין דער פרעמדער לאַנדיקער וואַלד־פינצטערניש...

די מענטשן פלעגן אַרונטערפאַלן אונטער די רעדער און אָפט אומקומען אויפן אָרט. זיי פלעגן אומקומען דורך אַ שטויס פון אַן אַרויסשטאַרצנדיקער בעלקע, דורך אַ קלאַפּ פון אַן אייזערנעם ריגל, ווערנדיק אַרויסגעשלייַדערט אינעם אימפּעט אויף אַ סיגנאַל־סלופּ אָדער אויף אַ שאָסיי־שטיין. אָדער זיי פלעגן זיך צעברעכן די הענט מיט די פיס און אין דעם צושטאַנד געווען אויסגעשטעלט אויף די כלערליי אכזריותן פונעם שונא.

די, וואָס האָבן געוואַגט אַראָפּצולאָזן זיך אין דער רוישנדיקער, הורזשענדיקער און שווינדלענדיקער עפענונג, האָבן געוווּסט וואָס זיי דערוואַרט. אויך האָבן עס געוווּסט די, וואָס זיינען פאַרבליבן, כאָטש דורך דער פאַרהערמעטער טיר און דורך דעם הויכן פענצטערל איז געווען אוממעגלעך זיך אַרויסצובייגן.

די פריי, וואָס איז געלעגן ביים באַן־פּלאַנט, האָט געהערט צו די מוטיקע. זי איז געווען די דריטע פון די, וואָס זיינען אַראָפּ, אין דער עפענונג פון דעם דיל. נאָך איר האָבן זיך אַרויסגעגליטשט נאָך עטלעכע. אין דער זעלביקער רגע האָט זיך איבער די קעפּ פון די פאַרנדיקע צע־

הילכט אַ סעריע שאָסן, ווי עפּעס וואָלט עקספּלאָדירט אויפֿן וואַגאָן־דאַך. באַלד האָט זיך דאָס שיסעריי איינגעשטילט. די פֿאָרנדיקע מענטשן אינעווייניק האָבן איצט געקוקט אויפֿן טונקעלן אָרט פֿון די אַרויסגעריסענע ברעטער, ווי אויף דער עפֿענונג פֿון אַ קבר. זיי זײַנען רויִקע ווײַטער געפֿאָרן אַקעגן דעם אייגענעם טויט, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט בײַם סוף פֿון דער נסיעה.

דער צוג איז שוין לאַנג פֿאַרשוווּנדן אין דער נאַכט־פֿינצטערניש מיט זײַן רויך און געבראַזג. אַרום איז געלעגן אַן אָפֿענע וועלט.

דער מענטש, וואָס קען עס נישט תּופֿס זײַן, און קען עס נישט פֿאַרגעסן — דערציילט עס נאָכאַמאָל.

ווען ס'האָט געגרויט אויף טאָג, איז די פֿרוי, אַ פֿאַרוווּנדיקטע אין קני, געזעסן אויפֿן שיפּועדיקן באַן־ראַוו אויפֿן נאַסן גראָז. עמעצן איז געלונגען צו אַנטלויפֿן, אַ ביסל ווײַטער פֿון באַן־פּלאַנט לעבן וואַלד איז עמעצער געלעגן אומבאַוועגלעך, עטלעכע זײַנען אַנטלאָפֿן, געהרגעטע זײַנען געווען צוויי. זי אַליין איז פֿאַרבליבן אָט אַזוי — נישט קיין לעבעדיקע און נישט קיין טויטע.

בעת ער האָט זי אָנגעטראָפֿן, איז זי געווען איינע אַליין. איינציקווײַז האָבן זיך באַוויזן מענטשן אין דעם דאָזיקן לידיקן העק. די מענטשן זײַנען געקומען פֿון דער זײַט פֿון דער ציגעלניע און פֿון דאָרף. זיי זײַנען דערשראָקענע שטיין געבליבן, אַהערגעקוקט פֿונדערווײַטנס — אַרבעטער, פֿרויען, עפּעס אַ ייִנגל...

יעטוועדע רגע איז צוגעקומען אַ נײַ געזעמל מענטשן. זיי האָבן זיך אומרויִקע אַרומגעקוקט און דערנאָך גיך אַוועק. שפּעטער זײַנען געקומען אַנדערע און אויך די זײַנען נישט לאַנג דאָ שטיין געבליבן. זיי האָבן צווישן זיך עפּעס געפּליסטערט, געזיפֿצט, ווי זיי וואָלטן זיך בײַם אַוועקגיין ווענדן עפּעס באַראַטן.

ס'איז נישט געווען קיין שום ספֿק. דער פֿרויס שוואַרצע געקרײַזלטע האָר זײַנען געווען אויסטערליש צעשויבערט. די אויסגעלאָשענע אויגן־אַפּלען האָבן מיט זייער שאַרפֿער שוואַרצקייט זיך אַרויסגעגאָסן פֿון הינטער די אַראָפּגעפֿאַלענע אויגן־דעקלעך. קיינער האָט זיך צו איר נישט אָפּגערופֿן מיט קיין וואָרט. דאָס האָט זי נאָר אַ פֿרעג געטאָן, צי די וואָס

ליגן ביים וואַלד — לעבן נישט. און מע האָט איר געזאָגט, אַז זיי זיינען טויט.

ס'איז שוין געווען העלער טאָג, דאָס אָרט אַן אָפּנס, פונדערווייטנס געזען פון אַלע זייטן. מענטשן האָבן זיך שוין געהאַט דערוווסט וועגן דער געשעעניש. ס'איז געווען די צייט פון פאַרשטאַרקטן טעראָר. פאַר געבן הילף אָדער אויסבאַהאַלטן האָט געדראָט אַ זיכערער טויט.

דעם יונגנמאַן, וואָס איז דאָ געשטאַנען לענגער ווי אַנדערע און וואָס האָט זיך מתחילת געהאַט דערווייטערט אויף אַ פּאָר שריט און זיך באַלד אומגעקערט — האָט זי געבעטן, ער זאָל איר ברענגען פון אַפּטייק ווערזאַנאַל. זי האָט אים געגעבן געלט. ער האָט אָפּגעזאָגט.

אַ ווײַלע איז זי געלעגן מיט פאַרשלאָסענע אויגן. זי האָט זיך אויפסניי אויפגעזעצט, באַוויזן מיטן פּוס, אַרומגענומען אים מיט ביידע הענט און דאָס קליידל אַוועקגעשאַרט פון דער קני. די הענט זיינען איר געווען פּאַרבלוטיקט. דער דאָזיקער טויט־אורטייל, וועלכער האָט געשטעקט אין איר קני ווי אַ נאָגל, האָט זי געהאַלטן צוגעשלאָגן צו דער ערד. זי איז געלעגן לאַנג און רויק, בעת אירע שטאַרק שוואַרצע אויגן זיינען געווען איבערגעדעקט מיט אירע וויעס.

ווען זי האָט זיי לסוף געעפנט, האָט זי לעבן זיך דערזען נייע פּנימער. יענער יונגער מענטש איז אַלץ נאָך געשטאַנען. און דעמלט האָט זי אים געבעטן, ער זאָל איר קויפן בראָנפן און פּאַפּיראָסן. ער האָט עס איר נישט אָפּגעזאָגט.

דאָס הייפל מענטשן אויפן שיפּוע פונעם אָנשיט האָט צוגעצויגן אויפמערקזאַמקייט. יעדע רגע איז צוגעקומען עמעץ אַנדערש. זי איז געלעגן צווישן מענטשן, נאָר אויף קיין הילף האָט זי זיך נישט גערעכנט. זי איז דאָ געלעגן ווי ס'ליגט אַ פאַרוווּנדיקטע חיה אויף יאַגד, וואָס מ'האָט פאַרגעסן טויט־צושלאָגן. זי איז געווען שכור און געדרעמלט. נישט גובר צו זיין איז געווען דער דאָזיקער כוח, וואָס האָט זי אָפּגעטיילט פון זיי אַלע מיט אַ רייף פון אימה.

די צייט איז דערווייל געגאַנגען. די אַלטע פויערטע, וואָס איז געהאַט אַוועקגעגאַנגען, האָט באַוויזן זיך אומצוקערן. זי איז געווען פאַרסאַפּעט. זי איז צוגעקומען נענטער, אַרויסגענומען פון אונטערן טיכל

א פארבאהאלטן בלעכערן טעפעלע מיט מילך און א שטיקל ברויט. זי האט זיך איינגעבויגן, שנעל אריינגעליגט עס אין די הענט פון דער פאר־וווּנדיקטער און באלד אוועק, כדי בלויז פון דער ווייטנס א קוק צו טאן, צי זי וועט עס אויסטרינקען. ערשט דעמלט ווען זי האט דערזען פון שטעטל ארויסגיין צוויי פאליציאנטן, איז זי פארשוווּנדן, פארדעקנדיק זיך דאס פנים מיטן טיכל.

די אנדערע זיינען זיך פאנאנדערגעגאנגען. בלויז איינער, יענער קליינשטעטלדיקער פראנט, וואס האט איר געהאט געבראנגט בראנפן און פאפיראסן, האט זיך נאך אלץ געדרייט ארום איר. אבער זי האט שוין איצט פון אים גארנישט פארלאנגט.

די פאליציאנטן זיינען צוגעקומען ערנסט צו זען, וואס ס'האט פאסירט. זיי האבן תיכף פארשטאנען, זיך באראטן איינער מיטן צווייטן, וואס זיי האבן צו טאן. זי האט פארלאנגט — מע זאל זי דערשיסן. מיט א פארשטילט, האלב קול האט זי זיי געבעטן. זאלן זיי נאר אין ערגעץ נישט געבן צו וויסן. זיי האבן זיך געקווענקלט, נישט געקענט באשליסן.

אויך זיי זיינען אוועק, שמועסנדיק צווישן זיך, אפגעשטעלט זיך פון צייט צו צייט און אויפסניי געגאנגען ווייטער. ס'איז געווען אומ־באוווסט, וואס אזוינס זיי וועלן באשליסן. סוף־כל־סוף האבן זיי דאך קיין חשק נישט געהאט צו דערפילן איר פארלאנג. זי האט באמערקט, אז מיט זיי איז אויך אוועק יענער העפלעכער יונגערמאן, וואס האט איר געהאט דערלאנגט פייער ביים פאררויכערן א פאפיראס פון א צינדר־מאַ־שינקע, וואס האט זיך נישט געוואלט אנצינדן. אים האט זי געהאט געזאגט, אז איינער פון די צוויי דערשאסענע ביים וואלד — דאס איז איר מאן. ס'האט אויסגעזען, ווי די דאזיקע ידיעה וואלט אים געווען נישט אנגענעם.

זי האט געפרווט א טרונק טאן א ביסל מילך, אבער באלד האט זי, א פארזונקענע אין מחשבות, צוריק אוועקגעשטעלט דאס טעפעלע אויפן גראז. איבער איר איז געהאנגען א שווערער, ווינטיקער עהב־פרילינג־טאג. ס'איז געווען קיל. אויף יענער זייט פון לוידיקן פעלד זיינען גע־שטאנען א פאר הייזלעך, פון דער צווייטער זייט האבן עטלעכע קליינע דארע סאסנעס פארקערט מיט זייערע צווייגן דעם הימל. דער וואלד, וווהין זיי האבן געוואלט אנטלויפן, האט זיך אנגעהויבן ווייטער פון באן־פלאנט, הינטער איר קאפ. דער דאזיקער ליידיקער שטח איז געווען די גאנצע וועלט, וואס אירע אויגן האבן ארומגענומען.

דער יונגערמאַן האָט זיך אומגעקוקט. זי האָט ווידער אַ שלוס געטאָן בראָנפֿן פֿונעם פֿלעשל — און ער האָט איר דערלאַנגט פֿייער פֿאַר פּאַפּיראָס. אַ לייכטע, באַוועגלעכע דעמערונג האָט זיך אָנגערוקט פֿון מזרח־זייט אויפֿן הימל. אויף מערב האָבן קנוילן און פּאַסן וואָלקנס זיך שנעל געהויבן אינדערהויך.

פֿרישע מענטשן, גייענדיק פֿון זייער אַרבעט, האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די פֿריערדיקע האָבן אויפֿגעקלערט די ערשט־געקומענע וועגן דעם געשעעניש. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט אַזוי, ווי די ליגנדיקע וואָלט זיי בכלל שוין נישט געהערט, ווי זי וואָלט אינגאַנצן נישט געווען.

— דער דערהרגעטער, וואָס ליגט דאָרט, דאָס איז איר מאַן, — האָט אַ שעפּטשע געטאָן אַ ווייבלעכע שטים.

— זיי זיינען אַנטלאָפֿן פֿון צוג אין דעם וועלדל... נאָר מ'האָט זיי נאָכגעשאָסן פֿון אַ ביקס... דערהרגעט איר מאַן... און זי — זי איז דאָ פֿאַרבליבן איינע אַליין. ס'האָט איר געטראָפֿן אין קני, זי האָט נישט געקענט ווייטער לויפֿן...

— וואָלט זי געלעגן אין וואַלד, וואָלט גרינגער געווען זי ערגעץ וועקצונעמען. נאָר אַזוי — פֿאַר אַלעמען אין די אויגן — איז נישטאָ קיין אויסוועג...

דאָס האָט אַזוי גערעדט די אַלטע פּרוי, וואָס איז געקומען אָפּנעמען איר בלעכערן טעפּעלע. שווייגנדיק האָט זי געוואָרפֿן אַ בליק אויף דער צעגאָסענער מילך איבערן גראָז.

אָט אַזוי האָט קיינער נישט געוואָלט זי אויפֿנעמען פֿונדאַנען, אײדער די נאַכט פֿאַלט צו, נישט רופֿן קיין דאָקטער, נישט אָפּפֿירן צו דער באַנסטאַציע, פֿון וואַנען זי וואָלט געקענט אָנקומען אין אַ שפּיטאָל. דאָס אַלץ איז נישט געווען צו דערוואַרטן. ס'איז נאָר געגאַנגען דערין, אַז זי זאָל שוין — אַזוי צי אַנדערש — שטאַרבן.

בעת זי האָט געעפֿנט אירע אויגן אין דער אונטערדעמערונג איז קיינער לעבן איר נישט געווען, אַחוץ די צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיך אומגעקוקט און אויך יענער, וואָס איז מער נישט אָפּגעטרעטן פֿון זיי. זי האָט נאָכאַמאָל אַ זאָג געטאָן, מע זאָל זי דערשיסן, נאָר אַן גלויבן, אַז זיי וועלן עס טאָן. זי האָט אַוועקגעלייגט ביידע הענט אויף די אויגן, כדי שוין גאָרנישט נישט צו זען.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך נאָך געקווענקלט, וואָס זיי האָבן צו טאָן. איינער האָט צוגערעדט דעם צווייטן. יענער האָט אָפּגעענטפערט:

— טו דו עס...

איצט האָט זי פּלוצעם פאַרנומען דאָס קול פון יענעם יונגנמאַן.

— נאָ, טאָ גיט מיר...

זיי האָבן זיך נאָכאַמאָל געטאַמפּערט. פון הינטער דעם אויפגעלעגטן אויגנדעקל האָט זי דערזען, ווי דער פּאָליציאַנט האָט ארויסגענומען דעם רעוואָלווער פון פוטעראַל, אים דערלאַנגט דעם פרעמדן.

די מענטשן, וואָס זיינען אין א קליין היפל געשטאַנען פונדערווייטנס, האָבן געזען ווי ער האָט זיך איבער איר אריבערגעבויגן. זיי האָבן דערהערט א שאָס און זיך אָפּגעקערט מיט פאַרביטערונג.

— זיי האָבן שוין געקענט בעסער עמעצן רופן און נישט אַזוי. אַזוי ווי א הונט.

אז ס'איז געוואָרן פינצטערלעכער זיינען פון וואַלד ארויסגעקומען צוויי מענטשן, כדי זי צוצונעמען. זיי האָבן קוים אָנגעטראָפן אויפן אָרט. זיי האָבן געמיינט, אז זי שלאָפט. נאָר בעת איינער האָט זי גענומען אויף דער פּלייצע, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אז ער טראָגט א מת.

זי איז האַרט נאָך געלעגן א גאַנצע נאַכט און דעם באַגינען. ערשט פאַר מיטאָג־צייט איז געקומען דער סאָלטיס מיט נאָך מענטשן, געהייסן זי צונעמען און באַגראָבן צוזאַמען מיט יענע צוויי דערהרגעטע ביים באַן־פּלאַנט.

— נאָר פאַרוואָס האָט יענער צו איר געשאָסן — דאָס איז נישט קלאָר — האָט ווייטער געזאָגט דער, וואָס האָט דערציילט — דאָס קען איך נישט תופס זיין. דווקא וועגן אים האָט מען געקענט טראַכטן, אז אויך זי איז אים א שאָד געווען.

לאה
אָדער די ליבנדיקע טאָכטער

פון בוך „כאַראַקטערן"

לאה איז געווען א גוטע טאָכטער, אָבער זי האָט נישט אויסגעזען צו זיין עס אזש אין אזא מאָס, ווי זי האָט עס דערוויזן בײַם סוף.

דעם טאַטן האָט זי פארלוירן זייער פרי, אזוי, אז אין דער דאָזיקער צייט זײַנען זיי שוין געווען בלויז אין צווייען. לאה האָט זייער געשאַנעוועט די מאַמע אירע, אָפּגעהיטן זי פון יעטוועדער סכנה, געזאָרגט פאר איר באַקוועמלעכקייט. זי האָט זיך געפרייט מיט איר נאָך אלץ גוטן אויסזען ווערדליק איר עלטער און מיט איר לגמרי נישט שלעכטן געזונט־צושטאַנד, זי האָט זיך געפרייט, וואָס זי האָט נאָך ביז היינט פארהיט די יוגנטלעכע כוחות, וואָס זײַנען אזוי נייטיק אין די שווערע מלחמה־באַדינגונגען.

די מאַמע פלעגט אויפרוימען זייער קליין חדרל, צוגרייטן עסן, וואַשן יעדע וואָך דעם דיל און דערצו נאָך געמוזט אליין ארויפברענגען וואַסער פון קעלער־קראַן. שפּיז האָט אײַנגעשאַפן לאה. אין די דאָזיקע שווערע טעג האָט זי פארגעסן איר אַמאָליקע ארבעט אין די אוניווערסיטעט־לאַבאָראַטאָריעס. גאַנצע טעג איז זי איצט געשטאַנען אין אײנעם פון די רעסאָרטן בײַם אויסארבעטן שוואַרצע קרעפּ־דיוואַנדלעך פון צעשניטענע יידישע מלבושים.

פונדעסטוועגן פלעגט טרעפן, אַז ווען דער דאָזיקער אומזיניקער גורל האָט זיך אַלץ ענגער און ענגער פאַרצויגן אַרום זיי האָט לאה געהאַט פּאַריבל אויף דער מאַמען צוליב איר מאָנענדיקן טאָן, צוליב מאַנכע אירע תנועות און גרימאַסן, וועלכע פלעגן פאַרוואַנדלען די דאָזיקע פרוי אין אַן אַלטער פאַרדאַגהטער יידענע.

לאה איז נישט געווען ענלעך, זי האָט שטאַרק אָפּגעהיטן איר פּנים, די האָר האָט זי אָפּגעפאַרבט אויף העל, אָבער מעסיק, קוים אויף קאַשטאַן־קאָליר, כדי זיי זאָלן נישט שאָקירן, און אירע אויגן אונטער די געדיכטע שוואַרצע ברעמען זאָלן נישט אויסזען צו טונקל. זי האָט זיך געהאַלטן פּשוט, אויסגעמיטן אַ שמייכל צו טאָן, גערעדט ערנסט און קורץ.

מיט אַלע אירע כוחות האָט זי זיך אָקעגנגעשטעלט אַלץ, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט. זי האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. אַמאָל, דאָס איז געווען באַלד ביים אָנהויב, פלעגט זי נאָך אַפילו טאַנצן, שווימען, געשפּילט אין טעניס. דעמלט איז איר אויך געלונגען עטלעכע מאָל אַרויסצוגיין פון געטאָ און פאַרברענגען אַ טאָג אָדער צוויי צוגאַסט ביי אירס אַ חברטע. זי פלעגט דעמלט פאַרגעסן, אַז די מאַמע איז אומרויק צוליב איר, זי פלעגט פאַרגעסן ווער זי איז, זי פלעגט לאַכן און ריידן, ווי אַנדערע.

זי האָט פונדעסטוועגן דאָרט נישט געקאָנט פאַרבלייבן לענגער. זי פלעגט זיך אומקערן אַהיים אַ געשטאַרקטע אין איר באַשלוס צו בלייבן ביים לעבן.

דאָס האָט אַ לענגערע צייט אַפילו אויסגעזען צו זיין מעגלעך. ס'איז אָבער אַזוי נישט געווען. פון עטלעכע אַרויסשיקונגען איז זיי געלונגען זיך צו ראַטעווען, דריי חדשים זיינען זיי געזעסן הינטער אַ וואַנט, פאַרשטעלט מיט אַ ליידיקער שאַפע, און פון דאָרט האָבן זיי זיך געלאָזט אַרויסשלעפן — ביידע אויסגעמאַגערטע, אַלטיטשקע, ביידע ענלעכע, ביידע גרייטע צום טויט. זיי האָבן זיך ביידע געלאָזט נעמען אָן מינדסטן אָקעגנשטעלן זיך, און פירן אינעם טויטן־וואָגן צום לאַגער. ביי זיך האָבן זיי נאָר געהאַט אַ פונלאַנג־פאַרפאַקט רענצל, אַ ביסל ביטיקע רייזע־זאַכן, אַ פּאָר פאָטאָגראַפיעס און אויך דעם טאַטנס אַ זייגערל און אַ בראַנזלעטל.

מיט דעם דאָזיקן רענצל האָבן זיי זיך תיכף געשיידט, ווי נאָר זיי זיינען אַרויס פון וואַגאָן. עפּעס אַ פּאַרשוין האָט אַן איין וואָרט אַרויסגענומען דאָס רענצל פון לאהס האַנט און עס אַ שליידער געטאָן אויפן הויכן שטויס פון וואַליזקעס, אויף דער צווייטער זייט פון די באַן־שינעס.

זיי זיינען ביידע געווען מיד, מידער ווי נאך א געווינלעכער נסיעה און פארדאגהט, וואס וועלן זיי טאן אן די ביטיקע זאכן און וועש, ווי אזוי וועלן זיי זיך דאס אן עצה געבן אן געלט אויף צו דערהאלטן דאס לעבן.

און אט־אט האבן זיי באלד אויפגעהערט זיך צו דאגהן. עמעצער, וואס האט זיך אפגעראטעוועט פון די חעמלט גייענדיקע צום טויט — האט דערציילט ווי אזוי זיי זיינען אומגעקומען.

די זיינען געגאנגען אן אויפהער צוזאמען, האלטנדיק זיך איינגע־קלאמערטע ביי די הענט. מע איז ווייט נישט אפגעגאנגען, ווי די מחנה איז שטיין געבליבן אויפן וועג. א מענטש וואס איז געווען א דאקטאר, האט אויף דעם ארט פונאנדערגעטיילט די, וואס האבן געזאלט גיין צו ארבעט, פון די, וואס האבן געזאלט דערשטיקט ווערן.

לאה האט זיך געפונען אין דער מחנה פון יונגע יידן, וואס זיינען באשטימט געווארן צו ארבעט. דעמלט האט זיך פלוצים פון דער מחנה צום טויט־פאראורטיילטע אויפגעהויבן דער מוטערס א געוואלד, נישט אזוי א הילף־געשריי ווי א מאנענדיקער רוף. „ל א ה !"

און דעמלט איז לאה אריבערגעלאפן צו דער מוטער און געגאנגען מיט איר צום טויט.

קסאַווערי פּרושינסקי

די מעסכעדער שווערד

פראַגמענט

פון יענער צייט איז אַוועק אַן ערך אָנדערטהאַלבן יאָר, ווי איך האָב נישט געזען ליידערן, ווייל איך האָב באַקומען אַרבעט אין ראַדיאָ און אײדער מע האָט מיך פון דעם פּאָסטן באַזייטיקט האָט געדויערט עטלעכע חדשים. איך האָב זיך אָבער איבערצייגט, אַז גיטמאַן איז באַרימט נישט בלויז אין יענע קאַנטן, נאָר פאַרקערט, עס עקזיסטירט אין פּוילן, און אַפילו אויסער די גרענעצן פון פּוילן, אַ פאַרצווייגטע מאַסאָנעריע, פאַר וועלכער ליידער גיטמאַנס עקזיסטענץ אינעם ווייטן סוואַלק איז שוין ווייט ווייט נישט אומבאַקאַנט. דער קרייז פון גיטמאַנס באַקאַנטע איז איבעריקנס געוואָרן אַ זייער פאַרשיידנאַרטיקער. פּונקט ווי צו די ערשטע פּוילישע לאָזשעס פון 18־טן יאָרהונדערט — האָבן צו אים געהערט מענטשן זייער ווייטע צווישן זיך.

אין בערלין, אין שאַרלאָטנבורג האָב איך באַזוכט, אַ יאָר פאַר זיין טויט, דעם נעסטאָר פון דער פּוילישער וויסנשאַפט אַלעקסאַנדער בריק־נער. איך געדענק די בירגערלעך־דייטשע רואיקע גאַס, מיט ביימער, אַ גרויסער קאַבינעט מיט אַן אויסטערליש קליינער צאָל ביכער. בריקנער האָט ביז דעם סוף פון זיין לעבן געהאַט אַן אויסגעצייכנטן זכרון. וואָס ער האָט איבערגעלייענט, דאָס האָט ער פאַרגעדענקט. ווען עס האָט אים עפּעס אין אַ בוך פאַראינטערעסירט, האָט ער אַרויסגעריסן דאָס בייטיקע זייטל, דאָס איבעריקע האָט ער אַרויסגעוואָרפן. ער איז שוין דעמלט אַוודאי

אַלט געווען ביי אַ צוויי און אַכציק יאָר. ער איז געווען אויסגעטריקנט ווי א מומיע, פשוט הויט און ביין. אָבער, ווי האָט ער אויפגעלעבט, בעתן ריידן, אויספרעגן און פּאַלעמיזירן! און געפרעגט האָט ער אַן אויפהער. אַזוי האָט ער אויך פּלוצלונג, שוין אין קאַפּע, אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר נאַר, מיין הער, און גיטמאַן, לייזער גיטמאַן פון סוואַלק, לעבט נאָך?

איך האָב שוין פון אים לאַנג נישט געהאַט קיין שום ידיעה.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גיטמאַן — לייזער גיטמאַן — האָט געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט אַלעקסאַנדער בריקנערן אַליין. ווען איך האָב וועגן דעם דערציילט אין קראָקע דעם פּראָפעסאָר קאָט, האָט ער זיך אַבסאָלוט נישט געוווּנדערט:

— גיטמאַן? העך קסאַוועריי! ווי זשע האָט בריקנער, וועלכער ווייסט אַלץ, געקאָנט נישט וויסן וועגן גיטמאַנען? ווער קען נישט לייזער גיטמאַנען?

איך האָב ריזיקירט:

— נו, עס זיינען פונדעסטוועגן נאָך פאַראַן אַזעלכע אין פּוילן.

קאָט — דאָס איז געווען אין „עספּלאַנאַדע" — האָט בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— פאַרשטייט זיך! עס זיינען פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהערט וועגן עסטרייכערן, אָבער דערפאַר וויסן זיי, אַז עווע עסטרייכער איז אַ מייסטערין פון שווימען. גיטמאַן! מיין הער, צי ווייסט איר, אַז דאָס איז ער דער ערשטער, דער סאַמע ערשטער פון אַלע, געפאַלן אויף דעם שפּור פון אַ צווייטער אויסגאַבע פון בודניס נייעם טעסטאַמענט, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דער לאָסקער דרוקעריי פון די קישעקס? צי ווייסט איר, וואָס פאַרא סענסאַציע דאָס איז געווען אין דער אַקאַדעמיע? איך זאָג אייך, כזשאַנאַווסקי...

דער כראַבּיע עמעריק הוטען־טשאַפּסקי האָט אויף זיכער נישט אָנגעהערט נישט צו די אַריאַנער און נישט צו די פריינט פון סטאַניסלאַוו קאָט. אָבער צווישן זיינע זאַמלונגען, ווו עס האָבן זיך אָפטמאָל געטראָפן באמת מהועלע זאַכן, האָט ער שטענדיק געוויזן אַ גרויסע גאָלדענע מטבע מיט אַן אויסערסט קלאָרע צייכנונג.

— צי האָט איר שוין אַמאָל געהערט וועגן עפּעס אַזוינס א מטבע — געמינצט אין ריגע; די אויפשריפט — אַ לאַטייניש־דייטשע; דער הערשער אין וואָפן — אַ קעניג פון דער שוועדישער דינאַסטיע — און דאָס גאַנצע? דאָס גאַנצע — אַ פּויליש צענדוקאַטיק גאָלד־שטיקל פון זיגמונט וואַזאַ.

און אַט זעט איר נאָך: אַדלערס און פּאַגאַניעס*), פּאַגאַניעס און אַדלערס. ווי אַ קרייז. צי האָט איר געוווּסט דערפֿון, אַז מיר האָבן אַמאָל געמינצט אין ריגע אַזעלכע גאָלדענע דוקאַטן?

כ'האָב נישט געוווּסט.

— כ'וועל זיך פֿאַר אײַך מודה זײַן, אַז איך האָב אויך נישט געוווּסט. דער פּראָפֿעסאָר קונסטער לאָפּאַ פֿון לוואָוו האָט געשריגן, אַז עס איז גאָר קיינמאָל אַזעלכעס נישט געווען. וואָס ווייסן זיי די היינטיקע פּראָפֿעסאָרן! און איר ווייסט, ווער עס האָט זי אַנטדעקט? אַזאַ געוויינלעכער, קליינער ייִד. נישט פֿון דער שוויענטאָקזשיסקע אַפֿילו. אַפֿילו נישט פֿון ווילנע. פֿון סוּוואַלק! עפּעס אַ גיטמאַן דאָרטן...

— איך קען אים.

טשאַפּסקי האָט אויפֿגעהערט ווישן דעם דוקאַט מיט אַ שטיקל יערד.

— וואָס — גיטמאַנען, גיטמאַנען פֿון סוּוואַלק — איר קענט אים?

— איך קען אים. און איר פֿון וואַנען קענט אים?

— מײַן הער, זיי זײַנען פֿון מאַלאַדאָווע, צי פֿון טעלעכאַן, פֿון די סקימונטן. איך געדענק אים נאָך פֿון פֿאַר יענער מלחמה. זײַן פֿאָטער האָט געהאַנדלט מיט האָלץ. דער אַלטער גיטמאַן. אַזאַ מין סוּוואַלקער-אויגוסטאָווער האָלץ-הענדלער. דרײַ זין האָבן זיך שפּעטער אויך פֿאַרנומען מיט דער האָלץ-בראַנזשע. לייזער האָט אויך אָנגעהויבן פֿון האָלץ. און עפּעס אָט אַזוי זיך, איז ער געוואָרן אַ זאַמלער. איר ווייסט, ער טוט דאָס פֿון ליבשאַפֿט. איר מעגט נישט גלויבן, אָבער אַזוי איז דאָס.

— איך גלייב.

— און איר ווייסט, ווי ער קען זיך אויף דעם? איר ווייסט, אַז ער האָט די שענסטע פֿון די גראַדנער פֿאַסן? פּילסעאַנער פֿאַסן? דער נאַציאָנאַלער מוזיי פֿאַרמאָגט נישט אַזעלכע! די פּאָטאָצקיס — די פּאָטאָצקיס פֿון קזשעשאָוויץ! — פֿאַרמאָגן נישט אַזעלכע. וואָס מיר נאַציאָנאַלער מוזיי! אַפֿילו מײַן פֿעטער פּוסלאָווסקי, אויך ער האָט זיי נישט. איר פֿאַרשטייט? איר האָט געזען דעם קאַטאַלאָג פֿון דער פּאַראַיזשער אויסשטעלונג פֿון אַלט-פּוילישן מעבל אויפֿן וואַוועל? דער שענסטער קאַלבושעווער קרעדענס איז די פּאָטאָצקיס פֿון דער בראָדקע, און די שענסטע שטול? דעם פּראָפֿעסאָר גראָערס? ריכטיק, איך האָב זיי געזען, נישקשה, אָבער, זי האָט באַקומען בלויז דעם דריטן פּריז. דעם ערשטן — די ביוראָקע פֿון ל. ג. פֿון סוּוואַלק. איר ווייסט, ווער דאָס איז ל.ג. פֿון סוּוואַלק? לייזער גיטמאַן פֿון

*) אַ הערב פֿון די יאַגעלאָס אין ליטע.

סוואַלק. איר האָט אים אַמאָל געזען? איר האָט גערעדט מיט אים? צי האָט איר געקענט אַ ייִדן, וועלכער זאָל רעדן פּויליש ערגער פֿון גיטמאַנען, דער זעלבער גיטמאַן פֿון די פּוילישע אַלטערטימלעכקייטן?

ער האָט געהאַט רעכט: פֿון זייער אַ סך ייִדן, וואָס רעדן שלעכט פּויליש, האָט לייזער גיטמאַן אויף זיכער גערעדט צום ערגסטן.

די ידיעות וועגן דער משפּחה פֿון די גיטמאַנס, זײַנען געווען נישט ווײַטיקער פּינקטלעך, זיי זײַנען געווען פֿאַרבונדן מיט יענער אָפּשטאַמונג פֿון גיטמאַנען, וועגן וועלכער די ידיעות פֿון דעם קרעסן-אַריסטאָקראַט זײַנען אויך געווען פֿולשטענדיק ריכטיקע. די גיטמאַנס האָבן נישט געהערט צו קיין שום פֿון די ייִדישע אַלט-ליטווישע משפּחות, וואָס זײַנען געווען פֿין לאַנג פֿאַרוואָרצלט אין דער ערד ביים ניעמאַן, דווינאַ און ביעוויעזשע און שטאַרק פֿאַרבונדענע מיט פּוילישקייט. זייער יחוס האָבן זיי נישט געצויגן פֿון מיצקעוויטשעס יאַנקל, וועלכער האָט געשפּילט פֿאַר יאַן הענריק האָמבראָווסקין זײַן מאַזורעק אויף די ייִדישע צימבלען. צווישן לייזער גיטמאַנס אבות האָט אויך נישט פֿיגורירט יענער ייִד, וועלכער האָט „אויף צו־להכעיס די צאָל־באַאַמטע“ אַדורכגעשמוגלט קיין ליטע די קליינע עמי־גראַנטישע ביבלעך פֿון די פּאַריזער אָדער לייפּציקער אויסגאַבעס; נישט דער ייִד דער בוכהענדלער פֿון סיראָקאָמליס דערציילונגען און נישט מאיר עזאָפּאָוויטש פֿון אָזשעשקאָווען זײַנען נישט געווען פֿון גיטמאַנס אָבות. אין זייער אָפּשטאַמונג, ווי אויך אין זייער שלעכטן פּוילישן לשון, האָבן געשטעקט די אומגעשיקט־פֿאַרבאַרגענע לײַדן פֿונעם סוואַלקער אַנטי־קוואַר.

גיטמאַן איז באמת געווען „אַזאַ פּשוטער, אַ פֿולשטענדיק פּשוטער ייִד“. ער איז געווען — נישטאָ וואָס צו פֿאַרלייקענען — אַ געוויינלעכער ליטוואַק, פֿון אַ געוויינלעכער ליטווישער משפּחה. אַזעלכע זײַנען אין די טויזנטער, אין צענדליקער טויזנטער געקומען ערגעץ פֿון טיף־רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם פֿאַריקן יאָרהונדערט און געבראַכט מיט זיך אומרה, אכמזיכעריקייט, מורא, שמוץ, בויט, און עפּעס אַ זשאַרגאָן, וואָס איז פֿאַר קיינעם נישט געווען פֿאַרשטענדלעך, מיט ווערטער ענלעכע צו טאַטערישע און דורכגעדרונגען מיט דער רוסישער שפּראַך, נישט דער זינגעוודיקער, קלאַנגפֿולער, פּושקינישער, נאָר עפּעס מיט אַן איבערגע־דרייטער, פֿאַרענדערטער און אויסגעהוילטער פֿון דעם אַלץ, וואָס אין דער דאָזיקער שפּראַך איז אַזוי קלאַנגפֿול... עט, וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן. גיטמאַן האָט געשטאַמט פֿון אַ משפּחה, וואָס האָט אין דעם לאַנד געוווינט

בלויז אין דור, און זיך דעריבער דאָ נאָך מיט גאָרנישט איבערגענומען. די גיטמאַנס זיינען געווען פּשוטע לייט, וועלכע האָבן זיך קוים אַרויסבאַקומען פון דער שווערער יידישער נויט, פון דעם נע־ונד, פון הונגער... זיי זיינען געווען ווייט פון רבנישער אויסגעאיידלטקייט. זיי האָבן גאָרנישט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דעם ווייטן רוסלאַנד. פאַר זיי האָט דאָס דאָזיקע לאַנד דאָ מיט זיין פּריצישער פּוילישקייט און מערבדיקע געוווינהייטן, געשאַפן נאָך אין פרעמדקייט אויף די אַנסופיקע וועגן פון זייער וואַנדער. די גיטמאַנס, דאָס זיינען געווען פולשטענדיק ערדישע מענטשן. זיי האָבן נישט בלויז געוווסט די פרייזן פון האָלץ אין איצטיקן מאָמענט, נאָר אויך אין דער צוקונפט (און דאָס, ווו און ווען). זיי האָבן געוווסט, וואָס פאַר אַן איינפלוס עס וועט האָבן אויף דעם פרייז דער פאַקט, וואָס אין מאָסטי האָבן אָפּגעברענט די טאַרטאַקן פון די ברידער קאָנאָפּאַצקי, וואָס די רעגירונג האָט פאַרגרעסערט דעם בודזשעט פון די מלוכהשע וועלדער, וואָס אין שפּאַניע איז אַ מלחמה, וואָס מעבל־פאַבריקן אין גלאַזגאָ האָבן פאַרשטרייקט נאָך באַלפורס דימיסיע. דאָס אַלץ האָט געהאַט אַזאַ, אָדער אַן אַנדערן איינפלוס אויף דער סאַמע וויכטיקסטער זאַך פאַר דער דינאַסטיע פון די גיטמאַנס, ד. ה., אויף דעם פרייז פון האָלץ און דאָס אַלץ האָבן זיי גוט געוווסט. אָבער אַ חוץ דעם, האָט זיי גאָרנישט אינטערעסירט קיינמאָל גאָרנישט. עס האָט זיי נישט אינטערעסירט דאָס ווייטע פּאַלעסטינע און נישט דער נאָענטער „בונד”, עס האָט זיי נישט אינטערעסירט זשאַבאָטינסקי, הגם ער האָט געהאַט אַ פאַרלעזונג אין גראָדנע — און די פּאָליציי און דער זיכערהייט־אַמט וואָלטן אונז געקאָנט זאָגן, ווי ווייט עס האָט זיי נישט אינטערעסירט דער קאָמוניזם, כאָטש אויך דער קאָמוניזם מחמת נויט, האָט דאָך געקאָנט האָבן אַן איינפלוס אויף די פרייזן פון האָלץ. דערפאַר האָבן זיי אָבער געהאַט זייער פיל נאַטורוויסנשאַפטלעכע ידיעות וועגן די אייגנשאַפטן פון אַלכעס, פון בעראָזעס און אולמעס, זיי האָבן געוווסט, וועלכער מאַטעריאַל איז דער בעסטער אין די אַלבערטינער וועלדער, און וועלכער אין די סוויסלאָטשער וועלדער, אָדער וועלכער סאָרט אָלכעס טויג צום בעסטן פאַר די אַעראָפּלאַן־קאָנסטרוקציעס פון ביאַלע-פּאָדלאַסק, מיט דעם אַלעמען האָבן זיי געלעבט. מחוץ דעם אַלעם, האָבן זיי נישט אַרויסגעשטעקט די נאָז. איבעריקנס, זיינען זיי דאָך געווען אַזוי אָרעם! דער פאָטער פון די גיטמאַנס, איז וואַרשיינלעך פאַרמאָרעט געוואָרן פון הונגער אין דער וואַלד־האָרעוואַניע. די זין, וועלכע האָבן זיך שוין אפילו דערשלאָגן צו אַ געוויסער פאַרמעגלעכקייט, האָבן אָבער נאָך אַלץ שווער געאָטעמט מיט דער נויט פון די פריערדיקע דורות.

פון דער דאזיקער גענעראציע איז אפשר לייזער גיטמאן שוין אוועק, אבער ער האט דאך צו איר נאך געהערט. זיין שפראך איז געווען אזא שרעקלעכע, אזוי פארשימלט, אזוי פארעמלאז און אויסטערליש, אז צייטנווייז איז שווער געווען צו גלויבן, אז מיט דער דאזיקער שפראך קאן מען ריידן וועגן באראק און וועגן פאלימפסעסטן*), וועגן מעזעריטש קארעצקער פארצעלייען און וועגן די סעלימאנעווער געוועבן.

און לייזער גיטמאן האט דאך מיט דער דאזיקער שפראך גערעדט וועגן דעם אלעם, ער האט גערעדט ווי אן אוניווערסיטעט-פראפעסאר, ער האט גערעדט מיט וויסן, מיט ליבע. נישט בלויז מיט ליבע: מיט ברען. „ער טרייסלט זיך אינגאנצן, ווען ער רעדט וועגן דעם" — האט עמעץ באמערקט, און דאס איז געווען אמת. דעם ברען, וואס זיינע אייגענע האבן געהאט צו ספעקולאציע, האט ער איבערגעטראגן אויף דעם. ווי אזוי איז ער דערצו דערגאנגען? דאס איז פאר מיר פארבליבן א רעטעניש.

צי האט ער זיך דערביי ארויפגעארבעט? עס איז שווער צו זאגן. ער האט געלעבט ווי א קבצן, אבער דאס באדייט נאך גארנישט. ער האט געקאנט פארבארגן. אמת, אז ער האט פארמאגט זייער ווערטפולע חפצים. ס'איז געווען א חשד, אז ער פארמאגט געהיים נאך ווערטפולערע. אבער פארקויפט האט ער אליין ווייניק, פארהעלטנישמעסיק ווייניק און דאס אן שום ספק די ווייניקער ווערטפולע חפצים. לויט מיר, האט ער געמוזט דורכמאכן עטלעכע מאל דאס, וואס די אנטיקווארן פלעגן דעמלט אנרופן „א גוטער קוש", דאס הייסט קויפן עפעס ביליק און פארקויפן מיט א צוועלפפאכיקן ריווח, און אלץ, וואס ער האט דערביי פארדינט, האט ער שפעטער פארווענדעט אויף נייע אומפראדוקטיווע קניות. די ברידער, וועלכע האבן אים פון אנהויב געהאלטן פאר א משפחה־משוגענעם, האבן ביסלעכווייז געענדערט זייער מיינונג. זיי האבן זיך שוין אליין אביסל ארויפגעארבעט, קיין געלט האט אויף זיי מער נישט געווירקט אזוי איבערראשנדיק. צו קולטור זיינען זיי נאך נישט דערגאנגען, אבער איר עקזיסטענץ האבן זיי ביסלעכווייז אנגעהויבן אפצושאצן, ווי די עקזיסטענץ פון עפעס א וועלט, וואס איר פארכישופטער קרייז עפנט זיך פאר די מענטשלעכע אויגן, ווען זיי האבן זיך שוין אנגעזעטיקט מיט געלט. לייזער איז געווען דער ערשטער פארפאסטן, וואס די משפחה האט ארויסגערוקט אין דער דאזיקער וועלט. פאר דער משפחה איז נויטיק געווען אזא מין לייזער. ס'איז

*) אלטע כתב-ידן אויף פארמעט.

עפּעס דערגאַנגען צו זייער געהער, אַז מען שעצט אים און אַז עס קענען אים באַרימטקייטן, פון עפּעס אַ פרעמדער וועלט. דאָס איז געווען גוט. אַ חוץ דעם, איז ער געווען נישט קיין חתונה־געהאַטער און דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט, וועט דאָך ווען עס איז, איבערגיין צו זייערע קינדער; דאָס איז נישט, וואָס אַן אמת, קיין האָלץ, נישט קיין וואַלד, אָבער עפּעס איז עס דאָך פאָרט.

אַז דאָס אַלץ איז פאָרט עפּעס, אין דעם האָב איך זיך איבערציגט מיט מיינע אייגענע אויגן אין סעפּטעמבער פון קומענדיקן יאָר. איך האָב דעמלט פאַרבראַכט צוויי וואָכן נעבן די אויגוסטאָווער אַזערעס. עס איז געווען אַזוי וואַרעם, און די טונקעלע וואַנט פונעם וואַלד, האָט זיך געשפּילט אין דער שטילער אָזערע. דאָס ווייסע זאַמד האָט אַדורכגעלויכטן די גרינע וואַסערן, און די ווייסע שאַרפן פון די זעגלען האָבן געשניטן די העלקייט. די פישער־נעצן האָבן זיך געטרוקנט ביי אונזערע פענצטער, אין פון די שיפלעך האָט זיך געשפּירט מיט דזשעגעכץ און פיש. (מיט רעכט האָט דער קאַפּיטאַן קירקאָר אַזוי ליב געהאַט די דאָזיקע קאַנטן). אויף צוריקוועגס האָב איך זיך פאַרהאַלטן אין סוואַלק; ליזער איז געווען אין שטוב. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס, וואָס איך האָב אַמאָל געזען דורכן פענצטער פון זיין פאַרמאַכטן געוועלב, איז געווען בלויז אַ מין פאָדער־צימער, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן, ווי אויף אַפּצושטויסן מענטשן, אָבער באַלד הינטער דעם צימער איז געווען אַ צווייטער, שוין אַ בעסערער. פון דעם צווייטן האָבן געפירט שמאָלע טרעפּ אויף אַ גאָרן, און דאָרט איז שוין געווען אַלץ. עס זיינען געווען ביכער און מעבל, געוועבן און פאָרצעלייען, בילדער און שטיכן. עס זיינען געווען שווערדן פון די סאַמע באַשיידנסטע, וואָס זיינען מסתּמא געטראָגן געוואָרן אויף שניירלדיקע פּאַסן, ביז די סאַמע אויסגעצירטסטע אין שיידלען פון יאַשטשער־פעל, די הענטלעך באַשיטע מיט גרינלעכן טורקוס און מיט גאָלדענע אויפשריפטן אויפן שמאָל. איינע, געדענק איך, האָט אַמאָל געהערט צו ווישניאָוויעדזקין (נישט צו יאַרעמין, נאָר צו זיין ברודעריזון, דעם ליטווישן העטמאַן פּרינץ דימיטרי). אויף אַ פּאַכל זיינען געלעגן עפּעס פּראַוואָסלאַוונע האָמוליעס*), געדרוקטע מיט צערילי־צע־שריפט*) אין אָסטראָ, ווען מאָסקווע האָט נאָך נישט געהאַט קיין דרוקערייען. עס זיינען געווען ביכער און זעלטענע דרוק־זאַכן פון די קאַצערישע דרוקערייען אין סלוצק. עס זיינען געווען אַלטע פּוילישע

*) קאָמענטאַרן צו דער ביבל.

*) אַזאַ אַלטע סלאָוויאַנישע שריפט.

גלעזער פון דער טיזענהויזער האַראַדניצע מיט ראַדזיווילער טרומייטן און מיט דעם מאָנאָגראַם פון „פּאַניע קאָכאַנקו". עס איז געווען אַ פּראָווינצי־שער אַלבום, איינגעבונדן אין באַגילדעטן לעדער, מיט מיניאַטור־אַרטיקע מאַפּעס: לויט דעם אויפשריפט, וואָס האָט זיך געפונען פון אינעווייניק, איז דאָס געווען אַ מתּנה פון וואַרשע פאַר נאַפּאָלעאָנען בעת ער איז אין יוני פון 1812 אַרויס פון דער דאָזיקער שטאָט אויפן וועג צו דער בערעזינע...

און ענדלעך איז געווען אַ זייגער, אַך אמת, אַ זייגער!

דער זייגער איז געווען אַ הויכער, אין דער פאָרעם פון אַ שענקל, ענלעך צו די ענגלישע אָדער דייטשע. אַזאַ, וואָס שטייט געוויינלעך אין אַ ווינקל פון סאַלאָן. ער איז בלויז געווען אויסטערליש געאַרבעט אויף אַן אָפּגע־בליאַקירטן גרין: אין טירל האָט ער געהאַט עפּעס אַ געמעל, וואָס האָט פאַר־געשטעלט אַ בילד פון עפּעס אַ טריומפירנדיקער שלאַכטע. עס איז גע־ווען שטאַרק אין סטיל פון באַטשיאַרעלי.*)

— גיט אַ קוק אויף דעם אויפשריפט, — האָט גיטמאַן געזאָגט, איך האָב איבערגעלייענט:

„קאַראָל טאָפּאָלסקי, וואָלטשין". דאָס וואָלטשין פון די טשאַרטאָריסקיס, וואָלטשין — דאָס געבוירן־אָרט פון סטאַניסלאַוו־אויגוסט. (דאָרט האָט מען אים טאַקע אין מיטן נאַכט באַערדיקט).

— גיט אַ קוק אויף דעם אויפשריפט, — האָט גיטמאַן געזאָגט.

איך בין אַרויף אויף די טרעפּלעך און כ'האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם געווערק. אויפן שטאָל איז געווען אַ צווייטע אויפשריפט: „סט. פּעטער־בורג" און אַ דאַטע: 1797. גיטמאַן האָט מיר געמוזט דערקלערן, אַז נאָכן פאַלן פון די טשאַרטאָריסקיס איז טאָפּאָלסקי אַוועקגעפאָרן פון וואָלטשין צו דער נעווע, און דאָרט האָט ער נאָך געמאַכט פאַר דעם אַרויסגעטריבע־נעם קעניג דעם דאָזיקן זייגער. די מאָלעריי אויפן האַלץ האָט געשטאַמט פון וואַרשע: די דאָזיקע טריומפירנדיקע און פּאָלאָנעז־טאַנצנדיקע שלאַכ־טע.

— און די מוזיק, איר ווילט הערן מוזיק? — האָט גיטמאַן געזאָגט און געעפנט דאָס אייבערשטע טירל. ער האָט דאָרט עפּעס אַ ריר געטאָן, עפּעס אַ צי געטאָן, און באַלד האָבן זיך אָפּגערופן דעליקאַטע טענער, ווי קלעפּ פון מיקראָסקאָפּישע העמערלעך. פון אָנהייב קענגזעצלעכע, אומ־דרייסטע, באַזונדערע, ווי זיי וואָלטן געוואַרט איינע אויף די אַנדערע, שפּע־טער האָבן זיי זיך מיטאַמאָל צוזאַמענגעגאָסן. אַ טיראָליער פון טענער. אַיי־

*) דער מאָלער אין הויף פון סטאַניסלאַוו אויגוסט.

הער זיי האָבן זיך נאָך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ מעלאָדיע, האָט דער אַלטער גיטמאַן מיט זיין שלעכטער ליטווישער שפּראַך אָנגעהויבן אונטערזינגען:

א גרוס דיר, מאַיקער קאַיאַר,
באַלויכט אונדזער פּויליש היימלאַנד,
מיר ווילן דיך באַערן מיט ליד
ביי הוליאַנקעס און ביי ווין.
א גרוס דיר, מאַי, דריטער מאַי,
ביי די פּאָליאַקן איז אַ גן־עדן...

— איר זעט, וואָס דער קעניג האָט זיך געהייסן מאָלן, ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אין פּעטערבורג. איר זעט, איר זעט: און אַזאַ קעניג ווילן זיי איצט נישט קובר זיין ווי אַ קעניג — ווי אַ הונט — ווי אַ בעטלער — אין מיטן נאַכט — זיי — איר מיינט, אַז זיי זיינען בעסער, דאָס ווילן זיי אַ״ם אַזוי קובר זיין דערפאַר, וואָס קולטור, אויפקלערונג, וואָס פון דער פינצטערניש, טפו, טפו! — האָט ער געשטאַמלט פון כעס. און קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן דאָס בילד אין דער טונקל פונעם סור־וואַלקער אַנטיקוואַריום, צווישן גדאַנסקער קרעדענסן, פּוילישע פּאָרצע־לייען און שווערדן, מיט יענעם ייד, וועלכער האָט זיך געוואָרפן פון אויפ־רעגונג צוליב דער קעניגלעכער דערנידעריקונג און מיט יענעם שטילן אָבער דייטלעכן טאָן פון פּאָלאָניז, וואָס ציטערט פון אַלטקייט, און פונעם ליד וועגן דריטן מאַי...

* * *

ווידער רייסן זיך איבער מיינע זכרונות וועגן לייזערגיטמאַנען, און זייער מאָטיוו ועט אויפקומען וואַרשעווער ערשט אין אַ חודש אַרום, אין אפשר אין צוויי. מיר האָבן זיך באַזעצט סטאַביל אין וואַרשע, און כ׳בין געקומען שפּעט אויף מיטאָג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גיטמאַן איז דאָ. עסן האָט ער נישט געוואָלט, ער איז נישט הונגעריק; טיי? — יאָ, טשאַי וועט ער טרינקען. האָבן מיר אַלע געטרונקען „טשאַי”. איך האָב געפרעגט גיטמאַנען וועגן וואַרשע, וועגן די אייַנדרוקן, מסחרים? — יאָ, נישט קיין שלעכטע, ער האָט טאַקע געבראַכט צו אַבע גוטנייערן זעקס פּעטערבורגער גאַרדנערן, נישט פון די סאַמע עלטסטע, ניין, אָבער דאָך פון די פּרי־קאַטעריניש. („איר ווייסט: גאַרדנערן: אַלטע רוסישע פּאָר־צעליי” — האָט ער פאַרזיכערט). יאָ, ער האָט פאַר דעם גוט באַקומען: איר פאַרשטייט דאָך אַליין — גאַרדנערן. נו, און פאַר דער פּראַנצייזישער אַמ־באַסאַדע אַזאַ קליינע ביורקע, טע, טע, וויפל שופלאָדן און באַהעלטעניש.

די אַרבעט זאָל זיין אַ פּריסישע. מען האָט אָבער געזען, אַז דאָס אַלץ אינטערעסירט אים נישט שטאַרק, און בעת די פּרוי איז אַרויסגעגאַנגען מאַכן נאָך טיי, האָט ער מיט אַ האַלבן זאַץ, צובייגנדיק זיך צו מיר, מיטאַמאָל געזאָגט: — איר ווייסט, וווּ איך בין איצט געווען? וווּ איך בין טאַקע איצט געווען? פון וואַנען איך בין אַהער געקומען? איך וועל אייך זאָגן: אין מוזיי, איך בין געווען אין נאַציאָנאַלן, אין נאַציאָנאַלן מוזיי.

מיר האָבן געוווינט אויף דער סאַסקע קעמפּע, און גיטמאַן, וועלכער איז אין סוואַלק נישט געוווינט געווען צו קיין טראַמווייען, איז זיך געגאַנגען פון דער יערוזאַלימער אַלייע צופוס. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט אים פּאַראינטערעסירט אַ גרויסער, ווייסער בנין פון משונהדיקן אויסזען, וואָס איז געשטאַנען אויף דער רעכטער זייט. — איך טראַכט זיך אַ באַנק־הויז, אָדער עפּעס אַ קאַזאַרמע, נו, און דאָס איז נישט קיין באַנק־הויז און נישט קיין קאַזאַרמע: אַ מוזיי. אַ נייער מוזיי.

— דער מוזיי. דער נאַציאָנאַלער מוזיי.

— אַ, אַ, דער נאַציאָנאַלער מוזיי. אַ שיינעם דאַנק.

עס האָט זיך, וואָס אַן אמת, אַרויסגעוויזן, אַז די עקזיסטענץ פון אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווי אויך זייערע אויפגאַבן, זיינען באַקאַנט געווען גיטמאַנען, אָבער ער איז נאָך אין זיין לעבן נישט געווען אין קיין שום מוזיי. ער איז אַריין נישט זייער זיכער, צי מען וועט אים אַריינלאָזן. מע האָט אים אַריינגעלאָזט. דעריבער איז גיטמאַן, אַנשטאָט צו קומען צו אונדז אינדערפרי, געקומען שפּעט, מיטאָגצייט. ער איז געקומען אויסערגעוויינלעך אויפגערודערט. בעת ער האָט דערציילט, האָט ער נאָך אינגאַנצן געפלאַמט. ער האָט דערציילט צעצויגן, מיט איינצלהייטן, ווי ער וואָלט אַרויסגעוואָרפן פון זיך די איינדרוקן, וואָס האָבן אויף אים געדריקט, ווי ער וואָלט זיך וועגן זיי אומבאַדינגט געמוזט מיט עמעצן טיילן. ער האָט דערציילט מיט זיין אומבאַהאָלפענער שפּראַך, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז אַבסאָלוט נישט געווען אומבאַהאָלפן. זיינע מיינונגען, באַזונדערס וועגן מאַלעריי, זיינען געווען טרעפלעכע, ריכטיקע, זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט עכטער קענטעניש, מיט אַזאַ, וועלכע עס באַזיצן געבוירענע אַנטיקוואַרן אויף צו להכעיס די אויסגעלערנטע קונסט־היסטאָריקער. ענדלעך האָט ער זיך אויסגערעדט, און ער האָט זיך באַרויִקט, ווי אַ שווינדזיכטיקער נאָך אַ לאַנגן הוסט־אַטאַק. עפּעס איז אין אים אָבער נאָך פאַרבליבן, ווייל ער האָט באַלד געפרעגט:

— זייט אַזוי גוט, און ווער איז דאָס געווען — דאָקטאָר יאַן פּאָפּלאַווסקי?

גאנץ צופעליק האָב איך געוווּסט, ווער עס איז געווען דאָקטער יאַן פּאַפּלאַווסקי: איך האָב זייער גוט געקענט זיין זון. איך האָב אויך געוווּסט, כאָטש דער עיקר מוזעאום פון פּאָליאַנאַלן מוזיי אַריבער אויפן דאָקטער פּאַפּלאַווסקי. איך האָב גיטמאַנען דערקלערט דעם גאַנצן ענין זייער קורץ. דער דאָקטער פּאַפּלאַווסקי איז געווען אינעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט פאַרן יאָר 1914, און אפשר עפּעס מער, ווי אַ פערטל יאָרהונדערט — איינער פון די צומערסטן באַקאַנטע דאָקטוירים אין מאָסקווע. ער האָט געהערט צו דער געגנט גרויסער צאָל פּאָליאַקן, וועלכע זיינען פאַר דער הערשאַפט פון די לעצטע צוויי צאַרן פריווויליק אַוועק אויף אַרבעט קיין רוסלאַנד און דאָרטן אָנגעזאַמלט אַ באַדייטנדיק פאַרמעגן. דער דאָקטער פּאַפּלאַווסקי איז דאָרט אין זיין צייט געווען איינער פון די צומערסטן געשעצטע דאָקטוירים. ער האָט געהיילט די גרויספירשטן, די ווייבער פון די גרויספירשטן און די געליבטע פון די גרויספירשטן, ער האָט געהיילט די קאָניאַק־דינאַסטיע פון די שוסטאָווס און דעם שטאָל־קעניג פּוטילאָוו, ער האָט געהיילט די גרויסע צוקער־פאַבריקאַנטן און מאַגנאַטן, פיש־סוחרים און פאַרלייגער פון די גאָלד־שווענקערייען אויף דער לענע, די פּאַקאַראָוו־סקיס, שערעמיעטעווס, ער האָט געהיילט שווינדזיכטיקע רעוואָלוציאָנע־רינס און סטודענטן, נאָך וועלכע עס זיינען נאָכגעגאַנגען דער סאָציאַליזם, נויט און פּאָליציי. ווייניק מענטשן געדענקען מאָסקווע פון יענע צייטן. אָבער ווער עס געדענקט זי, דער געדענקט אויך דעם סילועט פונעם פּוי־לישן דאָקטער. יאַן פּאַפּלאַווסקי האָט געהאַט איין שוואַכקייט אין זיין לעבן: ער האָט געזאַמלט קונסט־ווערק. הויפּטזעכלעך מאָלעריי און דאָס דער עיקר פון דער פריער איטאַליענישער פלעמישער קונסט. יאָר־יערלעך האָט ער פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן אין אויסלאַנד. ער האָט אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט אַנטיקוואַרן און הענדלער פון קונסט־ווערק, ער האָט אָפּגענומען טעלעגראַפישע מעלדונגען וועגן דעם, וווּ מען קאָן באַקומען אַ פּוסען, ווער עס וויל פּטור ווערן פון זיין ווערדאַטשיא און וואָס פאַרא בושעס האָט זיך באַוויזן אין פאַרקויף. דאָס גרויסע הויז אויף סאָ־דאָווע איז מיט דער צייט ענלעך געוואָרן צו אַ מוזיי. אין 1917 יאָר האָט די רעוואָלוציע געשווינט דעם אַלטן דאָקטער. מע האָט אים דערלויבט אַרויסצופירן אַלע אוצרות, און שפּעטער האָט די מערהייט פון זיי זיך גע־פונען אינעם נאַציאָנאַלן מוזיי, אין די זאַלן: „אויפן נאָמען פון דאָקטער יאַן פּאַפּלאַווסקי". אזא איז די געשיכטע פון איינער פון די שענסטע, צומ־מערסטן אייראָפּעישע טיילן פון גרויסן מוזיי.

גיטמאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ פון פאַרוווּנדערונג:

— טע, טע, טע, אזעלכע אוצרות האָט ער צוזאַמענגענומען. איין מענטש אין משך פון איין לעבן. און דאָס נישט קיין כראַביע, נישט קיין פּירשט. אָט אַזוי זיך עפּעס אַ צופעליקער דאָקטער.

— אַ דאָקטער.

— און אַ טאָוול האָט מען אים געמאַכט: „פון דאָקטאָר יאַן פּאַפּלאַווסקיס מתנה". זיין פאַמיליע־נאָמען האָט מען געגעבן. אַז אַזוי און אַזוי. גע־שענקט: דאָקטער פּאַפּלאַווסקי. טע, טע, טע. און דאָס וועט שוין אַזוי בלייבן, אמת? ווי לאַנג ס'וועט זיין דער מוזיי.

— ווי לאַנג ס'וועט זיין דער מוזיי.

— ווי לאַנג ס'עט זיין דער מוזיי. טע, טע, טע. אַ טאָוול האָט מען אים געמאַכט. נישט קיין שום כראַביע, נישט קיין גובערנאַטאָר, נישט קיין מאַרשאַל. ווען ער וואָלט כאָטש זיין אַן עפּיסקאָפּ. אַ דאָקטער. אַ טאָוול האָט מען אים געמאַכט. וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַמיליע, פּאַפּלאַווסקי? איך זאָג נישט, אַז ניין, אָבער אַ טאָוול אין מוזיי צו מאַכן? זיי האָבן געמאַכט. נו, זיכער, אַ דאָקטער. אַ גרויסער דאָקטער. אין מאָסקווע. מאָסקווע ז'אַ גרוי־סע שטאָט. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז פון מאָסקווע, אַזוי און אַזוי, האָבן זיי געמאַכט. אפשר האָט ער באַצאָלט...

כ'האָב געהויבן מיט די אַקסל:

— וואָס טראַכט איר זיך, הער גיטמאַן: באַצאָלט, מאָסקווע. ער האָט געגעבן בילדער, דאָס איז דער עיקר. קונסט־ווערק. איר האָט אַליין געזען וואָסערע בילדער האָט ער געגעבן. דאָס איז אַ פּשוטער עניין. ער האָט גע־קאָנט זיין פון מאָסקווע און נישט פון מאָסקווע, אפילו פון וואָלקאָוויסק האָט ער געקאָנט זיין. ער האָט געקאָנט זיין פון קאַטשע דאָלע און פאַר־קויפן הערינג. ווען ער וואָלט געגעבן אַזעלכע בילדער, וואָלטן זיי אים גע־מאַכט. ער וואָלט געקאָנט זיין...

— פאַר קיין ייד וואָלטן זיי נישט געמאַכט.

— הער גיטמאַן, איר רעדט באמת!... נאָר איר ווייסט נישט. מיט דעם נאַציאָנאַלן מוזיי פירט נאָך נישט אָן די „פּאַלאַנגע". איר האָט געזען — עס זיינען פאַראַן מתנות פון קראַנענבערגן, פון די וואַוועלבערגס, בער־סאָנס, ראַטוואַנדס...

— אי... אי... בערסאָנס, בערסאָנס. וואָס זיינען דאָס פאַרא יידן; דאָס זיינען שוין אַזעלכע יידן, אַז זיי האָבן געיעג־שטאַלן... זיי האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן, ווען זיי האָבן הערינג געגעסן...

— אוי, פּאַניע לייזער! וואָס קאָן איך איך זאָגן? איך זאָג איך אַזוי, ווי עס איז. איר קאָנט גיין אין מוזיי נאָכפרעגן. איר וועט זיך איבערציגן,

שענקט איך אייערע סלוצקער פאסן דעם מוזיי, אָדער די שווערד פון ווישניאָוויעדזקין... האָט נישט קיין מורא, זיי וועלן נעמען, מע וועט נאָך אין די צייטונגען שרייבן, און זיי וועלן אויפהענגען א טאָוול מיטן נאָמען לייזער גיטמאַן...

— סיערייאָזנע, רעדט איר דאָס?

— פּרווט.

— אָבער א זאַל, א זאַל וואָלטן זיי שוין נישט געגעבן?

— וואָס פאַרא זאַל ווידער?

— א זאַל. א פולשטענדיק באזונדערן זאַל. ווי יענעם דאָקטער פון מאָסקווע.

עס האָט מיר אויסגעפעלט געדולד:

— איר גלויבט נישט? באַלד וועלן מיר זיך דערוויסן!

און כ׳האָב אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

דער אלטער פריינט פון מיינע קרובים, דער הער בראָקל, איינער פון די קאָנסערוואטאָרן פון די מלוכהשע זאמלונגען, איז צום גליק געווען אין דערהיים, און ער האָט מיר גערן מיטגעטיילט יעטוועדער אינפאָרמאציע. דער ענין איז פארשטענדלעך געווען זייער א פשוטער. (איך האָב צו אים שפּעטער אָנגעקלונגען נאָך אמאָל, דערקלערנדיק, פארוואָס איך האָב אזוי פאָרסירט מיינע נארישע פראגן) דער טעלעפאָן האָט גיטמאַנען ענדגילטיק איבערציינט. איך האָב געפירט דאָס געשפּרעך אויף אזא אופן, אז ער זאָל זיך קאָנען אָנשטויסן די ענטפערס, וועלכע זיינען געקומען פון יענער זייט טרייבל. דאָס איז אָבער געווען איבעריק. דער מאגישער שווארצער אפּאראט מיט זיין געהיימנישפולן קלאנג, מיט זיינע ציפערן, וואָס ווערן אָנגעדרייט לויט דער ריי, מיט דער שווארצער מושלע פונעם טרייבל, פון וועלכן עס פילט זיך ארויס די אָנוועזנהייט פון עמעצן אן אומגעזעענעם — דאָס אַלץ האָט געווירקט דערשיטערנדיק אויף דעם סוואַלקער אנטיקוואר. ווידער, ווארשע איז ווארשע. ציוויליזאציע.

אוועקלייגנדיק דאָס טרייבל האָב איך געזאָגט:

— איר זעט שוין. מארש נאָך אייערע זאמלונגען, איר באקומט א זאַל. א זאַל אויפן נאָמען פון לייזער גיטמאַן, הונדערט פּראָצענט, אייזן־פעסט. וואָס איז אייך... וואָס איז אייך געשען?

גיטמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט, זיין איינגעבויגענער קאָפּ, וועלכער איז געווען פארקוועטשט אין די אקסלען, האָט זיך פּלוצלינג אויסגעגלייכט מיט דער באוועגונג פון נערוועזן שטאָלץ, וועלכן יידן פארמאָגן צייטנווייז,

און וועלכער שטאַמט אפשר פון דורות־לאַנגע איבערלעבונגען אין געבויגענער אונטערטעניקייט. גיטמאַנס אויגן האָבן זיך פּלוצלינג צעצונדן און צעפינטלט. זיי האָבן זיך אומגעריכט אָנגעפילט מיט טרערן.

— אַזוי איז! אַזוי וועט זיין! עס וועט זיין אַ זאַל אויפן נאָמען פון גיטמאַנען! אַ זאַל אויפן נאָמען פון לייזער גיטמאַן! אַ זאַל אויפן נאָמען פון לייזער גיטמאַן פון סוואַלק! איר ווייסט נאָך נישט, וואָס איך פאַרמאָג! איר האָט נישט געזען אַלץ, וואָס ביי מיר איז פאַראַן! איר ווייסט נישט, וואָס ביי מיר קאָן זיין. וואָס ביי מיר וועט זיין! יאָ. עס וועט זיין אַ זאַל פון פוילישע אַלטערטימלעכקייטן, אַ זאַל אויפן נאָמען פון לייזער גיטמאַן פון סוואַלק!

ערשט דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס עס האָט אים אַזוי פאַרפאָלגט יענער דאָקטער יאַן פּאָפּלאַווסקי.

* * *

אַ קנאַפּ יאָר שפּעטער איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, און נאָכדעם איז געשען דאָס אַלץ, און פון קיין שום אָרט פון מערב איז נישט געווען ווייניקער ידיעות, ווי פון יענער וואַלדיקער געגנט נעבן די פאַרשלאָפענע אויגוסטאָווער אָזיערעס. קיינמאָל האָט קיין שום קאָמוניקאַט נישט דערמאָנט דעם נאָמען „סוואַלק", און ס'האָט קיינמאָל קיין שום עמיסאַר נישט באַזוכט יענע געגנט. שפּעטער בין איך געווען אין ענגלאַנד, און נאָכדעם איז אויסגעבראָכן די צווייטע מלחמה אויפן מזרח, וועלכע האָט געוועקט האָפענונגען. די ערד האָט געציטערט פון דעם נייעם דייטשן רויבמאַרש. שפּעטער האָב איך זיך געפונען אין רוסלאַנד, און צייטנווייז זיינען דערגאַנגען ידיעות וועגן די געגנטן אַרום סוואַלק, אָבער זייער קאַרגע. שפּעטער בין איך אַ קראַנקער אויף טיפוס אַרויסגעפאָרן קיין פּערסיע. עס איז געווען זומער 1942, אָן אויסערגעוויינלעך בלאָס־בלויער הימל, אַ העלע גרילקייט פון פעלדער, אַ געדרודער פון איראַנער גאַסן און פול מיט פּאַליאַקן און פוילישער נרים, וועלכע איז אָפּגעגאַנגען מיט מענטשלעכן איטער. ס'האָט אויסגעזען, ווי עפּעס אויף יענער וועלט, וווּ פּלוצלינג דערקענט מען צווישן דעם המון מענטשן, וועלכע מע האָט שוין לאַנג געהאַלטן פאַר געשטאָרבן.

עס איז געקומען צו פאָרן דער פּראָפעסאָר קאָט, און ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַ קליין פּאַלאַצל, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען די פּוילישע געזאַנדשאַפט, ביים הויף פונעם איראַנער שאַך. דאָס הויז איז כסדר

געווען באַלאַגערט פון פּליטים, וועלכע האָבן זיך געריסן צו דער פּאַז פון דער פּוילישער רעפּובליק.

אינדערפרי האָט מען מיך באַגריסט מיט אַ נייעס:

— מע האָט זיך שוין וועגן אייך נאָכגעפרעגט. אַרום אַכט אַ זייגער איז געקומען עפּעס אַ ייִד, וועלכער — פאַרשטייט זיך — האָט געוואָלט גלייך צום „פּראָפעסאָר״. דער שווייצער האָט אים געזאָגט: „צום הער אַמבאַסאַדאָר״. און ער זאָגט: נו, זאָל זיין צום הער אַמבאַסאַדאָר״. אָט האָט איר דעמאָקראַטיע! און וועגן אייך האָט ער אויך געפרעגט...

— ווי זשע הייסט ער?

— ווי ער הייסט? מיכאַל, ווי הייסט דער ייִד? זאָל מיכאַל זיך דער־וויסן. גוטמאַן? גיטמאַן?

— גיטמאַן!!!

גיטמאַן איז איצט געווען נישט בלויז לייזער גיטמאַן. אַ גאַנצע וועלט מיט זכרונות איז אַרומגעוואַקסן די דאָזיקע קרענקלעכע, איינגעהויקער־טע און שמוציקע געשטאַלט. דאָס איז געווען אַ גאַנצע וועלט פון מענטשן, וואָס לעבן שוין נישט, אָדער זייַנען פונאַנדערגעשפּרייט, פון געגנטן, וועלכע מען וועט שוין נישט זען מער, פון הייזער, שטעט, דערפער, פון וועלכע ס׳איז קיין שפּור נישט געבליבן, פון צייטן, וועלכע זייַנען דורך די טאַנקען־רעדער פון דער געשיכטע צעטרעטן געוואָרן אויף די וועגן פון דער עפּאָכע. גיטמאַן! גיטמאַן! ווירקלעך, אונטער די קאָלומנעס פונם הויז האָט זיך געוואַרעמט אויף דער יולי־זון לייזער גיטמאַן, אַ גרוי־געוואָרענער און אויסגעטרוקנטער, זשמורענדיק די אויגן צוליב דער זון, אָדער מחמת דעם אַלץ, וואָס ער האָט אַדורכגעלעבט. לייזער גיטמאַן.

— לעבט איר, הייסט עס, פּאַניע לייזער! ווי אַזוי האָט איר זיך אַהער באַקומען! לייזער האָט געהויבן מיט די אַקסלען:

— ווי אַזוי האָב איך זיך געדאַרפט אַהער באַקומען? גאַנץ געוויינ־לעך. גלייך ווי אַלע פּאַליאַקן. ער איז געווען געעלטערט פון דער מלחמה, פונם אַנטלויפן, פון דער צייט, פון הונגער און פון וועג. אין קורצע זאַצן האָט ער דערציילט זיינע איבערלעבונגען — ווירקלעך אַזעלכע ווי ביי אַלע אַנדערע. ער האָט געוווסט, אַז איך געפין זיך אין קויבישעוו, ער האָט אויך געוווסט, אַז דער „פּראָפעסאָר״ איז דאָ, און ער האָט זיך אפילו גע־קליבן אָנצושרייבן און קומען, נאָר שפּעטער איז געווען אַן „עשעלאָן״ קיין טאַשקענט, אַלמאַ־אַטאַ און סאַמאַרקאַנד, איז ער געפאָרן, ווייל ער האָט געוווסט, אַז דאָרט אין סאַמאַרקאַנד, אָדער אין טאַשקענט וועלן זיין דיזאַנען. ווי די אין אַמאָליקן פּוילן. אין זיבעצנטן יאָרהונדערט.

— וואָס אַזעלכעס?

— פון זיבעצנטן יאָרהונדערט. פון שפּעטן זיבעצנטן, איר ווייסט די פון שפּעטן זיבעצנטן זיכער די בעסטע...

כ׳האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— הער גיטמאַן! איר זייט אַ גרויס, אַלט קינד, די וועלט גייט אונטער, און איר זוכט דיוואַנען!

— וואָס איז, וואָס? — האָט זיך גיטמאַן אויפגעבראַכט — טאַשקענט! סאַמאַרקאַנד! — צי מיינט איר, אַז איך האָב געמיינט, אַז כ׳וועל ווען עס איז האָבן אַזאַ אויסטערלישע געלעגנהייט? אַזאַ אויסטערלישע געלעגנהייט — האָט ער איבערגעחזרט, ווי ער וואָלט זיך אַנטציקן מיט דעם דאָזיקן וואָרט. די מלחמה האָט אַבסאָלוט נישט געווירקט אויף דער פאַרבעסערונג פון גיטמאַנס פּויליש רעדן. ער האָט מיר גענוי דערציילט, וואָס פאַרא „קאַוויאַרן" ער האָט צונויפגעמונענעמען און ווי ער איז שפּעטער אין יונגי-יולאַ קראַנק געווען אויף אַ פלעק-טיפוס און ווי ער האָט זיך שיר נישט „אַרויסגעענדיקט". אָבער די „קאַוויאַרן" האָט ער געבראַכט מיט זיך. איי, זיינען דאָס „קאַוויאַרן"! און ער האָט אויך אַלטע פּוילישע ביכער. פון איין בוך וועט דער „פּראָפעסאָר" זיין באַזונדערס צופרידן. ווייניק צו זאָגן — צופרידן. ער וועט פון דער הויט אַרויסשפּרינגען, אַז איר וועט אים זאָגן. זאָגט אים נאָר איין וואָרט: טשעכאָוויטש. מאַרטשין טשעכאָוויטש פון לאָסק, פון דער קישקאָווער דרוקעריי. כע, ער וועט נישט שפּרונגען? זאָגט אים בלויז: טשעכאָוויטש. דאָס איינע: טשעכאָוויטש.

— הער פּראָפעסאָר! גיטמאַן איז דאָ, און ער האָט פאַר אייך עפּעס אַ בוך, טשעכאָוויטש פון לאָסק.

— וואָס רעדט איר? זאָל ער דאָ באַלד קומען!

און אינעם רעפּרעזענטאַטיוון עס־צימער פון דער געזאַנדשאַפט האָט זיך באַוויזן אַן אָפּגעריסענער פאַרשוין, בייך, פּראָפעסאָרן זיינען אַבסאָלוט נישט פּאַסיק פאַר קיין רעפּרעזענטאַנץ. זיי זיינען אַזוי געזעסן אין צווייען נעבן טיש, ביי מאַהאָן, פאַרצעליי און זילבער. דער פּראָפעסאָר האָט געגלעט די הילע פון דעם אַלטן, קליינעם ביכל, פון דעם ביכעלע קאָן מען זאָגן, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דעם פאַרגעסענעם לאָסק אין די צייטן, ווען איר שם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער דער וועלט, ווי אַ באַוויז פון דער נאַציאָנאַלער קולטור און דער פּוילישער פרייהייט. גיטמאַן האָט אויסגעצויגן אַן אויסגעטריקנטע האַנט, וועלכע איז ענלעך געווען צו די זייטלעך פון דעם קליינעם בוך, און ער האָט אָנגעוויזן אויף די אותיות — געדרוקטע מיט אַ קליינעם געדיכטן שריפט, ער האָט גע־

שמייכלט, געפינענדיק דרוק־פעלערן, אָבער ער איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן, און אַזוי זיינען ביידע געזעסן איבערגעבויגן איבער דעם בוך, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן דורך די מלחמה־כוואַליעס פון דעם תהום פון דער געשיכטע. עס איז געווען עפּעס אַזעלכעס אין דער לופט, וואָס האָט די דאָזיקע מענטשן צוזאַמענגעשמידט מיט אַ שטיל שווייגן און וואָס איז געבליבן אומבאַמערקט און פרעמד פאַר די איבעריקע מענטשן אַרום, וועלכע פוילן האָט אַנפאַרטרויט, זיי זאָלן זי רעפּרעזענטירן.

שפּעטער האָב איך אויף אַ טעהעראַנער פּאָרשטאָט, ביי אַן אַרמיאַנישן סוחר, געזען גיטמאַנס דיוואַנען. מיר האָבן זיך דאָרט געטראָפן, געדענק איך, מיט דעם פּראָפעסאָר גלח קאָנטאַק, ווי אויך מיט יוזעף טשאַפּסקין, אַ מאָלער, ווען דער טאָג האָט זיך שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן, און אין דער פּערסישער נאַכט האָט זיך געוועקט דער מאַרק, וואָס איז געווען אַרומגעפלאָכטן אַרום דעם מאָשעי. איך האָב שוין געדאַרפט אויפן צווייטן טאָג אָפּפליען, זיי האָבן געזאָלט אָפּפאָרן אין גיכן. גיטמאַנס דיוואַנען — די „קאָוויאָרן" — זיינען געווען, ווי נאָך אַ מעשה פון דער שעכערעזאַדע, אַדורכגעוועבט מיט זייד און מיט וואָל. גיטמאַן האָט זיי געגלעט, געגלעט און געשאָלטן זיין שלימזלדיקן „טיף". ער וואָלט געהאַט מער אַזעלכע! איך האָב ריזיקירט צו פרעגן:

— און וואָס איז געוואָרן מיט יענע, מיט אייערע סוואַלקער אוצרות?

גיטמאַן האָט בלויז אַ שמייכל געטאָן:

— איר האָט זיך געשראָקן מיך צו פרעגן? איר דאַרפט זיך פאַר גאָרנישט שרעקן! היטלער וועט זיך צו זיי נישט דערקלייבן. עס וועט קומען דער טאָג, ווען זיי וועלן באַשיינען דעם נאַציאָנאַלן מוזיי... ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן:

—איר זעט, ווען מיר איז געווען אַזוי שלעכט, אַזוי שלעכט, זיינען לעבן מיר געלעגן מענטשן אויף די פּריטשעס און גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס וועט זיין, בעת די מלחמה וועט זיך ענדיקן, היטלערן דעם הונט וועט מען אויפהענגען, אויפהענגען וועט אים אַ ייד, אַ גנב (ווייל אַן אָרנטלעכן יידן איז אַ שאָד צו אַזאַן אַרבעט), און ווען דאָס פּוילישע מיליטער וועט מאַרשירן דורך דעם זאַקסישן פּלאַץ, און דאָ איז וואַרשע און דער גענעראַל שיקאָרסקי... אַלע האָבן געוווסט, אַז אַזוי וועט זיין, אָבער זיי האָבן נישט געוווסט, וואָס עס וועט נאָך זיין... איך איינער האָב געוווסט, וואָס עס וועט נאָך זיין אין דעם טאָג... אין דעם טאָג וועט זיין אַזוי, אַז מע וועט גיין אין דעם מוזיי קוקן, און דאָ איז דער מוזיי נישטאָ, ווייל די דייטשן האָבן באַגנבעט און פאַרקויפט קיין אַמעריקע... און דאָ קוקט

מען — דער מוזיי איז דאָ, און אין מוזיי וואָס?... א זאל אויפן נאָמען פון לייזער גיטמאַן ...און וואָס איז אין לייזער גיטמאַנס זאל פאראַן?... אלץ איז דאָ... נאַפּאָלעאָנס מאַפּעס זיינען דאָ... ווישניאָוויעצקיס שווערד איז דאָ... דעם קעניגס זייגערס זיינען דאָ...דעם מיניסטער ברילס פאָרצעלייען זיינען דאָ... טע, טע, ...און ווער? אלץ לייזער גיטמאַן! און די דייטשע גנבים האָבן נישט געפונען... זיי האָבן אפילו נישט געוווּסט... און אלע וווּנדערן זיך... און דער גענעראל שיקאָרסקי וווּנדערט זיך... און צוממערסטן וועט ער זיך וווּנדערן, ווען איך וועל אים אין דעם טאָג דערלאנגען א שווערד... וואָס פאַרא שווערד?... א פוילישע שווערד! א פּערסישע... איך ווייס שוין ווו זי געפינט זיך... און איר ווייסט נאָך וועמען זי איז געבליבן די שווערד... נאָך גיטמאַנען? כי... נאָך קעניג באַטאָרי אליין...

נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן דערקלערן, מיט אזא שפּראַך, וועלכע איך וועל קיינמאָל נישט בכוח זיין איבערצוחזרן, ווי אזוי ער האָט נאָך אין פוילן, אין ווילנע, אָנגעטראָפן ערגעץ אויף א באשרייבונג פון דער פּערסישער דעלעגאַציע קיין קראָקע. די פּערסישע דעלעגאַציע איז ארויסגעשיקט געוואָרן צו באַטאָרין, צו דעם מלחמה־קעניג, און זי האָט אויך געבראַכט א מתנה אן אויסגעשמידטע פּערסישע שווערד. אלס ענטפער האָט באַטאָרי געשענקט דער דעלעגאַציע פאַרן שאַך זיין אייגענע שווערד, א באַטאָרוווקע, וועלכע ער האָט אריינגעבראַכט קיין פוילן און אויף וועלכער עס איז שפּעטער געוואָרן א מאָדע. אזוי האָבן זיך געטוישט מיט די שווערדן דער קעניג און דער שאַך. דער פאַקט, געדענק איך, איז געווען גענוג באַקאַנט. אין דעם אוצר פון דעם וואַוועל איז אפילו געבליבן די דאָזיקע שווערד באַטאָריס מיט אן אויפשריפט, אז זי איז געווען א מתנה פונם פּערסישן שאַך. אָבער ערשט גיטמאַן האָט זיך פאַראינטערעסירט, וואָס עס איז געוואָרן מיט דער אויטענטישער באַטאָרי־שווערד, וועלכע עס האָט באַקומען דער פּערסישער שאַך.

— וואָס איז מיט איר געוואָרן — האָט ער לאָגיש געטראַכט — איך האָב געקלערט: אפשר האָבן די פּערסן, וואָס האָבן זי געפירט, צוגעגנבעט. אָבער איך דענק: זיי האָבן נישט געגנבעט. זיי האָבן זיך שרעקלעך געשראָקן פאַרן שאַך. איך פאַרשטיי זיי. ער האָט זיי געהאַלטן שטרענג. געהאַלטן פאַר דער מאָרדע. איז, וואָס זשע האָט פאָרט געקאָנט מיט איר געשען? איך האָב געטראַכט; וואָס האָט דער שאַך געקאָנט טאָן? וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? זיין אייגן געווער האָט ער געהאַט. אזוי, וואָס זשע האָט ער געטאָן? ער האָט זי ווו עס איז באַהאַלטן. זי איז דאָך געווען אן ערנמתנה פון דעם קעניג! ווו האָט ער באַהאַלטן? איך האָב געטראַכט; אין

אספאהאן. נאָר זי איז דאָרט נישטאָ. האָב איך געטראַכט. אָבער איצט ווי איך ווו זי געפינט זיך! אין מעשכעד! נאָר אין מעשכעד! דערפאַר מוז איך פאָרן אין מעשכעד. איר פאַרשטייט.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קול:

— נאָר איר זאָלט קיינעם נישט זאָגן. זאָגט נישט גאָרנישט. די אַמע־ריקאַנער קאָנען זיך נאָך דערוויסן — איך ווייס? און אפשר דער גענע־ראַל אנדערס? ער וואָלט אליין גערן געהאַט באַטאָריס שווערד! ער איז מקנא שיקאָרסקין. נאָר ווי קומט ער צו באַטאָריס שווערד! איר זאָלט קיי־נעם נישט זאָגן!

ער האָט נאָכאַמאָל פאַרזשמורעט די אויגן:

— ...מעשכעד... איך קען מעשכעד?... איך בין דאָרט נישט געווען, אָבער איך קען. אן אַלטע פערסישע שטאָט... ווייער קראָקע... ווילנע... אן אַלטע שטאָט... וואָס איז דאָרט טעגעראַן! גאָרנישט... מעשכעד... דאָרט איז פאַראַן אַן אַלטער שלאָס... אַ מאָשעי... אַ מאָשעי... זיכער איז זי דאָ אין איינעם פון די מאָשעיען די שווערד... די שווערד... שיקאָרסקי וועט ווען עס איז קומען אויפן נאָענטן מזרח, דאָ אהער צום מיליטער, אַ קוק טאָן, וואָס דאָ קומט פאָר, ער וועט קומען און איך וועל אים זאָגן: „הער גענע־ראַל, באַטאָריס שווערד. זאָל זי אייך דערפירן גליקלעך קיין וואַרשע"... מעשסעד... מעשכעד...

ער האָט אויפגעהויבן די שטים:

— דער פּראָפעסאָר איז אַ גוטער מענטש, ער האָט מיר עכטן גע־זאָגט: „וואָס דאַרפט איר דאָ זיצן, הער גיטמאַן. איך וועל אַזוי איינאָר־דענען, אַז איר זאָלט באַקומען אַ וויזע קיין פאַלעסטינע. איר האָט דאָרט נישט קיין קרובים? זיי וועלן אייך שפייזן. איר וועט זיך אויסרוען. אויפן כּרמל זיינען פאַראַן קורערטער". נו, וואָס האָב איך געהאַט צו זאָגן? איך האָב געזאָגט: „הער פּראָפעסאָר, הער אַמבאַסאַדאָר, וואָס טויג מיר פאַלעס־טינע? פאַר מיר איז פאַלעסטינע סוואַלק, דער ירדן — דער ביעמען. מיין ירושלים געפינט זיך שוין פון לאַנג אין קראָקע. פאַלעסטינע? וואָס פאַרא פוילישע זאַכן זיינען דאָרט פאַראַן? קיין שום נישט. פערסיע? אָ, דאָ וועלן זיי זיך שטענדיק געפינען! איך וועל דאָ שוין בלייבן, אין אי־ראַן, ביז וואַנען דער גענעראַל שיקאָרסקי און דער הער אַמבאַסאַדאָר וועלן זיך נישט אומקערן קיין וואַרשע". דער אַמבאַסאַדאָר האָט געלאַכט. ווי איר ווילט — האָט ער געזאָגט — אָבער דאָ איז נישט זיכער, דאָס

מיליטער וועט אוועק, אויף דער פּראָווינץ זיינען שוין געווען אומרוען"... איז וואָס? איך, א ייד, האָב נאָך קיין אומרוען נישט געזען?

אין צוויי טעג ארום איטדערפרי, האָב איך געמוזט פאָרן אויפן גלי־פלאץ. דער גרויסער טעהעראנער מיליטערישער גלי־פלאץ איז געווען פארשיט מיט זאמד. עס האָט געשניטן א שארפער ווינט, און די אלט־פערסישע געשטאלטן ביים אריינפאָר זיינען עגלעך געווען אויף ארויסגע־נומענע פון א מוזיי. פארן טויער איז אויסגעוואקסן א סאָוויעטישער זעלנער מיט א לאנגן באגנעט אויף דער ביקס, שפּעטער האָט עמעץ געשריגן אויף ענגליש, נאָכדעם איז געקומען דער אַעראָפּלאַן, און פון אַעראָפּלאַן האָט זיך געזען, ווי אירענקע שטייט א פארהילטע אין די קנוילן געלן זאמד, וואָס זיינען אויפגעהויבן געוואָרן דורכן ווינט, וועלכן ס'האָט ארויסגערופן די באוועגונג פונעם מאָטאָר, און נעבן אירענקען האָט זיך פארשטעלט די אויגן דער דארער, שווארצער ליזער, ווו ער וואָלט זיך געבויגן אין דעם מדבר־ווינט, צוהאלטנדיק מיט דער האנט דאָס היטל אויף די גרוילעכע האָר. דער אעראָפּלאן האָט גערירט, ער האָט זיך אדורכ־געטראָגן איבערן פלי־פלאץ, און איך האָב דעמלט געטראכט, אז דאָס איז שוין אַ געזעגענונג אויף שטענדיק, אַז איך זע שוין צום לעצטן מאָל לייזערן און אירענען, און אז עס ווערט אונטער מיר ווידער פארשווונדן א יאָר לעבן אין דעם דאָזיקן שטויב. אָבער עס האָט נאָך באדארפט קו־מען דער עפּילאָג.

דער עפּילאָג איז ווירקלעך געווען א טראגישער, אזא ווי ער האָט באדארפט זיין.

דאָס איז געווען אין יולי 1943 יאָר. מע האָט אריינגעלאָזן מיט איינ־לאדונגען אין א גרויסער לאָנדאָנער קאטוילישער קאטעדרע, וועלכע איז געווען ארומגעשטעלט מיט מיליטער. זי איז געווען אינגאנצן פארהילט אין קרעפּ, אין גריבס און אין די פוילישע נאציאָנאלע קאָלירן. אין פראָנט איז געשטאנען א קאטאפאלק, וועלכער איז געווען אינגאנצן ארומגעהילט מיט די זעלבע קאָלירן. שיקאָרסקיס קאטאפאלק מיט דעם היטל פון א פוילישן גענעראל און מיט דעם בלויען באנד פון דעם ווייסן אָדלער פונ־אויבן, האָט זיך דערהויבן אזוי הויך, אז ער האָט פאר אונדז, די קניענדיקע, פארשטעלט מיט זיך דעם אַלטאַר, די איבעריקע טייל פונעם קלויסטער, די וויטראזשן. אין דעם מאָמענט האָט ער פארשטעלט מיט זיך עפּעס מערער; די וועלט.

איך האָב זיך אוועקגעזעצט אויף מיין אָרט. די תפילה האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן. עס האָט זיך כסדר געהערט, ווי צום אריינגאנג פאָרן

צו אויטאָמאָבילן, עס זײַנען כּסדר אָנגעקומען מענטשן, הויכע באַאַמטע אין שוואַרצן, באַצירטע מיט אָרדנס, וועלכע מע האָט אַרײַנגעלאָזן דורך א באַזונדערער טיר, גרויע מענער, יונגע לײַט, פֿרויען, ס'האָבן זיך געזען אויגן פֿאַרוויינטע ביז רויטקייט און מענטשן, וועלכע האָבן געבלאָזן פֿון זיך מיט גאווה, מענטשן וועלכע האָבן נאָך נעכטן געשריבן וועגן שיקאָרסקין, אַז דער דאָזיקער מענטש דאַרף זיך אָפּטראָגן, זײַנען הײַנט געקומען צו דער תּפֿילה פֿאַר אים און מאָרגן וועלן זיי זיך שווערן אויף זײַן נאָמען. איך האָב געזען ווי זיי זײַנען איצט אַרײַנגעגאַנגען. פֿרײַנט, פֿײַנט, נישט־פֿאַרגינערס, פֿרעמדע, קאָנקורענטן, נײַגעריקע. די מענטשן זײַנען אַרײַנגערינען אינעם אָפּגרונט פֿון דער קאַטעדרע ווי טראָפּנס, און זיך צעגאַנגען אײנער נאָכן צווייטן אין דער אָזערע פֿון קעפּ. אין מײַן לינקער זײַט האָט פֿאַרנומען אַן אָרט עפּעס א פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט זיך אויסגעצויגן און געגענעצט. שפּעטער האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר א פּאָר פֿאַרוווּנדערטע אויגן און מיט א שאָטן פֿון א פֿראַגע אַרויסגעזאָגט מײַן נאָמען. נאָכדעם האָט ער זיך אַליין דערמאָנט. ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף מיר עפּעס איבערגעבן. אַז עס איז געשטאָרבן מײַנער א באַקאַנטער, לייזער גיטמאַן. דאָס האָט מיר געהייסן זאָגן עמעץ פֿונעם נאָענטן מזרח. ווײַל ער קומט טאַקע פֿון דאָרטן.

די דאָזיקע נײַעס איז זיך באַלד פֿאַרלוירן געגאַנגען אינעם גערויש פֿון די אַרײַנקומענדיקע מענטשן, אין דער ענגשאַפֿט פֿון די קרענץ, אין דעם רעקוויעם פֿון די אָרגלען, אין דער שוואַרצקייט, אין דעם ליכט און אינעם דעמער, וועלכער האָט מיטאַמאָל אונדזער טונקלקייט פֿון דעם דאָזיקן טאָג געמאַכט נאָך מער מרה־שחורהדיקער. אָבער ווען דער אָרון פֿונעם גענעראַל האָט זיך געוויגט אינעם אַדורכגאַנג פֿון דער קאַטעדרע, שווימענדיק איבער די קעפּ, שוין נישט מיטן וועג פֿון די לעבעדיקע, און ערגעץ אין דער הויך האָט אויפֿגעלויכטן דאָס גענעראַלישע היטל און די אָפֿיצערישע שווערד, באַזונדערס די שווערד, איז מיר מיטאַמאָל פֿונדאַסניי אויפֿגעקומען פֿון דעם אַלעם בלויז יענער איינציקער קיינעם נישט באַקאַנטער ייד, א טשודאַק, א פֿאַרליבטער אין די פּוילישע אַלטערטימלעכקייטן מיט איינעם פֿון יענע נישט דערקלערטע אויסטערלישע געפֿילן, וועלכע קאָנען שטענדיק דינען אַלס מאָס און אַלס צייכן פֿון פּוילישקייט. דער פּאָלקאָווניק פֿון נאָענטן מזרח האָט ווײַטער געשפּאַנט לעבן מיר און ווײַזט אויס, אַז עפּעס האָט אים געדריקט, ווײַל גייענדיק איבער די לאָנדאָנער גאַסן, האָט ער מיט די באַוועגונגען פֿון די אַקסלען און נישט דערזאָגטע רייד, אָנגעהויבן מיר דערציילן וועגן יענעם

ייִדן... פֿון סוּוואַלק, צי פֿון ערגעץ אַנדערש, וועלכער איז געווען אויפֿן נאָענטן מזרח... און געבליבן אין איראַן... האָט געזאַמלט אַלטערטימלעכקייטן... נו, און ער האָט זיך אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַריין, שטעלט זיך פֿאָר, אַז אין מעסכעד, אַזאַ אַלטע שטאָט אין איראַן, ...איר האָט אוודאי בײַשט געהערט... אין אַ מאָשעי, אַ מעטשעט הייסט עס... פֿון עפּעס איינעם אַ שאַך... איז פֿאַראַן אַ שווערד... אַן אויטענטישע שווערד פֿון קעניג באַטאַרי.. פֿון וואַנען? אַ משוגענער נאַטירלעך! נו, און ער האָט זי געוואָלט קויפֿן... אונטערקויפֿן... צום סוף, דוכט זיך, צוגנבֿענען... שיקאָרסקין האָט ער זי געוואָלט געבן... צו זײַן אַרײַנפֿאָר קיין וואַרשע... אויף מזל... איר האָט געהערט אַזעלכע אײַנפֿאַלן? נו, און עס האָט זיך געענדיקט מיט אַ געשלעג, מיט אומרוען... צוויי טעג זײַנען געווען אומרוען, אַז פּאָליאַקן און ייִדן האָבן באַגנבֿעט דעם מעטשעט... אַן אומאַנטורע... מיט די ענגלענדער... אָך, וואָס פֿאַרא אומאָנגענעמלעכקייטן מיר האָבן געהאַט, איך זאָג אײַך... איך האָב אַליין געמוזט פֿאָרן... און דעם גיטמאַנען האָבן זיי צעריסן אויף שטיקלעך, איך זאָג אײַך, ווײַל זיי זײַנען גרויסע אַנטיסעמיטן, כאָטש זיי זײַנען אויך אַזעלכע שוואַרצע, די פּערסן, איראַנער ווי מען רופֿט זיי איצט... נו, און איר זעט וואָס דערפֿון איז געוואָרן, פֿון זײַן אײַנרעדעניש, אַז ער וועט ברענגען... שיקאָרסקין אויף מזל. די דאָזיקע שווערד פֿון עפּעס דאָרט אַ מעסכעד.

די פֿעטע יולי־זון האָט זיך צעשמירט אין אַ פֿלעק אויף די גלאַנציקע פּיסקעס פֿון די פֿאַרבײַגײענדיקע שווײַגנדיקע גוואַרדיסטן. עמעצער פֿונעם המון האָט געוואָרפֿן עפּעס בלומען, אַ נעבעכדיק קליין בוקעטל. דער פּולקאָווניק האָט אָפּגעזיפֿצט און זיך פֿאַרקוקט אויף דעם הערנעבנדיקן טויער פֿון היד־פּאַרק. אַ ייִנגל מיט צײַטונגען האָט אויסגערופֿן „גוט ניוס"1) די אַליִרטע האָבן געלאַנדעט אין סיציליע! גוט ניוס. יאָ, זיי האָבן געהאַט אַ גוט ניוס.

פֿאַרקערעוועדיק צו דער גרינער פֿאַנאַנדערצווײַגונג פֿון קענסינגטאָן, איז דער לוויה־צוג מיטאַמאָל אײַנגעשרימפּענער געוואָרן. עס איז געפֿאַלן אַ שאַרפֿע פּויליש קאָמאַנדע; די זעלנער האָבן פֿאַרשטאַרקט זייער טראָט. עס האָט אָפּגעהילכט אַ שטאַרק, גוט באַקאַנט סקאַנדירן פֿונם מאַרש. איינס, צוויי, איינס, צוויי, איינס, צוויי, עס זײַנען פֿאַרהילכט געוואָרן — אָך,

---

1) גוטע נײַעס.

ווי געוואונטשן — יענע פריילעכע אויסרופן פון די פארקויפער. און דעמלט נישט ווייסנדיק פונוואנען, האָבן זיך מיר אין דעם זעלנערישן ריטם אָנגעהויבן צודריבגלעך איינפלאָנטערן אנדערע קלאנגען. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט קלאָר, מיט אָפּגעהאַקטע טראַפּן, אויסגלייכנדיק זיך, ווי זעלנער אין דער ריי, פאַרוואַנדלענדיק זיך, ווי אין א טאַקט פון יענעם מאַרש. צום ריטם פון דעם האָזיקן טראַט האָט מיר איצט געדרוישט אין קאָפּ; ליי—זער—גיט—מאַן, ליי—זער—גיט—מאַן. א מאָדנע אַסאָציאַציע, אמת?

אַדאָלף רודניצקי

דאָס פערד

I

אוועקלייגנדיק דאָס פעקל אויף דער שוועל, כדי צו קענען פריי באוועגן מיט די הענט, האָט דער שניידער יעקב קאגאן פארמאכט די טיר פון זיין וווינונג אויף א שלעסל און דערנאָך צוגעגאנגען צו זיין שכן, דעם שוסטער פעניג. — גוט מאָרגן אייך — האָט ער געזאָגט, אריינגייענדיק אין א קליין צימערל, וואָס האָט געדינט גלייכצייטיק אלס ארבעטס־ווארשטאט, קיך און שלאָף־שטוב. — גוט מאָרגן, כ׳זע, איר קלויבט זיך אין וועג אריין? — דער שוסטער האָט פארהאלטן דעם האַמער, כדי נישט צו פארטויבן די ווערטער. — אין וועג אריין — האָט באשטעטיקט דער שניידער. — אין מיין עלטער איז זיבן יאָר א שטיק לעבן. איך וויל אים נאָך זען. — דער שוסטער פעניג האָט געוווסט, וועגן וועמען עס גייט א רייד. — מרים — האָט זיך דער שניידער געווענדעט צום קליינעם מיידעלע, וואָס איז געשטאנען ביי דער קיך — איך פאָר ארויס און דעם שליסל גיב איך איבער אין דיינע הענט. איך לאָז דיר איבער א פאָר גראָשן אויף מילך פאר דעם קעצל. כאפ א קוק אויף דעם, ס׳וועט דעם זיין אומעטיק אָן מענטשן. כ׳בעט דיך נישט, דו זאָלסט עס נעמען צו זיך, ווייל כ׳האָב מורא, אז די מייז וועלן ווערן צו חוצפה־דיק. — אלץ וועט זיין אין אָרדנונג — האָט געענטפערט דאָס מיידעלע.

— טראכט נישט איבער וועגן דער שטוב, דערליידיקט אלץ, וואָס איר האָט צו דערליידיקן! און קומט געזונטערהייט אהיים. — אין א ווײַלע ארום האָט זי צוגעגעבן: — ברענגט אהער אייער זון, זכריהן. כ׳בין נייג־ געריק, צי איך וועל אים דערקענען. ער האָט מיך געטראָגן אויף די הענט, איך געדענק עס. זאָגט אים, אז מיר װארטן אלע אויף אים. — א גוטן... — האָט געזאָגט יעקב קאגאן און אויסגעשטרעקט די האנט צום שוסטער. — א גוטן, — האָט געענטפערט דער שוסטער. ער האָט נישט ליב געהאט, אָדער נישט געקענט רעדן. אין שטאָט האָט מען אים גערופן „דער שווייגער". — א גוטן... — האָט צוגעוואָרפן דאָס מיידעלע. זי איז געווען בלאָנד און געהאט גרויסע גרינע אויגן, וואָס האָבן געמאכט שטוי־ נען. גרויסע גרינע אויגן באגעגנט מען זעלטן.

ס׳האָט געקענט זיין זעקס אזייגער נאָך מיטאָג. די היץ איז געוואָרן שוואכער. דער שניידער קאגאן איז פארבייגעגאנגען דאָס הייזל און דעם שווארצן, פארפעסטן הויף, וואָס איז פארשטעלט געווען מיט פעסער נאפט. דאָס הייזל, דער הויף און די פעסער האָבן געהערט דער פרוי קאטאָווסקא — אן איינזאמע פרוי און גרויסע גבירהטע. דאָס הייזל איז געווען א נעבעכדיקס, וואָס וואָלט זיך גיכער געפאסט פאר די פעסער נאפט, אָבער דער שניידער קאגאן און דער שוסטער פעניג האָבן נישט געהאט קיין איבעריק גרויסע פאָדערונגען. דער הויקער וויקטאָר, פרוי קאטאָווסקאָס משרת, האָט אויף א ווײַלע איבערגעריסן די ארבעט און א פארחידושטער אָנגעקוקט דעם אלטן שניידער, וואָס האָט אים גיך אויס־ געמיטן, און דורך די אמווייניקסטן באלעבטע געסלעך זיך געלאָזט צום וואָקזאל.

יעקב קאגאן האָט היינט אויסגעזען יום־טובדיק, שוין צו יום־טוב־ דיק, וואָס האָט עפּעס נישט געפאסט צו זיין דראָבנע גרוי, פארהאָרעוועט פנים, מיטן שפיציקן גרויען בערדל. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א שווארצן כאלאט, אין א רונדן סאמעטענעם קאפעליוש, אין שטיוועלעטן — אלץ ארויסגענומען פון דער שבתדיקער שאנק. אין א קאנט, וווּ מען זעט נישט קיין יידן, וואָלט מען געזאָגט, אז ער איז ענלעך אויף א גלח. אין פעקל, אין וועלכן ער האָט געהאט א פאָר וועש, א לעבל ברויט און א פאפירל מיט זאלץ, האָט ער ארייגעשטעקט א שטעקן און איבערגע־ וואָרפן עס איבערן אקסל אויפן פויערישן שטייגער. ער איז געפאָרן צום זון.

אין די לעצטע יאָרן פלעגט ער אלץ אָפטערער איינהאלטן דעם פע־ דאל פון דער ניי־מאשין, האמעווען מיט דער האנט דאָס רעדל און פאר־

זינקען אין שווערע מחשבות. „כ׳בין אליין — פלעגט ער זאָגן צו זיך — אליין, ווי א שטיין. דאָס אליינזיין נעמט מיר צו דעם חשק צו לעבן און ארבעטן”. נאָך זיין ווייבס טויט האָבן אים מענטשן געעצהט חתונה צו האָבן א צווייט מאָל. ווי געשיקט זיך עס, א ייד אָן א ווייב? א שטוב אָן א „יידענע!” א ייד אָן א ווייב איז ווי א מענטש אָן א האַנט, א שטוב אָן א יידענע איז ווי א וואָגן אָן רעדער. אָבער יעקב קאגאן איז געווען צוגע־בונדן צו זיין זון, זכריהן, וועלכן מע האָט צוליב זיין ריזיקער וווּקס גע־געבן דעם צונאָמען „פערד”. דער פאָטער איז געווען קליינטשיק ווי א קינד, דער זון אָבער ריזיק. ער האָט געהאט פלייצעס ווי אַן אטלעט, הענט ווי א טרעגער, האָר ווי א מיידל, אויגן ווי ביי א קינד. ער האָט אויס־געזען ווי א ריז וועגן וועלכן מען זאָגט, אז ער דערמאָנט אין א קינד. א מילדער שמייכל איז אים קיינמאָל נישט אראָפּגעגאנגען פון פנים. יעקב האָט ליב געהאט דעם זון און פלעגט זיך שטענדיק זאָגן: „ביין, איך וועל אים נישט געבן קיין שטיפמאמע. דער שדכן פלעגט יעדע פאָר טעג קומען א קוק טון אויפן פארעקשנטן, נארישן ייד, וואָס דערלויבט זיך צו לעבן אָן א ווייב. ווייל ווי אזוי קאָן דאָס געמאָלט זיין?י אויף וואָס זיינען פאראן נשים אויף דער וועלט? ער פלעגט קומען און אוועקגיין מיט גאָרנישט. דער טאַטע און דער זון זיינען געזעסן איינער אַנטקעגן אנדערן. דער זון האָט געזונגען, דער פאָטער האָט געקלערט: „מיין פערד זינגט ווי א פויגל...” ער האָט אים אוועקגעלאָזט פון זיך, ווייל ס׳איז דעמלט קיין אנדערע ברירה נישט געווען; דער שטריק איז אים אויפן האלדז געלעגן.

יעקב קאגאן פלעגט אָונט־צייט איבערלאָזן די מאשין און לויפן דא־ווענען צוזאמען מיט אנדערע שניידערס. — טאטע, זאָגט איינמאָל זכריה — דו שטופסט זיך צום רבונו־של־עולם — און די וועלט האָט שוין לאנג באוויזן, אז קיין גאָט איז נישטאָ. — ער האָט אויפן אָרט גאָרנישט אָפּ־געענטפערט, לאנג געשוויגן. נאָך דער מוטערס טויט איז זכריה גע־שלאָפן אין איר בעט. יעקב קאגאן איז געלעגן און געשוויגן, האָט זיך גע־דרייט פון איין זייט אויף דער אנדערער, צייטנווייז טיף אָפּגעזיפצט, אָבער גאָרנישט נישט גערעדט. צולעצט האָט ער נישט אויסגעהאלטן און געפרעגט מיט א טויבער שטים: — הייסט עס, אזוי ווייט איז עס שוין ביי דיר דערגאנגען? — צי ווילסטו, איך זאָל פאר דיר לייקענען? איך בין א באוווסטזיניקער מענטש. — א באוווסטזיניקער מענטש, וואָס איז אלט 18 יאָר... האָט מען עס דיך באוווסטזיניק געמאכט אין פאריין, וואָס הינטער גאָנשאָראָווסקיס בעקעריי? — זכריה — האָט ער א געשריי גע־

טאָן אויפן זון — דו הייבסט זיך שוין אָן צו מישן? — ס׳האָט אים אונטערגעטראָגן פונעם געלעגער. — טאַטע — האָט דער זון געענטפערט רואיק, — אין יעדער לאגע האָט ער געקאָנט זיך פארהאלטן רואיק — דאָס איז דער חוב פון יעדן ארבעטנדיקן און פילנדיקן מענטש. יעדע פּאָר הענט קאָן צונויף קומען ביים איבערבויען די וועלט. — ווילסטו, הייזט עס, איבערבויען די וועלט? זכריה, דו ווילד פערד! דו האָסט א פּאָר הענט נישט די וועלט איבערצומאכן, נאָר הויזן צו נייען. מיש זיך נישט, געדענק, מיש זיך נישט! די וועלט האָט דאָס פּיינט! — כ׳וויס נישט, צי ס׳איז שוין נישט צו שפּעט. דודן האָט מען איינגעזעצט הייַנט נאָך מיטאָג. — יעקב קאַגאַן האָט זיך דערשראָקן נישט אויף קאַטאָוועס: — דודן, דיין פריינט? — ער איז האַסטיק אראָפּ פון בעט, זיך עטלעכע מאָל דורכגעגאנגען איבערן צימער און תיכף באַשלאָסן — הער, וועסט פאָרן קיין ווארשע. אויף נאָוואָליפּיע־גאַס האָב איך א באַקאַנטן, זעלמאַנאָוויטשן, א שניידער, גלייך ווי מיר. כ׳וועל אים אָנשרייבן, ער וועט אויף דיר השגחה געבן. און איבריקנס ווידער ביסטו נישט קיין קינד און דיין ברויט וועסטו זיך אליין פארדינען. ווען ס׳וועט רואיק ווערן, וועסטו צוריקקומען...

זכריה איז אוועקגעפאָרן. יאָ, יעקב קאַגאַן האָט דערנאָך באַטראַכט זיין באַשלוס פאַר א באמת מטורפן. ווייל וואָס פאַר א חכמה האָט ער דאָ אָפּגעטאָן? ער האָט אים געשיקט קיין ווארשע, ווו אלע שניידערס זיינען רויטע. איידער ער האָט דאָס באַנומען, איז שוין געווען צו שפּעט.

דער זון האָט זיך אריינגעצויגן צו די זעלמאַנאָוויטשעס, געאַרבעט צוזאַמען מיט זיי און זיך באַפריינדעט מיט ראובן זעלמאַנאָוויטש, וואָס איז געווען עלטער פון אים. פון די בריוו האָט יעקב קאַגאַן געדרונגען, אַז „דאָס פערד" האָט נישט בלויז נישט אוועקגעוואָרפן די געפערלעכע געדאַנקען וועגן „איבערקערן די וועלט", פאַרקערט, ער איז געזונקען אַלץ טיפער. ווי דאָס זינקען האָט אויסגעזען, דאָס האָט יעקב קאַגאַן נישט זייער גוט פארשטאַנען, נאָר ער פלעגט טראַכטן: „ער איז געוואָרן א רויטער, ער קאָמוניזירט זיך". ס׳איז אים קאַלט געוואָרן פון דעם פרעמדלעכדישן וואָרט, וואָס כאָטש ער פלעגט עס אויסריידן ריכטיק, האָט עס פאַר אים תמיד געקלונגען אויסטערליש.

ער האָט געמוסרט דעם זון, ווי נאָר ער האָט געקאָנט. „זכריה — האָט ער געשריבן צו אים — דו פערד, וואָס דו יאָגסט זיך בלינד צו דיין און מיין אומקום. פון וואַנען נעמען זיך צו דיר אַזעלכע געדאַנקען? גיט נישט — זאָגן קלוגע לייט — גיט נישט אייערע קינדער קיין שיינע שפּילצייג,

צעבאלעוועט זיי נישט, געווינט זיי נישט צו קיין באקוועם לעבן, ווייל אין דעם שטעקט די סיבה פון אלע צרות. וועסט צוגעווינען דיין קינד צו א לייכט לעבן, און דאָס קינד דיינס וועט זיין פארלוירן. דו האָסט זיך געשפילט מיט אָפפאל פון שטאָף, מיט קנעפלעך, מיט ספּראָנטשקעס, דו האָסט זיך געכאָוועט אויף שווארץ ברויט, טאָ פון וואנען נעמען זיך צו דיר אזעלכע געדאנקען? דו רעדסט וועגן ווארשע, וואָס זעט אויס אויף אָסטראָווסקע, מילע און וואָלינסקע, ווי א הינטן — „א הינטן פון א שטאָט" — און זע נאָר, וויפל מענטשן עס לעבן דאָרט און ווי גליקלעך יי זיינען, די גיריקייט, און די צו גרויסע אויגן — דאָס איז אייער אלעמענס גרעסט אומגליק. איר ווילט זיך נישט באגנוגענען מיט ווייניק, און דאָס איז דער טיפסטער זין פון פרייד. כ'האָב דיר דערלויבט צופיל ביכער צו לייענען, בנאמנות, ס'וואָלט מיר שוין ליבער געווען, ווען דו שטודירסט אויף א דאָקטאָר. דיינע ווערטער באאומרואיקן מיך. בנאמנות, ס'וואָלט מיר ליבער געווען , ווען דו ביסט א דאָקטאָר. ניי הויזן און שפּאַן זיך אויס. דו וועסט נישט דערפאָרן, פערד, סיוויי וועסטו נישט דערפאָרן. זאָל די וועלט גיין מיט איר וועג, דו גיי מיט דיינעם".

„פערד", דוד זיצט נאָך. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען פאר־נומען קליינען און וואָלפן... מע איז געווען ביי מיר, מע האָט געפרעגט אויף דיר, מען זוכט דיך, מען האָט דיך אויפן אויג. מאמעס ווייגען אויף דאָמבראָווסקי־גאס, טאטעס גייען ארום מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ און שווייגן. צו וואָס ווילסטו דערפירן, „פערד"? צי דערפאר האָסטו געביטן דעם אדרעס, כדי מיך אומצוברענגען פונדערווייטנס? נישט דיין זאך איז עס צו מישן זיך. זאָל די וועלט ברעכן די פיס, דו מיש זיך נישט..."

אויפן דאָזיקן בריוו האָט זכריה געענטפערט:

„טאטע, נישט נאָר אויף דאָמבראָווסקע־גאס וויינען מאמעס. זיי וויי־נען אויף נאָוואָליפּקי, אויף וואָליע און אויף דזשיקע. אומעטום וויינען מאמעס, און עס שווייגן פארזאָרגטע טאטעס. איז וואָס געדרונגען דערפון? וואָס טיפער דאָס געוויין, אלץ לייכטיקער וועט זיין דערנאָך די „פרייד".

א יאָר בערך האָט געדויערט דער בריוו־אויסטויש. יעקב קאגאן האָט גוט געדענקט דעם טאָג: ס'איז געווען פרייטיק, א שניי־שטורם, א זאַ־ווייערוכע. די מענטשן אין דרויסן האָבן אויסגעזען ווי גייענדיקע שניי־בערגלעך. מע האָט געמוזט אוועקלייגן די ארבעט, גיין אין קרעמל נאָך צוקער, ליכט און נאָכהער נאָך קוילן אין קעמערל. ער האָט געשאָלטן. ניין, דאָס לעבן איז אים באמת נישט ליב געווען... קויפן, קאָכן, וואשן דאָס געפעס נאָכן עסן, הייצן אין אויוון, ארויסנעמען דאָס אש, שאָרעווען

די פּאַדלאָגע, באמת: א מענטש אָן א האַנט... ווי דערלעבט מען שוין — האָט ער איבערגעחזרט — אַז זכריה זאָל צוריקקומען? ער וועט חתונה־האָבן און איינעם אפשר? נו, מיר וועלן זען, יעדנפאַלס וועט א סוף נעמען צום געקאָכעריי... ער שטעלט צו דאָס מיטאָג, נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט. דער שניי־שטורעם שיט און שיט, בייזן, היינט וועט שוין קיינער צו אים נישט קומען, פּלוצלינג טוט זיך אָן עפן די טיר מיט א טראַסק. ס'קומט אריין דער בריוו־טרעגער. עפּעס א פרעמדע האַנטשריפט. דער בריוו איז אים נישט געפעלן געוואָרן. ראובן זעלמאַנאָוויטש האָט אים מודיע געווען וועגן דעם אַרעסט פון זיין זון.

— קראַטעס?

נישט נאָר זכריהן האָבן זיי אָפּגעטיילט פון דער וועלט. דער שניידער קאַגאַן האָט איצט געקענט פעסטשטעלן, אַז זיי זיינען טיף אריינגעוואַקסן אויך אין זיין לעבן. דער גורל פון זון האָט געוואָרפן א שטאַרקן אָפּשיין אויפן לעבן פון דעם פאָטער. ער האָט שוין נישט, ווי אַמאָל, געפילט קיין צוגעבונדנקייט צום שולעכל מיט זיינע מתפללים. די נייע געשעענישן האָבן אים געהייסן האָבן אָפענע אויגן אויף זאַכן, וואָס ער פלעגט ביז היינט אויסמיידן. זיי זיינען שוין נישט מער פאַרגעקומען הינטער די הרי־חושך, לאַזנדיק אים, יעקב קאַגאַנען, אין א זייט. פאַרקערט, ער האָט אין זיי געהאַט א חלק, ער האָט אין זיי א הייסן אָנטייל גענומען, דורך זיין בעסטער טייל, דורכן זון. איצט איז ער געווען נאָך איינזאַמער ווי אַמאָל. נאָר וואָס מער ס'איז געוואַקסן די איינזאַמקייט, אַלץ שטאַרקער האָט אים אָנגעהויבן צו אינטערעסירן די ערשט נישט לאַנג ווייטע וועלט, ווייטע מענטשן, ווייטע געשעענישן.

ער האָט געליטן ווי א פאָטער, אַזוי ווי ס'קען ליידן בלויז עמעצער, וואָס איז פאַרבונדן מיט פעדעם פון נאָענטסטער קרובהשאַפט. ער האָט געהערט, אַז מע שלאָגט דאָרט אין תפיסה, האָט ער דעריבער הייס מתפלל געווען, אַז זיין זון זאָל מען שוינען. ווי יעדער פאָטער, וואָס געדענקט דאָס שוואַכע גופעלע פון זיין קינד, האָט ער נישט געגלויבט אין דעם געזונט פון זיין זון. ער האָט געקלערט וועגן אים ווי וועגן „א צעבערעכלעכן ליימענעם טאָפּ". וויפל מאָל האָט ער אָוועקגעלייגט דעם ביסן ברויט פון מויל ביים געדאַנק, אַז זיין בן־יחיד ליידט אפשר הונגער! ס'איז צו אים דערגאַנגען, אַז זכריה איז דריי חדשים אָפּגעלעגן אין א קאַרצער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אָנטון די תפיסה־קליידער. א גאַנצע וואָך האָט זיך דער שניידער געלייגט אויף דער נאַקעטער פּאַדלאָגע, און בלויז

די קאַץ, וואָס האָט אַרומגעשפּאַצירט אויף אים ווי אויף אַ טויטער זאַך, איז געווען אַן עדות פון זיינע ביטערע טרערן.

ער האָט מורא געהאַט אויפצוהויבן די אויגן, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל — דורך די קראַטעס — אויסגעפּוילט אַ זעאונג. דער וועכטער איז געזעסן דאָ — דאַלעבן. ער האָט נישט געזען דעם וועכטער און נישט געזען דעם זון. ער האָט געקוקט אויף אַ קנעפּל פון זיין בגד:

— זכריהלע — האָט ער געזאָגט צאַרט, אַזוי ווי ער פלעגט צו אים רעדן אין זיינע קינדער־יאָרן — זכריהלע... — אַ כליפּעריי האָט געזעצט זיין ברוסט, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן. — גוט מאָרגן, טאַטע, איך פריי זיך, וואָס איך זע דיך — האָט דער זון געענטפערט מיט אַזאַ מין שטים, גלייך ער וואָלט ווי אַ פרייער מענטש צוריקגעקומען אַהיים. אַזוי האָט ער געזאָגט. אָבער דער פאָטער איז געווען אַ זקן און האָט פאַרשטאַנען די נשמה פון ווערטער. — קינד מיינס, וואָס פעלט דיר? — האָט ער געפרעגט — נישט אַלץ, וואָס ס׳פעלט מיר, מעג מען מיר ברענגען, אָבער פאַרגעס נישט וועגן רויכערן. — מיין קינד, וואָס נאָך? וואָס נאָך? — ער האָט אויפגעהויבן די אויגן. — באַרואיק זיך, טאַטע. — נו, זע, אָט בין איך שוין איינגאַנצן רואיק. — ערשט דעמלט האָט ער זיך צעוויינט.

דערנאָך האָט ער שוין נישט געוויינט. פון צייט צו צייט פלעגט ער פאָרן אין תפיסה. ער פלעגט זיך צוגרייטן צו דעם באַזוך, ווי אַ גלויביקער צו דער תפילה. ער איז געפאָרן אָנקוקן זיין גרויסן זון. ער פלעגט זאָגן צו אים: — שוין אַ חודש וויניקער — זעסט, טאַטע — פלעגט ענטפערן דער זון — פינף יאָר איז דאָך נישט דאָס גאַנצע לעבן...

נישט לאַנג נאָך זיין באַפרייונג האָט זכריה געשיקט אַ בריוו פון וואַרשע. דער שניידער איז געזעסן איבער דעם ענטפער טיף פאַרטראַכט. ער האָט געזאָלט אָנהויבן מיט דער פאָדערונג פון אַ באַלדיקן צוריקקער אַהיים. ער האָט אָבער אַלץ לעבעדיקער באַנומען, אַז דער דאָזיקער צוריקקער וועט נישט זיין קיין לייכטער. זיין זון איז אַרויף אויף אַ וועג, וועלכן מע קאָן נישט פאַרלאָזן. די שטוב אין קאַטאָווסקיס חורבה האָט שוין נישט געקענט בלייבן זיין היים. ער האָט געדאַרפט אַ בייע היים.

אַ היים! יעקב קאַגאַן האָט אַלץ דייטלעכער פאַרשטאַנען, אַז מענטשן, קענען רואיק לעבן, כל זמן זייער שטוב איז אַ היים, אַ האַפן, אַן אָפּרו־אָרט. ער — קאַגאַן — האָט זיך אַלץ ערגער געפילט אין זיין צימערל, זיינע געדאַנקען האָבן שוין נישט געפונען קיין אָרט אין אים, זיינען פאַרלאָפן ווייט, ווייט... ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט זאָגן: דאָ לעב איך, דאָ וועל איך שטאַרבן! פאַרקערט, ער האָט דאָ נישט געוואָלט

לעבן און דאָ נישט געוואָלט שטאַרבן. ווען ער האָט אין איינעם אַ טאָג באַקומען די ידיעה וועגן טויט פון דעם אַלטן זעלמאַנאָוויטש, האָט אים אַרומגענומען אַזאַ בענקשאַפט, אַז ער האָט באַשלאָסן אַלצדינג אַוועקצוּוואַרפן און פאָרן קיין וואַרשע. — איך וועל אים זען און זיך אומקערן — האָט ער געזאָגט צו זיך, אויסבאַהאַלטנדיק אין דער טיף אַ ציטערנדיקע האָפענונג, אַז אפשר וועט זיי געלונגען זיך איינצואָרדנען צוזאַמען.

די נאַכט, אַ יוני נאַכט, געדויערט קורץ, אָבער די נסיעה האָט געדויערט לאַנג, אין קופּע איז תּחילת געווען געפּאַקט, דערנאָך איז געוואָרן ליידיק, און נאָך שפּעטער איז ווידער אַמאָל פול געוואָרן. דער אַלטער קאַגאַן האָט איינגעדרימלט פון צייט צו צייט, און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיינען אים די מינוטן פאָרגעקומען ווי שעהן. שווערע חלומות האָבן אים געפּייניקט בעת די קורצע דרימלען, חלומות, וואָס זיינען צעפלאָסן געוואָרן אין פייער פון די טרוימען וועגן דעם גרויסן זון מיט די העלע, גוטע אויגן.

זיבן אַזייגער איז דער צוג אָנגעקומען. דער פרימאָרגן איז שוין געלעגן אויף די פעלדער שעהן לאַנג, נאָר אין וואַרשע איז ער געווען אַזוי פריש, גלייך ער וואָלט ערשט אַלט געווען עטלעכע מינוטן. די מיטל־שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ הויז, וואָס איז פאַרלאָזט געוואָרן פון אַ כאַפּטע געסט, און ווערט געבראַכט אין אָרדנונג. וווּ־נישט־וווּ האָט מען געזען געשטאַלטן פון נאַכט־וועכטער מיט עלעקטרישע לעמפּלעך, אָנגעהאָנגען אויף די ברוסטן, אין מאַנטלען צוגעקנעפּלטע ביז צום האַלדז. די נאַכט־קעלט איז זיי נאָך, דאַכט זיך, געלעגן אין די ביינער. דאָ און דאָרט זיינען נאָך געגאַנגען גאַסן־מיידלעך אין לופטיקע קליידלעך מיט שפּורן פון מידקייט אויף די פּנימער. הויף־וועכטער האָבן באַשפּריצט די טראָטואַרן.

וואַרשע... — האָט געשעפּטשעט צו זיך דער שניידער קאַגאַן. — איז דאָס, הייסט עס, וואַרשע? און וווּ געפינט זיך די איזון־גאַס? — די גאַס, וועגן וועלכער ער האָט פאַרמאַטערט מיט פראַגן די רייזנדיקע פיל שעהן פאָרן אָנקומען צום ציל. די גאַס, וווּ ס׳האָט געוווינט זיין זון. — איז זי ווייט פון נאָוואָליפּקי?

II

זעלמאַנאָוויטשעס דירה אויף נאָוואָליפּקי־גאַס האָט זיך געפונען אויפן פערטן שטאָק; צוויי קליינע צימערלעך און אַ קיך זיינען געווען אויסגעמעבלירט מיט דער זאָרגעוודיקייט, וואָס עס ווייזן אַרויס אָרעמע

מענטשן אין א צייט, ווען דאָס מזל הייבט זיי אָן מער־ווייניק צוצושפּילן. שפּאָרנדיק פון מויל, קויפן זיי איין א „קאָמפּלעט" בילִיק, נאָר עפּעק־טועל מעבל: א ריזיקע שאַנק, צוויי בעטן, צוויי נאַכט־שענקלעך, א טיש. די גוטע צייטן גייען פאַרביי, נאָר דאָס מעבל פאַרבלייבט. דאָס נאָר וואָס דערמאָנטע מעבל פון סאָסנע־האָלץ האָט פאַרנומען דאָס לעצטע צימער, ווו ס'איז איצט איינגעשטאַנען יעקב קאַגאַן. ער האָט געקוקט מיט צע־פּלאַמטע, פאַרעקשנטע אויגן אויף ראובן זעלמאַנאָוויטשן און איבערגע־חזרט אָן אויפהער:

איז דען א מענטש א שפּילקע? איז ער דען גרויס ווי א שפּילקע, ער זאָל קאָנען פאַרפאַלן ווערן, און קיינער זאָל נישט וויסן ווו, וואָס און ווען? איז ער דען א שפּילקע? פאַרוואָס קוקט איר מיר נישט גלייך אין די אויגן?

ראובן, א דרייסיקיאָריקער, מיט א מאָגער און לענגלעך פּנים, מיט אויגן הייסע און פול מיט מיטלייד, האָט נאָר איינמאָל א בליק געטאָן אויף קאַגאַנען, ווען ער איז אַרייַנגעקומען אין צימער, דאָס האַרץ איז אין אים אָפּגעשטאָרבן. זיין קאָפּ איז געווען אַרומגעבונדן מיט א באַנדאַזש. דער דאָזיקער באַנדאַזש האָט שטאַרק באַאומרואיקט דעם געקומענעם. ער האָט גלייך געוואָלט פרעגן די סיבה. ער האָט אָבער נישט גע־פרעגט, אליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס.

— דער קאָפּ באַנעמט דאָך עס נישט. — קאַגאַן האָט צוגעלייגט א פינגער צום שטערן. — א מענטש ווערט פאַרפאַלן ווי א שפּילקע. ער גייט אַרויס פון צימער, לאָזט איבער אַלץ אַזוי, ווי ער וואָלט געדאַרפט קומען צוריק אין פינף מינוט אַרום. שמייכלט צו דער באַלעבאָסטע, בעט זי איינצוקויפן צוקער און ברויט, לאָזט איבער דאָס ביכל אָפן אויפן טיש, א בריוו ביז אין דער העלפט אָנגעשריבן, דאָס העמד אויף דעם שטול־פּאָרענטש, גייט אַרויס, זאָגט „אויף ווידערזען" — און קיינער ווייסט נישט וואָס, ווער און ווען? דאָס לייגט זיך דאָך נישט אויפן שׂכל. צוועלף טעג אָן א סימן פון לעבן... ווו זשע זוכט מען אים? אפשר איז ער אַרויסגעפאָרן? אָבער וועגן די נסיעות פלעגט ער דאָך תמיד צו וויסן געבן. אפשר האָט ער זיך איבערגעצויגן צו עמעצן אַנדערש? פאַרוואָס שווייגט איר? פאַרוואָס לאָזט איר מיך רעדן אָנשטאָט צו רעדן אַליין? צי ווייס איך עפּעס וועגן אייך?... מיין זון, אָבער צי קען איך אים?... איך ווייס דאָך גאָרנישט...

— כ'ווייס נישט, — האָט ראובן געענטפערט ווי געצוווּנגען. ער איז געשטאַנען ביים פענצטער, געקוקט אויף די דעכער פון די הייזער. ער

האָט מורא געהאַט פאַרן בליק פון דעם אַלטן פּאַטער. — כ'ווייס נישט... איך ווייס נאָך גאָרנישט...

— האָט זכריה דאָ געהאַט עמעצן? אַ פרוי?

— ניין, זכריה האָט זיך נישט געקענט מיט קיין פרויען.

ס'איז שטיל געוואָרן. דער שניידער קאַגאַן האָט געמאָסטן דאָס צי־מער מיט קליינע טריט. עטלעכע מאָל האָט ער אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ אין דער הויך, גלייך ווי ער וואָלט וועלן אַ פרעג טאָן וועגן עפּעס זייער וויכטיקעס, אָבער גיך האָט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און ווייטער געשפּרייזט איבערן צימער. — איר זייט נאָך אַלץ פרייַנט?

— יאָ.

— איז אויב אַזוי, זאָגט מיר, גיט מיר אַן עצה, וואָס צו טאָן? ווו זאָל מען זוכן אין דעם קעסל? אויף דער ערד, אונטער דער ערד, ווו? הערט אויף ארויסצוקוקן דורכן פענצטער...

ראובן האָט אָפּגעריסן דעם בליק פון די דעכער, אַ קוק געטאָן אי־בערן צימער, אויפן פאַרטרוקנטן אַלעאַנדער, אָבער ער האָט נישט גע־זען נישט קיין צימער, נישט קיין געוויקסן, נישט קיין מענטש. ער האָט געזאָגט:

— אויך מיר זוכן אים ארום. אומעטום, ווו נאָר ס'איז פאַראַן אַ שאָטן פון האָפענונג...

ס'איז ווידער שטיל געוואָרן. קאַגאַן האָט זיך געזעצט ביים טיש, אָנ־געשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און זיך פאַרקלערט. ראובן האָט אים איצט ארומגענומען מיט אַן אויפמערקזאַמען בליק: ער איז אַזוי קליינטשיק, ווי וועט ער דאָס אַלץ איבערטראָגן?

— צי האָט ווען־עס־איז פּאַסירט — האָט זיך אָנגערופן קאַגאַן, קוקנ־דיק אויפן באַנדאַזש — צי האָט ווען־עס־איז פּאַסירט ער זאָל נעלם ווערן אויף אַ געוויסער צייט?

ראובן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, נאָר גלייך האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט:

— ניין, ס'האָט נישט פּאַסירט... כ'געדענק נישט...

און אפשר האָט מען אים ווידער איינגעזעצט? אַזעלכן, וואָס איז שוין איינמאָל געזעסן, לאָזט די פּאָליציי נישט ארויס פון אירע הענט, אַזוי זאָגט מען...

— ניין, ער זיצט נישט — האָט ראובן שטיל געענטפערט.

— הייסט עס, נ י ש ט ער איז פאַרשוווּנדן, נ י ש ט ער זיצט — איז וואָס זשע?

ראובן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

קאַגאַן איז צוגעשפּרונגען צו אים:

— איר ווייסט דאָך אַלץ!... פאַרוואָס האָט איר זיך איינגעשפּאַרט און שווייגט?

א טאַטן דאַרף מען זאָגן! א טאַטע דאַרף וויסן.

— איך... איך ווייס נישט — האָט ראובן אַרויסגעשטאַמלט, ווי אַ קליין ייִנגעלע — מיר ווייסן גאָרנישט... מען דאַרף צוּוואַרטן.

— כ'האָב אייך געגעבן אַ לעבעדיקן מענטש, אַן איינציקן זון און וואָס האָט איר מיט אים געמאַכט?

— נישט מיר... מען דאַרף צוּוואַרטן... שוין נישט לאַנג...

— ווער איז דאָס סטעפאַן? — האָט פּלוצלונג קאַגאַן אַ פרעג געטאָן.

— סטעפאַן? — האָט ראובן אויפגעציטערט. — ווער האָט אייך געזאָגט וועגן סטעפאַנען?

— די באַלעבאָסטע פון אייזן־גאַס האָט געזאָגט: דאָס זאָל זיין אַ פריינט זיינער.

— יאָ, אַ פריינט — האָט איצט ראובן געקוקט דעם אַלטן שניי־דער גלייך אין די אויגן אַריין. — וועגן אים... נאָך אַ פּאָר טעג... בלויז עטלעכע געציילטע טעג...

דער שניידער קאַגאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם בלאַס געוואָרע־נעם פּנים פון זיין זונס פריינט און געזאָגט:

— איך זע שוין, אַז ס'איז נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטן... איר האָט אָוועקגעפּטרט מיין אָרעם „פערד"...

III

דער טאָג איז געווען אַ הייסער, די שטאָט צעגליט ווי אַן אויוון, די מענטשן האָבן זיך געבאָדן אין שווייס, זייבען אַנטלאָפן פון דער זוני־קער זייט גאַס אין שאָטן אַריין, האָבן געטרוימט וועגן גראָז, וועגן וואַ־סער און האָבן — פּונקט ווי איך מאַנאַט פאַרבראַכט בשעת אַ קנאַקע־דיקן פראָסט — געטרוימט וועגן וואַרעמע שטובן, די היים האָט באַקומען איר אייגנטלעכן זין. יאָ, אַלע האָבן געוואָלט זיך באַהאַלטן, זיך פאַר־באָרגן פאַר דער זון, — אָבער ראובנען האָט געשראָקן דער געדאַנק וועגן צוריקקומען אַהיים. ער האָט נישט געאַרבעט, אין דעם שניי־דער־פאַך איז יוני אַ שלעכטער חודש. די מוטער מיטן יונגערן ברידער האָט ער אַרויסגעשיקט אויף זומער־וווינונג נישט ווייט פון וואַרשע, אין דער היים האָט געוואַרט יעקב קאַגאַן, וועלכן ער האָט פאַרהאַלטן ביי

זיך. שוין דריי טעג זיינען אריבער, זייט ער איז געקומען צו פאָרן. ניין, קאַגאַן האָט צו אים קיין צוטרוי נישט געהאַט. איינמאָל האָט ער זיך אוועקגעשטעלט פאַר אים און אַ געשריי געטאָן גלייך אין פּנים אַריין: — „זאָגט מיר אַלץ. אַלץ! כ'וויל נישט לענגער וואַרטן...” אָבער גלייך נאָך דעם האָט ער אים צו רו געלאָזט. ראובנען האָט ער צו רו געלאָזט, אָבער אַליין איז ער אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט זיך אַן עצה האַלטן מיט מענטשן. ער פּלעגט זיך אומקערן אַ פאַרסאַפּעטער, אַ געלער, אַן אָפּגעצערטער, מיט פאַרשידענע איינפאַלן: „מען דאַרף געבן אַן אַנאָנס אין די צייטונ־גען, אַן אַנאָנס אין די קינאָס און מודיע זיין די פּאָליציי”... „ער איז אַרומגעלאָפן ווי אַ צעמישטער איבער דער שטאָט, וואָס איז צעקאָכט געווען פון היץ, האָט געשפּאַנט איבער אומבאַקאַנטע גאַסן, זיך צוריק־געקערט מיט די זעלבע המצאות, כדי פון זיי באַלד צו רעזיגנירן, נישט ווייל ראובן האָט אים פון זיי אָפּגערעדט, נאָר ווייל קוקנדיק אויף אים האָט ער אַליין פאַרלוירן דעם גלויבן און זייער ווירקזאַמקייט. ער האָט כמעט גאָרנישט געגעסן, גאַנצע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען, גאַפּנ־דיק אויף די הייזער, אויפן ברוק. ראובן האָט זיך צוגעקוקט צו דער דאָ־זיקער ראַנגלעניש פון אַ פאָטער מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. יאָ, ער האָט געוווסט אַ סך מער.

איר האָט געפרעגט וועגן סטעפאַנען — האָט ראובן אָנגעהויבן, ווען ער איז געקומען אַהיים. ער האָט גערעדט מיט אַ שטילער און באַ־הערשטער שטים. — סטעפאַן איז געווען איינער פון די ערשטע אין אונדזער באַוועגונג. ער איז געווען ווי געבוירן דערצו זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ און אָפּצושפּילן אַ וויכטיקע ראָל. נאָכן פאַרלאָזן די תּפיסה האָט זיך זכריה נאָר אויף אַ קורצער צייט אומגעקערט צו דער מאַשין. ער האָט זיך געטראָפן מיט סטעפאַנען, וועלכער האָט אים פאַרהאַלטן לעבן זיך און אים אויסגענוצט אין פיל וויכטיקע ענינים. פאַרהאַלטן און באַגייסטערט. זכריה האָט זיך דערנענטערט צו עמעצן אַזעלכן, וואָס האָט פאַרקערפּערט אַן אידיי. פאַר לויטערע הערצער איז אַ יום־טוב צו־צוקוקן דאָס גלויבן פון אַ האַרץ, וואָס איז אָנגעקליידט אין פלייש און בלוט, בעת, פאַר ענג־האַרציקע מענטשן איז אוממעגלעך צו גלויבן אין דער העכערקייט פון אַ מענטש, וואָס זיינע אויגן און נאָז אונטערשיידן זיך מיט גאָרנישט פון אַנדערע. טיילמאָל זעט עס אויס ווי אַ חסרון — דאָס דאָזיקע פאַרקאָנספּירירן זיך פון דער נאַטור אין אירע דערהויבונגען, אָבער זכריה האָט געהאַט אַ לויטער האַרץ...

יעקב קאגאן האָט זיך צוגעהערט מיט ברייט צעעפנטע אויגן. אין פלוג האָט ער גאָרנישט פארשטאנען פון דער גאנצער בוכמעסיקער רעדע.

— זכריה האָט ליב געהאט סטעפאנען אזוי, ווי מען האָט ליב א מענטש, וואָס גיט און לערנט א סך. ער האָט ליב געהאט זיין שמייכל, זיין ארט ריידן, זיין אופן פון גיין. א ווארעמע כוואליע האָט פארגאָסן זיין ברוסט, ווען נאָר ער האָט זיך דערמאָנט זיינע ווערטער. ווען זיי פלעגן דורכגיין די גאס, פלעגט ער אים אָנכאפן פאר דער האנט, ווי א מוטער איר קינד. ער איז גרייט געווען צו פארהאלטן דעם גאסן־פארקער — אויס דרך־ארץ, אויס ליבע... איך וויל אייך זאָגן, אז אין זיין שווער לעבן איז זכריה געווען א גליקלעכער...

— געווען? — יעקב קאגאן האָט אויפגעשוידערט. ער האָט זיך איינגעקלאמערט מיט די הענט אין ראובנען און דערנענטערט דאָס אויס־געמאטערטע פנים צו זיין פנים. — געווען?

— איר זייט דער פאָטער פון זכריה קאגאן, פון א שיינעם, מוטיקן חבר. כ׳וועל פאר אייך גאָרנישט פארהוילן. מיט א קורצער צייט צוריק זיינען זיי צוזאמען ארויס אין גאס — סטעפאן און זכריה. די שפיצלעס האָבן זיי ביידן דערשאָסן. די קערפערס אריינגעוואָרפן אין טייך. מיט א וואָך צוריק האָט דאָס וואסער ארויסגעוואָרפן סטעפאנס טויטן קער־פער. מיר האָבן אים קובר געווען מיטן געהעריקן כבוד. די פאָליציי האָט געמאכט א מאסאקרע אויפן בית־עולם, שפורן דערפון האָב איך נאָך אויפן קאָפּ... היינט האָב איך באקומען א ידיעה, אז זכריה ליגט אויף דער גאס וו... עס דערווארטן אונדז שוועריקייטן... זייט שטארק... אייער אָנוועזנהייט...

ראובן האָט דעם זאץ נישט פארענדיקט. דעם שניידער קאגאנס פנים איז שטארק בלייך געוואָרן, די קליינע פיגור האָט זיך א וואקל געטאָן. ראובן האָט אים א כאפ געטאָן, ווי א קליין, שווער שייטל האָלץ, ארויפגעשלעפט אויפן בעט און ארויסגעלאָפן נאָך וואסער. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ס׳איז איבעריק. דער שניידער קאגאן האָט מיט אָפענע אויגן געקוקט עקשנותדיק אין איין פונקט אויף דער פאָדלאָגע. מיט א קאָפּ־שאָקל האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון טרינקען. אין א ווײלע ארום האָט ער פייכט געמאכט די הענט און איינגעריבן די שלייפן. ער איז אויפגעשטאנען פון בעט און צום ערשטן מאָל נאָך פופ־צן מינוט א קוק געטאָן אויף ראובנען. — לאָמיר גיין — האָט ער גע־זאָגט.

די היץ איגדרויסן איז נישט קלענער געוואָרן. זעלטן ווער פון די פאַרבייגייער האָט געטראָגן א מאַרינאַרקע. קאַגאַן אין זיין שוואַרצן כאַלאַט און ברייטן סאַמעטענעם קאַפּעליוש האָט — אויף די ווייטע גאַסן — אויסגעזען ווי א מוראַדיק, אומבאַקאַנט באַשעפעניש. ער האָט זיך געלאָזט פירן פון ראובנען, וואָס האָט אים שווייגנדיק געהאַלטן פאַר דער האַנט. זיי זיינען איינגעשטיגן אין טראַמוויי און געפאָרן צו דער גאַס ו. דער הויף־וועכטער האָט געפרעגט צו וואָס זיי זיינען געקומען. ראובן האָט געענטפערט. מען האָט זיי אָנגעוויזן אויף א סאַליע, צו וועלכער מע האָט זיך געמוזט אַראָפּלאָזן אין דער ביהער. דאָס ליכט אין דער סאַליע איז געווען ווייך און מילד, ווי אין א קלויסטער, א שלעכטער ריח האָט א שלאָג געטאָן אין נאָז און פאַרשטעלט די אויגן מיט א נעפּל.

IV

די זון האָט ווייטער געווילדעוועט. כאָטש מיטאָג־צייט איז שוין פאַריבער. יעקב קאַגאַן איז אריינגעגאַנגען אין דער קהילה, כדי צו דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער לוויה פון זיין זון. ראובן האָט אים פאַרלאָזט פאַרן הויז.

אין אָנהייב האָט אים געשטעלט פראַגן א פעסלדיקער באַאַמטער מיט א פעט, אָנגעמיש פּנים אין וועלכן עס זיינען געווען פאַרזונקען קליינינקע אייגעלעך, מיט א יאַרמולקע אויפן קאָפּ און א וועסטל אויפן העמד. דער ייד ביים צווייטן טיש, א באַלעבאַטישער ייד מיט פולע באַקן, וואָס האָבן געשפּראָצט מיט געזונט — די ראָזע באַקן האָבן אַרויסגעלויכטן דורך דער שיטערע שוואַרצער באָרד ווי פּרעכטיקע עפּל — האָט זיך לכתחילה נישט אינטערעסירט מיטן געקומענעם, אָבער וואָס ווייטער דער ענין האָט זיך אַנטוויקלט האָט ער זיך אַלץ אויפמערקזאַמער צוגעהערט. דער ייד האָט געהייסן חיים לעכער און ער איז געווען דער פּוסק אחרון אין בית־עולם־ענינים. לסוף האָט ער זיך אָנגערופן:

— געפונען געוואָרן אין די ליים־גרובן?... און ליגט אויף דער גאַס ו. ?... הייסט עס א זעלבסטמערדער...

קאַגאַן האָט זיך אויסגעדרייט צו אים:

— וואָס האָט איר געזאָגט?

— הייסט עס, אויף זיכער — האָט געזאָגט דער באַאַמטער. — מיר האָבן פון דאָרט מיט עטלעכע טעג צוריק געהאַט א מענטש... על־פּי־טעות האָב איך דערלויבט אים צו באַגראָבן אויף דעם אָרט, וואָס געהערט צו די, וואָס שטאַרבן מיט גאָט אין האַרצן, און נישט צו יענע, וואָס שטעלן

זיך אנטקעגן דעם רצון פון דעם רבונו־של־עולם, און טוען ווי עס גע־פעלט זיי, סיי מיט זייער לעבן, סיי מיט זייער טויט. אויך א זעלבסט־מערדער...

— א זעלבסטמערדהער, זאָגט איר? — קאגאנס שטים איז געווען שטיינערדיק רואיק.

— צי ווייסט איר, מיין ליבער ייד פון דער פּראָווינץ, אז אייער זון איז, פונקט ווי יענער, געווען א קאָמוניסט? און אזעלכע מענטשן ווי ער נעמען זיך דאָס לעבן צוליב א ליאדע סיבה. איך גאָט גלויבן זיי נישט, וואָס זשע קאָן זיי אָפּהאלטן דערפון? איר זייט פון א קליין שטעטל, און איר קענט נישט די דאָזיקע וועלף... דאָס ווייסט איר דאָך אוודאי, אז ער איז געווען א קאָמוניסט?...

— א קאָמוניסט... — קאגאנס שטים האָט נאָך אלץ געהאט דעם זעלביקן שטיינערנעם קלאַנג. א קאָמוניסט, זאָגט איר? — קאגאן איז צו־געגאנגען צו חיים לעסערס טיש. — פאר אייך א קאָמוניסט... ווילט איר אפשר הערן, ווי ס'האָט אויסגעזען זיין לעבן? צוועלף שעה ביי דער מאַ־שין זומער און ווינטער. די אכילה, וואָס ס'האָט אים אוסגעטיילט די קאַרגע האנט פון אן אָרעמען שניידער; איך פאַר הויזן, די, וואָס ער טראָגט אויפן הינטן — און קיין וואָרט נישט פון תרעומות. יעדע פרייע מינוט — איבערן בוך. כ'קום אהיים איין מאָל פרייטיק־צו־נאכטס, די ליכט זיינען שוין לאנג אויסגעגאנגען, און ער ליגט נאָך ביי דעם קוים טליען־דיקן לאָמפּ און לייענט. ברויט און וואַסער, אַרבעט און בוך, און אזוי וואָך נאָך וואָך, חודש נאָך חודש, יאָר נאָך יאָר, און קיינמאָל נישט קיין וואָרט פון תרעומות. פריילעך און צעזונגען ווי א פויגל אויפן בוים. נאָכדעם בויט אין ווארשע. דערנאָך פינף יאָר אין פאַרשידענע תפיסות, דריי חדשים אין קאַרצער אויף אַ שטיינערנער פּאָדלאָגע, אַ באַגאָסענע מיט וואסער. פאר זיך קיינמאָל גאָרנישט... קיין שום פרוי... א „פערד", אן אָרעם „פערד", וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אויסשפאנען פאר דער מעטע... אזוי האָט אויסגעזען זיין לעבן. און דער טויט? צי זאָל איך אייך אפשר אויסמשלען, ווי ער זעט דאָרט איצטער אויס. די אויגן אויסגע־פרעסן דורך פיש, די האָר אָפּגעריסן פונעם שארבן, אויף די הענט און פיס סימנים פון שטשורעס... אויף די פּלייצעס — סימנים פון קוילן... א קאָמוניסט...

— אלץ איינס. נישט זיך צו פארדאנקען האָט א מענטש דאָס לעבן.

— חיים לעסער האָט שוין געערדט מיט אביסל וויינקער זעלבסטזיכער־קייט. — ער האָט אויך נישט קיין רעכט מיט זיך א סוף צו מאכן, ווען

עס גלוסט זיך אים... א זעלבסטמערדער קאָן נישט האָבן די זעלבע רעכט...

— דאָס איז דאָך א ליגן! — האָט יעקב קאגאן מיטאמאָל א געשריי געטאָן — א בפירושער ליגן! און איר ווייסט, אז ס'איז א ליגן... אז מען האָט אים דערמאָרדעט! פאַרברעכעריש, אוממענטשלעך!... מען האָט אייך אונטערגעקויפט. מען האָט אייך שוין צו וויסן געטון... מע איז געוואָרן ברוגז אויף אייך, מען האָט זיך צעבייזערט, זייט איר זיך בכן נוקם אין די צומוויניקסטן באשיצטע, איר, די פריינט פון וועלף, די שונאים פון מענטשן!... איר האָט מורא פאַר סצענעס אויפן בית־עולם... אָבער איך וועל נישט דערלאָזן פאַרשעמען די דאָזיקע יונגע נשמה. צי קאָן זיין א גרעסערע בושה פון דער, אויף וועלכער איר ווילט פאַרמשפטן אים און מיך?... און פאַרוואָס?

דער אנעמישער באאמטער האָט אויסגעגלאָצט זיינע פיש־אויגן אויפן אויפגעברויזטן מענטשן לעבן אים. ער האָט פון צייט צו צייט איי־בערגעחזרט:

— שא, שא, שא.

V

ער איז געזעסן פאַר א גרוילעכן מאַנצפאַרשוין מיט א הילצערן פנים, וועלכער איז געווען געקליידט זייער זאָרגעוודיק. דער ווילטאָג איז אים געלעגן אויפן פנים, אן אַפּגעהיטס פון היץ און קעלט, פון צופיל איבערגעגוגנגען און וויטיק — אויף דעם דאָזיקן איז קאגאן געווען א מבין. ער איז געזעסן פאַרן פרעזעס פון דער קהילה. דאָס צימער איז געווען א גערוימס, האָט געזונקען אין שאָטן, הינטער די פענצטער זיי־נען געוואקסן ביימער. יעקב קאגאן האָט שוין ערשט נישט געהאַט קיין רואיקייט אין זיין שטים.

— אים איינעם האָב איך פאַרמאָגט — פּיין און שרעק האָבן גע־קלונגען אין די דאָזיקע ווערטער. — פאַרן לעבן האָב איך אים נישט געגעבן גאַרנישט. איז ווי קען איך עס איצט, ווען ער איז גע־שטאָרבן, דערלאָזן, אז מען זאָל וועגן אים רעדן ווי וועגן א זעלבסט־מערדער? דאָס איז דאָך א שקר! די גאַנצע וועלט ווייסט, אז דאָס איז א שקר! פאַרוואָס הייסט איר אים באַגראָבן ביינאַכט ווי א הונט?

דער פרעזעס האָט געענטפערט שטיל, אזוי שטיל, אז קאגאן האָט זיך געמוזט צובייגן:

— חיים לעסער האָט אייך געזאָגט, וואָס עס וועט זיך לאָזן טאָן און וואָס מ'וועט דארפן טאָן:

— און איר? מיינט איר אויך, אז איך דארף באַגראָבן מיין קינד ביי־נאכט אָן מענטשן און אָן גאָט? איר זייט דער ראש־הקהל, א פאָטער פון דריי הונדערט טויזנט יידן. צו וועמען־זשע זאָל איך גיין מיט דער עוולה קעגן מיין קינד? צו וועמען־זשע זאָל איך גיין מיט מיין צעווייטיקט הארץ? דער טאטע פון דער יידישער קהילה... יידן, יידן — איר הערט נישט אויף איבערצוחזרן דאָס וואָרט... אָט בין איך דאָ, אייערער א ברודער, און ווו איז אייער ברודערלעכקייט?...

דער פרעזעס האָט געענטפערט שטיל ווי פריער:

— חיים לעסער האָט געזאָגט, אז איר האָט אים דאָס הארץ צעריסן... פרעגט נישט צו פיל, אזוי מוז עס זיין... אזוי ווילן די, וואָס מיר זיינען זיי אונטערטעניק... דער וואָגן וועט צופאָרן ביינאכט. אלץ וועט זיין צו־געגרייט. חיים לעסער וועט אכטונג געבן, אז אלץ זאָל זיין אין אָרדע־נונג... אויף די אוניווערסיטעטן פאָדערן ענדעקישע סטודענטן יידישע מתים... דאָס איז אלץ, וואָס איך קאָן אייך זאָגן... מען דארף קובר זיין. און שנעל.

יעקב קאגאן האָט פארלאָזט די קהילה־שטוב. ער איז געגאנגען לענג־אויס די מויערן, אָפּשטעלנדיק זיך עפּטערס, כדי איבערצוכאפּן דעם אָטעם. נאָך קיינמאָל האָט ער נישט געפילט זיין איינזאמקייט אזוי שטארק ווי איצט. ער איז געווען איין אליין אין דער דאָזיקער שטאָט. צי איז ער נישט גרייט געווען צו ווארפן זיך צו זיינע פיס, כדי אויסצובעטלען — וואָס? א מענטשלעכע קבורה. אָבער ער האָט געהאט פאר זיך נישט קיין לעבעדיקן מענטש, נאָר א וואנט.

קראטעס?

אָט האָט ער זיי ווידער דערפילט און אזוי שטארק ווי קיינמאָל נישט ביז איצט — אריינגעהאקט צווישן איין מענטש און דעם אנדערן. ער האָט זיי געפילט און געזען צוזאמען מיט זיין אייגענער, נישט אויסדרוק־בארער שוצלאָזיקייט. וואָס זיי האָבן געוואָלט, האָבן זיי מיט אים געמאכט. ער איז געווען ווי צוגעבונדן צו א סלופּ, ארום וועלכן מען האָט אונ־טערגעצונדן א שייטער־הויפן. יעקב קאגאן, דער אָרעמער, קליינשטעטל־דיקער שניידער, האָט געפילט די דאָזיקע קראטעס ווי ווייניק ווער, אָבער ער האָט זיי נישט געקאָנט אָנרופן ביים נאָמען, ווי א רייזנדער, וואָס ווארפט זיך באַצוונגען פון אן אומבאקאנטער קראנקייט אויף א ניי אנטדעקטער יבשה.

ער האָט זיך געשלעפּט דורך די גאַסן אין דער ריכטונג פון נאָוואַ־ליפּקי. פון צייט צו צייט האָט ער אויפגעכאַפּט עמעצנס בליקן, וואָס האָבן אים דורכגעדרונגען, האָט געזען פּנימער, אָבער דאָס זיינען נישט געווען קיין מענטשלעכע פּנימער, זיי האָבן געהערט צו א מין, מיט וועלכן ער, יעקב קאַגאַן, האָט נישט געפילט קיין שום בשותּפותדיקס. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער טיר פון עפּעס א קליין געוועלבל. א קליינטשיק ווייבעלע, די פּאַרקויפערין, האָט אים אונטערגעטראָגן א גלאָז וואַסער.

— „טרינקט, טרינקט, גאָט אין הימל, וואָס פּאַרא מענטשן מע זעט עס היינט...״

דעם טאָג האָט זיך ראובן שפּעט אומגעקערט אהיים. נאָענט ביים אריינגאַנג, אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער טיר, אויפן ראַנד פון א שטול, איז געזעסן זכריהס פאָטער. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק ווי ער וואָלט געשלאָפן. שווער איז געווען דער אָטעם פון דער דראָבנער, און ווי זיך פּאַרטייענדיקער געשטאַלט. זיין פּנים איז געווען אינגאַנצן געל, טיפע אויגן־לעכער, ארויסשטאַרצנדיקע באַקן־קנאָכן, אויסגעמאַטערטע, איינגעפאַלענע, מאָגערע באַקן — בלויז אין איינציקער פּונק האָט גע־טליעט אין דעם פּנים, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אז אויך ער וועט אין א ווײַלע אַרום פאַרלאָשן ווערן. ראובן האָט נישט געוואָלט שטערן דעם שלאָף פון דעם אַלטן מאַן. אָבער קאַגאַן איז נישט געשלאָפן. ער האָט געעפנט די אויגן און געזאָגט: — זיי הייסן קובר זיין ביינאַכט...

VI

חיים לעסער איז פונדעסטוועגן נישט געווען קיין מענטש אָן א הארץ. ער האָט אפילו צוגעשיקט אַן אויטאָ, וואָס האָט אויפן וואַרשע־ווער לשון געהייסן: אויטאָקאַראַוואַן. ער האָט צוגעשיקט דעם וואָגן שוין נאָך האַלבער נאַכט אויף דער שטילער גאַס וו., ווו ס'האָט געוואַרט דער שניידער קאַגאַן. פון דער מאַשין איז אויסגעשטיגן דער שאָפער און נאָך א מענטש מיט א געל בערדל און אויסגעטריקנט פּנים. ער האָט גע־שמעקט מיט בית־עולם. — ווער מען דאַרף מען דאָ טאָן דעם לעצטן חסד?

— האָט ער געפרעגט אויף א קול. ער איז ארויס, אין א ווײַלע שפּעטער איז ער צוריקגעקומען מיטן שאָפער.

דער שניידער קאַגאַן האָט בדעה געהאַט נאָכצוגיין דעם זון צופוס, ווייל אזוי פאָדערט דער דין, אָבער דער מענטש מיטן געלן בערדל האָט אויף אים א קוק געטאָן מיט פּירהאַלט. — אַן אויטאָקאַראַוואַן — האָט ער

געזאָגט — מאַכט זעכציק קילאָמעטער א שעה. איצט איז נאַכט, די גאַסן זײַנען פּוסט, מיר וועלן פֿאָרן מיטן גאַנצן אימפּעט. זעצט זיך לעבן אונדז. זיי האָבן אים אַרײַנגענומען צווישן זיך, געלויבט אים דערפֿאַר, וואָס ער איז אַזוי קליינטשיק ווי א קינד און פֿאַרנעמט נישט קיין סך אָרט. זיי האָבן געלאָזט אין גאַנג דער מאָטאָר, פֿינצטער און שטיל איז געווען אויף די וואַרשעווער גאַסן, די נאַכט — נאָכן הייסן טאָג — האָט געזונ־קען אין שטערן. ס'האָבן געשמעקט ליפּע־ביימער.

צוויי קבֿרנים האָבן געוואַרט. האַרט ביים מויער, כּדי עס זאָל נישט זײַן קיין שום ספֿקות, האָבן זיי ביים שײַן פֿון לאַמטערנדלעך אויסגע־גראָבן א קבֿר. אויסגעגראָבן און פֿאַרשאָטן. אָפּגעטאָן די אַרבעט, האָט איינער פֿון די קבֿרנים, דאָס פּנים פֿאַרזונקען אין דער פֿינצטערניש, אָנ־שפּאַרנדיק זיך אויפֿן רידל, אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך א מטבע. זײַן חבֿר, א העכערער פֿון אים אין וווּקס, האָט אים געמוסרט אויף א קול.
— ביי אַזעלכע — האָט ער געזאָגט — נעמט מען נישט. — אָפּגעזאָגט עס, האָט ער זיך געלאָזט גיין פֿאַרויס. דער צווייטער קבֿרן איז אים נאָכגעגאַנגען. — פֿאַרוואָס — האָט ער געפֿרעגט — נעמט מען נישט ביי אַזעלכע? ער זעט אויס ווי א רבֿ. — גאַליציאַנער ייִדן זעען אַלע אויס ווי רבנים — האָט געענטפֿערט דער העכערער.

דער שנײַדער קאַגאַן איז געבליבן אַליין ביים קבֿר פֿון זײַן זון. ער האָט געזען קעגן דער שײַן פֿון ליכט, ווי מע האָט פֿאַרשיט דעם בן־מיכן מיט גרודעס פֿײַכטער ערד, ווי דאָס קבֿר האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן באָדן. דעם שנײַדער קאַגאַנס אויגן זײַנען געווען אויסגעטרוקנט ביז צום דנאָ, דער האַלדז טרוקן ווי מיט סמאָלע פֿאַרגאָסן. ער איז געוואָרן אַלץ ווײ־ניקער הערנדיק, אַלץ ווייניקער זעענדיק — א פֿאַרטרוקנט שטענגל פֿון א מענטשן, א שטיין מיט מאָך באַוואָקסן. א שטילקייט האָט געהערשט אַרום, צווישן שטיינער און ביימער, א שטילקייט איז געווען אויפֿן הימל, דעם אַכזריותדיקן אין זײַן מאַיעסטעט, דעם שפּאָטישן אין זײַן שיינקייט, דעם אַכזריותדיקן, שפּאָטישן און קאַלטן, ווי א קעניגרייך פֿון אײַז. א שטילקייט האָט געהערשט איבער דער שטאָט, וואָס איז געלעגן אין אָנמאַכט פֿון שלאָף. אָן אײַנצלנער ווי פֿאַרבלאָנדזשעטער אויטאָ־סיגנאַל, א ווײַטער גרילץ פֿון א טראַמוויי האָבן אָהער דערגרייכט ווי די אײנצי־קע סימנים פֿון לעבן. א שטילקייט האָט געהערשט איבער דער דאָזיקער ערד פֿון טויט. דער שנײַדער קאַגאַן איז געווען אין א צושטאַנד פֿון פֿאַר־שטיינערונג, געפֿיל־פֿאַרגליווערונג און נישט־זײַן. ווען־נישט־ווען האָט

זיך געוועקט אין אים דאָס לעבן — מיט א קורצן און אָפּגעריסענעם, טויבן און פארשטיקטן קרעכץ. די דאָזיקע קרעכצן האָבן אנטהאלטן דעם גאנצן לעבנס־וועג פון זיין זון — „דעם פערד", וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אויסשפאנען. די דאָזיקע קרעכצן האָבן אנטהאלטן די גוטע ווערטער, קיינמאָל נישט אפּירגעבערענגטע, די צערטלעכקייטן, קיינמאָל נישט ארויסגעוויזענע, ווייל אָרעמע מענטשן שעמען זיך סיי מיט גוטע ווערטער, סיי מיט הארציקע צערטלעכקייטן — דאָס איז געווען דער ווייטיק און די תרעומות צוליבן אומרעכט. די עוולה האָט געברענט דעם קליינטשיקן קערפער, וואָס האָט זיך ווי א טראנטע אראָפּגעלאָזט אויפן קבר פונעם בן־יחיד. די שטערן אויפן מזרח האָבן אָנגעהויבן בלאסער ווערן.

ווען די שטערן זיינען פארשווינדן, און די איבעראשנדיק שיינע פייערן פון דעם קאיאַר האָבן זיך צעפלאַמט אויפן הימל, האָט זיך א מחנה יונגע מענטשן באוויזן ביים פרישן קבר און מיט אן ענגן קרייז ארומגערינגלט דעם פארחלשטן פון פיין. זיי זיינען געווען א דרייסיק מאַן און אפשר מער. זיי האָבן געטראָגן בינטלעך בלומען, א סך בלומען. שטארקע הענט האָבן אויפגעהויבן דעם פאָטער פון דעם פייכטן קבר, האָבן זאָרגעוודיק און פריינטלעך איינגעריבן זיינע פארשטארטע גלידער. הייסע, יונגע קעפּ האָבן ארומגערינגלט דעם קאָפּ פון דעם טאטן, וועלכער האָט צוריק באקומען דאָס געשאנק פון זען, דעם שניידער קאגאנס אויערן האָבן ווידער אָנגעהויבן אויפנעמען די שטים פון לעבן. ארום אים האָט מען געהאלטן רעדעס. מ'האָט גערעדט וועגן דער עוולה, וועגן דעם אומרעכט, וועגן דעם מענטשן — אָט האָבן מענטשן ווידער גערעדט אויף א מענטשלעכער שפראך. צווישן די דאָזיקע שיינע ווערטער האָט פון מאָל צו מאָל זיך דערהערט זכריהס נאָמען. נאָכהער האָט צווישן די ביימער און די קברים, אונטערן הימל, וואָס האָט געפלאַמט מיט די פייערן פון קאיאַר, אויפגעקלונגען א ליד. דער שניידער קאגאן האָט עס נישט געקענט, ער האָט עס געהערט צום ערשטן מאָל. אָבער דאָס געזאנג האָט אים אינגאנצן אומגעקערט די פעיקייט פון פילן. און ערשט איצט, צום טאקט פון דעם דאָזיקן געזאנג אונטערן הימל, וואָס האָט אויף איין אָרט געפלאַמט און איז אויף א צווייטן נאָך געווען פינצטער, האָט זיך זכריהס פאָטער, דער אלטער שניידער קאגאן, צעוויינט.

פונדעסטוועגן האָט אין דעם געוויין געלעבט א האָפענונג — די האָפענונג, וואָס עס ברענגט די מענטשן־ליבע.

לעמבערג, יאנואר 1941.

דער לויטערער שטראָם

I

ווען אבער איז אויף צו מאָרגנס נאָכן קומען קיין ווארשע ארויס אין שטאָט, האָט ער נאָך אלץ — כאָטש עס איז שוין געווען עטלעכע חדשים נאָך דער מלחמה — געטראָגן דעם מונדיר פון אן אונטעראָפיציר, לויט וועלכן מ׳האָט געקאָנט דערקענען דעם נישטלאַנגאָניקן געפאַנגענעם. דאָס איז געווען א מאן א הויכער, א טרוקענער, מיט שווארצע אויגן, מיט א קאָפּ עטוואָס צו קיילעכיקן, מיט אַ פּנים, אויף וועלכן בייזלעכקייט האָט זיך געביטן מיט אומעט. צוליב דעם אומעט האָט דאָס פּנים געצויגן צו זיך אויפמערקזאמקייט.

אויף ניי־וועלט האָט ער דערזען דעם זעלבן ארט פארניכטונג, וואָס בעכטן. ער איז געקומען פון לאָדזש. ס׳איז יעדן איינעם באקאנט, וואָס פארא קליינער מהלך עס טיילט לאָדזש פון ווארשע. די דאָזיקע שטעט זיינען היינט מער פאררייניקט ווי ווען עס איז. טויזנטער מענטשן פאָרן טאָג־טעגלעך וועגן טויזנטער ענינים. די באוועגונג צווישן די ביידע שטעט איז באלעבט און סטאביל. וואָלט זיך דאָך געדאכט, אז א לאָדזשער איינוווינער דארף פון בלויזן הערן, נישט פארלאָזנדיק זיין שטאָט, זיך קאָנען פאָרשטעלן ווי ווארשע זעט אויס. ניין, אזא רואינירטע שטאָט, קאָן מען זיך נישט פאָרשטעלן.

גלייך ביים אריינפאָרן קיין ווארשע, ווו ס׳האָבן זיך אויסגעשיילט די ערשטע פּוסטע און פארברענטע הייזער, איז אבער אנטשוויגן געוואָרן. עס איז געשטיגן אין אים דער גרויל. פאר דעם, אויף וועלכן ער האָט גע־

קוקט, איז שווער געווען צו געפונען א נאָמען, א וואָרט. נאָך דעם אומ־באַשעדיקטן לאָדזש, איז אין דעם דאָזיקן בילד געווען עפּעס אזוינס, וואָס דער קאָפּ האָט עס נישט געקאָנט תופס זיין. ער האָט זיך כסדר געזאָגט: נאָך דעם ראָג ענדיקט זיך עס. עס האָט זיך נישט געענדיקט, נישט ביי דעם און נישט ביי דעם אנדערן, צו דער פאַרניכטונג האָט בכלל קיין סוף נישט געקומען. און די דאָזיקע רואינען האָט געשטעקט הויז נאָך הויז, גאַס נאָך גאַס, געגנט נאָך געגנט, א קאָסמישער צאָרן, גאָטס צאָרן, וועלכער שרייט פון די באַרגיקע פעלדזן. פון די פוסטע שטיגן, פון די פוסטע פענצטער, פון דער ערד, וואָס איז געווען אין זיי אויפגעשוואָלן, האָט געוויינט מיט אימה און מיאוסקייט, מיט נודנער נישטגוטקייט פון מתים.

עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד האָט ער זיך נעכטן צוגעקוקט צו דעם, וואָס ס׳איז פון שטאָט פאַרבליבן. אין עטלעכן פּייזאַזש האָט ער געדענקט פון זיין קינדהייט נאָך דער ערשטער מלחמה. אין די רואיק־אָפּגעבערנטע הייזער האָט ער דערקענט דאָס אַלטע באַקאַנטע פּנים פון דער געשיכטע. א ביימס, אַן אומגלויבלעך ביימס איז געווען די צאָל, דאָס, וואָס אַלע הייזער זיינען געווען פאַרברענט.

אויף ניי־וועלט זיינען געשטאַנען אָפּגעברענטע הייזער, אָבער זיי זיינען געשטאַנען. די אינעווייניקסטע רויטקייט פון א טייל הייזער האָט דערמאָנט די רויטקייט פון אַרומגעהאַקטע טעפּ. דאָרט, ווו עס האָט גע־פעלט א הויז, צווייז, דריי, האָט מען אין זיי זיך געקאָנט דערמאָנען. אן איינ־וויינער פון דער געגנט האָט צוריקקומענדיק, א צוזאַמענגעבראָכענער, געקאָנט זאָגן: דאָ איז עס...

אָבער ווען אבעל איז אריבער דעם קראַשינסקי־פּלאַץ און אריין אין דעם שטח פון דער אמאָליקער יידישער געגנט, א קוק געטאָן אויף לינקס און אויף רעכטס, פאָרויס און הינטער זיך, האָט ער, הגם שוין צוגע־וווינט צו די אנדערע געגנטן פון „דער אממיינסטן חרובער שטאָט אין דער וועלט״, נישט געוואָלט גלויבן די אייגענע אויגן.

זיך ריכטנדיק אויף דער פאַרניכטונג, האָט ער זיך געריכט אויף איר לויט דער מאָס פון די אנדערע געגנטן; ער האָט זיך געריכט אויף שפּורן, וואָס וועלן מעגלעך מאכן אויפצולעבן אין געדאנק דאָס, וואָס איז אמאָל דאָ געשטאַנען. עס זיינען קיין שפּורן נישט פאַרבליבן. עס זיינען נישט געווען קיין הייזער, מער אָדער וויניקער פאַרברענטע, מער אָדער וויניקער — רואינירטע, עס זיינען קיין הייזער בכלל נישט געווען. קיינע שום

מ׳יערן, קיינע שום קוימענס ,וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ האַרט לעבן,
קיין שום צייכן פון א גאַס, קיינע טראָטוארן, קיינע טראַמווײ־ליניעס, וועגן,
פלעצער, אויף קיין שום אָפּשניט איז נישט געבליבן עפּעס אַזוינס, אויף
וואָס דאָס אויג זאָל זיך קאָנען אָפּשטעלן. עס איז נישט געווען קיין שום
קעגנשטאַנד, וואָס ווערט אויפגעשטעלט דורך דער אָרגאַניזירטער מענטש־
לעכער האַנט און דערמעגלעכט פעסטצושטעלן, ווי א מענטש געפינט
זיך. אויף א שטח, וואָס דאָס אויג האָט קוים געקאָנט ארומנעמען, ווו עס
האָט זיך אַמאָל געפונען דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין אייראָפּע,
איז גאָרנישט געווען אויסער גרוז און שטיקלעך צעהאַקטע ציגל, פאַר־
דעקטע דאָ און דאָרט מיט געלע און גרויע בלעכן, ווי נישט־געגאַרבטע
אָקסן־פעלן. דאָ איז די שטאָט געווען אָפּגעמעקט, אראָפּגעטראָגן פון דער
אויבערפלאַך, ווי א געצעלט פון א פעלד. האַרט זיינען געווען בר־מינגס,
דאָ איז צומאָל קיין בר־מינן נישט געווען. אויף דעם אָרט איז די שטאָט
געווען צעשמעטערט, אָפּגעווישט, קיין שטיין אויף קיין שטיין איז נישט
פאַרבליבן. ווו עס אַמאָל געשטאַנען א שטאָט, איז איצט געלעגן גרוז. און
כאָטש אונטער די גרוז־פעלדער האָבן געררוט מער מתים איידער ווי אויף
הונדערט בית־עלמינס, איז דאָ קיין זכר נישט געווען פון קיין בית־עלמין.
עס איז געווען א וויסטקייט פון אַן אָפּגעמעקטער שטאָט, וואָס איר נישט־
דויערהאַפטע, נישט־דייטלעכע און פאַרפירערישע געשטאַלט האָט געֿ
שווינדלט אין זכרון פון דעם צושויער. אין אָנגעזיכט פון דער דאָזיקער
וויסטקייט האָט אבעל שוין נישט געפילט די באַדערפעניש אָפּצוגעפינען
דאָס הויז, ווו ער האָט אַמאָל געוווינט, — א באַדערפעניש, וואָס איז אַזוי
אומפאַרשטענדלעך, ווי טיף. די דאָזיקע שטאָט, איידער זי איז אויסגע־
גלייכט געוואָרן אין טויט, איז זי געווען אויסגעגלייכט אין ליידן. דאָ
האָט מען נישט געטאָרט ווייגען איבער קיינעם באַזונדער. דער געקומע־
נער האָט זיך געזעצט אויף א הויפן ציגל. ארום האָט געהערשט א טוי־
טע שטילקייט, און די איינציקע שטים פון לעבן איז געווען דער שאָרך
פון די קאַנאַלן, וואָס פליסן אונטער דער ערד. ערגעץ ווייט צווישן די
בערגלעך גרוז זיינען פאַרבייגעגאַנגען אין א געזונדן־שורה עטלעכע פער־
זאָנען. איבער דער שטאָט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א וויסטע,
איז געהאָנגען א פאַרכמאַרעטער און קאַלטער הימל.

ווי דורך א דרימל האָט ער דערהערט טריט. ווען ער האָט אָן חשק
אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט ער דערזען א פרוי, וואָס גייט אין זיין ריכ־
טונג, די שרעק אין אים האָט אָפּגעטראָטן איר אָרט דער פעסטשטעלונג,
וועלכער ער האָט נישט געוואָלט גלויבן. ער האָט פעסטגעשטעלט און

געצווייפלט, געצווייפלט און פעסטגעשטעלט נאָכאַנאַנד. דאָך האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט זיך אויפגעהויבן ערשט דעמלט, ווען די פרוי האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן אים, אַן אויפגעטרייסלטע פונקט ווי ער, און הגם אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך א וואָרף געטאָן צו איר מיט א געוויין, איז ער שווייגנדיק געשטאַנען אויפן אָרט. בלויז די שוואַרצאַפּלען האָבן זיך אים פאַרברייטערט און פאַרשמעלערט, טיפע אינערלעכע איבערלעבונגען באַוועגן זיי אויף אַזאַ אופן.

זי האָט די ערשטע אַ געשריי געטאָן און ווי אַמאָל, איז דער ב אין זיין נאָמען פאַרשווּנדן.

— אבעל!

דאָס קול איז אים אָפּגעשטאָרבן, ווי בעת א שווערן אָנפאַל. ערשט נאָך א געוויסער צייט האָט ער געענטפערט:

— אמעליע...

II

די געשיכטע פון דעם בליץ־קריג־פּעריאָד, די געשיכטע פון דער לעצטער צייט, די דאָזיקע אולטרא־מאָדערנע געשיכטע אויף אלע שלאַכטפעלדער, אויף דער יבשה, אויפן וואַסער, און אין דער לופט איז אינגאַנצן אַן אַנדערע געווען אין די לאַגערן. פון טאָג אויף טאָג האָט דער מענטש מיטן ענדערן דאָס אָרט, אַזוי ווי געענדערט דאָס יאָרהונדערט, אין וועלכן ער האָט געלעבט. אין געוויסע שטעט איז גענוג געווען צו טוישן די גאַס, אַז מען זאָל זיך צוריקציען אויף עטלעכע יאָרהונדערט אין דער געשיכטע. די געפאַנגענע אין די לאַגערן זיינען פון מענטשן, באַשעפטיקטע אומאויפהערלעך אויפן היינטצייטיקן שטייגער, געוואָרן מיטאַמאָל מענטשן, וואָס ליידן פון צופיל פרייער צייט. און ערשט איצט האָבן זיי געקאָנט א טראַכט טאָן וועגן אַסך ענינים, פאַר וועלכע זיי האָבן פריער קיינמאָל נישט געפונען קיין געלעגנהייט.

ערשט אין לאַגער — אין דעם ציכטיקן נישט־גרויסן דייטשישן שטעטל, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָפלאַג, אין וועלכן ס'האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַן ערך זעקס טויזנט מענטשן — האָט דער פאַרשפאַרטער אבעל אָנגעהויבן באַנעמען אמעליעס גרויסע מעלות, וואָס אויף דער פריי זיינען זיי צו אים דערגאַנגען מן־הצד, דורך דער אָנערקענונג פון אַנדערע; אליין האָט ער ווייניק אכט געלייגט אויף זיי. מיט אמעליען האָט ער זיך באַקענט אין יאָר 1937, ער האָט דעמלט אָנגעהויבן ווערן זעלב־

שטענדיק אַלס אַרכיטעקט. דאָס איז געווען אַ פֿאַרטראַכט, מאָגער, גאָר יונג מיידל. זי איז שענער געוואָרן פֿאַר זיינע אויגן, און אין אַ געוויסן טאָג האָט אַבעל פֿעסטגעשטעלט, אַז איר אַרט שיינקייט געהערט צו די זעלטענע. זי איז געווען אַ טונקעלע, ווּקסיקע און האַרמאָנישע, מיט אַ פּנים, וואָס פֿאַרמאָגט נישט קיין שטרענגקייט, דאָס פּנים פֿון אַ מאַדאָנע, וואָס איר פֿרוילעכקייט איז גלייכצייטיק אַזוי ווי איר פֿאַרלייקענונג, אַזוי ווייט פֿאַרטשעפּעט עס נישט. איינגעשלאָסן אינעם ריטם פֿון בויגן־ליניעס, האָט דאָס דאָזיקע פּנים וויברירט מיט ליכט און פֿאַרב, ווי דער רוים פֿון אַ קלויסטער. אַ צופֿעליקער הינטערגרונט — דער טינק פֿון אַ וואַנט, אַ פּיצל הימל — צונויפֿטרעפֿנדיק זיך מיט אַמעליעס פּראָפֿיל, האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַראַבעסק, אַ וווּנדערלעכע פֿאַר זיך אַליין, ווי די קונסט פֿון די אַבסטראַקציאָניסטן. קוקנדיק אויף אַמעליען זיינען מענטשן שטיין געבליבן שטום ווי פֿאַר בערג, פֿאַרגאָסענע מיט לבנה־ליכט, ווי פֿאַר אַ שׂרפֿה. אַמעליע האָט די, וואָס האָבן געקוקט אויף איר, דערמאָנט אין עמעצן, נישט זי האָט דערמאָנט, נאָר אויסגעלייזט די בענקשאַפֿט נאָך שיינקייט, וואָס איז אַלט ווי די וועלט, און שטעקט אין יעדן פֿון אונדז.

כל־זמן זיי זיינען געווען צוזאַמען צוויי יאָר, אין דעם — איין יאָר אַלס פֿאַרפֿאַלק — האָט אַבעל וויניק רעאַגירט אויף דער דאָזיקער שיינקייט; ער האָט זיך נאָך אין איר נישט געניטיקט. דאָס הויז פֿון אַמעליעס עלטערן — דער פֿאָטער איז געווען אַ לונגען־דאָקטאָר — האָט געהערט צו דעם מין וואַרעמע. אין דעם ערשטן פּעריאָד איז אַבעל מער פֿאַרליבט געווען אין דער משפּחה, ווי אין דער פֿריילין, ווייל אַליין האָט ער געשטאַמט פֿון אַ היים, וואָס האָט נישט געוווּסט פֿון קיין שמייכל, דער פֿאָטער האָט געהאַסט די מוטער און יאָרנלאַנג מיט איר נישט גערעדט. אַבעלס האַרץ האָט אַמעליע דעראָבערט פֿאַר אַלעם דערמיט, וואָס זי פֿלעגט זיך הייס איבערנעמען מיט די גוטע און שלעכטע שטימונגען פֿון איר מוטער. דער מוטערס עסן מיט אַפּעטיט, איר גיין צום פֿריזירער, פֿון וואָס מען האָט געקאָנט דרינגען, אַז עס קערט זיך אום צו איר דער אינטערעס צום לעבן, אָדער פֿאַרקערט, איר נישט וועלן קיינעם זען, איז געווען פֿאַר אַמעליען אַן איבערלעבונג. און דאָס טאַקע האָט אין דער ערשטער צייט אַממיינסטן גערירט אַבעלן.

פֿאַרליבט אין דער פֿאַמיליע, האָט ער אין דער אויסדערוויילטער אויסגעפֿונען אָביעקטיוו אַלץ, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר ליבעווירדיק. ווייל ער האָט געוואָלט ליבן, האָט ער איינגערעדט זיך און אַמעליען, אַז ער ליבט. ער האָט דערום גערעדט אַ סך ווערטער, וואָס האָבן נישט פֿול־

שטענדיק געפונען קיין דעקונג. ער האָט זיי געריעדט מיטן באַוווסטזיין פון זייער איבערפלעכלעכקייט, מיט לייכטן רעזערוו, וועלכער האָט אים דורכגענומען מיט אַן אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין, ווייל ער האָט נישט געהערט צו די נישט־אידעלע באַשעפענישן. ער האָט געוואָלט ליבן, נאָר אַ טירעלע אין דער נשמה האָט זיך לאַנג נישט צוגעמאַכט. ערשט די יאָרן פון געפאַנגענשאַפט האָבן פעסט פאַרמאַכט דאָס דאָזיקע טירעלע. די מורא, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועט אַמעליע אויפדעקן זיין ליגנט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומזיסט, אין לאַגער האָט ער זיך אויף אַ רעכטן אמת פאַרליבט אין זיין פרוי. ער האָט זי אַנטדעקט אַלס מענטש און אַלס פרוי, און אַ סך פון דעם וואָס האָט אים פריער געערגערט, איז אים ערשט איצט געוואָרן טייער. דאָס וואָס אירע געפילן זיינען געווען נישט לייענבאַר און שטיל אין קעגנזאַץ צו אים; וואָס זי האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן כאַראַקטער, דעמלט ווען אים האָט ער געפעלט; וואָס זי האָט געקאָנט ווירדיק פאַרטראָגן די אומבאַרעכטיקסטע פאַרוווּרפן און נישט פאַרענטפערן זיך אַזוי לאַנג ווי אין אים האָט אָנגעהאַלטן דער כּעס — אַ טאַלענט, וואָס נישט פיל זיינען מיט אים באַשאָנקען; וואָס זי האָט געקאָנט זיין דערפאַרענער, קלוגער, עלטער, כאָטש זי איז געווען אַזויפיל יונגער; וואָס זי האָט געקאָנט צו אים זיך באַציִען ווי צו אַ קראַנקן — אין ליבע מוז איין צד שטענדיק זיין אויף די רעכט פון אַ קראַנקן — און אַ סך, אַ סך אַנדערע שיינע שטריכן און פּרטים, וואָס זיינען געוואָרן פאַרשטויבט דורך דער טאָג־טעגלעכקייט — האָבן ערשט איצט אויפגעלעבט, וועקנדיק אין אים געריִרטקייט און אַנטציקונג. אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט אַמעליען, האָט באַקומען אַן איגנטימלעכן טעם: דעם טעם פון געוויסע פרימאָרגנס, דעם טעם פון זיסקייט און ווייטיק. דאָס האַרץ האָט אים דערביי אַ ביסל וויי געטאָן, ווי שטענדיק ווען מע איז פאַרליבט.

באַזונדערס טייער איז אים געוואָרן די לעצטע צייט פון זייער צוזאַמענלעבן. אין יאָר 1939 האָט זיך די באַפעלקערונג נישט געשראָקן פאַר קיין מלחמה, ווי אַ קינד שרעקט זיך נישט פאַר קיין פּיסטאָלעט. שרעק פאַר מלחמה האָט אַבער אַרויסגעלייענט פון אַמעליעס אויגן. זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין שמועסן אויף דער דאָזיקער טעמע, זי פלעגט אַוועקגיין פון טיש. נאָך דער רעדע פון בעקן אויף דער טעמע פון קאָרידאָר, האָט זי זיך צעוויינט. איינמאָל האָט אַבער, אַהיימקומענדיק, איבערגעחזרט די ווערטער פון אַ מאָסגעבנדיקער פּערזאָן, אַז די פּאָליאַקן זיינען נישט קיין טשעכן, און אַז זיי וועלן שיסן. ווען ער האָט זיך אויף

צומאָרגנס איבערגעוועקט אינעם צימער, אין וועלכן עס האָט געהערשט די מערדערלעכע שטילקייט פון באַגין, איז אַמעליע נישט געשלאָפן. זי האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעקוקט אין אים. פון דעמלט אָן פלעגט ער אָנטרעפן איר בליק יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי פלעגט נישט ענטפערן, ווען ער האָט זי געפּרוּווט טרייסטן, אַז די דייטשן האָבן נישט וואָס צו עסן, אַז זייערע טאַנקען זינקען פון בלעטע און אַז ענגלאַנד וועט נישט דערלאָזן. אבער האָט שפּעטער באַקומען דעם איינדרוק, אַז זי האָט פאַרגעפּילט דעם קאַטאַקליזם, וואָס דערנענטערט זיך. ביין זי האָט וואָס אַן אמת איבערגעלעבט אַ שווער יאָר, ווייל דאָס ערשטע יאָר פון איר חתונה איז אייגנצייטיק געווען דאָס ערשטע יאָר פון איר לעבן אַלס פרוי, אָבער זי האָט געליבט דעם מאַן און געהאַט אַ היים. אין די לעצטע נעכט האָט זי אים גענומען ווי אַ היילִיקטום, מיט אויגן אַזעלכע קלאָרע, אַז ער האָט נישט געקאָנט אין זיי אַריינקוקן. ווען זי האָט אים באַגלייט צום וואָקזאַל דורך דער שטאָט, וואָס איז געווען באַלעבט ווי אין אַן ערב־יום־טוב, האָט אבעל פעסטגעשטעלט, אַז איר קול האָט באַקומען אַ קלאַנג, וואָס איז אים ביז היינט אומבאַקאַנט געווען און געפּלאָסן ווי פון אומבאַקאַנטע קוואַלן. זי האָט אַרויסגערעדט די ווערטער מיט קראַפט, ווי זי וואָלט זיי אונטערגעשפּאַרט, וואַרשיינלעך אויס שרעק, אַז זי וועט זיי נישט קענען אַרויסזאָגן. ווען ער האָט פון פענצטער פון דער אָפּפאָרנדיקער באַן אַ קוק געטאָן דאָס לעצטע מאָל אויף דער דאָזיקער וווּנדערבאַרער פּערזאָן, אַן איינגעשרומפּענע, ווי די ביינער וואָלטן פון איר געווען אַרויסגענומען, האָט ער צום ערשטן מאָל דערפּילט די שרעק פון דער מלחמה. און ער האָט אויך באַנומען דעם אַלטן אמת, אַז דער טיפסטער ווייטיק דערגרייכט אונדז קודם־כל דורך די פּערזאָנען, וועלכע מיר האָבן ליב.

אירע געפילן זיינען געווען נישט־לייענבאַר און נישט־דורכדרינגלעך — וואָס דאָס האָט כסדר געמאַכט שטייגערן דעם זיגזאַג פון זיינע געפילן, — אָבער אין דעם לעצטן פּעריאָד, האָט ער געקאָנט פעסטשטעלן, אַז דאָס פייער, וואָס ער האָט אָנגעצונדן, האָט זיך אָנגענומען. דעמלט האָט ער זיך פאַרגעוואָרפן, אַז ער באַקומט מער, ווי ער פאַרדינט זיך עס.

ווי די מערהייט געפאַנגענע, האָט ער געלעבט מיט די בריוו, מיט די דאָזיקע אין איראָפּע גוט־באַקאַנטע בלאַנקעטן — קריגסגעפאַנגענפּאָסט — וואָס איין העלפט אין זיי איז באַשטימט געווען אויף אַן ענטפער. אַמעליע האָט אים פאַרוווּנדערט. טראָץ אַלעם האָט ער נישט דערוואַרט אַזאַ

היציקייט. ער האָט זי געדענקט ווי אַ האַרמאָנישן מענטש און געצווייפלט אין אַזאַ שפע געפילן, וואָס זײַנען איצט געקומען פאַר אים צום אויסדרוק. געצווייפלט, ווייל ער האָט געהערט צו דעם מין צווייפלער. ער האָט אויך געצווייפלט דערפאַר, ווייל ער האָט, ווי די מערהייט מענער, געהאַלטן, אַז גרויסע שיינקייט זעטיקט זיך מיט זיך אַליין, כאָטש שיינקייט איז בלויז דאָס, וואָס באַקוועמלעכקייט פאַר אַ מענטש אַ צוגעוווינטן צו באַקוועמלעכקייטן; איז אַ הייטל, קוים אַ הייטל.

עס פלעגט טרעפן, אַז אַמעליעס ענטפערס האָבן זיך פאַרשפעטיקט. די לײַדן האָבן אים פולשטענדיק אונטערגעשניטן, ווי געוויינלעך מענטשן מיט שטאַרקע געפילן. ווען די בריוו זײַנען שפעטער אָנגעקומען, האָט ער שוין אפילו נישט געהאַט דאָס באַדערפעניש זיי צו לייענען. דאָס נישט באַקומען קיין ידיעות פון אַמעליען האָט אים אָפּגעריסן פון מענטשן, האָט אים באַוויגן צו איינזאַמקייט. יעדער בריוו, איבערהויפּט נאָך אַן איבעררייס, האָט אין אים אַרויסגערופן אַ היפּאָכאָנדריק געפיל.

די פאַראַכטונג צו מענטשן האָט געמוזט מאַכן די דייטשן גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס די געפאַנגענע האָבן געשריבן וועגן זיך, און וואָס מען האָט צו די געפאַנגענע געשריבן. די צענזור האָט כמעט נישט געשטראָכן קיין בריוו, און אין לאַגער האָט מען געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד. אין אויגוסט 1942 האָט זיך באַוויזן אין דער אונטערערדישער לאַגער־אויסגאַבע אַן אַרטיקל וועגן די שחיטות אין דער יידישער געגנט אין וואַרשע. אַבעל האָט אויפגעהערט צו באַקומען בריוו.

עס איז געווען אַ זומער־נאַכט, אַ ווײַטיקלעכע אין איר שיינקייט. אין צוויי קליינע צווישן־זיך־פאַרייניקטע צימערלעך, זײַנען בײַן מענטשן געלעגן אויף שטרוי־זעק, אָבער קיין איינער איז נישט געשלאָפן. אַבעל איז געזעסן בײַם פענצטער. פון צייט צו צייט האָט עמעץ פון די ליגנדיקע זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו אים מיט אַ טרייסט־וואָרט. זייט צוויי טעג האָט קיינער נישט געהערט זיין קול. קיינער האָט נישט געזען, ער זאָל האָבן עפּעס געגעסן. ער האָט געשטעקט בײַם פענצטער בײַטאָג און בײַנאַכט, איינגעהאָרכט אין דעם נישט־האָרכבאַרן געשריי פון דער געמאָרדעטער שטאָט. איבער זיין קאָפּ האָט, ווי איבער אַ ראַדיאָ־אָפּנעמער, געפלאַמט די שטים פון דער ווייטער פײַן. ער האָט נישט געקאָנט אײַנשטילן אין זיך די וואַכזאַמקייט און די אויפמערקזאַמקייט, אָן וועלכע מע קאָן נישט לעבן. ווי בעת די שווערסטע אייפערזוכט־אַטאַקעס, האָט ער נישט געהאַט די דרייסטקייט אַ קוק צו טאָן אויף אַמעליעס פאָטאָגראַפיע, אַזאַ ווייטיק האָט פון איר געשלאָגן. דאָס פאַרברעכן איבער אַמעליען איז

פאַר אים געווען דער סך־הכל פאַרברעכנס איבער פיר הונדערט טויזנט נפשות. אין די דאָזיקע טעג איז ער געוואָרן פאַרזשוכט. ער האָט זיך אויפגעגעסן — האָבן צווישן זיך גערעדט די חברים.

ער האָט באַקומען צוויי בריוו, וואָס אַלס זייער אַרויסשיקער איז געווען אָנגעגעבן אַ פּערזאָן מיט אַן אומבאַקאַנטן נאָמען: אננא זיך. דאָס איז געווען אַמעליעס ביי'ער נאָמען. זי איז ניצול געוואָרן. זי האָט געוווינט אויף דער קאַניאַווסקי־גאַס, אויף זשאַליבאָזש. לייענענדיק דעם דאָזיקן נייעם אַדרעס, האָט אַבעל געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי האָט פאַרטוישט דאָס לאַנד. נאָך צוויי בריוו איז געקומען אַן איבעררייס, און אַבעל האָט זיך פאַרגעוואָרפן, אַז ענטפערנדיק אויף די בריוו, איז ער אויך געווען אומפאַרזיכטיק, ווי אַמעליע. אין קורצן האָט זי זיך ווידער אָפּגערופן. זי האָט געשריבן: איך האָב עפּעס וואָס דורכגעמאַכט פאַר דער לעצטער צייט. אויף דעם אָרט האָט דעם לייענער פאַרפעלט אָטעם. אַלץ איז געווען דורכזיכטיק, ווייל ס'איז געווען אַלגעמיין.

נאָכדעם איז געקומען אַ צייט פון בריוו מיט ווייניקער הערצלעכקייטן און איינגענומענע אייגנשאַפטס־ווערטער. אין דער דאָזיקער שפּראַך פון לידן, וואָס פאַר אַ באַדייטונג — וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן — קענען האָבן אייגנשאַפטס ווערטער? דאָך — זייער פעלן, דאָס פעלן פון אייניקע צייטווערטער, זייער ווינציקערע צאָל איידער אַמאָל, אַ געוויסע ענדערונג פון לשון האָבן געמאַכט פאַרזינקען אַבעלן אין אַ טיפן ווייטיק שוין פון אַן אַנדערן מין. אַליין איז ער געווען גאָרנישט, טאָמער גאָרנישט. ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט אַנדערע אָפּיצירן־יידן אין דעם באַזונדערן בלאָק E 14, וועלכן מ'האָט גערופן יודען־בלאָק. אין דער ביוראָ איז זייער עווידענץ געפירט געוואָרן באַזונדער. זיי האָבן יעדן טאָג דערוואַרט דעם סוף. אַלע איך לאַגער זיינען געווען איבערצייגט, אַז דער גורל פון בלאָק E 14 וועט זיין אַנדערש ווי דער גורל פון אַלע איבעריקע. זי דאָרט, אויסבאַהאַלטנדיק זיך אויף דער אַזוי־גערופענער אַרישער זייט, איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ טויט־אורטייל, וואָס יעדער האָט געקאָנט זיין זיין אויספירער, און פונדעסטוועגן... און פונדעסטוועגן האָט ער אין זיינע געדאַנקען, גאַרונגען און באַגערן נישט אויפגעהערט צו זיין פריער פאַר אַלעם אַ מאַנצפּערשוין און זי — אַ פרוי. ער האָט איר געשריבן, אַז נישט גיבנדיק איר גאָרנישט, האָט ער אויך גאָרנישט דאָס רעכט צו פאָדערן, און ער לאָזט איר אין אַלעם פרייע הענט. אויף דעם האָט ער באַקומען אַן ענטפער אַזאַ הייסן, אַז וועגן קיין בעסערן האָט ער נישט געקאָנט טרוימען. אָבער נאָכדעם איז זי פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן. ווען

זי האָט זיך ווידער אָפּגערופן, האָט דער בריוו קעגן אַלע דערוואַרטונגען נישט געהאַט נישט קיין געענדערטן פאַמיליע־נאָמען און אַדרעס. הייסט עס, קיין אויסערלעכע שטערונגען זיינען נישט געווען. דערפאַר אָבער איז ער געווען געשריבן מיט דריי פאַרשידענע מינים בליי־פעדער. פון דעמלט אָן האָט זי שוין נישט געשריבן אין איין אָטעם, ווי אין אָנפאַנג, פאַרקערט, ס'איז געווען צו זען, אַז זי האָט נישט ליב די דאָזיקע בריוו, אַז זי צווינגט זיך שטאַרק זיי צו שרייבן.

די קאַטוילן, וועלכע פאַרמאָגן די קענטשאַפט פון מענטש, דערוואַרבן נישט פון הייַנט, באַהויפּטן, אַז דער אייגנטלעכער געביט פון געראַנגל און איבערברוכן איז די מענטשלעכע נשמה. אַזוי פיל מאָל האָט אים געמאַכט גליווערן דער געדאַנק, אַז זי וועט פון אים אַוועק, אומקומען, אָדער אַוועק — אַנדערש קאָן עס נישט זיין — אַז ווען אויפן סמך פון די אַלץ זעלטענער אָנקומענדיקע בריוו, ווי אויך די סוגערירנדיקע און באַלערנדיקע געשפּרעכן, איז ער געוואָרן כמעט זיכער, אַז שוין, ווי ער האָט דאָס באַצייכנט פאַר זיך אַליין, האָט ער דאָס איבערגעטראָגן פאַר־העלטנישמעסיק רואיק. די מענטשלעכע כוחות זיינען באַגרענעצט, איבערלעבונגען, ווי טעמפּעראַטור האָבן זייער העכסטע גרענעץ. טראַגעדיעס, אויפן פּאָן פון פּאַראַט, זיינען אין לאַגער געווען טאָג־טעגלעך ברויט. די פּרויען אויף דער פריי האָבן אָנגעבונדן נייע באַציונגען, האָבן געבוירן פאַר אַנדערע מענער, געשווומען אויף דער פאַרשידנאַרטיקער כוואַליע פון דעם לעבעדיקן לעבן. נאָך דער העכסטער פאַרצווייפלונג ביי די געפאַנגענע, וואָס האָבן געליטן פון פּאַראַט אין דעם ערשטן פּעריאָד, האָבן די שפּעטערדיקע ווייניקער געליטן, ווייל זיי האָבן זיך שוין אָנגעליטן פון מיטגעפיל און מורא. אַזאַ איז געווען דאָס אַלגעמיינע געזעץ, און אַבעל איז אים געווען אונטערגעוואָרפן צוגלייך מיט אַנדערע.

אין אָקטאָבער 1944, זיינען אָנגעקומען אָפיצירן פון וואַרשעווער אויפשטאַנד. — די מערהייט פון זיי איז געווען געקליידט ציוויל. זיי האָבן בלויז געטראָגן וויס־רויטע בענדער אויפן אָרעם. זיי האָבן זיך מיט נייגער אַרומגעקוקט איבערן לאַגער און אָנגעהויבן מיט פראַגן, צי מע וועט זיי איבערשולן, און צי אין זעקס וואָכן אַרום וועט פאַרקומען דער געמיינזאַמער דייטש־ענגלישער אָנגריף אויף רוסלאַנד. די, וואָס האָבן זיי צוגערעדט צו גיין אין געפאַנגענשאַפט האָבן זיי פאַרזיכערט, אַז דאָס זיינען שוין באַשלאָסענע זאַכן. די אויפשטענדלער האָבן,

אין קעגנזאץ צו די אלטע געפאנגענע, געהאט אויסשליסלעך פאָליטישע פאראינטערעסירונגען. מ'האָט זיי צעוואָרפן איבער אַלע בלאָקן.

צוזאמען מיט די אויפשטענדלער איז אָנגעקומען אבעלס און אל־טער אוניווערסיטעט־קאָלעגע, טאדעאוש מאזורעק. ער האָט א סך גע־ווסט וועגן אמעליען און געהאלטן, אז מע דאַרף נישט איבערלאָזן מענטשן אין זייערע אילוזיעס.

יאָ, עמעץ אנדערש איז געווען אין אמעליעס לעבן. אָבער נישט דאָס דאָזיקע איז געווען פאַר אַבעלן אַן איבעראַשונג. אַן אמתע איבע־ראשונג איז ער אליין געווען פאר זיך. פארן אָנקומען פון די אויפ־שטענדלער האָט ער דורכגעלעבט א פעריאָד פון אפאטיע. ער האָט גע־האלטן, אז ער האָט שוין אינגאנצן אויסגעשעפּט זיין געפילס־קאפּיטאל, און אָט האָט זיך פאר אים אויפסנייַ צעעפנט א גהינום. ער איז געווען פארוונדערט פון דער קראפט פון זיינע אייגענע ליידן, ער האָט שוין נישט דערוואַרט אזעלכע כוחות אין זיך. עס האָט זיך אים געדאכט, אז ער האָט שוין מיט אלץ שלום געמאכט. ער פלעגט זיך זאָגן דאָס זעלבע וואָס אנדערע: עס איז געשען דאָס, וואָס ס'האָט געמוזט געשען. האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער האָט זיך נישט געקאָנט. ער האָט זיך אויפגעריסן אין מיטן דער נאכט מיט אן אימה און געפאלנקייט אין זיין נשמה. ער האָט זיך געשטיקט, ווי עס וואָלט אויסגעפעלט לופט אין צימער. זיין לאגע האָט אים אויסגעזען צו זיין ביטער, אומדערטרעגלעך ביטער.

אז ער האָט שוין נישט געהאט אמעליען פאר זיך, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז עס איז אין אים אָפּגעשטאָרבן די פעאיקייט צו פרייען זיך. ביין, ער איז אפילו פעאיק געווען אויף אזא משוגענער פרייד, וועלכע לאָזט זיך פארגלייכן בלויז מיט דער פרייד פון א הונט, וואָס ווילדע־וועט איבערן הויף דעם ערשטן ווארעמען טאָג נאָך ווינטער. דעם אכטן מאי 1945 האָבן מיר איבערגעלעבט די דאָזיקע פרייד. אויך אבעל האָט זי איבערגעלעבט דעמלט, ווען צום לאגער 3 E האָבן זיך דערנענטערט די רוסישע חיילות.

III

זי האָט מיט בולטער גערירטקייט, מיט גוטע פייערלעך אין די אויגן איבערגעחזרט זיין נאָמען. זיין בריוו און קארטל האָט זי דערהאלטן און זיך שטארק מיט זיי דערפרייט. צען מאָל האָט זי זיך גענומען אים ענט־פערן, אָבער זי קאָן אליין נישט זאָגן פארוואָס זי האָט נישט געענטפערט.

נאָך מער, זי האָט געוואָלט פאָרן צו אים, קיין לאָדזש, אָבער שטענדיק האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ מניעה. זי פאַרשטייט פונדעסטוועגן נישט, פאַרוואָס ער איז, זייענדיק אין װאַרשע, נישט געקומען צו איר און האָט זיך פאַרלאָזן אויף אַזאַ אומגעװיינלעכן צופאַל װי אָט־אָ די באַגעגעניש. „ער װאָלט באַדאַרפט פּראָסט־פּשוט קומען". ער האָט געקוקט אויף איר באַהערשט פון פריידיקע אויפטרייסלונגען, אין װעלכע עס האָבן זיך באַפרייט כוחות, װאָס זיינען שוין יאָרן געװען אונטערדריקט. ער האָט געזונקען אין זייערע צערטלעכע, אין זייערע געבענטשטע אומזעעבאַרע נעפּלען. ער איז געגאַנגען לעבן איר באַפרייט פון דער נויטװענדיקייט צו ריידן, װאָס קומט אויף ערשט דעמלט, װען די גערירטקייט װערט אָפּגעקילט. אַן אַרויסגערעדטער װייטיק איז שוין אַ געלינדערטער װייטיק. אין זיין היינטיקער געשפּאַנטקייט איז װייטיק: געשריי, אָדער שװייגן. ער האָט זיך צוגעהערט צו איר און באַגערן. זי איז געװען לעבן אים.

װען ער האָט צוריקגעװונען דאָס באַװוסטזיניקע זען, װי דאָס הייסט ביי די מאָלער, האָט ער אַ װיילע, װי דורך אַ טאָפּלט עקספּאָנירטן נעגאַטיװ, געזען צװיי פּנימער: דאָס, װאָס ער האָט געדענקט, האָט זיך געפונען אין דעם, אויף װעלכן ער האָט געקוקט. ער האָט פעסטגעשטעלט געװיסע, קוים באַמערקבאַרע ענדערונגען. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז זי פאַרמאָגט נאָך כוחות װי אַמאָל. אין משך פון די לעצטע חדשים האָט ער זיך נישט איינמאָל געזאָגט: איך באַגיי זיך װי צומערגסטן, איך ברענג זיך אַליין אום דערמיט, װאָס איך דערלויב װאַקסן די טרוימען װעגן אַמעליען. קיין זאַך היילט נישט אַזוי, װי די קאָנפראָנטירונג מיט אַ מענטש, װאָס לעבעדיק װייזט ער אַרויס זיינע חסרונות, באַגייט פעלערן, פון װעלכע עס היט אים אויס אונדזער הונגער, אונדזער בענקשאַפט, אונדזער באַדערפעניש פון שיינקייט. אויסהיילן זיך קאָן איך נאָר דורך אַ טרעפונג. לאָז דעם לעבן טויטן די אידעע. קיין זאַך אַנטוישט נישט אַזוי דעם איינזאַמען מענטשן, װי דאָס לעבעדיקע לעבן, װאָס ער װעט זיכער איינגעפונען פאַר צו שאַרף, װייל ער איז אָפּגעװוינט דערפון, פונדעסטװעגן האָט דער ערשטער בליק נישט פאַרשאַפט אַבעלן קיין אַנטוישונג, אויב עס גייט אין שיינקייט. פאַרקערט, איר רייכקייט האָט אים צעטומלט. זי איז געװען, װי אַמאָל האַרמאָניש, אויסדרוקלעך און װוקסיק. איר הויט, װאָס האָט געאָטעמט מיט װאַרעמקייט, זאַטקייט און רו, האָט געבעטן באַדירונג, װי אַ סקולפּטור, װי דאָס הוילע בייכעלע פון אַ קינד. נאָך דעם װי דאָס פאָלק איז פאַרברענט געװאָרן, האָט מען שוין מער נישט געזען אַזעלכע פרויען.

זי האָט אָנגעהויבן: אין דער ערשטער צייט האָט אונדז אַממייסטן אינטערעסירט, וואָס צו דערציילן די מענטשן, וועלכע זייַנען אין דער מלחמה־צייט געווען אויסערן לאַנד און וועלן זיך דאָך נאָך דער מלחמה זיכער אומקערן — זיי זאָלן באַקומען אַן אַנונג וועגן אונדזער לעבן, זיי זאָלן גלויבן, אַז דאָס איז געווען אַן אָפּגרונט, וואָס פֿאַרן חודש אויגוסט האָט מען זיך אַזעלכן גאָרנישט געקאָנט פֿאָרשטעלן פֿאַר די אויגן. אַלע זייַנען געווען ביי דער איינשטימיקער מיינונג, אַז מע וועט זיי דאַרפֿן וויַיזן קינדער, וואָס די דייטשן האָבן פֿאָטאָגראַפֿירט און אָפּגעדרוקט אין זייערע אויסגאַבן אַלס דערצויגלינגען „פֿון באָלשעוויסטישן גן־עדן". אויף דער פּוילישער זייט האָבן מיר נישט געהאַט בלויז פֿריינט. מע האָט דאָרט געשמועסט, אַז מען דאַרף די וועגט, אונטער וועלכע טיפּוס און הונגער האָבן שוין דעמלט געצענטלט די באַפֿעלקערונג, וואָס איז גע־וועזן צונויפֿגעדרוקט ווי אויף אַ וואָקזאַל — אַרומשטעלן מיט אַ קראַנץ פֿון מאַשין־געווער, זיי זאָלן זיך נישט צעלויפֿן אין פֿאַל פֿון אַ פּלוצעמ־דיקן פֿאַרענדיקן דעם קריג. פֿונדעסטוועגן, ווען אַ קינד, אָנגעטאָן אין לאַכעס, פֿאַרוואַקסן מיט בלאָטע, האָט דאָרט אָנגעקלאַפּט אין אַ וועלכן ס'איז הויז, און נישט קאָנענדיק, אָדער קוים קאָנענדיק די שפּראַך, געשטאַ־נען ליבערשט שטום און אונטערטעניק, איז עס דאָך נישט אַוועקגע־גאַנגען אָן אַ שטיקל ברויט.

אבעל האָט געדענקט, אַז ווען אין בלאָק E 14 זייַנען אָנגעקומען די ידיעות וועגן די שחיטות האָבן אַלע שטאַרק רעאַגירט, אָבער יעדער אויף עפּעס אַנדערש. טייל האָבן געזאָגט: אַלטע מענטשן שטופּט מען אַרייַן אין וואַגאָנען מיט נישט געלאָשענעם קאַלך. אַנדערע: וויפֿל וווּנ־דערבאַרע מיידלעך קומען דאָרט אום. ווי אַזוי קאָן מען דערמאָרדן יונ־גע מיידלעך? און נאָך אַנדערע: גאָט אין הימל, זיי מאָרדן דאָרט קליינע קינדער... — מען האָט די קינדער נישט געקאָנט דערקלערן, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ בוים, אַ טייַך, עס איז נישט געווען נישט קיין טייַך און נישט קיין ביימער. ווען מע האָט אין פּעמינאַ אויף לעשנאָ געגעבן אַ קינדער־פֿאָרשטעלונג, האָט דער עולם געוויינט. קאָרטשאַק האָט דעמלט געזאָגט צום פּאָטער: כ'בין אַן אַלטער מאַן, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב שוין נישט קיין שום באַגערן. איך האָב יאָ. כ'וואָלט וועלן דער־לעבן דעם טאָג, ווען מע וועט עפֿענען די טויערן...

אָנווייַזנדיק אויף דעם ים פֿון גרוז האָט זי געזאָגט:

— אָט איז דאָס עפֿענען פֿון אונדזערע טויערן.

איבער דער דאָזיקער ערד פֿון דער שרעקלעכסטער מענטשלעכער

פּיין, האָט אבעל, אָנגעלענט אויף אמעליעס אָרעם, געטראָכטן ווי איבער א גאָרטן מיט רויזן.

ער האָט געטרונקען די זיסקייט פון איר אָנוועזנהייט, וואָס האָט אָפּגעווענדט די אימה ווי א דערמאָנונג. זי איז געווען כמעט פון זיין וווקס. זי האָט געטראָגן אַ מאַנטל פון שוואַרצער וואָל, וואָס האָט זיך געפאַלדעוועט ווי זאַמד. דער טעלעראַרטיקער הוט איז איר געווען אַראָפּגעלאָזן אויף אַן אויג, היט האָט זי אָנגערקענט בלויז ווי אַן אָרנאַמענט, ווי אַ באַצירונג איבער א הויז, אַלע אירע היט, וואָס ער האָט געדענקט האָבן זיך איר אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן; זייער פאָרם האָבן זיי געביטן נאָר פון דער הויך. די דערמאָנונג וועגן דעם דאָזיקן פרט האָט אים אדורכגעפּלייצט מיט א נייער כוואַליע זיסקייט, און ער איז עטלעכע מאָל צוגעפאלן מיט די ליפּן צו איר אַקסל. זי האָט געשמייכלט. איר אויג איז געזונקען אין דעם שאָטן פונעם הוט־ראַנד, ער האָט געזען בלויז איר נאָז מיט די לייכט־אויפגעהויבענע נאָז־לעכער און די רייצנדיקע פאָרם פון אירע ליפּן, וואָס ער האָט זייער געוואָלט א קוש טאָן. ער האָט עס לאַנג נישט געקאָנט ביי זיך פועלן. זהען ער האָט זיי ענדלעך, אין גאנג, נישט ענדערנדיק די פּאָזיציע, באַרירט, האָט זיך אַמעליעס שמייכל אויסגעלאָשן. דאָס האָט אים פארשאַפט ווייטיק. זיי זיינען געגאַנגען צווישן פעלדער צעקלאַפּטע ציגל, באַדעקטע דאָ און דאָרט מיט פארזשאווערט אייזנוואַרג. אייזערנע דרענגער זיינען ארויסגעוואַקסן פון די גרוזן, ווי א נייער מין קוסטעס.

ס׳איז שווער אָנצוצייכענען די ליניע פון א לעבעדיקן שמועס, ער שפּראָצט ווי א באָרד ביי א טייל מענטשן — אויף אַלע זייטן. אין קורצן האָט אַמעליע ווידער אָנגעהויבן זיך דערמאָנען: יעדעס וואָרט אירס איז געווען אויסגעבאָדן אין פּיין. דאָס האָט אבעלן צוגעגעבן דרייסטקייט..

א גרימאַסע האָט זיך געלייגט אויף אַמעליעס פּנים, ווען ער האָט געענדיקט. די גוטע פייערלעך זיינען פארשוואונדן. אבעל האָט זיך דערמאָנט אין פריינט, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט נאָך זעקס יאָר, און מיט וועלכע ער האָט אין א פערטל שעה ארום נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן.

— ליבע — האָט זי אים נאָכגעזאָגט מיט פארוואונדערונג און אזוי ווי נישט געערן. א מאָמענט האָט ער געהאט דעם איינדרוק, אז ער האָט איר געטאָן עפּעס אַן עוולה. — ליבע, א וואָרט, וואָס איז שוין לאַנג נישט געהערט געוואָרן. א פארגעסן וואָרט, א פּיקציע...

ער האָט זיך דערפילט אַפּהענטיק ווי א מאַטצביל, בעת ער דערציילט וועגן זיין לייבשאַפט א פרוי, און זי ענטפערט אים: ס'איז גאָרנישט, ס'וועט איבערגיין... ער איז געוואָרן אויפמערקזאַם אויפן וואָרט: פּיק־ציע. ער האָט דערקענט די דאָזיקע פּיקציע ביז צום סוף... באַפרייט דורך דער רויטער אַרמיי, איז ער צוזאַמען מיט דער כוואַליע צוריקגעקומען אין לאַנד. דאָס זיינען געווען פּרעכטיקע טעג. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין לאָדזש, לאָדזש איז אים געפעלן געוואָרן, אלץ איז אים צו יענער צייט געפעלן. ער האָט אָנגענומען דעם ערשטן בעסטן פּאָסטן, און מיט פאַרגעניגן אויפגעשטאַנען יעדן אינדערפרי צו דער אַרבעט. ער האָט אויפגעלעבט. די לעצטע מלחמה־פלאַמען זיינען געווען פלאַמען פון ווידער־געבורט נישט בלויז פאַר אים. מענטשן האָבן אויפריכטיק געשטרעבט צו אן ענדערונג, עס האָט אין זיי אויפגעלעבט די בענקשאַפט צו ליכ־טיקייט נאָך דער פינצטערניש פון דער אָקופּאַציע. אָבער דער דאָזיקער אויפשטייג האָט נישט לאַנג געדויערט, א טיפע נאַכט האָט דורכגענומען די מענטשלעכע ביינער. נאָכן אָפּפלוס פון די גרויסע געשעענישן, האָט אבעל דערפילט, אז עס עסט אים די בענקשאַפט אזוי ווי אין לאַגער. די פרייהייט האָט זי נישט פאַרווישט. ווי א געליבטער פילט ארויס אין א ראַדיאָ־טראַנסמיסיע פון דער פילהאַרמאָניע דעם אָטעם פון זיין גע־ליבטער, וואָס טרעט דאָרט אויף, אַזוי האָט אבעל אין דער שטים פון לאַנד ארויסגעפילט אמעליען. דאָס האַרץ איז אין אים אָפּגעשטאָרבן, ווען ער האָט באַמערקט אן ענלעך קלייד, א מאַנטל, א הוט, וואָס ער האָט פאַרגעדענקט פון יאָרן צוריק, און וואָס זיינען שוין פון לאַנג מסתמא אויף דער וועלט נישט געווען. דאָס ענלעכקייט אין אייבצלהייטן פון פּנים און באַוועגונגען, האָבן אים שוין נישט געוויילט, ווי דעמלט, ווען ער האָט דאָס באַמערקט ביי געפאַנגענע. איצט האָבן זיי געוועקט אין אים בלויז ווייטיק. דער שלוכץ פון האַרץ איז נישט שטום געוואָרן אין אים. צומערגסטן איז געווען דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט נישט טראַכטן, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן. זיין מוטער, א קליינע דאַרע פרוי, פלעגט וויינען, ווען מען האָט פאַר איר ארויסגערעדט דאָס וואָרט: זשאַסמין. נאָך זעקס יאָר מלחמה האָט ער נישט באַהערשט זיין שטים, ווען עס איז אים אויסגעקומען צו זאָגן דאָס וואָרט: ליבע. ער האָט נישט געקאָנט אָן א ציטער קוקן אויף מענטשן צוגעטוליעטע צו זיך. ער האָט נישט געקענט הערן וועגן עמעצנס גליק. ער האָט געפילט דאָס האַרץ, ווי אַ שלעכט איינגענייטן אַרבל, און אין האַרץ אַ נאָגנדיקן ווייטיק, וואָס האָט נישט אָפּגעלאָזן. די בענקשאַפט האָט זיך אין אים

איבערגעבוירן אין אומרו. ער פלעגט זיך וועקן אין מיטן דער נאכט אויסגעהוילט פון אלעם, אויסער ווייטיק. ער איז געווען א קוויל פון ווייטיק, און דער דאזיקער ווייטיק האט אים נאך מער געשראקן, ווייל ער האט נישט געוווסט ווי זיך קעגן אים צו פארטיידיקן. נישט קאנענדיק פארגעסן, האט ער זיך דערמאנט. דערמאנענדיק זיך, האט ער געליטן. דאס לייב האט געדענקט, דער גייסט האט געדענקט, און אלץ, וואס איז געווען זכרון איז געווען ווייטיק. ער האט זיך אליין געפרעגט, וואס באדייט דאס, — און נישט געפונען קיין דערקלערונג. ער האט איבערגעלעבט אן אנטציקונג, פון וועלכער ער האט זיך נישט געקאנט באפרייען. זי איז געווען די ערד פאר זיינע פיס, זי איז געווען דאס ליכט פאר זיינע אויגן. זי איז געווען דער זין פון זיין לעבן. זי האט געלעבט אין אים, ווי די עיקרדיקע, פארצוקנדיקע ווירקלעכקייט, וואס דערנענטערט זיך מיט זיך אליין, די דאזיקע — ווי זי האט זיך אויסגעדריקט — פיקציע...

אמעליע:

— זעסט דאך, וואס ס'איז פארבליבן פון אונדזער לעבן... דאס איז נישט קיין רעזולטאט פון א האלבשעהדיקן אנפאל פון Royal Air Force מיר האבן זיך ביינאכט נישט געלייגט, און אינדערפרי האבן די לעבנגעבליבענע נישט דערזען דאס, וואס מיר איצט. דער אומקום פון דער שטאט, דער אומקום פון דער באפעלקערונג איז פארגעקומען ביסלעכווייז. איידער מע האט דאס פאלק אוועקגעלאזט מיטן רויך, האט מען עס פריער פארוואנדלט אין בלאטע און אין צואה. גלויב נישט, אויב מע וועט דיר זאגן, אז מענטשן קאנען שטארבן. נישט אמת. צוויי מאל אין משך פון דער דאזיקער מלחמה האט ווארשע געזען, אז מענטשן קאנען נישט שטארבן. און דאס, וואס מען רעדט וועגן שטארבן, איז פון איבערפלוס, איז פון זויערקייטן און האט אויף אזוי פיל א שייכות מיטן טויט, וויפל יעגער מעטאפארישער טויט, וואס מיט אים איז פול ביי די יונגע פאעזין. מיליאנען זיינען געגאנגען צום טויט פירנדיק האנדל, ליבנדיק, אינטריגירנדיק און האסנדיק, נישט פאראמעטער אין קיין שום ערדיש געפיל. זיי זיינען געגאנגען צום טויט פארזונקען אין לעבן ביז איבער די אויערן. פילנדיק דעם טעם פון דעם אייגענעם בלוט, האבן זיי נאך נישט געפילט גאטס אטעם. ביז צום סאמע סוף האבן זיי אויף אן אומבאגרייפלעכן אופן געשטעקט אין לעבן. זייער טויט איז געווען א הימן צום לעבן. נאך פאר דער תליה האבן זיי אויסגעקליבן בעסער עסן.

אמאָל פלעגט זי רעדן נישט גערן און מיט שוועריקייט. זי האָט נישט געהערט אמאָל צו די צו באַריידעוודיקע מענטשן. אין אָנפאנג פלעגט אבער זי רופן: דאָס שיינע שווייגנדיקע קינד, זי איז דעמלט געווען אומגלויבלעך שווייגנדיק. זיין נאָמען האָט זי צום ערשטן מאָל ארויסגערעדט פיר חדשים נאָך דער חתונה. זי האָט געהערט צו די פרויען, וואָס דאָס היימיש ווערן מיט אַ מאַנצפּאַרשוין קומט זיי אָן נישט גרינג. איצט האָט אבער באמערקט, אז איר קול, ווי אויך איר פנים האָבן באַקומען קראפט. זי האָט זיך געענדערט.

זי האָט ווייטער גערעדט:

— דער טויט האָט געוווינט צווישן אונדז און א סך געענדערט אונדזערע באַגריפן וועגן לעבן. אַ מאַנצפּאַרשוין וואָס איז אוועק, איז אוועק אין דער פינצטערניש, מיינסטנטייל נישט צוריקגעקומען, קיין געפילן האָט מען נישט געקאָנט אַנטוויקלען, מ'האָט זיי באַדאַרפט באַלד רעאַליזירן. פרויען האָבן זיך אָפּגעגעבן צו מענער, ווי זיי וואָלטן געטאָן א גערעכטע זאך, ווי זיי וואָלטן פאריכט אן עוולה. און דעמלט האָט זיך ארויסגעוויזן, אז עס איז פאראַן הונדערט מינים ליבע און יעדער מין איז גוט, און יעדער איז אָנגענומבאר.

אויך אבער האָט געוווסט פון הונדערט מינים ליבע, אין די ערשטע וואָכן פון באפרייונג — די סאמע גליקלעכסטע, און פולע מיט גנאָד — האָט ער געגלייבט, אז ער וועט זיך געפונען אן אָרט אין לעבן אויך אָן אמעליען. אין אָנהויב האָט ער געהאט דעם איינדרוק, אז די קאטאסטראָפע איז נישט אזוי גרויס, און אז דאָס ביסל ניצול-געוואָרענע אינטעליגענץ וועט זיך ווידער אויפבויען אויף דער ערד, וואָס איז, אמת, געווען איין גרויסער קבר, אָבער עס האָט זיך געדאכט, אז מען וועט קאָנען פארגעסן וועגן דעם. צום סוף פון דער מלחמה זיינען די רעשטלעך פון דער דריימיליאָניקער באַפעלקערונג, ניצול-געוואָרענע פון דעם מבול, ארויס פון אונטער דער ערד, פון וועלדער, פון לאגערן, א קליינע טייל איז צוריק אוועק אין זייערע אמאָליקע היימען. אין אָנהויב האָט מען זיי אויפגענומען, אזוי ווי מע וואָלט מענטשן פון אזעלכע ליידן באדארפט אויפנעמען. ווו נישט ווו זיינען די אויפריכטיקע טרערן געווען קעגנזייטיקע.

אָבער צווישן אלע געפילן האָט מיטגעפיל די שלאבעריקסטע פיס. צוריקקומענדיק נאָך דעם הונדערטמאָליקן שטארבן טאָג ביי טאָג אין משך פון זעקס יאָר זיינען די, פאר וועלכע די וועלט דארף רויט ווערן, געפאלן אויף דער שוועל פון זייערע הייזער, געטראָפן פון א קויל, שוין נישט קיין דייטשע. אויף די וועגן האָבן געלויערט אויף זיי באשעפענישן,

וואָס האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן מיליטער און אויף אַן אויסגעפּרוווטן אופן — mit Genickschuss —זיי אומגעבראַכט. לייגנדיק זיך שלאָפן, אין די דערפער, אין די קלענערע און גרעסערע שטעטלעך, זיי־נען זיי נישט זיכער געווען מיטן מאָרגן ווי פאַרן דייטש. די דאָזיקע מער־דערייען האָבן צעבלאָזן די רעשטלעך אומרו, וואָס טייעט זיך אין יעדן מענטש, בעת ער באַטראַכט אַזאַ שווערן ענין, ווי פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אָבער זיי האָבן קיין ברירה נישט געהאַט, זייער טויט האָט שוין לאַנג אויפגעהערט עמעצן צו רירן, האָבן זיי דעריבער גענומען מאַסנווייז אַנט־לויפן. און אין אַ געווויסן טאָג האָט אַבעל זיך אַרומגעקוקט, אַז ער לעבט אין אַ וויסטע. ער האָט באַגעגנט אייניצלנע באַקאַנטע, וועלכע האָבן גע־שלאָסן זייער לעבן, אָבער קיינער האָט נישט אָנגעהויבן פונדאַסניי. עס איז דעמלט נישט געווען צו זען קיין שום פּרווו פון באַנייאונג. פאַרקערט, זיי האָבן נישט געוואָלט קיין באַנייאונג אויף דער דאָזיקער ערד.

זיי האָבן געוואָלט איינס: אַנטלויפן. און זיי זיינען אַנטלאָפן. אַבעל האָט נישט איינמאָל געטראַכט וועגן דעם, אַז ווען ער וואָלט געלעבט צווישן אַ באַפעלקערונג, וואָס איז איינגעשטעלט אויף ווידערגעבורט וואָלט אים לייכטער אָנגעקומען צו פאַרגעסן.

אָבער אַרום איז געווען אַ מדבר, און ער האָט געלעבט ווי אין אַ מדבר, אַרומגעריגלט מיט אַברים־שטיקער, וואָס זיינען פאַרטריקנט גע־וואָרן. ס'איז נישט געווען קיין לעבן, ווייל עס זיינען נישט געווען קיין מענטשן. דערביי איז ער אַליין אויך נישט געווען קיין יונגערמאַנטשיק, ער האָט זיך דערנענטערט צו די פערציקער, און ווי איז צו די מענטשן וואָס מוזן אין די פערציקער יאָרן אָנהייבן זייער געפיל־לעבן אויפסניי, מוזן זוכן. וואָס האָט ער געקאָנט פון זיך געבן דער פערזאָן, מיט וועלכער ער וואָלט זיך ערשט באַקאַנט? אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ער האָט געפילט צו אַמעליען, איז אַלץ געווען אָרעם, נישטיק, פאַרבלענדט פון אַמעליעס גלאַנץ, האָט אים אַלץ אויסגעזען פינצטער. אַלע האָבן אים גע־לאַנגווייליקט, און ער אַליין איז געווען לאַנגווייליק פאַר אַנדערע. ווייל אַזוי איז עס שוין, אַז פאַר אַ טייל זיינען מיר ווי אַ ים און פאַר אַנדערע ווי אַ נישטיק אויסטריקנדיק שטראָמל. געווען זיינען הונדערט מינים לי־בע — ער האָט עס געוווסט — אָבער נישט פאַר אים.

אַמעליע:

— די איינציקע פריקד אין די פאַרגאַנגענע יאָרן (וואָס שוין היינט הערט מען דאָס אויף צו פאַרשטיין, כאָטש ס'איז אַריבער אַזוי ווייניק צייט) איז געווען אומברענגען אַ דייטש. בלויז דאָס האָט פאַרשאַפט גליק.

אויסער דעם גארנישט. דער מענטש האט זיך קיין אנדערע אויפגאבן נישט געשטעלט. זיי וואלטן געווען נאריש, קליינלעך. אפשר עקזיסטירט א צייט, וואס איז גינסטיק פאר ליבע, די פארגאנגענע איז עס נישט געווען...

אבער האט מער נישט צוגעדריקט די ליפן צו איר מאנטל. אירע רייד האבן אים דערוויקטערט אזוי ווירקזאם, ווי איך דער פארגאנגענהייט דער לאגער. פילנדיק, אז זי איז גערעכט, האט ער גלייכצייטיק אפגעפילט די אייגענע קליינלעכקייט און חרפה. נישט דאס ערשטע מאל האט ער געטראכט, ווי ווייניק עס איז אים אנגעגאנגען, וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט. עס זיינען אומגעקומען פעלקער, שטעט זיינען צעפאלן אין שטורעם, דאס פארמעגן פון יארהונדערטער איז פארניכטעט געווארן אין משך פון א נאכט, און ער מיט וואס האט זיך אינטערעסירט? וואס האט אים אינטערעסירט אויף אן אמת?

IV

דער הימל האט געהאט א קאליר פון זייפנשוים. אויפן ראג פון געגשא און דזשיקא איז שטיין געבליבן א טויער פון דער מיליטערישער תפיסה, פון דעם פאוויאק — שטיקער פון דעם געמויערטן פארקאן, אין דער ווייט האט געשטארצט דער קלויסטער אויף דער דזיעלנע; בלויז רעשטלעך פון טורמעס און קלויסטערס זיינען ניצול געווארן. זיי האבן בשום אופן נישט געפונען דאס ארט, וווּ עס איז אמאל געשטאנען זייער הויז — א הויפן צווישן די ווייט צעוואלגערטע גרוזן. אין א צימרינג־קאליריקער לאך אינעם פאוויאק־פארקאן האט געשטעקט א הוילער בוק. עס איז אויף אים געהאנגען א שווארצער טאוול מיט א ווייסן צלם, אונטער אים זיינען געשטאנען צוויי יונגע מענטשן מיט אנטבלויזטע קעפ. איינער האט דערציילט, דער צווייטער האט געהארכט. ביידע האבן זיך פארקוקט אויפן קבר אונטערן בוים. אבער און אמעליע זיינען זיי פארבייגעגאנגען. זיי זיינען צוגעקומען צום שאסיי, וואס האט זיך אמאל געצויגן דורך דער סמאטשע גאס, און באלד זיך צוריקגעקערט. די אויפרעגונג האט אנגעהאלטן.

ווען זי האט באכאמאל געזאגט עפעס וועגן דער פיקציע, וועגן דעם לעבן, אין וועלכן ס'איז א ל ץ א יי נ ס און הערביי זיך צעלאכט מיט א בייז געלעכטער, מיט דעם געלעכטער פון פרויען נאך א פאראט, מיט דעם געלעכטער פון פרויען, וואס זיינען צופרידן צוליב א גוטן שפאס, וואס ס'האט זיך זיי איינגעגעבן. האט אבער פלוצלינג דערהערט א פארגרעבטקייט אין איר קול

און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אים שטענדיק פון איר אָפּגעשטויסן. ער האָט ווי פריער זייטיק אַ קוק געטאָן אויף אירע ליפּן און איינגעפונען, אַז זיי זענען פול מיט ליידנשאַפט. ער האָט דערפילט אַ האַס. ער האָט איר אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און זיי געטרייסלט צעבייזערט. נאָכדעם האָט ער געמאַכט אַזאַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן. אָבער באַזינענדיק זיך וואָס ער טוט, האָט ער זיך דערשראָקן, אַ ציטער געטאָן פאַרן געדאַנק, אַז פון די אַלע יאָרן פון זיין איבערמענטשלעכער בענקשאַפט וועט אַמעליע פאַרגעדענקען בלויז זיין פּנים. אויסגעקרומט פון כּעס. ער האָט געוואָלט אויפקלערן, אָבער אימשטאַנד איז ער געווען בלויז צו שטאַמלען. ער האָט גערעדט אַזוינס, וואָס ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען און קיינמאָל שפּעטער נישט געקאָנט זיך עס דערמאָנען. ער האָט געפילט אַ פלאַם אין די געהירן. באַזינט האָט ער זיך, ווען ער האָט אויפגעכאַפּט איר צעשראָקענעם בליק. אַ לאַנגע ווײַלע האָט ער נאָך געפילט דעם רעזולטאַט פון זיין געוואַלטיקן אויסברוך, וואָס האָט אים אויסגעשעפּט און געמאַכט פרעמד צו זיך אַליין. אַמעליע האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעקוקט אין אים, דאָס פּנים איז אים צעשוואומען געוואָרן, די ליפּן האָבן געציטערט. זי איז געווען פעאיק צו באַאָבאַכטן, בעת ער איז פון דער דאָזיקער קענטעניש געווען ווייט הונדערט מייל. זיי האָבן זיך אָנגעשטעלט. אַמעליע האָט אָנגעהויבן שטיל און פּאַמעלעך:

— אבעל, דו האָסט געלעבט אין זיך, איך — נישט בלויז אין זיך. — איך בין שוין נישט יענע פרוי, וואָס דו האָסט איבערגעלאָזט. כ׳בין אַן אַנדערע. ווי זאָל איך עס אויסבאַהאַלטן פאַר דיר? קוק זיך אַרום, גיב אַ טראַכט, וואָס דאָ איז געשען... ליבע — לאַנג איז דאָס בלוט ווי מוראשקעס געלאָפן אונטער דער הויט, דאָס לייב איז אין די נעכט אויפגעוועקט ווי די ערד אין פרילינג, ווי אַ טייך אין דער צייט פון אַ געוויסער, כ׳האָט ווייי געטאָן, ווי צעשלאָגן. פאַר מיינע אויגן האָט אַרומגעוואָגלט דער אומרו פון יונגע מיידלעך, וואָס גייען איבער דער וועלט ווי אין אַ הויט. דער סוד פון דעם מענטש ליגט אין דעם, אַז ער וויל שטענדיק מער, ווי ער קאָן. ליבע — אין אַ באַשטימטן פּעריאָד שווימט עפּעס איינער מיט אונדזער לויטערן שטראָם. דערנאָך ווערט דאָס אויפהאַלטן דעם דאָזיקן שטראָם ביי זיין לויטערקייט אַן אויפגאַבע, אַ שווערע אויפגאַבע, אָבער דאָס האַרץ איז פאַרליבט אין שווערע אויפגאַבן...

זי האָט איצט גערעדט רירנדיק און וואַרעם, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל. מיטאַמאָל האָט אבעל דערזען, אַז ס׳איז קיין כּוח נישט פאַראַן אין איר פּנים. די באַקן זיינען געווען דעליקאַט, ווי נאָך אַ קראַנקייט

דאָס מויל איז געווען איינגעפאַלן, די נישט לייענבאַרע אויגן זיינען געווען מיד.

— אבעל, הער אויס, איך האָב זיך געראַטעוועט אויף אַזאַ אופן, אַז ס'האָבן מיך ארויסגעפירט אונטער מיסט די פורמאַנעס פון דעם אַנ־שטאַלט פאַר שטאָט־רייניקונג. דעמלט איז שוין קיין אנדער וועג נישט געווען. מע האָט מיך נאָך דעם געמינטערט א האַלבע שעה, כ'בין געווען כמעט דערשטיקט. מיט די לעצטע אויפבליצן פון געדאַנק, האָב איך געטראַכט, אַז מע וועט מיך ארויסוואַרפן אויף די בערג מיסט ביי דער ווייסל. מע האָט מיך נישט ארויסגעוואָרפן, און איך בין נישט געשטאָרבן אויפן מיסט. אָבער שפּעטער האָט אלץ סיי ווי פאַרלוירן דעם זין. דאָס וואָס איז ערשט נישט לאַנג געווען ווערטפול, איז געוואָרן א נאַרישקייט. א טראַגישער שפּאַס, א פיקציע... טאָג טעגלעך זיינען מיר געשטאָרבן, און טאָג טעגלעך זיינען מיר אויפסניי געבוירן געוואָרן, וויטיקנדיק אַ־בערן באַגאַזש זעגעכץ אין אונזערע נשמות. מיר האָבן אויפגעהערט צו פאַרשטיין די וועלט פון נעכטן. מיר האָבן זי פאַרהאַסט און אלץ איז געוואָרן גוט, וואָס ס'איז געווען שלעכט, און אלץ דערלויבט פון וועלכן מיר האָבן ערשט נישט לאַנג .אויפגעשוידערט: אויף יענער זייט האָב איך זיך שוין נישט געשטעלט קיין אויפגאַבעז, נישט געקעמפט, נישט ארומגעגאַנגען מיט ציאַנקאַלי אין רידיקול. פרייער פלעג איך זיך זאָגן: ווילסט ווערן אַזאַ ווי מאַריסיאַ זוערנער. איך האָב נישט געוואָלט ווערן אַזאַ ווי מאַריסיאַ ווערנער. דערנאָך בין איך געוואָרן ווי מאַריסיאַ ווערנער און צומאָל נישט קיין טראַכט געטאָן וועגן דעם. עס האָט זיך פאַרענדיקט דער לויטערער שטראָם... זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

און איך א ווייל אַרום:

— ווי מאָדנע דאָס איז. וואָס איין אָנבליק פון אַזאַ פאַרוויסטונג, פון אַזאַ וועלט־אונטערגאַנג היט נאָך דאָס האַרץ איין די אַלע ניואַנסן... ווען מען זאָל מיך איצט פרעגן, צו באַדויער איך די צייט פון גזירות, ווען דאָס לייב האָט ווי א הונט אויף דער קייט געבעטלט, געיאָמערט, אין באַ־מען פון דעם פּיקטיוון, לויטערן שטראָם, וואָלט איך געענטפערט: ניין.
— ווייל איין אָנבליק פון דעם וועלט־אונטערגאַנג וואָס מיר זעען, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען פיקציע און וואָס פאַרדינט דעם נאָמען נישט?

זיי האָבן זיך געזעצט אויף א שטיקל אויוון פון קאַפלעס. צוערשט אבעל, שפּעטער, ווי נאָך א ישוב־הדעת — אַמעליע.

אויפגעהויבן דורך א בייער כוואַליע האָפענונגען, האָט ער געזאָגט:

—כ׳האָב זיך געשאפן די אילוזיע, אז דו וועסט קומען. יעדעס מאָל, ווען כ׳בין אוועק פון שטוב, האָב איך איבערגעלאָזט א מיטיילונג, ווו מע זאָל מיך זוכן. ס׳איז מיר א שאָד געווען יעדע מינוט. ביסט נישט געקו־מען. כ׳האָב דיר געשריבן, האָסט נישט געענטפערט. דערנאָך האָט מען מיר געזאָגט, אז דו ביסט גליקלעך, און איך האָב באַלד געגלויבט. קיינמאָל צווייפלט נישט דער מענטש אין דעם, וואָס קאָן אים פארשאפן ווייטיק. די דאָזיקע ידיעה האָט אַלץ קלאָר געמאַכט. דו ענטפערסט נישט, דו קומסט נישט צו פאָרן, ווייל אַלץ וואָס איז ווייטיק צום לעבן, פארמאָגסטו ארום זיך. דערמיט אונטערשיידן זיך טאַקע גליקלעכע פון אומגליקלעכע: די לעצטע זיינען אין ערגעץ נישט אין דער היים. כ׳וואָלט אפשר געקומען צו דיר צו פאָרן, אָבער נאָך וואָס? זי איז גליקלעך, — האָב איך זיך גע־זאָגט — איז לאָז זי צורו. און איך האָב געלאָזט, כאָטש סאַראַ באַ־דייט ס׳האָט פאר מיר געהאָט יעדער טאָג, יעדע שעה!... כ׳האָב געזען, אז איך גיי אונטער, כ׳האָב אָבער נישט געוווסט ווי זיך צו ראַטעווען. מיין ברודער פון קאַסאַבלאַנקאַ האָט געשריבן צו מיר, איך זאָל צו אים קומען. כ׳בין געווען גליקלעך, ווען כ׳האָב דערהאלטן זיין פארשלאָג. נעכ־טן בין איך געקומען אהער אין די ענינים. כ׳בין געווען, געדרייט זיך ארום דיין הויז, כ׳האָב אָבער נישט געהאַט קיין מוט אריינצוגיין. מיין ערשטער געדאַנק דאָ איז געווען: ווי קאָן איך אוועק פון דאַנען, פון דער־ווייטן וועל איך דאָך זיכער אינגאַנצן אויסגעטריקנט ווערן... כ׳בין גע־קומען אהער ווי א חורבה, געקומען מיט א פאַרביסן פּנים, וואָס איז נישט פעיק קיין שמייכל צו טאָן, מיט פאַראַשטע ליפּן, מיט א פארגליווערטן

האַרץ, און איך זע פונדעסטוועגן, וואָס מיט מיר קומט פאָר, זייט דו ביסט לעבן מיר. אָן דיר, דאָ, צי ערגעץ אנדערש אויף דער וועלט, איז נישטאָ פאַר מיר קיין לעבן. אויב דו וועסט מיך פאַרלאָזן, איז ווי דו וואָלסט מיך אין קבר אראָפּגעשטויסן...

ער האָט זיך איינגעגעסן אין איר מיט די אויגן. ס׳איז אין זיי נישט געווען צומאָל קיין געבעט, ס׳איז געווען בלויז באַשטעטיקונג. זיין פּנים איז געווען צעשמיסן פון יאָרן פיין.

זי האָט געזאָגט:

—אבעל, קיין איבערחזרונגען גיבן זיך נישט איין אין לעבן. זיי זיי־נען געפערלעך. ווען ער איז דאָך צוגעשטאַנען, האָט זי צוגעגעבן:

—אבעל, ליבער מיינער, און וואָס וועל איך דיר אומקערן? יענעם קערפּער, יענעם קערפּער, וואָס איז ווי ערד דעראָבערט געוואָרן...

און זי האָט נישט פאַרענדיקט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַזוי געזעסן עטלעכע מינוט. ווען זי האָט אים אויפגעהויבן, איז פאַר אַבעלן געשטאַנען אַן אָנגעדראָלן פּנים, מיטן אויסדרוק פון געררעטקייט. איר אויבערשטע ליפּ האָט לעכערלעך אונטערגעטאַנצט:

— ער איז געגאַנגען צו זיינע קברים, האָב איך זיך געזאָגט: וועל איך אויך גיין אויף מיינע. און כ׳בין געקומען דאָ אַהער... פאַר אונדז איז שוין צו שפּעט, אַבעל. נישט איין מאָל האָב איך געטראַכט, וועסט צוריקקומען, מיר וועלן זיך צונויפגיין, וועסט פאַרגעסן, ווי טויזנט אַנדערע. אָבער דער מענטש הייבט אָן אויף אַ רגע, און דאָס פאַרציט זיך און דאָס קאָן מען אפילו אַ לעבן לאַנג נישט איבערייסן...

און דערנאָך האָט זי צוגעגעבן מיט אַ קול, וואָס זי האָט שוין בכלל נישט באַהערשט:

— עס גייט שוין נישט אפילו אין אים. איך האָב אָבער אַ קינד, אַ זעקסחדשימדיק קינד, דאָס איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. אויך אַבעל איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ער האָט שוין גאָרנישט געבעטן. ער איז אַזוי טיף אַנטשוויגן געוואָרן, ווי מען שווייגט דעמלט, ווען ס׳ווערט אויסגעלאָשן דער קאָנטאַקט צווי־שן מענטש און מענטש, ווען מען ווייסט שוין, אַז דער באַשלוס איז געפאַלן.

ער האָט באַנומען, אַז זי איז פאַר אים אויף אייביק פאַרלוירן. דאָס איז געווען דער סוף. עס האָט אים אַרומגערינגלט אַ טויטער ים, אָן קיין שום האָפענונג, קיין שום ליכט. ער האָט געטרוימט וועגן אַמעליען, ווי, נאָר אַ מענטש, וואָס הונגערט לאַנג, קאָן טרוימען; אפשר קינדער קאָנען נאָך אַזוי טרוימען. דאָס דאַזיקע ליבע איז שוין נישט פאַר אים. ווען ער וואָלט זיך נישט שעמען, וואָלט ער עס געבעטלט ווי אַ נדבה, אָבער נאָר ווי אַ נדבה וואָלט ער עס געקאָנט באַקומען. דאָס ליבע, וואָס עס האָבן עס פאַרזוכט אַ סך נאָך אים, און וואָס אַ סך זאָלן עס נאָך פאַרזוכן, איז שוין נישט געווען פאַר אים, דווקא פאַר אים, וועלכער האָט עס באַגערט, ווי קיי־נער נישט אויף דער וועלט. דערפאַר ווייל זי האָט אים געליבט און קיין כוח נישט געהאַט, צי אפשר נישט געוואָלט מער די דאָזיקע ליבע. אויסער אַ ביי־געשמאַק און דאָס געפיל פון געפאַלנקייט וואָלט ער שוין פון דעם דאָזיקן קערפּער גאָרנישט מער געקאָנט אַרויסבאַקומען פאַר זיך. ווייל אַ ליבע, וואָס איז איינמאָל געווען אַ באַגייסטערנדיקע ליבע, ווען זי קאָן שוין קיין אַנדערע נישט זיין, איז זי בלויז געפאַלנקייט. טאַקע דערפאַר, ווייל דער

לויטערער שטראָם פון איר לעבן איז געווען פאַרבונדן מיט אים, האָט זי איצט נישט געקאָנט געהערן צו אים, הגם זי האָט געקאָנט געהערן צו אנדערע.

ער האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין די דלאָניעס. ער האָט געוווסט, אַז באלד וועט זי אוועקגיין — די לעצטע פרייד פון זיין לעבן. עס וועלן צוריקקומען נעכט מיט טעג פול מיט שפּאַרעס, דורך וועלכע ס'וועט זיך דורכזייען פאַרצוויקפלונג, האָפנונגסלאָזיקייט. עס וועט זיך אָפּרופן דער אומאויפהערלעכער נאָגנדיקער האַרץ־ווייטיק, וואָס איז אים אַזוי גוט באַקאַנט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אָט האָט זיך זיין גורל איינגאַנצן איבערגעוויגן, און אַ ווייטיק האָט אים צעפּליקט די ברוסט. ער האָט געפילט, ווי זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אים, אין אירע אויגן האָט ער דערזען טרערן. ער האָט זיי דערפילט גליאַיקע שוין אויסגעמישטע, אירע און זיינע אויף זיין פּנים. נאָכדעם איז זי אוועקגעגאַנגען. ער האָט זי נישט צוריקגערופן. ער האָט איר נאָכגעקוקט, ווי זי דערווייטערט זיך, אַ פאַרשטיינערטער און אויסגעטרוקנטער, און בלויז פון צייט צו צייט האָט אַ טויבער קרעכץ זיך אַרויסגעריסן פון זיין קעל. ער האָט איר נאָכגעקוקט אַזוי לאַנג, ביז זי איז פאַרשוווּנדן, זיך נישט אויסדרייענדיק קיין איינציק מאָל.

ער איז געזיצן נישט וויסנדיק אַליין ווי לאַנג, דערנאָך ווען ער האָט דערפילט אַ קעלט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און אוועקגעשלעפּט זיך פאַרויס.

ס'איז געווען דער ערשטער טאָג פון נאָוועמבער. וואַרשע האָט געפייערט דעם ערשטן יזכור־טאָג נאָך דער מלחמה. די שטאָט איז געווען פול מיט קברים. געווען איינגעטלעך ווי איין גרויסער קבר, אויף יעדע טלעכע טריט זיינען געלעגן בלומען אויפן ברוק, פון צווישן די בלומען האָבן אַרויסגעקוקט קליינע טרויער־פענדלעך, עס האָבן געברענט ליכט. קליינע יינגלעך און קליינע מיידלעך האָבן געהאַלטן וואַך איבער די קברים. זיי זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ווי זעלנער. אַנדערע קליינע יינגלעך אַרומשפּאַצירנדיקע, האָבן זיך פאַרהאַלטן לעבן זיי און מיט עקשנותדיקן איינקוקן זיך געוואָלט זיי צווינגען צום לאַכן. די גאַסן זענען געווען כמעט ליידיק. אויף דער דלוגע האָבן יונגע סקויטן אין „פּאַנטערעס" פאַרבליבענע נאָך די דייטשן, באַפּוצט אַ קבר. די יונגע סקויטן זענען געווען פאַרטראַכט, בלויז פאַרטראַכט. עס איז נישט געווען אין זייער פאַרטראַכטקייט דער זכרון וועגן דעם לעבעדיקן בלוט פון די לעבעדיקע נאָענטע באַשעפענישן. פאַר די דאָזיקע סקויטן איז עס שוין געווען געשיכטע. אַביסל ווייטער האָט אין אַן איינבראָך פון אַ מויער געברענט אַ ליכטל, אויפן

טראָטואַר זיינען געשטאַנען שטלעכע וואַזאָנעס, לעבן זיי האָט געקניט אַ פרוי, פאַרזונקען אין תפילות, אָן אומבאַוועגלעכע ווי אַ שטול. מיט ברייט־צעעפנטע, באַרויקטע אויגן האָט זי געקוקט אין די אומגעזע־נע געזיכטער פון אירע פאַרשטאָרבענע. אבער האָט זיך אָפּגעשטעלט דער־לעבן. און אין טיפער קאָנצענטרירטקייט זיך פאַרייניקנדיק מיט דער אַל־טער, פרעמדער פרוי, צו וועלכער ער האָט זיך דערפילט נאָענט ווי אַ זון, האָט ער געזעגנט די שטאָט, דאָס לאַנד און דאָס לעצטע ביסל האָפענונג פאַר דער ווייטער נסיעה, אין וועלכער ער האָט נישט מיטגענומען גאָרנישט, אויסער דאָס אייגענע אויסגעמאַטערטע, מענטשלעכע לייב.

סעווערינאַ שמאַגלעווסקאַ

פּרעטע 33

יורעק קאַגאַן האָט נאָך ביז דער מלחמה אין זיין לעבנס־שטייגער געהאַט איינגעשאַפּטן, וואָס האָבן אים גיכער ענלעך געמאַכט צו די עלעגאַנטע גאַליציאַנער, ווי צו אונדזערע פּוילישע יידן. עס איז אים נישט אייגן געווען דאָס געיעג נאָך אַ קליין פּאַרדינסטל פון אַ הענדלער און אויך נישט די אָנגעבלאָזענע זעלבסט־זיכערקייט פון גרויסע אפעריסטן. ער איז געווען אַן אַנדערער, אַ ספּאָרט־מענטש, האָט גערעדט אַן אויסגעצייכנטן פּויליש און געהאַלטן אויף אַ דיסטאַנס זיינע קאָלעגן — פּאָליאַקן אַזוי גוט ווי יידן. מיט טאַדעאוש קוויאַטקאָווסקין האָט ער זיך דערנענטערט טאַקע אויף דער פּלאַץ פון אָט דער דיסטאַנס. ביי טאַדעאושן האָט דאָס אָפּזונדערן זיך געהאַט אַן אַנדער כאַראַקטער. נישט ער האָט זיך אָפּגערוקט פון זיין סביבה, נאָר די סביבה האָט אים אויף אַ געוויסן אופן אָפּגעשטויסן פון זיך. יעדנפאַלס, אין דעם טאָג, ווען זיי האָבן זיך ביידע באַגעגנט, זיינען סיי איינער, סיי דער צווייטער געווען איינזאַם און זיך געגאַנגען מיט זייערע אייגענע וועגן. זיי האָבן זיך באַלד קעגנזייטיק אָפּגעפילט, ווי צוויי ווילדע קעץ, וואָס באַגעגענען זיך אויף דעם זעלבן שטעגל, און האָבן זיך פאַראינטערעסירט איינער מיטן צווייטן. קאָגאַן איז געווען זייער אינטעליגענט און שטאַרק באַלעזן. עס איז פאַר אים געווען נישט קיין קליין פאַרגעניגן צו געפינען אין אַ מענטש אין זיין עלטער זיינע אייגענע פאַראינטערעסירונגען און געדאַנקען. זיי זיינען לאַנג געזעסן אין די באַקוועמע פאָטעלן

וואָס האָבן קאַגאַנס צימער צוגעגעבן דעם חותם פון היימטצייטיקייט. זיי האָבן אַ סך גערויכערט און גערעדט. זיי זיינען חעמאָלט געווען אין אַכטן קלאַס גימנאַזיע. די קאַשטאַנען־קנאָספּן אויף די ביימער זיינען אָנגע־שוואָלן. עס האָט זיך דערנענטערט דער פרילינג. מע האָט זיך אָפּגעגאַרט פון דער שול גייענדיק בעסער שפּאַצירן. עס האָבן זיך דערנענטערט די עקזאַמענס. זיי זיינען ביידע געלאָפן צום שווים־באַסיין, פון וועלכן זיי האָבן זיך אומגעקערט מיט אַ געזונטער הויט אויף די בלוי־געוואָרנע קער־פּערס, ווייל די טעג זיינען נאָך געווען קאַלטע. זייער צוזאַמענלעבן איז אָן ווערטער געוואָרן אַזוי באַטירלעך, אַז ווען זיי וואָלטן געפילט אַ נויטווענ־דיקייט צו באַצייכענען עס, וואָלטן זיי עס געקאָנט אָנרופן פריינטשאַפט. באַר זיי האָבן נישט גערעדט וועגן קיין סענטימענטן. זיי זיינען אויך אַסתרן פאַרבייגעגאַנגען מיט שווייגן, כאָטש קאַגאַן האָט אָן ספק געגוג פרי באַ־מערקט, אַז טאַדעאוש ליבט זיין קוזינע. דעם פרילינג האָבן אַסתרס גרינע אויגן געשטראַלט אין דער שיין פון די גרינע ביימער, אַדורכגעלויכטענע פון דער זון, און אין די טונקעלע בין־השמשותן ביי דער ווייסל. טאַקע די ליידנשאַפט טאַדעאושס איז געווען די סיבה, פאַרוואָס ער איז געוואָרן אָפּגעשטויסן. „ער שלעפּט זיך אַרום מיט יידן“ — האָבן געזאָגט די קאָ־לעגן. „און מיט יידישקעס“ — האָבן נישט גערן צוגעגעבן די מיידלעך. טאַדעאוש האָט זיך געפילט גוט אין קאַגאַנס דערמוטיקנדיק שווייגן און אין די לאַנגע שמועסן מיט אים.

אַזוי איז געווען אין אָנהייב. דערנאָך ביים פאַרענדיקן די סטודיעס אויף פּאָלאָניסטיק, האָט טאַדעאוש חתונה געהאַט מיט אַסתרן, און פון דעמאָלט אָן האָט זיך קאַגאַן באַצויגן צו אים מיט אַ מין קרובהשער צערט־לעכקייט.

די מלחמה האָט זיי אַלע פאַנאַנדערגעשיידט. און ווען זיי האָבן זיך ווידער געטראָפן, האָבן זיי שוין נישט געהאַט קיין רעכט צו זיין צוזאַמען.

טאַדעאוש האָט זיך אין דריטן מלחמה־הארבסט — אין 42־טן יאָר — אַרויסגעקריגן פון „אָפלאַג“ וווּ מע האָט אים אַריינגעזעצט ווי אַ רעכט־לאָזן. ווען ער איז צוריקגעקומען האָבן זיי שוין נישט געהאַט די באַקווע־מע וווינונג אויף דער קאָשיקאָווא־גאַס ביים עק אויאַזדאָווער־אַלעען. זי איז געווען פאַרנומען פון די דייטשן. ער האָט געזוכט אַסתרן מיט אָנוואַק־סנדיקער שרעק. אין די לעצטע חדשים האָבן אירע בריוו אויפגעהערט אָנצוקומען צו אים אין לאַגער. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט ער ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן געפונען יורעק קאַגאַנס קאָלעגן און פון זיי האָט ער זיך דערוווסט די געוויינלעכע נייעס, מיט וועלכע, ער האָט דאָך נישט גע־

קאַנט און נישט געוואָלט שלום מאַכן: קאַגאַנס גאַנצע פֿאַמיליע איז געווען אין געטאָ. מיטן כּוח פֿון אַ מענטש, וואָס גלייבט אין וועלכער ס'איז נישט רעכט, וואָס קומט אים, האָט טאַדעאוש זיך דורכגעשלאָגן דורך דער וואַנט, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פֿון יענע. ער האָט זיך שנעל געפֿונען אַ באַשיידענע וווינונג אין אַ בוידעם־שטיבל אויף דער פּרעטע־גאַס, מיט אַן אויסבליק צום געטאָ. איידער ער איז צוגעטרעטן עפּעס אויפֿצוטאָן, האָט ער גאַנצע שעהן געטראַכט. בייטאָג און ביינאַכט, פֿאַרטאָג און אין די בין־השמשותן האָט ער זיך איינגעקוקט אין די געטאָ־געסלעך הינטער דער מויער, אין די הייזער און באַלקאָנען, ווו עס האָבן זיך געוויזן עפּעס מענטשן, וואָס ס'איז נישט געווען צו דערקענען צוליב דער ווייטקייט. ער האָט אויסגעפּאָרשט דאָס נאַכט־ און טאָג־לעבן פֿון די נאָענטסטע געגנטן און האָט אַנטדעקט, אַז דער אָרטיקער וועכטער, נישט געקוקט אויף די פּאַרקראַטעוועטע פֿענצטער, וואָס גייען אַרויס אויף דער קאָזלע־גאַס, האָט עפּעס געהיימע געשעפֿטן מיט פֿאַרשוינען, וועלכע דרייען זיך הינטער דער מויער. ער איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון זיין דאַך־שטיבל און אַרומגעקריכט דאָס געטאָ, פֿאַרשנדיק די שפּאַרעס און שפּאַלטן אין דער מויער. טיילמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים עק פֿון דער שוויענטאָיערסקע און ווידער געקוקט. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט. פֿון דעם קוקן איז ער וואָס אַמאָל מער אַריינגעכאַפּט אין אַ פֿאַרביסנקייט. זיין פּלאַן האָט אָנגענומען די קראַפֿט פֿון אַ פֿאָדערונג, פֿון אַ ברענענדיקן באַגער, וואָס מען מוז באַלד דערפֿילן. די צוגרייטונגען זיינען ענלעך ריקף געוואָרן. זייער קרוינונג איז געווען אַ קליין פּעקעלע, וואָס האָט אַנטהאַלטן צוויי פּוילישע דאָקומענטן. באַקומענדיק זיי, האָט טאַדעאוש זיי באַטראַכט ביים ליכט פֿון דעם לאָמפּ און מיט אַ נייער פֿאַראינטערעסירונג זיך איינגעקוקט אין די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אסתּרן און יעזשין, וועלכע האָבן איצט געהייסן די מאַזשינסקיס און האָבן געדאַרפֿט אָנגיין אַלס פֿאָרפֿאָלק. ער האָט זיי שוין עטלעכע מאָל איבערגעשיקט ידיעות דורך פֿאַרשידענע געלעגנהייטן: דורך קינדער, וואָס האָבן זיך דורך די שפּאַרעס אַרויסגעקריגן נאָך עסנוואַרג, דורך הענדלער, דורך באַצאָלטע פּאָליציאַנטן. ער האָט נישט געוווסט, צי ס'איז עפּעס דערגאַנגען צו זיי, ווייל זיי האָבן ביז איצט נישט געענטפֿערט. ערשט אין צוויי טעג אַרום איז צו טאַדעאושן געקומען אַ יונגטלעכער, וועלכן קאַגאַן האָט אַמאָל געגעבן לעקציעס.

— איך האָב אַ קאָנטאַקט מיט קאַגאַנען. אינגאַנצן אָן אומיטלבאַרן. נישט וויכטיק ווי אַזוי. ער האָט געקריגן אַ בריוו פֿון אייך. רעדט אָפֿן. איך וועל אַלץ איבערגעבן.

— ווען זיי וואָלטן געקאָנט אַנטלויפן — ער און אסתר, וואָלט איך זיך שוין באַמיט וועגן זייער זיכערקייט און רו. זיי האָבן נישט קיין יידישן אויסזען.

— דאָס ווייסט מען. מיטן אַנטלויפן איז נאָך א האלבע צרה. דאָס ערגסטע איז מיט — א באַהעלטעניש.

— דאָס איז שוין הערלעדיקט.

— איז איך אָרדענונג. מיר וועלן פּרוּוון.

— ווען?

— איך וועל אייך נאָך צו וויסן טאָן.

מיט דעם איז ער אַרויסגעגאַנגען. איצט האָט טאַדעאוש אַנדערש געקוקט אויפן געטאָ. ווען ער האָט זיך פּונדערווייטנס איינגעקוקט אין די געשטאַלטן וואָס האָבן זיך געדרוקט צווישן די הייזער, האָט ער שיעור נישט געפילט זייערע בליקן אויף זיך. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז יעזשי און אסתר האָבן געטראָפן, אַין וועלכן פּענצטער ער, טאַדעאוש, שטייט באַהאַלטן אונטער דער פאָרהאַנג און אַז זיי קוקן אויף אים. אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען א ידיעה. עס האָט זי ווידער געבראַכט דער באַקאַנטער בחור. ער איז געקומען אין א רעגנדיקן טאָג. פון זיין מאַנטל האָט אויף דער ערד אַראָפּ געקאַפּעט.

— איך וועל אַרויסגיין מאָרגן פאַרנאַכט, קורץ פאַר דער פּאָליציישער שעה. איך וועל מיט זיי זיין. איר דרייט זיך דאָ ערגעץ פאַרן טויער.

צומאָרגנס האָט ווידער גערעגנט, עס איז געווען טונקעלער ווי געוויינלעך. טאַדעאוש איז געשטאַנען אין דער טונקלקייט און געקוקט אַהין, פונוואַנען ער האָט זיך גערעכנט זיי זאָלן אָנקומען.

פון צייט צו צייט האָט ער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צו לאָזן אָפּרינען דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך געזאַמלט אויפן ראַנד פון זיין קאַפּעלוש. ער האָט דערוואַרט צוויי מענטשן, און פּלוצלינג האָט ער אין דער טונקלקייט דערהערט טאָפּלטע טריט. איידער ער האָט געקאָנט אונטערשיידן די סילועטן, האָט ער געפרעגט:

— דאָס ביסטו, יעזשי?

— יאָ. וואָס מאַכסטו, טאַדעק?

עטלעכע רגעס איידער ער האָט זיך קלאָר געמאַכט, אַז יורעק איז מיט זיין געוועזענעם שילער, האָט ער געוואַרט אויף אסתרס שטים.

— אסתר וועט דאָ באַלד זיין. איך בין געגאַנגען דער ערשטער, כדי אויסצושפּירן דעם דורכגאַנג. מיר וועלן אַרויפגיין צו דיר און ער וועט צוּוואַרטן און זי אַרויפפירן.

— איך וועל אויך צוווארטן. גיי אליין ארויף ביז צום בוידעם און דאָרט — די לעצטע טיר ביים עק פון די טרעפּן. אָט האָסטו דעם שליסל.

— גוט.

אין דער פינצטער האָבן די טרעפּנס געכלאַפּטשעט, ווי טריט פון עמעצן, וואָס איז נאָך ווייט. טאַדעאוש האָט אָנגעשטרענגט דאָס געהער: ער האָט שטאַרק געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך דערנענטערן. אָבער דאָס כלאַפּטשען האָט זיך נישט געענדערט, ווי שטענדיק בעת אַ רעגן. אסתּר איז נישט געקומען, נישט אין משך פון דער צייט, ביז עס האָט זיך אָנגערוקט די פּאָליציי־שעה, נישט אין די שפּעטערדיקע שעהן. זי איז קיינמאָל נישט געקומען. טאַדעאוש און יעזשי זייַנען די נאַכט געשטאַנען ביים פענצטער, אונטער וועלכן עס איז גאַרנישט געווען צו זען אַ חוץ דער רעגנדיקער פינצטערקייט. און דערנאָך, אין משך פון אַ סך טעג זייַנען זיי אָפט אַזוי געשטאַנען, קוקנדיק איבער די דעכער פון דער האַלער־טאַרגאָווע און דער קאָזלע־גאַס אויף דעם אָרט, פון וואַנען אסתּר איז נישט געקומען, אומבאַוווסט פאַרוואָס. אונטער דער ווירקונג פון יורעק קאַגאַן האָט טאַדעאוש אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטיקע טעטיקייט לטובת דעם געטאָ. דאָס אַלץ איז נישט געווען געוואַגנדיק אין פאַרגלייַך מיט דער געוואַלטיקער נויט. דאָס איז געווען אַ טראָפּן גוטס, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אין אַן אָפּגרונט פון שלעכטס. עס זייַנען געווען קאַפּיטאַלן, מיטלען, וואָס יורעק האָט געוווּסט זיכערע ערטער. מע האָט געדאַרפט אָנקויפן אַ פאַרבינדונג, אָרגאַניזירן, צושטעלן. אין דער צייט איז טאַדעאוש אָפט אַוועק אויף זשאַליבאָזש מיטן טראַנזיט־טראַמוויי וואָס איז דורכגעפאָרן דאָס געטאָ. אויף דער פּלאַטפאָרם האָט ער געפירט פון פרייער־אויס אויסגעלייגטע פּעקלעך, טיילמאָל אַ זאַק אָדער אַ שפּאָרן קלומאַק. פאַר דער געטאָ־גרענעץ פלעגט ארויפשפּרינגען אויף דער פּלאַטפאָרמע אַ פּאָליציאַנט און שוין נישט פאַרלאָזן זי ביז דער טראַמוויי איז נישט ארויסגעפאָרן פון געטאָ. נישט געקוקט אויף דעם, האָט מען געדאַרפט אויסנוצן דאָס לאַנגזאַמע פאָרן ביים עק נאָוואָליפּקע און באָניפראַטן, ווו עס האָבן געוואַרט די אָפּנעמער, וועלכע מע האָט שוין פריער מודיע געווען. אַ שנעלער כאַפּ, אַיין באַוועגונג, אַ צווייטע — און דער זאַק איז געפאַלן לעבן די שינעס. איצט ערשט האָט מען געקאָנט אָן שטערונגען זיך פרייַ ארומקוקן. אויף דער ערד, דערלעבן און ווייט ארום, האָט מען געזען ליגן מתים. טייל קעפּ זייַנען אָנשטאָפּט מיט אַ טויך געווען איבערגעדעקט מיט אַ צייטונג. צווישן זיי האָבן זיך באַוועגט אויסגעדאַרטע קינדער, אָפּגעריסענע און שמוציקע, מיט אויגן פאַרקוקטע אויף דעם פאַרבייַפאָרנדיקן טראַמוויי. קאַליקעס און

קראנקע האָבן זיך פאַמעלעך געשאַרט זוכנדיק הילף אָדער וואַרטנדיק אויף נדבות.

טאַדעאוש האָט אויסגעקוקט באַקאַנטע, אָבער צווישן די פאַרבײַשווינ־לענדיקע פּנימער פון בײדע זײַטן טראַמוויי האָט ער קײנעם נישט דער־קענט. ביז אײנמאָל האָט ער אײנעם פּאָליציאַנט, וואָס איז אַרויפגעשפּרונ־גען אויף דער פּלאַטפאָרם, דערקענט אַן אַמאָליקן חבר פון דער צײַט פון זײַנע שווים־איבונגען. דאָס איז געווען אַ באַזונדערס גוטמוטיקער בחור און טאַדעאוש איז באַלד צוגעטרעטן צו דער זאַך:

— איך האָב דאָ אַן ענין אין געטאָ. איך וואָלט וועלן אַרויסשפּרינגען.

— טאַנצט אַראָפּ. איך זע נישט.

— ווען פאָרט איר צוריק פון זשאָליבאָזש?

— פינקטלעך אין צוויי שעה אַרום. גיט אַכטונג, אַז איר זאָלט אָנטרעפן אויף מיר, ווען איר וועט אַרײַנשטײַגן.

טאַדעאוש האָט אָן שוועריקײטן אָפּגעזוכט דאָס הויז, וואָס זײַן אַדרעס האָט ער געוווּסט פון יורעקס דערצײלונגען. אָבער דאָ איז שוין קײנער נישט געווען פון דער פאַמיליע קאַגאַן. די אַלטע זײַנען אַרויסגעפירט גע־וואָרן צום „אויסזידלען". און וועגן אסתרן האָט קײנער נישט געוווּסט. צומפּשוטסטן וואָלט געווען זי איצט מיטצונעמען אויף דער טראַמוויי־פּלאַט־פאָרמע און אַרויספאָרן פונדאַנען. אָבער ער האָט זי נישט געטראָפן, נישט צווישן די לעבעדיקע און נישט צווישן די טויטע. נאָך יענעם נאַכט־אויס־פלוג געפינט זי זיך אפשר צווישן די קאַליקעס. די הײַזער אינעווייניק האָבן געאָטעמט מיט פײַכטקייט און שמוץ און מער פון אַלעמען מיט דער טוכ־לער לופט פון אָרעמקייט. טאַדעאוש איז אַרויס אויף דער גאַס און געגאַנגען לעבן די טראַמוויי־רעלסן, ביז ער האָט באַמערקט זײַן פּאָליציאַנט שטײן אויף דער פּלאַטפאָרם. ער איז אַרויפגעשפּרונגען און געפאָרן אין דער ריכטונג פון דער מעד־גאַס. פון דעמלט אָן האָט ער אָפט איבערגעחזרט זײַנע אויספלוגן אין דער טיף פון געטאָ. יורעק האָט זיך קײנמאָל נישט אויסגעקליבן מיט אים. כאָטש ער האָט מיט זײַן טעמפּערישן אויסזען נישט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, אפילו נישט דעמלט, ווען ער איז נישט געווען ראַזירט. פונדעסטוועגן האָט ער אויסגעמיטן בליקן פון מענטשן, פון וועלכע עמעצער וואָלט אים געקאָנט דערקענען. ער האָט באַר טאַדעאושן אויסגעפרעגט וועגן די קלענסטע פּרטים.

דערפאַר אָבער זײַנען זיי, אונטערן שוץ פון דער נאַכט־פינצטערניש, צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען אויפן דאַך, און מיט עטלעכע סיגנאַלן האָבן זיי וועגן דעם צו וויסן געטאָן זייערע חברים פון געטאָ. דערנאָך האָבן זיי קאָנ־

טראַלירט דעם שנור. דער אויבערשטער עק פון דעם שנור איז געווען צוגעפּעסטיקט צו דער אַנטענע, און דער צווייטער, אַ סך נידעריקער — צו אַ דאַך פון אַ ניזעריק הייזל אויף דער קאַזלע־גאַס. די דאָזיקע לופטקאַלייקע, וואָס יורעק האָט דערפונדן, האָט פולשטענדיק גוט פונקציאָנירט, ער האָט נאָכאַמאָל אייגנהענטיק אויסגעפּאָרשט, צי יעדער פון די צוגעגרייטע זעק איז פאַרזען מיט אַ גוט צוגעפּעסטיקטן האקן, דערנאָך האָט ער געגעבן אַ קורצן סיגנאַל און האָט מיט ציטערדיקע הענט אָנגעהאָנגען דעם זאַק אויף דער שנור. פון אַ שטופּ מיט די הענט האָט זיך די משׂא אַ באַוועג געטאָן און אַראָפּגעפאָרן אַן שטערונגען. זיי זיינען איצט געשטאַנען און אין דער פינצטער געקוקט אין דער ריכטונג פון דער קאַזלע־גאַס, פון וואַנען מ׳האָט זיי אין אַ מאָמענט אַרום געגעבן אַ צייכן, דאָס האָט באַדייט, אַז די סחורה איז בשלום אָנגעקומען. אין די דאָזיקע מאָמענטן פון אָפּוואַרטן, האָט טאַדעאוש געהערט ווי יעזשי אָטעמט אָפּ פרייער, אַ דערלייכטערטער, מיט דער פולער ברוסט.

— עס איז גוט אַזוי — האָט ער טיילמאָל געזאָגט — דאָס וועט זיי אַ ביסל העלפן אויסדויערן.

און אַמאָל האָט ער צוגעגעבן:

— ווער ווייסט, אפשר איז גוט געשען, וואָס איך בין פון דאָרטן אַנטלאָפן.

— דו צווייפלסט? — האָט זיך טאַדעאוש געוווּנדערט.

— זייער אָפט — האָט יעזשי שטיל געזאָגט און האָט זיך איינגעבויגן, כדי צוצושלעפן צו דעם שנור אַ צווייטן זאַק.

אָבער ס׳איז געקומען אַ טאָג, ווען די דייטשן האָבן איבערגערוקט די גרענעץ פון געטאָ, לאַנגדיק אין דרויסן די טראַמוויי־ליניע צוזאַמען מיט די גאַסן קאַזלאַ, נאָווינאַרסקאַ, באָניפראַטן. טאַדעאוש האָט איינמאָל געקוקט אין מאָגערן פּנים פון יעזשין, וועלכער איז לעצטנס אַריינגעפאַלן אין לאַנגע, שווייגנדיקע נאָכטראַכטעניש, ער האָט זיך דערביי געהויקערט, און נישט ווילנדיק האָט ער באַקומען דעם אויסזען פון אַ געפּרווירענעם הונט. אַ מענטש, וואָס דענקט מיט קאַטעגאָריעס פון פּלענער און צילן, זעט אויס אַנדערש, און טאַדעאוש האָט שוין נישט געדאַרפט איבערחזרן די פראַגע „צי צווייפלסטו?״, — כדי צו וויסן דעם ריכטיקן זינען פון זיין פרייַנדס פאַרטראַכטקייט.

אין דער דאָזיקער מלחמה איז די צייט געווען דער איינציקער פאַרבינדעטער פון די מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט אין באַהעלטעניש. ווי פּאַמעלעך האָט זי זיך אָבער געשלעפּט. אין פרייען פרילינג פון 1943 האָט

טאדעאוש געמוזט אוועקפארן אויף עטלעכע טעג קיין ביאליסטאק. און אומגעריכט האט זיך זיין אויפהאלט דארט פארצויגן כמעט ביז דריי וואכן, נאך וועלכע ער האט זיך אומגעקערט קיין ווארשע מיט עפעס אן אומרואיקייט. ער איז שפעט אין אוונט געקומען צו פארן אויפן מזרח־וואקזאל און, געניסנדיק פון דעם רעכט צו גיין איין שעה נאכן אנקומען פון צוג, האט ער אהיים געאיילט מיט א דראזשקע. שוין אויף דער קערבעדזשער בריק האט ער באמערקט אויפן הימל א גרויסן, טונקל־רויזן פלאם. דערנאך איז דער פלאם פארשוואונדן הינטער די הייזער, און זיך צוריק באוויזן ערשט אויפן מארשאלעק־פלאץ. דאס מאל — א בלוטיק־רויטער און אויפגייענדיק בולט פון דער זייט פון דער אלט־שטאט.

— זעט נאר, קוקט, — האט ער אויסגערופן צום דראזשקאזש — ס'איז דארט א שריפה?

— יא, א שריפה. עס האט זיך זיי פארגלוסט מענטשן לעבעדיקערהייט צו ברענען. און ער האט טאדעאושן דערציילט וועגן די געשעענישן, וואס זיינען די לעצטע טעג פארגעקומען אין געטא.

איבערשפרינגענדיק צו עטלעכע טרעפ פאר אמאל, איז טאדעאוש געלאפן צו זיין בוידעם־שטיבל. דאס צימער איז געווען ליידיק, דאס בעט נישט גערירט. אין דער פינצטער האט ער געפונען די טיר צום בוידעם. זי איז געווען אפן. ער איז ארויסגעגאנגען אויפן דאך. דער רויטער אפשיין האט אלץ באלויכטן. אין דעם אפשיין האט זיך געזען די אומבאוועגלעכע געשטאלט פון יעזשין, אן אנגעשפארטע אין קוימען, אן איינגעהויקערטע און דארע. זיין לאנג נישט ראזירטע בארד האט ארומגענומען זיין פנים ווי א שווארצע רייף.

דארט, אנטקעגן, אין דער נידער האט געווילדעוועט א ים פון פייער, וועלכער שלינגט איין, ס'האט זיך געדאכט, אלדאס לעבעדיקע און טויטע. דער קומענדיקער טאג האט אבער געוויזן, אז דאס לעבן לאזט זיך נישט אזוי לייכט פארניכטן. אין געטא האט זיך אנגעהויבן א געדיכטע שיסעריי. מע האט געזען גאנצע גרופעס מענטשן, וואס האבן זיך איבערגערוקט פון איין ארט אויפן צווייטן. טיילמאל האט אפגעהילכט א שטארקע דעטאנאציע. דורך אלע נענטערע גאסן האבן זיך געצויגן דייטשישע אויטאס, פירנדיק ליטווינער, שאוליסטן, דייטשן. אבער דאס געטא האט זיך אין אנהויב געהאלטן פעסט: די זעלבע אויטאס האבן ארויסגעפירט די פארוואונדעטע פאגראמשטשיקעס. דאס בילד פון אין בלוט אדורכגעווייקטע היטלעריסטישע מלבושים אין האקנקרייצן האט די שוצלאזע ציוויל־מענטשן פארשאפט א גרויסע שאדן־פרייד.

— וויכניק, אַלץ צו ווייניק פאַר די חיות! — האָט טאַדעאוש אויסגערופן, וואַרטנדיק אויף עפּעס אַ רעאַקציע אויף יעזשיס פּנים.

אָבער יעזשי האָט כּסדר איבערגעחזרט:

— איך דאַרף זיין דאָרט מיט זיי. איך האָב דעזערטירט.

עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען, קעגן געזונטן שכל, האָט זיך געדאַכט, אַז דער פאַרצווייפלטער קאַמף פון העלדישן געטאָ מוז זיך פאַרענדיקן מיט אַ זיג. די דייטשן האָבן דערוויל, דערקאָנענדיק דעם פאַרנעם פון ווידערשטאַנד, אויף וועלכן זיי האָבן אָנגעטראָפן, געענדערט די טאַקטיק. צוריקציענדיק זיך פון געטאָ־געביט, האָבן זיי אָנגעהויבן אַ פאַרשטאַרקטן אָנגריף פון דרויסן. עס זיינען אָנגעקומען טאַנקען און אַרטילעריע. דאָס אַלץ האָט מען אויסגעשטעלט הינטער די מויערן, און דער אָנגריף איז דער עיקר געגאַנגען פון דער זייט שוויענטאָ־יערסקאַ, נאָווביאַרסקאַ און באָניפראַטן. איצט האָט שוין טאַדעאוש פון זיין בוידעם־שטיבל געזען, ווי נישט גלייך עס זיינען די כּוחות פון ביידע קעמפנדיקע צדדים. דאָס געטאָ איז געווען איין גרויסער קנויל פון פייער, רויך און קנאַלעריי.

— דאָרט איז שוין זיכער נישט געבליבן קיין איין לעבעדיקער — האָט טאַדעאוש געזאָגט.

פּונקט אַנטקעגן זיי איז געשטאַנען אַ בלינדע מויער פון עטלעכע שטאָק, אין וועלכן די יידן האָבן אויסגעהאַקט אַ ריי נישט גרויסע לעכער ארויסצורוקן די ביקסן און צו באַשיסן דעם שונא.

דאָס איז דער געביט פון די בערשטלער — האָט קאָגאַן געזאָגט, קוקנדיק אין דער מויער, וואָס איז געוואָרן דער קעגנשטאַנד פון אַ באַזונדער־פאַרביסענעם אַרטילעריע־אָנגריף. שטופנוויז האָבן זיך אויף יענער זייט אָפּגעשטעלט אַלע סימנים פון לעבן, און נישט געקוקט אויף דעם, האָבן די אַרטילעריע־קוילן געזעצט אין דעם אָרט, איבערלאָזנדיק רונדיקע לעכער, דורך וועלכע מע האָט געזען דעם הימל, אָדער די הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען טיף אין געטאָ.

— זע, אין דער שוויענטאָיערסקע פאָרט אַריין אַ טאַנק.

— דער שטאָלענער גוף האָט פּאַמעלעך געפּויזעט, ווי אַ מעכטיקע טשערעפּאַכע.

— ער איז אַריין אין געטאָ — האָט יעזשי געשעפּטשעט, ווי ער זאָל מיט דער דערקלערונג אָנערקענען, אַז יענע האָבן קאַפּיטולירט.

עס האָט זיך ווידער פאַרשטאַרקט דאָס קנאַלעריי, וואָס מע האָט נישט געקאָנט וויסן פון וועמען דאָס קומט.

— קוק, קוק — האָט קאָגאַן אויסגערופן נישט מיט זיין קול.

ער איז געווען בלאַס און מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער געוויזן אויפן עק פון דער שוויענטאָיערסקע־גאַס, פונוואַנען ס'האָט זיך ארויסגעגליטשט אַ לאַסט־אויטאָמאָביל, ציענדיק נאָך זיך אַ ברענענדיקן טאַנק.

— זיי האָבן אים אונטערגעצונדן! זיי קומען! און איך שטיי דאָ און קוק! — האָט ער געשריגן, אַראָפּלויפנדיק פון די טרעפּן.

טאַדעאוש האָט זיך געיאָגט נאָך אים.

— שטיי! שטיי! — האָט ער גערופן, באַמיענדיק זיך אים איינצוהאַלטן.

יעזשי איז ווי אַ וואַנזיניקער אַדורך דאָס טויער, אַרויס אויף דער גאַס און איז שוין געווען אויף דער שוויענטאָיערסקע. פאַר טאַדעאושס אויגן האָט געבליצלט דער מונדיר פון אַן ס.ס.־אָפיציר, וועלכן יעזשי האָט אומגעוואָרפן אין לויפן, איידער עמעצער האָט אים באַוויזן צו פאַרהאַלטן, איז קאַגאַן שוין געלאָפן צום געטאָ. דער ס.־ס.־אָפיציר האָט זיך אומגעקוקט און זיך מיט אַמאָל געלאָזט נאָך אים. זיי זיינען אַריינגעפאַלן הינטער דער מויער. דאָס קנאַלן פון די שאָסן האָט פאַרטויבט זייערע טריט.

טאַדעאוש האָט זיך אומגעקערט אויפן בוידעם־שטיבל ער האָט זיך צוריק אַוועקגעשטעלט און געקוקט אויף דעם מויער, וואָס איז אַלץ מער צעהאַקט געוואָרן. פלוצלונג האָט זיך אין איין לאָך פון מויער, ערגעץ אין דער הויך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, עס האָבן אַ שווינדל געטאָן סילועטן פון מענטשן און איידער נאָך מע האָט זיי געקאָנט אונטערשיידן, זיינען זיי בליץ־שנעל פאַרשווּנדן. דערנאָך האָט אויף עטלעכע רגעס אַלץ אויפגעהערט און פלוצלינג האָט זיך אין לאָך באַוויזן אַן אויסגעצויגענער סילועט פון אַ מענטש. טאַדעאוש האָט זיך האַסטיק צוריקגעצויגן. ער האָט דערקענט דעם ס.ס.־מאַן פון דער קאָזלע־גאַס. עס זיינען אַוועק נאָך עטלעכע רגעס, ביז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דער דייטש הענגט. ער איז געווען אין דער פולער מונדירונג, אין אַ היטל פון ס. ס., זיין קאָפּ האָט אָנגערירט דעם אייבערשטן קאַנט פון לאָך און די פיס האָבן געגרייכט כמעט ביז דעם אונטערשטן ראַנד. מיטן פּנים איז ער געווען געווענדט צו דער דייטשישער אַרטילעריע־פּאָזיציע, צו די גאַסן באָוויאַרסקע און באָניפראַטן, צום עק פרעטאַ, פונוואַנען עס האָבן אויף אים געקוקט די אויגן פון שוצלאָזע מענטשן. ער איז געווען אַרויסגעהאָנגען אויף די מויערן פון באַזיגטן, העלדישן געטאָ, ווי אַ סימבאָל פון שאַנד, ווי אַ וואָרנונג פאַר די, וואָס האָבן איבערגעפילט די מאָס פון באַרבאַריזם. ער איז אַזוי געהאָנגען, ביז אַן אַרטילערישע קויל האָט אים נישט אַראָפּגעשאָסן.

ציקלאָן

פון בוך: „דער רויך איבער בירקענאַו"

אין איינער אַ נאַכט, האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן אַ פייפעריי, און גע־שרייען האָבן אויפגעוועקט די אין שלאָף פאַרזונקענע לאַגערניקעס. אין דער פינצטערניש האָט מען געהערט דאָס קלאַפּן און סאָפּען פון דעם צוג, דאָס צישען פון דער פּאַרע, וואָס האָט געזעצט פון לאָקאָמאָטיוו. דאָס קריצן פון די בופערן, פונקט ווי ביי דעם דאָזיקן בלינדן באַן־וועג, וואָס איז אויפגע־בויט געוואָרן ווי בלויז צוליב דעם, אַז לאַגערניקעס זאָלן האָבן אַ באַשעפטי־קונג, איז היינטיקע נאַכט געשאַפן געוואָרן אַ טומלדיקע סטאַציע.

פון די געמישטע שטימען פון מענער און פרויען, האָט זיך טיילמאָל אַרויסגעהויבן אַ הילכיק געוויין פון אַ קינד און נאָך אַ מער הילכיקער אויסגעשריי:

— לאָס! אופגעהען! אופגעהען!

פון צייט צו צייט, האָבן ווייטיקדיקע געשרייען עדות געזאָגט וועגן שלאָגן. טיילמאָל פאַלט אַ שאָס, נאָך וועלכן עס אַנטשטייט אַ שטילקייט.

אונטער שטרענגע שטראָפן, איז אין דער נאַכט די לאַגערניקעס נישט דערלויבט געווען אַרויסצוגיין פון באַראַק. מיט דער צייט וועט די שטרענג־קייט פון די פאַרבאָטן שטופנווייז אויפהערן. דערווייל אָבער קומט אַלץ פאָר לויט אַ אַ גענוי באַשטימטן פּלאַן, וועלכער זעט פאָר צווישן אַנדערן צו האַלטן די לאַגערניקעס ווייט פון דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער ראַמפּע. אינדערפרי ווערט אַ גרופּע פרויען־אַרעסטאַנטן געפירט צו דער אַרבעט דורך אַן אַנדערן וועג ווי שטענדיק. מע טאָר זיך נישט דערנענטערן און נישט קוקן אין דער זייט פון די דראָטן, וואָס גרענעצן זיך מיט דער ראַמפּע. דער טויער „ב" איז נישט טעטיק. צום קלאָזעט, וואָס געפינט זיך אויף

דער צפון-זייט פון לאַגער, איז פאַרבאָטן צו גייִן. די פרויען־גרופּן, געהיט דורך די אויפזעעריגס, אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי, ווערן געשיקט צו די קלאָזעטן אויף דרום-זייט.

דאָס זוניקע וועטער, ליגנדיק מיט גאָלדענעם שטויב אויף די פעלדער און לאָנקעס, וואָס זעען זיך דורך די דראָטן פון דער דאָזיקער זייט לאַגער, איז אָפּנאַרעריש. אָפּנאַרעריש איז דער יונגער מאַי, וואָס זינקט איבער די קניען אין גראָז, באַדעקט מיט טוי. אָפּנאַרעריש איז אַלץ, וואָס אַ מענטש האָט ווען עס איז געטראַכט, אַז ס'איז אַ רעאַלע זאַך.

איינס באַר איז זיכער, אָן ספק, נישט אָפּנאַרעריש: דער רויך.

אין די באַראַקן און צווישן די באַראַקן, אונטערן הימל און אויף דער ערד, אין דער באַוועגלעכער לופט — אַ שווערער און אומבאַוועגלעכער, ווי אַ קערפּערלעכע מאַטעריע, פילט ער אָן דאָס מויל, דעם האַלדז, די לונגען, די נאָז, זאַפּט אַדורך די מלבושים, דרינגט אַריין אין עסן.

פון די צוויי באַזונדערע קרעמאַטאָריעס קנוילן זיך אַרויס צוויי טונקעלע זיילן, שיסנדיק גלייך צום הימל און דערנאָך לאָזן זיי זיך אַראָפּ מיט אַ געדריי אין דער נידער.

פון דער טונקעלער לאַווע רייסט זיך טיילמאָל אַרויס מיט באַוועגלעכע פלאַמען אַ פייער, וואָס שלאָגט מעכטיק פון די קוימען־פּיסקעס, רייסט זיך דורך דער שוואַרצקייט צום העל־בלויען הימל און פאַרשווינדט באַלד. טיילמאָל — באַזונדערס אין די אָוונטן — וואַרפן די קרעמאַטאָריעס אַרויס פון זיך פלאַמען אין פאַרלויף פון לאַנגע שעהן, און אַפילו ביז איינדערפרי.

נאָך עטלעכע טעג ווערט די שטרענגע באַציִונג פון די עס־עס־לייט צום לאַגער פאַרביטן כמעט אויף אַ פולשטענדיקער גלייכגילטיקייט. פאַרנומענע מיט גרעסערע טראַנספּאָרטן, ווי שמענדיק, לייגן זיי מער נישט קיין אַכט אויפן לאַגער. אין די גרענעצן פון די דראָטן, איז דערלויבט צו גייִן וווּ מען וויל און קוקן אויף וואָס מען וויל.

אָבער עס איז שווער צו קוקן. זינט עטלעכע טעג, אָן איבעררייס, פילן אָן דעם וועג, וואָס ליגט ביי דער באַן־ראַמפּע, מאַסן מענטשן, וואָס גייען געדיכט קאָפּ צו קאָפּ ווי אַ פּראָצעסיע. אָן אונטערשייד פון עלטער, געשלעכט, קליידונג, רוקן זיי זיך צונויפגעפּרעסט אויפן ברייטן וועג פּאַמעלעך, אַ טראָט נאָך אַ טראָט, צו מערב. צוליב דעם אָנגעגליטן הימל עפענען זיי די שירעמס פאַרשטעלנדיק זיך פון דער היץ, וואָס איז געפערלעך פאַרן געזונט. טייל, מידע פונעם לאַנגזאַמען קריכן, זעצן זיך אויפן גראָז, וואָס וואַקסט פון דער דרויסנדיקער זייט פון די לאַגער־דראָטן, אונטערלייגנדיק פריער אונטער זיך אַ קאָלדרע. אויפשטייענדיק פוצן זיי זאָרגעוודיק אָפּ די מלבושים. זיי פירן זיך אויף געהעריק און רויק, קוקן פאַר זיך אין די פלאַמענדיקע

קומענס און גייען פאַרויס. אויפן פאַן פון דער מאַסע, שיינט אַרויס אַ ווייס קינדער־וועגעלע, וואָס ציטערט ווי אַ שיפל אויף אַ באַוועגלעכן טייך און, געשאָקלט פון זאָרגפולע הענט, רוקט זיך עס פּאַמעלעך ביים ראַנד פון וועג. פון צייט צו צייט, צעטראָגט זיך א הויך א געוויין פון אַ זויג־קינד, וואָס צווינגט אַ פרוי זיך איינצובייגן, צו צערטלען, איבערצוּוויקלען עס. באַלד דערנאָך נעמט ווידער אַרום דעם צוג, וואָס באַוועגט זיך אומאויפהערלעך, די שטילקייט פון פרילינגדיקן פרימאָרגן.

אַז אַ באַן פאָרט צו צו דער ראַמפּע, מערנסטנס ביינאַכט, זיינען די יידן, וועלכע שטייגן אויס, געטריבן פון די ס. ס.־לייט און זאָנדערקאָמאַנדע, געצוווּנגען איבערצולאָזן דעם באַגאַזש, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט. די באַיווע פרוון פון קעגנשטעלן זיך, ענדיקן זיך שלעכט; די שיכורע באַנדיטן ווייסן ווי אַזוי שנעל זיך אַן עצה צו געבן.

די מענטשן גייען אַוועק אין דער זייט פון דער קרעמאַטאָריע, זייערע זאַכן בלייבן אויף דער ראַמפּע. דאָס, וואָס זיי ברענגען מיט, איז צו פיל פאַר דער גרעסטער גיריקייט. די שיכורע עס־עס־לייט זינקען אין רייכטום, זיי טרעטן אויף קאָסטבאַרע חפצים אין בוכשטעבלעכן זין פון דעם וואָרט. זיי גיבן זיך איבער די אָרגיעס פון פרייד, דערשטיקנדיק אפשר אויף אַזאַ אופן די מענטשלעכע אינסטינקטן, וועלכע בלייבן זיכער נישט שטום ביי אַזעלכע שטאַרקע אויפרייצונגען.

זיי ווערן רייך, זאַמלען אָן אוצרות אין לויף פון עטלעכע וואָכן. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, וויפל די אונגאַרישע יידן ברענגען צו פירן, ווען אין דער קיך פון די לאַגערניקעס גיט מען אַריין פעסלעך מיט מאַרמע־לאַד, איינגעמאַכטס (אין וועלכן עס געפינט זיך אָפט שאָקאָלאַד), זעק מיט קיכלעך, וואָס מען גיט שפּעטער צו צו דער זופּ, וויצנמעל, צוקער און קאַשע. דאָס אַלץ איז פאַראַן אַזויפיל, אַז עס דערגייען צו אַלע לאַגערניקעס שטיקלעך חזיר־פעטס אין דער זופּ, אונגאַרישער קעז אָדער וווּרשט אויף אונטער־ברויט, פאַרן גאַנצן לאַגער און דאָס אַזוי־גערופענע „טראַנספּאָרט״־ברויט, וואָס ווערט אַ סך מאָל אַרויסגעגעבן אַלס טאָג־פּאָרציע. אינעם עסנ־וואַרג געפינט זיך אָפטמאָל באַהאַלטן צירונג און געלט.

וויפל איז דאָס אַלצדינג פאַראַן, ווען נאָכן אָנזעטיקן די עס־עס־לייט און זאָנדערקאָמאַנדע, קאָן מען נאָך אַזוי פיל שענקען דער קיך.

די פרויען פון דער קאַרטאָפל־שטוב וועלכע מען גיט איבער די קאַר־טאָפל, געברענגט צוזאַמען מיט אַנדערע זאַפּאַסן דורך די אונגאַרישע יידן, געפינען אין זיי אַריינגעקנעטן שטיקלעך טואַלעט־זייף, צעקוועטשטע שאָקאָ־לאַד, ניס.

דאָס געפֿעס, נאָך וועלכן מען פֿאָרט אויף דער ראַמפּע, באַשטעטיקט עס אַליין. גרויסע בוטלעס, פֿולע מיט געבֿדזשן־שמאַלץ, שטיקלעך געריכערט פֿלייש, גרויסע טעפּ מיט איינגעמאַכטס פֿון טרוסקאַווקעס, פֿערשקעס, בוטלעס מיט ווײַן, בראַנפֿן, עסיק האָט מען געקאָנט געפֿינען צווישן דעם אָפּגעוואָרפֿענעם אָפּפֿאַל, וואָס איז קוואַליפֿיצירט געוואָרן פֿאַר דער קיך. טייל מאָל אַ שטאַבע זייף, אָדער אַ לאַבן ברויט, אינעווייניק מיט צירונג.

עס זײַנען געווען פֿיל מער קאָסטבאַרע זאַכן אין פֿאַרגלײַך מיט די האָזיקע, אַז די עס־עס־לײַט זאָלן ליגן אויף זיי אַנט. די אונגאַרישע ייִדן ברענגען מיט זיך אומגעווײנלעכע זאַפּאַסן מיט לעבנסמיטלען: פֿעסלעך האָניק, גאַנצע שינקעס, לעבעדיקע גענדז, זעק מיט צוקער, ווײַן, פֿרוכטן, אויבסט אין הערשטויבענדיקע סכומים. עס דאַכט זיך, אַז זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך אַלץ, וואָס האָט ווען עס איז אין לעבן געקאָנט האָבן אַ ווערט. לעבן די טשעמאָדאַנעס פֿולע מיט וועש (די אונגאַרישע וועש איז באַדײַטנדיק שענער פֿון דער פֿראַנצויזישער), פֿירן זיי קעסטעלעך מיט הילצערנע פֿאָרמען פֿון שוכוואַרג. צו באַקומען אַ זשעבעווער זייגערל מיט אַ גאָלדערנער בראַנזאָלעטקע — אויב עמעצער וואָלט דאָס געוואָלט האָבן — איז געווען לײַכטער ווי צו געפֿינען אַ רגע רו.

צו דער אַרבעט בײַ די כסדר צוגעפֿירטע טראַנספּאָרטן זײַנען בישט געבוג געווען בישט די זאַנדערקאָמאַנדע און בישט דער קליידער־מאַגאַזין פֿון קאַפּאָ — שמידט, וואָס זײַנע אַרבעטערינס זײַנען דאָרט באַשעפֿטיקט. יעדע רגע פֿאַלט אַרײַן איינער פֿון די באַדײַטנדיקסטע עס־עס־לײַט און נעמט צו אַ גרופּע קיך־אַרבעטערינס צו טראָגן עסנוואַרג, אָדער עפּעס אַן אַנדערע צופֿעליקע גרופּע צו טראָגן כלים. מע בלײַבט דעמלט שטיין אויג אויף אויג מיט די, וואָס גייען צום טויט.

אָט זײַנען די, וואָס מאַכן דורך זייער לעצטן וועג אין לעבן, גייענדיק אין פֿינפֿטלעך אויף מערב, אָט זיצן אַנדערע אויף דער ערד, וואַרטנדיק ביז מען וועט זיי אין פֿינפֿטלעך אויסשטעלן.

בײַם גרוב זיצן פֿרומע ייִדן אין לאַנגע כאַלאַטן, מיט געקרײַזלטע פּאות, וואָס הענגען אַראָפּ פֿון הינטער די שוואַרצע קאַפּעליושן, זייערע אַלטע פּנימער האָבן אָנגעווירן די רויקייט. די אויגן פֿול מיט צערודערונג, לויפֿן איבער פֿון דער גרופּע עס־עס־לײַט צו דער גייענדיקער גרופּע פֿרויען־לאַגערניקעס, אָפּוואַרטנדיק אַ רגע, ווען זיי וועלן קאָנען שעפּטשען:

— וואַסער! וואַסער!

מען קאָן זיי גאָרנישט צוּוואַרפֿן אַ חוץ אַ בליק און דאָס בישט קיין גענוג אָפּענעם, אויב מען וויל בישט באַלד באַקומען אין פּנים אַרײַן. אָפּגענאַרטע

הייבן זיי ווידער אָן זיך איינצוקוקן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אין דער פּערספּעקטיוו פֿון דעם קרעמאַטאָריע־וועג, מיט וועלכן עס שווימט אָפּ אַ שטילע מאַסע און מיט וועלכן זיי וועלן אויך אינגיכן אַוועק.

טייל פֿון זיי הילן איין די קעפּ אין זייערע טליתים, און שטייענדיק ביים ברעג פֿון דעם ריוו, שוואַרצע אויפֿן פֿאָן פֿון די דראָטן, וואָס לייכטן אויף קעגן דעם זון־אויפֿגאַנג, הייבן זיי אָן דאָס לעצטע מאָל אויף דער ערד זייער פֿרימאָרגן־תּפֿילה.

די עס־עס־לייט וואַרפֿן אַרויס מענטשן פֿון די וואַגאָנעס, וועלכע מע האָט נאָר וואָס געעפֿנט. אַנדערע וואַגאָנעס, נאָך פֿאַרפֿלאָמבירטע און פֿולע מיט הודזשענדיקן טומל און קרעכצן, דערלויבן קוים אויף אַרויסצורוקן הענט מיט טעפּעלעך, אָדער צו כאַפּן צו טראָפּנס פֿייכקייט, וואָס רינען אַראָפּ פֿון די וואַגאָן־דעכער נאָכן נאַכט־רעגן. טיילמאָל, באַווייזן זיך אין די שפּאַרעס אָנשטאָט הענט, וואָס בעטן וואַסער, מיילער, וואָס בעטן דעם אמת. זיי שרייען אויף פֿאַרשידענע שפּראַכן, וועלנדיק זיך דערוויסן ווו זיי זיינען, צי ס'איז אמת, אַז זיי פֿאָרן אין אַ פֿאַבריק אַלס אַרבעטער? אין אַ ציגל־פֿאַבריק?

איבער די בערג מיט פּעק, טשעמאָדאַנעס, עמערס, שטייען די מיט ברעטער פֿאַרקלאַפּטע וואַגאָנעס, פֿון וועלכע עס קומט דאָס אומזיסטע געבעט וועגן אמת. די דערשראָקענע אויגן פֿון די אַרעסטירטע מענטשן, באַמיען זיך אומזיסט אָנצוזשטויסן. אויף ביידע זייטן פֿון דער ראַמפּע זעען זיי דראָטן, און הינטער זיי, אָפּגעטיילט איינס פֿון צווייטן — שטעטלעך מיט באַראַקן. צווישן די באַראַקן פֿאָרן זיך מענטשן, וואָס זעען אויס געזונט, זיינען מיט עפּעס פֿאַרנומען, טוען עפּעס, עסן, וואַשן זיך — לעבן נאָרמאַל. דאָס פֿילט אָן מיט פֿאַרפֿירערישער האָפֿענונג, אַז אויף די שטחים, וואָס זיינען באַדעקט מיט באַראַקן וועלן אויך זיי — די געקומענע — זיך געפֿינען אַן אָרט.

זיי וואַרטן נאָר אויף אַ וואָרט פֿון באַשטעטיקונג פֿון די מענטשן, וועלכע קומען פֿון צווישן די באַראַקן צו דער ראַמפּע. אָבער די מענטשן ענטפֿערן מיט שטילשווייגן. זיי זיינען נישט אַליין, אַפֿילו קיין ברוכטייל פֿון אַ סעקונדע. עס אָבסערווירן זיי אומאויפֿהערלעך די אויגן פֿון די ס.־ס.־לייט פֿון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג, קאָמענדאַנטן, ס.־ס.־דאָקטוירים, וועלכע פֿאַרטיילן טויט. די דאָזיקע אויגן זיינען שיכור, קוקן אָבער אין געוויסע ריכטונגען זייער אויפֿמערקזאַם.

אין דער שפּאַנונג וואָס הערשט אויף דער ראַמפּע, קאָן מען זיך נישט דערלויבן אויף קיין אָפּנויג — פֿאַר דעם הערוואָרט אַ רעוואָלווער־קויל.

מען טאָר נישט אויפהייבן די קעפּ און שרייען:

— איר פאָרט צום טויט!

מען קאָן זיי נישט העלפן, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו זיין אַ סטאַדע שאָף, וואָס לאָזן זיך אויסמאָרדן, אַז זיי זאָלן זיך וואַרפן צו די העלדזער, צו די אויגן פון די באַנדיטן.

עס איז אָבער דערלויבט צוזאַמענצונעמען די לוקסוס-זאַכן, די צעבראָ־כענע טעוועלעך שאָקאָלאַד, די צעטרעטענע בינטלעך פייגן. נישט האָבנדיק דאָס רעכט צו זיין אַ ברודער, קאָן מען אָבער זיין אַ היענע.

טיילמאָל גייט עמעצער פאַרביי לעבן די זאַכן, — וואָס ליגן פאַר די פיס און וויל מיט זיי נישט באַפלעקן די הענט. אָבער דאָס ענדערט נישט די לאַגע.

זיי וועלן נישט בלייבן אויף דער ראַמפּע. עס וועלן זיך געפינען צענד־ליקער הענט, הונדערטער, טויזנטער, וועלכע וועלן אַדורכטרייסלען יעדן באַרג שמאַטעס. אייניקע הענט אין דער מאַסע, וואָס וועלן אַוועקגיין מיט ליידיקן, וועלן די אַלגעמיינע לאַגע נישט ענדערן.

אַלע זאָגן, אַז ס'איז בעסער צוצונעמען, וואָס מען קאָן, איידער איבער־לאָזן די דייטשן. דאָס איז בלויז אַן אויסרייד פאַר זיך אַליין, וועלכער דאַרף פאַרענטפערן דעם ערשטן גיריקן שריט. נאָך דעם ערשטן שריט, איז מען שוין אויפן וועג באַרג־אַראָפּ, וואָס פירט שטופנווייז צו ענדערן די גאַנצע איינשטעלונג.

ווער עס שטרעקט צום ערשטן מאָל אויס אַ האַנט צו זאַכן, וואָס זיינען נאָך וואַרעם, צו בלוטיקע זאַכן, און געפינט פרייד אינעם באַקומען זיי, אויף דעם הייבט לאַנגזאַם אָן צו ווירקן, ווי האַשיש, דער חשק צו פאַר־מעגן. אין דעם טאָג־טעגלעכן טומל פון די געשעענישן, דערזעט מען נישט אין אָנהייב קיין שום ענדערונגען. עס אַרט אַפילו נישט אויף אַזויפיל, וויפל אַ שטויבל, וואָס פאַלט אַריין אין אויג. אָבער דאָך וואַקסט עס, וואַקסט, איבערפולט די געדאַנקען, כאַפּט אַרום די מענטשן.

אפשר איז דאָס אויך אַ פאָרעם פון פאַרגעסן זיך, ווי פאַר די ס.־ס.־לייט דאָס שיכורן.

•

אין די פלאַמען פון דעם פייער, וואָס ווערט געזעטיקט מיט מענטש־לעכע קערפּערס, קומען צום אויסדרוק פאַרשידענע עלעמענטן פון דער מענטשלעכער נאַטור, פונקט ווי אין אַ כעמישער רעאַקציע. מען זעט אָפט, אַז די פאַרניכטונג נעמט אַרום נישט בלויז די, וואָס גייען צום טויט, נאָר אויך די וואָס בלייבן ביים לעבן.

אין אַנבליק פון דעם טויט, אין אַנבליק פון דער דורך דער מלחמה געשאַפענער דעמאָראַליזאַציע, פאַרשווינדן די גרענעצן פון ראַסן און נאַציאָנאַליטעטן. אין גרויל פון די באַוועגלעכע פלאַמען, שאַפן זיך צווישן מענטשן גאַנץ אַנדערע אונטערשידן.

מען קאָן זען, ווי אַלטע פרויען טוען יעדן אָוונט תפילה פאַר די גוססדיקע.

דאָס טוען תפילה מענטשן, וואָס בלייבן נאָך אַ רגע לעבן פאַר די מענטשן, וואָס קומען שוין אום אין גאַז.

איך וויל דאָס שטאַרקער אונטערשטרייכן, כדי מיין באַשרייבונג זאָל קיינמאָל נישט אַרויסרופן קיין טענדעציעזע, טעותדיקע קאָמענטאַרן ביי די, וואָס האָבן נישט געטעמט מיטן טשאַד פון מענטשלעכע ביינער און וואָלטן לויטן אייגענעם איינזען זיך געקאָנט דערלויבן אויף אַ פרייער אינטערפּרעטאַציע.

טיילמאָל איז נייטיק אַזאַ שטאַרקער קלאַפּ, וואָס שטויסט אַרויס די ערד פון אונטער דעם מענטשנס פיס און שטעלט אים אַוועק ווייט פונעם לעבן אָן דער האָפענונג זיך צוריקצוקערן, כדי ער זאָל אין אַן אינטואַטיוון אויפבליץ דערזען אין זייער אמתער שיין די זאַכן, וועלכע ער קאָן נישט באַנעמען מיט זיין שכל־הישר, וואָס איז באַהערשט דורך איבערצייגונגען און פאָראורטיילן.

די זאָנדערקאָמאַנדע, די שיכורע יידן, באַהאַנדלען זייערע אומקומענדיקע ברידער־יידן, פונקט אַזוי ווי די ס.־ס.־לייט. אַ טרויעריקער ביישפּיל, ווי אַזוי דער מענטש פאַרלירט זיך אינעם ברענענדיקן דזשונגל, וואָס הייסט בירקענאַו.

און גלייכצייטיק קומען טיילמאָל צו לויפן די אַרבעטער פון דער דאָזיקער זאָנדערקאָמאַנדע צו די דראָטן און, איינשטעלנדיק דאָס לעבן, גיבן זיי איבער די יידישע פרויען און מענער, וואָס געפינען זיך אינעווייניק אין לאַגער, די לעצטע גרוסן, געשיקטע פון קרעמאַטאָריום. זיי ברענגען טיילמאָל קליינע אָנדענקן, עפּעס אַ פאָטאָגראַפיע, אָדער אַ בריוו אַלס סימן פון דער אומקומענדיקער משפחה. אַזאַ האַלטונג טרעפט מען אָבער נישט ביי קיין סך. אָפט אָבסערווירט מען אַן אַנדערע.

אָט איז אַריינגעקומען אַ נייער טראַנספּאָרט. די דערשלאָגנקייט דערלויבט שוין נישט צו רעדן, טראַכטן וועגן דער ראַמפּע און נישט צו קוקן אין איר זייט. עס זיינען פאַראַן זאַכן, וואָס טרעטן שוין אַריבער יעדע גרענעץ, וואָס מענטשלעכע נערוון זיינען אימשטאַנד דאָס איבערצוטראָגן.

אין דער גאַנצער צעטראָגט זיך מיטאַמאָל דער ריטם פון אַ סך פֿיס. וואָס גייען אין מאַרש, און אַ הויך, טומלדיק געזאַנג: די לעצטע ווערטער פון ליד צעהילכן זיך שוין אין טויער פון באַראַק:

אונד יאַ! אונד יאַ! באַקליידונגס־קאַמער איזט שאָן דאַ!

אין ערשטן פינפטל גייט ליצי, אַ ייִדיש מיידל פון סלאָוואַקיע, אַ רויטע פון ווינט און אויפגערייצטקייט, אַ לאַכנדיקע און טומלדיקע. פון דער גרופע שווייגנדיקע פרויען קומט אַ פראַגע:

— ליצי, וועמען האָבן זיי היינט ווידער געבראַכט?

— אַ רייכער טראַנספּאָרט. אַך, וואָס פאַראַ וועש, וואָס פאַראַ שטיוול און עסן! ק אַ נ אַ ד ע!

אָ, ליצי, אָרעם קינד, וואָס דריי יאָר פון דיין יוגנט פאַרברענגסטו אין לאַגער. יעדער קאָן דיך דאָ. קאָנסט שיקן, שטיל זינגען פאַרבענקטע לידלעך וועגן די טאַטרן. ביסט שטענדיק זייער טרויעריק. קאָנסט זיין גוט, חבֿריש, אַ טובֿה טאָן, דיין הייסער טעמפּעראַמענט, דיין צו לאַנג דערשטיקטע לעבנס־לוסט, דיינע יוגנטלעכע כּוחות האָבן אויסגעבראָכן אין אַזאַ נישט פּאַסיקער ציַיט. ביסט שיכּור געוואָרן, ליצי, דערזעענדיק די הערלעכע וועש אין די בערג געשמאַקע זאַכן און די בערג שיך, וואָס האָבן נישט קיין בעלעבאַטים. פון די דאָזיקע שיך פליסט אַן אומאויפהערלעך מורמלען וועגן די מענטשן, וואָס האָבן זיי נאָך נעכטן געטראָגן — און דאָס האָט דיך אויפגערייצט, טראַכטנדיק וועגן אייגענעם טויט. מע האָט נאָך אַ לאַנגן הונגער אויפגעוועקט אין דיר אַ געוואַלטיקן באַגער צום לעבן און ווערסט בלינד אונטער זיין ווירקונג. אָנגעטאָן אין די שיכלעך פון דיין ייִדישער שוועסטער, וואָס קאָרטשעט זיך אין דער רגע אין גאַז, זינגסטו און טאַנצסט אויף איר גרויסער לוויה.

דער רוף פון אַזאַ אויגנבליקלעכן געוווּס, רייסט מיט אַ סך.

אַ ברודיקער ייִד, שטייענדיק אין טויער פון באַראַק, קלאַפּט אָן אַ ציל מיט אַ העמערל אין אַ ליידיק פאַס און זינגט צום טאַקט פון די קלעפּ, לויט דער מעלאָדיע פון „ראָזעמונדע":

„אָרגאַניזיר, ווי לאַנג דו האָסט נאָך צייט, אָרגאַניזיר, ווייל מאָרגן וועט זיין דיין אָרויספיר".

בירקענאַו ווערט אַ השונגל, אין וועלכן מען קאָן לייכט פאַרלירן דעם וועג. קיינער איז נישט אימשטאַנד פאָרויסצוזען, ווי ער וועט רעאַגירן אויף דער זעלבער זאַך היינט, און ווי — מאָרגן. קיינער איז נישט אימשטאַנד צו זאָגן ווי אַזוי עס וועט האַנדלען זיין שכן פון ליבקס, און ווי אַזוי

דער פון רעכטס — אומאָפּהענגיק פון דער נאַציאָנאַליטעט און ראַסע. עס פאַלט אַראָפּ די שאָל פון די פּרינציפּן, די פאָרמען פון גוטע געוווינהייטן, וועלכע דערלויבן טיילמאָל אין דעם באַרמירטן לעבן אַ מענטש — אַ גול — מוסטערהאַפט פאַרבייצוגייען אַ סך סיטואַציעס, נישט באַמערקנ־דיק, אַז ער איז אַ גול. דאַ, געפינענדיק זיך אין לאַגער, פאַרשווינדט אין אַ געוויסן מאָמענט דער פאַנצער, מעגלעך שוין אין ערשטן טאָג ביים אַראָפּ־וואַרפן פון זיך די אייגענע קליידער און אָפּשערן די האָר.

דאָס אַראָפּרייסן די קליידער פון דעם מענטש און דאָס אָפּשערן אים, בעת ער קומט אריין אין לאַגער, איז זייער אַ וואונטלעכער סימבאָל. דער מענטש בלייבט איבער נאַקעט, אָן אַ פאַנצער. ער מוז זיך איינשאַפן אַ נייע באַציונג צו דער ווירקלעכקייט, אין וועלכער דער יסוד וועט זיין זיין אי־בערלעבט ערלעכקייט.

אינהאַלט

פאָרוואָרט: ב. מאַרק

די גרויסע וואָך (פראַגמענט) ....
פון י. אַנדזשעיעווסקי יידיש: ל. אָליצקי זייט: 3

אין א פסח-נאַכט (פראַגמענט) ....
פון סט. אָטוויגאָווסקי יידיש: י. גוטערמאַן זייט: 36

שמשון (פראַגמענט) ....
פון ק. בראַנדיס יידיש: ל. אָליצקי זייט: 50

אויגוסט. קאַפּיטל פון ראָמאַן „דערוואַרטונג" ....
פון י. בראַשקעוויטש יידיש: ד. ספאַרד זייט: 88

צי וועל איך אָנשרייבן אַ דערציילונג ....
פון סט. וויגאָדזקי יידיש: ד. ספאַרד זייט: 133

די געזעלשאַפט מיט באַגרענעצטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט ..
פון א. זאַנדאַוער יידיש: י. גוטערמאַן זייט: 157

אונטער שניי ....
פון וו. זשוקראָווסקי יידיש: ל. אָליצקי זייט: 174

זאָשקע ....
פון י. מאָרטאָן יידיש: ש. לאַסטיק זייט: 193

ביים באַן-פּלאַנט ....
פון ז. נאַלקאָווסקאַ יידיש: י. שפּיגל זייט: 211

לאה ....
פון ז. נאַלקאָווסקאַ יידיש: י. שפּיגל זייט: 218

די מעסכעדער שווערד ....
פון ק. פּרושינסקי יידיש: מ. שקליאַר זייט: 221

דאָס פערד ....
פון א. רודניצקי יידיש: ה. סאַפּרין זייט: 244

דער לויטערער שטראָם ....
פון א. רודניצקי יידיש: ג. גוטערמאַן זייט: 264

פרעטע 33 ....
פון ס. שמאַגלעווסקאַ יידיש: י. גוטערמאַן זייט: 289

ציקלאָן (פראַגמענט) ....
פון ס. שמאַגלעווסקאַ יידיש: י. גוטערמאַן זייט: 299

ביכער דערשינען אין פארלאג „יידיש בוך"
ביים צ. ק. פון די יידן אין פוילן

1. „מלכות געטאָ" — נאָוועלן פון ישעיהו שפיגל
2. „דער מענטש וועט גוט זיין" — משלים פון ל. אָליצקי
3. „מיט אַש אויפן קאָפּ" — לידער פון א. זאַק
4. „אויף די חורבות" — פּאָעמע פון חיים גראַדע
5. „אַ בוים אין ווינט" — דערציילונגען פון י. אַקרוטני
6. „מלך שאול" — ביבלישע טראַגעדיע פון י. אַשענדאָרף
7. „יידן אָן געלע לאַטעס" — סקיצן פון ה. סמאָליאַר
8. „דער אָפּגרונט רוישט" — לידער פון גוטע גוטערמאַן
9. „אַ ייד צווישן פויערים" — פּיעסע פון ש. דיאַמאַנט
10. „דורך שאָטן און שיין" — לידער און פּאָעמען פון בינעם העלער
11. „אַ פענצטער צו דער וועלט" — לידער פון פסח בינעצקי
12. „צו לויטערע ברעגן" — לידער פון רייזל זשיכלינסקי
13. „רואינען אין זון" — לידער פון לייב מאָרגנטוי
14. „אין אַ פוסטער שטאָט" — דערציילונגען פון יצחק גוטערמאַן
15. „דער וועג פון פיין" — דערציילונגען פון ד. האָפנונג
16. „שרייבער און ביכער" — קריטיק פון דוד ספאַרד
17. „פלעמלעך אין דער נאַכט" — לידער פון לייבל קופּערשמיד

18. „משלים־בוך" — פון ל. אַליצקי

19. „יידישע שרייבער אין דער היים" — עסייען פון אפרים קאַגאַנאָווסקי

20. „דער מענטש האָט געזיגט" — א כראָניק פון א. גאָזשאַנסקי

21. „און געוואָרן איז ליכט" — לידער פון ישעיהו שפיגל

22. „פרילינג אין פוילן — לידער פון בינעם העלער

23. „די יידישע ליטעראַטור ביז די קלאַסיקער" — פון ש. לאַסטיק

24. „די יידישע טראַגעדיע אין דער פוילישער ליטעראַטור" פון ב. מארק.

25. „פון קרילאָווס משלים" — ל. אַליצקי.

26. „געזאַמלטע שריפטן" פון י. מ. ווייסנבערג.

27. „אַלמאַנאַך פון דער פוילישער ליטעראַטור.

רעדאַקטאָרן פון פארלאַג:

ל. אַליצקי

ד. ספארד

Spis rzeczy

WSTĘP — B. Mark.

J. ANDRZEJEWSKI — **Wielki Tydzień,** (fragment), tłum. L. Olicki.

K. BRANDYS — **Samson,** (fragment), tłum. B. Heller i L. Olicki.

J. BROSZKIEWICZ — **Oczekiwanie,** (fragment), tłum. D. Sfard

J. MORTON — **Zośka,** tłum. Sz. Lastik.

Z. NAŁKOWSKA — **Przy torze kolejowym.**
— **Lia albo córka miłująca,** tłum. J. Szpigiel.

S. OTWINOWSKI — **Wielkanoc,** (fragment), tłum. J. Guterman.

K. PRUSZYŃSKI — **Parabellum z Meschedu,** tłum. M. Szklar.

A. RUDNICKI — **Koń,** tłum. H. Safrin.
— **Czysty nurt,** tłum. G. Guterman.

A. SANDAUER — **Spółka z ograniczoną odpowiedzialnością,** tłum. I. Guterman.

S. SZMAGLEWSKA — **Cyklon,** (fragment),
— **Freta 33,** tłum. I Guterman.

ST. WYGODZKI — **Czy napiszę powieść,** tłum. D. Sfard.

W. ŻUKROWSKI — **Pod śniegiem,** tłum. L. Olicki.

ALMANACH
LITERATURY POLSKIEJ

O tragedii żydowskiej
podczas okupacji hitlerowskiej
w języku żydowskim

WYD. „IDISZ BUCH"
WARSZAWA 1950